על צבי פרוצל, שלידו השמאלית היו קשורים חוטי המנגנון, מוטל היה לקפוץ מן המכונית ברגע היעצרה. עם הזינוק היה החוט מפעיל את מנגנון הקרונית, וכעבור 5 דקות היה החומר מפוצץ את הגשר...

לפנות־ערב הגענו למ׳ — בסיס היציאה — צבי ניגש מיד להתקין את חומר־הנפץ בקרונית המכונית ולאחר זה הסתלק לישון. אם עלתה לו השינה, או התהפך עצום־עין ותפס מחשבות — סוד ערבו האחרון הוא. בפינת המועדון הצטופפו בחורי הפלוגה, חמושים ומצוידים. נמשכתי אליהם. אי־מי פתח בשירה — שירי־פלמ״ח ידועים ומוכרים; שני המשיך אחריו. ניגונים התחלפו בזה אחר זה בקצב עולה וגובר. לרגעים דממה. דממת הרהורים קטועים, ושוב שירה בקצב, בהמיה והמולה. מבטים חטופים, מלאי תחנונים, נזרקים מדי פעם לעברי. האם באמת תו־המוות חרות בפני? האם יראוני אלה מחר חי, רענן עליז ושמח? מבטי־פרידה שלוחים אלי מכל עבר, כבדות אטומה השתלטה על גופי. המ״מ, חבר משק הבסיס, הזמינני לכוס משקה, בחדרו. יושבים מתלוצצים ומצ׳זבטים. רגעים חולפים, שיחה וצחוק, צ׳יזבטים. שעת־האפס התקרבה. אני עוזב את החדר, ולאזני מגיעים קטעי שיחה בין המ״מ ואביו: האם כך יוצאים אנשים למוות? כה פשוט ומובן, כאל דבר רגיל... למעלה מהשגתי ובינתי... המוות דיבר אלי מכל עבר וצד. הלילה היה קריר וספוג־רטיבות, ליל פברואר...

על־יד המכונית עמד צבי פרוצל וחיכה לי. הצעתי לו בפעם האחרונה את תכנית הנסיגה שלי. צבי — שקם זה עתה מהשינה, אחוז צינת־הלילה — ענה לי: „אם גם אדע כי אמות, לא אקפוץ המימה״. „השתגעתי? הן קור איום עתה״ — הוסיף בחיוך.

הגיעה פקודת היציאה. הסמג״ד הסתובב מסביב למכונית כאב שכול, המלים נעתקו מפיו. ובאמת לא היה כל טעם בדברי־עידוד. עיניו הפיקו תקוות ומשאלות. רגעי־מתיחות איומים. התישבנו במכונית, אני ליד ההגה וצבי בספסל האחורי. המכונית זזה. הסמג״ד לא עצר ברוחו, ולחלל האוויר נזרקה מלתו האחת והיחידה: „להתראות!״

יצאתי מהחצר עם פנסים כבויים, כששני אנשים מראים לי את הדרך לכביש הראשי. אלה היו המלווים האחרונים שנפרדנו מהם. „הצליחו!״ — הדהד באזני הד אטום של מלים אחרונות...

המכונית התחילה לדהור בכל המהירות. פסי־אור פיזזו על קטעי־הכביש לשמאל ולימין, לפתע ירדה עלי צלילות־דעת בלתי־רגילה. מוחי התרוקן מכל מחשבה, מבטי היה נתון לאשר לפני וסביבי. המחשבות ריצדו בעקבות המבט. צבי ישב מכורבל, מכונס ורציני. מהרגע שנכנס למכונית שתק ולא הוציא הגה...

המכונית התקרבה למחסום. בהבהובי האורות הכרתי דמויות מתנועעות בתעלות שבצדי הכביש. כמה ידים נפנפו בעלטה לשלום. היתה זו חוליה של מפני־המחסום. על פני חלפו חביות המחסום, ופתאום הגיעו לאזני צעקות מאיימות של חיילי־המשמר, המצווים לעצור את המכונית. ומיד אחריהן: מטר יריות. מוחי התרוקן מכל מחשבה.

הרקות חדלו להלום, רק אי־שם בפינה היכה מישהו בקורנס כבד ועיקש: **אני צריך לעלות על הגשר, אני מוכרח לעלות על הגשר! הנה הגשר! הגשר יתפוצץ! נתפסתי שאני מדבר אל עצמי: אני מוכרח לעלות! מוכרח! הנה הגשר! דהר ועלה!**

הגברתי את המהירות ופרצתי לתוך מתך־האש. מהעמדה ירו וצעקו בפראות: „עצור בן־כלבים!" המכונית נתקלה בתיל הגדר, בסבך חוטים עבים, נמשכה קמעה לעומק, ונעצרה במרחק חצי מטר מהעמדה. היריות גברו שבעתיים. מכל עבר הומטרו כדורים...

...ממקום המפגש יצאה כיתה לחפש את צבי פרוצל, אך שבה ריקם. מהרגע שהתקרבה המכונית לגשר לא ראיתיו. יש לשער שקפץ עמדי מהמכונית, אך כיוון את פעמי נסיגתו בכביש ושם מצאהו המוות. ויתכן כי עוד הספיק לזחול ולהגיע לאיזה מקום־הסתר, ושם גילהו אור הזרקור והרקיטה — את הסוד הזה לקח אתו צבי לקבר" (מתוך: „לזכרם" של חברי קבוצת „החושלים" שנפלו במערכות ההגנה. ע' 15 — 18).



מצבת הזכרון בקבוצת "עמ־עד" לזכר צבי וחבריו שנפלו במלחמת השחרור.

צודק עמיקם אלון — הנהג שהוביל את צבי למיבצעו האחרון — „את הסוד הזה לקח אתו צבי לקבר". אמנם מתעוררות הרבה סימני שאלה (בסיפורו של עמיקם). בעוד שהדו"ח המיבצעי של המפקד מדבר במפורש, על: „שני אנשים קופצים מהגשר ומצטרפים לחוליה הדרומית של הכוח המחפה..." להנחיות הנ"ל צבי נשאר דבק, ומצא

בה את מותו. הרי עמיקם מספר לנו גירסה שונה בתכלית. לא! אין זה „סיפור פשוט", אולם כלום חשיבות יש בדבר כיום?

ב„יומן עין־חרוד" — כיומיים אחרי נפילת צבי — אנו קוראים: „...בליל מוצאי שבת נתעוררו רבים לשמע ההתפוצצות האדירה, שנתחוללה לכאורה, בקרבת מקום, ולמעשה — בריחוק גדול: היה זה גשר הירדן שפוצץ. בערב היום הראשון נתלתה מודעת־אבל על לוח־המודעות, ממנה נודע לכולם כי פיצוץ הגשר עלה במותו של צבי פרוצל, „בשעת מילוי תפקידו" — כלשון ההודעה. לא רבים הספיקו להכירו בזמן הקצר שנמצא אצלנו, אך רבים זכרו והזכירו את הבחור החסון, הגבוה, שפניו מעוטרים זקן שחור, שהיה רק בן תשע־עשרה שנה. הלויתו נדחתה למחרת"...

...בשעה 4 עמדה להיערך לויתו של צבי. אך עוד זמן רב לפני המועד הנ"ל נתלקטו חברים, נוער וילדי בית הספר ועמדו ברוח ובגשם ליד החדר שבו הונחה גויתו. ומן החדר בקעה התיפחותו של האב, אשר שיכל את בנו יחידו שנשאר לו לפליטה מכל משפחתו. המונים ליוו את ארונו של צבי למנוחת עולמים בבית־הקברות שלנו. ליד הקבר הפתוח אמר לביא — שלמה לביא — דברי־הספד קצרים ומשמר חבריו לנשק ירה שלוש יריות לכבוד המת".

ב„יומן עין־חרוד" מיום ח"י באלול תש"ח — בספדו לצבי ז"ל — וללוחמים האחרים שנפלו בקרב — מעוטר ה„יזכור" בקטע מתוך שיר של טשרניחובסקי:

ראי אדמה, כי היינו בזבזנים עד מאד;
פרחי פרחים בך טמנו רעננים ובהוד — — —
הא לך הטובים בבנינו, נוער טהור חלומות,
ברי לב, נקי כפיים, טרם חלאת אדמות,
וארג יומם עודו טרם שתי, ארג תקוות יום יבוא,
אין לנו טובים מכל אלה — — —
ברוך קרבנם בסוד מות, כפר חיינו בהוד...

ש. טשרניחובסקי

„הצבי ישראל"

(כיום: אלוף פיקוד המרכז)

מספר גנדי, (כיום: אלוף פיקוד המרכז):

„הביאו מכונית ישנה... כמדומני, מכוניתו של יצחק שדה, וזו היתה לו הזדמנות בסדר להיפטר ממנה... ובסדנה התקינו לה תחתית כפולה, שבלחיצת כפתור ניתן להשמיטה, את התחתית הכפולה מילאו חומר־נפץ, ועמיקם יפה נהג במכונית, כשהחבלן צבי פרוצל לידו. התכנית היתה לפרוץ עם המכונית את מחסום הלגיון ליד הגשר, לעלות עליו, להשמיט את המיטען על הכביש ולהפעילו.

„את זה עוד ניתן לבצע, אך השאלה היתה — איך יצאו השנים משם? היה ברור, שאין להם סיכוי לצאת, שזוהי משימת התאבדות, כי נוסף למשמרות והמחסומים ולעמדות שקי־החול בקצות הגשר, הנהר הוא היה „עטוף" כולו בתיל, אף־על־פי־כן, לא ניסו השנים להתחמק ממשימת ההתנדבות...


„הם ביצעו אותה, ולאחר שהדליקו את פתיל הבטחון על הגשר הנתון לאש כבדה, פילסו להם דרך בתיל וזינקו לירדן. החבלן נפגע במספר כדורים למחרת נמצאה גופתו על הגדה המזרחית..." (העתונאי: אביעזר גולן במוסף של „ידיעות אחרונות" „7 ימים" מיום 17.5.68 ע' ע'. במאמרו: חטיבה שכזאת").

והנה סיפורו של חבר טוב, של צבי ז"ל מ„הימים ההם": „...באותו יום־חורף, בזמן שהיינו אוכלים עדיין בדיר, בהיכנסי לאכול, האזנתי לשיחת חברים, ומיד נתקלתי במבטו של משה, שבא לבשר לנו על צבי כי איננו. הדבר היה משונה ומדהים. נותרו לנו עוד שעות ספורות להגיע לעין־חרוד כדי להשתתף בהלויה. אנו רצינו להגיע בעוד מועד, כדי להסדיר את העברת הגופה ולהביאה למנוחות בבית. אך, על־אף מאמצינו הרבים, נתקלנו בקיר אטום ובחוסר כל אפשרות לשנות את המוחלט. הסיבה היתה — פקודה מהמטה הכללי. הכאב גדל שבעתיים, בראותנו שקברו של צבי יהיה תמיד רחוק מאתנו.

צבי היה אחד החברים, שגדל עמנו מספסל בית־הספר העממי, דרך בית־הספר החקלאי, הכשרה ופלמ"ח. היה בחור מעמיק ורצה לדעת הכל וביסודיות. מיד עם כניסתו לגרעיננו, התבלט כאדם אחראי ונושא בעול הכול. הוא נשלח ע"י החברה לשמש מדריך בפלמ"ח. גם בשירותו בחטיבה זכה להערכה ולהוקרה על המסירות וההתמדה שהשקיע בכל תפקיד שהוטל עליו.

בכל עת וגם בזמן האחרון, על־אף תפקידיו המרובים והאחראיים בפלוגה, היה ער לעניני הקבוצה. בכל הזדמנות הדגיש את רצונו לסיים את תפקידיו ולחזור הביתה. ודוקא עליו גזר הגורל האכזרי להינתק לצמיתות מהבית. אך על־אף גזירה זו, קרוב יהיה אתנו לעולם, ודמותו תלווינו בדרך הקמת הקבוצה.

חבר („חוברת לזכרם" ע' 21)



וזאת התעודה

צבי פרוצל
בן
קלמן מרגלית ופרל

הונצח
בספר התורה לזכר
הנופלים במלחמת
הקוממיות בכתוב

ועבדיך יעברו כל חלוץ צבא לפני
ה׳ למלחמה כאשר אדני דבר
(במדבר לב כז)

יו״ר המועצה הציבורית להנצחת החייל
מנהל המחלקה להנצחת החייל

תעודת ההנצחה בספר־תורה של הנופלים במלחמת השחרור של צה״ל לזכרו של צבי הי״ד.

צבי פרוצל הי"ד

בן קלמן ומרגלית (פרל). נולד ב־11.2.1929 בעיר צ'נסטחוב, פולין. להורים שומרי־דת. משנתו השלישית התישבה המשפחה בדאנציג (אז עיר חפשית) וצבי ביקר בבית־ספר יהודי. ב־1939 הפליג עם אביו ארצה (האם והאחות נשארו, מחמת סכנת הדרך, כדי לעלות אחר־כך, וניספו) בספינת המעפילים „אסטיר". הספינה נתפסה ע"י הבריטים ושולחה ללב־ים.

אחרי תלאות רבות הצליח צבי להגיע בספינת־הדיג היוונית „מרדס" לחוף עזה, והלך להכשרה קצרה של „עליית הנוער" בקרית־חיים. משם עבר למושבה מנחמיה, בה למד בבית־הספר כשנתיים. אחר־כך המשיך לימודיו בכפר־הנוער בבן־שמן. הצטיין בלימודים והיה אחד מעמודי־התווך של חברת התלמידים.

מכפר־הנוער יצא, במסגרת „הנוער העובד, להכשרה מגוייסת בקבוצת גבע. בתקופת שירותו בפלמ"ח נודע כבחור מסור ואמיץ־לב, ויצא לו שם כחבלן מעולה.

בד' אדר א' תש"ח (14.2.1948) פוצץ בפעולה נועזת את גשר אל־חוסיין ליד בית־שאן, ושם נפל מכדורי חיילי הלגיון הערבי. הובא למנוחת־עולמים בבית־הקברות בעין־חרוד ביום ב', ו' אדר א' (16.2.1948). זכרו הועלה בחוברת לזכרם של חברי קבוצת החושלים.

(מתוך: יזכר: פרשיות חייהם ומותם של הנופלים במלחמת־הקוממיות בישראל. תל־אביב, הוצ' ממשלת ישראל, משרד הבטחון, תשט"ז. ע' 668,א)

עם נפול צבי ז״ל, שלח מפקדו מולה כהן את המכתב דלהלן:

למשפחת פרוצל האבלה,

כמפקד היחידה, אשר בה שירת צבי ז״ל ונפל ב־14.2.48 בפיצוץ גשר שיך־חוסן. הריני מוצא מחובתי הקדושה להציב ציון לזכר צבי היקר. אתם שיכלתם בן, ואני — לוחם אמיץ־לב ואהוב עלי כעל יתר חברי יחידתו. לצערנו רבים הם הנופלים, שקדשו בדמם את מלחמת השחרור של עמנו הדווי, הנחם בעוז ובגבורה נגד פולשים זרים ועוינים.

צבי ז״ל היה אחד מאלה שעמד בחרוף־נפש במערכה הכבדה ולא נטש את שדה־הקרב עד הרגע האחרון לחייו.

אי־שם קידש בדמו כברת ארץ, וכאשר יבא היום המאושר וחבריו יעלו על אדמה זו, להציב מצבת זכרון — יתנוסס לתהילה ולתפארת זכר צבי האמיץ והאהוב.

קבלו נא את תנחומי. חזקו ואמצו, כשם שאנו מתחזקים ומתגדלים עם זכר לוחמנו שנפלו. תהיה גאותכם על בנכם שנפל, כשם שגאות היחידה מלוה את זכרו היקר.

מפקדו האבל
מולה כהן
פלמ״ח חטיבה 11

יזכר עם ישראל את בניו ובנותיו
חילי צבא הגנה לישראל הנאמנים
והאמיצים אשר חרפו נפשם במלחמה
על תקומת ישראל: יזכר ישראל
ויתברך בזרעו ויאבל על זיו העלומים
וחמדת הגבורה וקדושת הרצון
ומסירות הנפש אשר נספו במערכה
הכבדה: יהיו גבורי מלחמת השחרור
והנצחון חתומים בלב ישראל לדור דור

ווי׳ערושאוו

ספר יזכור

ווי׳ערושאוו

ספר יזכור

תש״ל — 1970



ועד הספר בצרפת
לייב ופרימט וואלעצקי, אברהם ראגאווסקי, מ. שארי ורפאל קנופ.



יזכור
וירושוב

אינהאַלט:

שטייגער און דערינערונגען

אָקופּאַציע, אומקום און ווידערשטאַנד

לאַנדסלייט געפאַלענע פאַרן קיום פון מדינת ישראל

לאַנדסמאַנשאַפטן

אברהם קאַלושינער

אריינפיר־וואָרט

מיט פאַרבלוטיקטע הערצער און טיפן יראת־הכבוד, ווענדן די שאריות־הפליטה, אָפגעראַטעוועטע צווייגן פון חרובן שטאַם, וואָס האָט געהייסן קהילת ווייעראָשאָוו, עפענען דעם יזכור־ספר, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן בכדי צו פאַראייביקן די טראַגיש־אומגעקומענע יידישע קהילה.

אונדזער ספר וועט זיין אויפן אָרט פון אַ מצבה, ווי אַן אייביק־ברענענדיק ליכט, פאַרן אויסגעמאָרדעטן יידישן ישוב, פאַר די בעסטיאַליש־אומגעבראַכטע קדושים.

אונדזער ספר, צוזאַמען מיט די שוין־דערשינענע בלוט און טרערן־ספרים, וועט זיין פאַר די קומענדיקע דורות אַ דאָ־קומענט פון מאָנונג און דערמאָנונג. העלפט אויפדעקן פרטים פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, ווען די בלוטיקע האַנט פון נאַצישן רשעות, האָט מיט טויזנטער טויטן, אויס־געקלערטע דורך פאַטאַלאָגישע גאַסן־יונגען, אומגעבראַכט אַ שטיק גוף פון אונדזער גוף, פאַרגאָסן טייכן בלוט פון אונדזער בלוט.

אין דעם ספר טויכט אויף דער רומפולער וועג פון קליינעם, אָבער דינאַמיש־ברויזנדיקן ישוב פון סאַמער אָנ־פאַנג. עס ווערן געבראַכט צום אויסדרוק אַלע ניואַנסן פון דער פרוכטבאַרער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פונעם יידישן ווייעראָשאָוו און עס ווערן דערמאָנט, מיט דרך־ארץ, די גאַלעריע עסקנים, וועלכע האָבן מיט זייער איבערגעגעבענער ציבורישער אַרבעט, אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל פאַרן געוועזענעם, פולבלוטיקן, ענערגישן ישוב.

אין אונדזער ספר טרעטן אַרויס מיט זייערע באַשולדי־קונגען, צענדליקער דורך אַ נס אָפגעראַטעוועטע, געוועזענע

„מוזולמענער" פון די נאַצישע טויט־לאַגערן. זיי דערציילן, מיט דער אייביקער קללה אויף ד ילינפן, די אַנגסטן פון דער טראַגישער תקופה, דעקן אויף די טויט־סיסטעמען פון אוי־שוויץ און מאַטהאַוזען, גראָס־ראָזען און וועלס, עבענזעע און אַנדערע צענדליקער לאַגערן, צעשפּרייטע איבער איי־ראָפּע. עס ווערט אויך דערציילט וועגן טראַגישן פינאַל פון יידישן ווירשאָווּ, וועגן דער לעצטער סעלעקציע און אויס־זידלונג אין זומער 1942, דאַמאָלט, ווען עס ווערט אויסגע־לאָשן אויף אייביק דאָס ליכט פון דער קהילה־קדושה, ווען די קדושים וטהורים ווערן געפירט אין זייער לעצטן וועג קיין כעלמנאָ — דער בית־הקברות פונעם ווירשאָווער יידנטום.

* * *

פאַראַן אויך אין אונדזער ספר עטלעכע אַרבעטן, גע־ווידמעט דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון ווירשאָווער לאַנדסלייט אין פראַנקרייך, וועלכע האָבן מיט זייער עק־שנותדיקן קאַמף קעגן אָקופּאַנט, אַרויסגערופן צו זיך כבוד אויך ביי די נישט־יידישע קעמפער. די־אָ אַרבעטן וועלן זיין ווי אַ דאָקומענט, אַז ביי שווערע באַדינגונגען, ביי אַן אומ־אויפהערלעכן נאַצישן טעראָר, האָבן זיך יידישע מענטשן געשטעלט צום קאַמף מיט דער בלוטיקער בעסטיע.

דאָס וועט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נישט סתם אַזוי „געגאַנגען צו דער שחיטה". אַז דאָס דייטשע „הערן־פאָלק" האָט טייער באַצאָלט פאַר זייער אכזריות און די יידישע נקמה־נעמער, ווו און ווען זיי האָבן נאָר געהאַט די ערשטע מעגלעכקייט — האָבן זיך געפונען אין די ערשטע רייען.

* * *

די הייליקע אויפגאַבע פון אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר דער אומגעבראַכטער ווירשאָווער קהילה, איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דער מסירת־נפש פון אַ גרופּע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן מיט זייער איבערגעגעבענער און פאַראַנטוואָרט־לעכער אַרבעט, דערמעגלעכט, אַז דאָס ספר־יזכור זאָל דערזען די עפנטלעכע שיין. ס'איז אַ חוב צו דערמאָנען די עיקרדיקע טוער און בויער:

פריינד יוסף זעלקאָוויטש —

אַליין דורכגעמאַכט אַלע קאָשמאַרן פון פאַרשידענע טויט־לאַגערן, איינער פון די געציילטע אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצישן גהינם, איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער אַרבעט. ער האָט געוועקט און געמונטערט, אָנגעשטעקט מיט זיין התלהבות אַנדערע לאַנדסלייט. זיין פּוליאַריקע, מיזאַמע אַרבעט ביים צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן און בילדער, אַזוי אין ישראל, ווי אויך ביי די לאַנדסלייט אין אַנדערע לענדער — האָט דערמעגלעכט, אַז אונדזער ספר זאָל ווערן אַ פאַקט.

פריינד יהושע אייבעשיץ —

רעדאַקטאָר פונעם עברית־טייל, מיט זיין אַקטיווער באַטייליקונג ביים צונויפזאַמלען אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן דער געשיכטע פון יידישן ווירושאָוו, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פּערזענלעכקייטן און שטייגער. מיט זיינע גערונגענע איבערזעצונגען פון וויכטיקע אַרבעטן אויף עברית. מיט זיין מסירת־נפש און אחריות ביים רעדאַגירן און קאָרעגירן — דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אונדזער ספר זאָל דערשיינען.

פריינדין פעלאַ זעלקאָוויטש פון דער היים לוטאָטאָווסקי —

אַליין איבערגעלעבט אַלע טאָרטורן פון דער נאַצישער פאַרניכטונגס־מאַשין. אָפּגעראַטעוועט זיך דורך אַ נס פון אוישוויצער קרעמאַטאָריום און אַנדערע טויט־לאַגערן, פאַר דער קאָלאָסאַלער און נוצלעכער הילף פאַרן ספר, פון סאַמער אָנפאַנג ביז צום דערשיינען, דעם העכסטן אויסדרוק פון דאַנק און אָנערקענונג.

פריינדין חדוה אייבעשיץ פון דער היים ברום —

פאַר דער איבערגעגעבענער און אומדערמידלעכער מיט־הילף איר מאַן יהושע אין דער מיפּולער, דויערנדיקער אַרבעט — אונדזער דאַנק און אָנערקענונג.

אַלע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט, מיטן צושטעלן אַ ציגל צו אַ ציגל צו דער קאָלעקטיווער מצבה פאַרן פאַרפייניקטן ווירושאָווער יידנטום — אַ האַרציקן יישר־כוח.

✶ ✶ ✶

און צום סוף:

אויב מיט דער־אָ אַרבעט האָבן מיר מיטגעהאָלפן צו־צושטעלן נאָך אַ רינגעלע צו דער גרויסער קייט פון באַשול־דיקונגס־אַקט קעגן דער נאַצישער רשעות —

אויב מיט דעם ספר העלפן מיר מיט אויפצודעקן פאַר די קומענדיקע דורות דעם גרויסן חורבן פון יהדות־איי־ראָפּע —

אויב מיט אונדזער ספר קומט צו נאָך אַ ברענענדיק ליכט צו די שוין פיל ברענענדיקע נר־תמידס —

דאָס איז אונדזער שכר, אונדזער באַלוינונג.

געשיכטע פון יידישן ווארשע

יהושע אייבעשיץ

אנטשטייאונג פון יידישן ישוב אין וויערושאוו

פיר הונדערט יאָר, בערך, האָט עקזיסטירט אונדזער ישוב. פיר הונדערט יאָר האָט געלעבט, געשאַפן און געראַנגלט זיך אונדזער יידישע קהילה און אין פאַרלויף פון דער לאַנגער פיר הונדערט יאָריקער עקזיסטענץ, האט יידיש וויערושאָוו אַרויסגעגעבן, באַוווסטע אין דער יידישער וועלט, גאונים און תלמידי־חכמים, דרייסטע און ענערגישע עסקנים און דינאַמישע טוער אויף אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין בלוט־קן שניט, אַדורכגעפירט דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער איבערן אויסגעפייניקטן יידישן פאָלק, קומט אויך אום אונדזער רומפולער קהילה. עס ווערט חרוב ונחרב אונדזער יידיש שטעטל מיט זיינע קדושים וטהורים, עס קומען אום יידישע זויג־קינדער און תנוקות של בית רבן, וואָס דער איינציקער חטא זייערער איז געווען ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן יידן.

זאָלן די ווערטער זיין ווי אַ מצבה פאַר די אומשולדיק־דערשאָסענע פאַרגאַזעוועטע.
ה׳ ינקום דמם!

* * *

אין די ווייטערדיקע שורות, וועלן מיר זיך באַמיען צו פאַרצייכענען עטלעכע קורצע שטריכן, וועגן דער געשיכטע פון יידישן וויערושאָוו, לויט די מאַטעריאַלן פון יעקב גאָלדבערג, רפאל מאהלער און אַנדערע קוועלן.

1

דער אנהויב פון ישוב

לויט היסטאָרישע דאָקומענטן ווערט פעסטגעשטעלט דער אָנפאַנג פון ישוב אין יאָר 1368. עס זענען אָבער פאַראַן באַווייזן, אויפן סמך פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַז שוין אין דער צווייטער העלפט פון דרייצנטן יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט אַ באַפעלקערטער ישוב, אויף דער לינקער זייט פון טייך „פראָסנא", צו דער ריכטונג פאָדזאַמצע.

אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט, אַנטשטייט אויך אַ ישוב אויף דער רעכטער זייט פון טייך. אין פאַרלויף פון יאָרן האָבן זיך דיביידע באַפעלקערטע

פונקטן פאַראייניקט אין איין ישוב. דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז דער ערשטער, דער לינק־ברעגיקער ישוב, האָט מיט דער צייט איינגעשרימפּן און דער ישוב פון דער רעכטער זייט, דאָס היינטיקע וויערושאָוו, האָט זיך אַנטוויקלט און צעשפּרייט.

דער ישוב וויערושאָוו, אויפן נאָמען פון די אייגנטימער, גיט־באַזיצער, באַקומט די געזעצלעכע רעכטן פון דאַמאָלטדיקן קעניג אין 15־טן יאָרהונדערט.

ס'איז אויך באַקאַנט, לויט דאָקומענטן פון 16־טן יאָרהונדערט, אַז דער ישוב, וועלכער האָט געציילט בערך טויזנט נפשות, איז געווען עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען. דאָס קאָן מען פעסטשטעלן לויט דעם שטייער־אויסמעסט צו דער דערמאָנטער צייט, וועלכער באַווייזט, אַז וויערושאָוו האָט געהאַט זייער אָרעמע איינקונפטן.

2

די געאָגראַפישע לאגע און די ערשטע יידן

געפונענדיק זיך אויף דער גרענעץ צווישן פוילן און דייטשלאַנד, ווערט וויערושאָוו דער צענטראַלער פונקט פאַר אַן אינטענסיוון האַנדלס־אויסטויש. פון איין זייט ווערט עקספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד דער איבערפלוס פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון פוילן און פון דעם וויטן אוקראַינע און פון דער צווייטער זייט, ווערט אַריינגעפירט פון דייטשלאַנד אינדוסטריעלע אַרטיקלען, אין וועלכע די באַפעלקערונג האָט זיך שטאַרק געניטיקט.

העכסט וואַרשיינלעך זענען די אָ ספּעציפישע באַדינגונגען, געווען דער צוציאונגס־קראַפט פאַר פיל איינוואַנדערער און בתוכם יידן, וועלכע האָבן געזען אין דעם אָרט אַ פּערספּעקטיוו פאַר עקזיסטענץ און פּרנסה.

וועגן דער צייט פון די ערשטע יידישע איינוואַנדערער, איז אונדז באַקאַנט דאָס יאָר 1585. די איינוואַנדערונג איז געווען א פועל־יוצא פון גירוש, וואָס איז פאַרגעקומען אין שכנותדיקן וויעלון. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז שוין פריער האָבן זיך יידן באַזעצט אין וויערושאָוו. נישט קוקנדיק אויף דער געוואַלדיקער עקספּלואַטאַציע מצד דעם אינהאַבער, א פוילישער פריץ און „שליאַכטשיץ״, האָבן יידן אָנגעהויבן אַן אַקטיווע האַנדלס־טעטיקייט.

עס איז אונדז באַקאַנט וועגן אַ גרויסן יידישן סוחר (אין יאָר 1600) מיטן פאַמיליע־נאָמען יעקוב, וועלכער האָט געפירט אַ פאַרצווייגטן האַנדל.

3

אנטי־יידישע ארויסטריטן

פון די אָפּגעריסענע ידיעות, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהיטן אין פאַרשידענע אַרכיוון, איז אונדז באַקאַנט, אַז שוין אין די יאָרן ת״ח ות״ט (49 — 1648), ווען הונדערטער יידישע קהילות אין מזרח און אין צענטראַל פוילן זענען פאַרניכטעט געוואָרן, האָט אויך ווערשאָוו געליטן פון אונטערגעהעצטן המון. דער קולמינאַציע־פונקט פון דער אַנטי־יידישער העצע און מערדערייען איז געווען דאָס יאָר 1675, ווען פון דייטשלאַנד האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין פוילן אַ ווילדע און גיפטיקע אַנטיסעמיטישע העצע, אָנ־געפירט דורך די יעזואיטן מיטן צורר יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ בראש. די העצע ווערט מאַמענטאַל אויפגעכאַפּט דורך דער קאַטוילישער קירכע און דורך די גלחים גייט עס איבער צו פראָסטן און פרימיטיוון המון, ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בלוט־זויגערישן סאַדיזם, דער קאַרדינאַל סטאַניסלאַוו ווערשניצקי, צו וועלכן ס׳איז געווען אונטערגעוואָרפן די גאַנצע געגענט.



ווילהלמסבריך״ — גשר הגבול והמכס

„ווילהעלמסבריק״ — גרענעץ און צאָל בריק

אין דער זעלבער צייט ברעכן אויס בלוטיקע פּאָגראָמען אין ווילנער קרייז, צוליב אַ בלוט־בלבול אָרגאַניזירט דורך גלחים אין שטעטל פּראַשקע. די רעזולטאַטן פון בלבול זענען געווען זייער טראַגיש. ס׳איז אויך פאָרגעקומען אַ גירוש פון יידן פון פּראַשקע און פון אַנדערע ישובים. (וועגן ווארשאָווער איז נישט באַקאַנט, צי דאָרט איז אויך חל געווען דער גירוש). עס ווערן אויך אויפגעהאָנגען, אין רעזולטאַט פון בלבול, צוויי יידן, די ברידער מעלטשאַרזש, אויפן טשאַרניעצקי פּלאַץ אין פּיאָטרקאָוו.

אין דעם צייט־אָפּשניט איז טעטיק אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, דער מיליטער־פירער סטעפאַן טשאַרנעצקי, מיט זיינע חיילות, וועלכע פירן אַדורך רויבערייען און פאַרגוואַלדיקונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

ס׳איז באַקאַנט, אַז אין יאָר 1676, ווען ווארשאָווער יידן האָבן זיך געפונען אויף אַ יאריד אין קעמפּנאָ, זענען זיי צוזאַמען מיט די קעמפּנער יידן, געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן און באַרויבט דורך די סאָלדאַטן פון טשאַרנעצקי. צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן, נעמט אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַן אָנטייל אין די פּאָגראָמען.

4

עקאנאמישע לאגע פון ישוב און דער יידישער אנטייל

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז די געאָגראַפישע לאַגע פון ווארשאָוו געווען אַ צוציאונגס־קראַפט פאַר יידישער איינוואַנדערונג. שוין אין די ערשטע יאָרן האָבן זיך יידן, מיט זייער געזונטן און רעאַלן חוש פאַר רענטאַבלען מסחר, אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אויסערן־האַנדל, וואָס איז צו דער דעמאָלטדיקער צייט געווען זייער נויטיק, און לעבנסוויכטיק פאַר דער פּוילישער מלוכה.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם פּאָזיטיוון און נוצלעכן, פאַר דער באַפעלקערונג, יידישןביישטייער, באַווייזן זיך סימנים פון עקאָנאָמישן קאַמף קעגן יידן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געווען אין יאָר 1618, ווען די קריסטלעכע „צעך״־לייט, דערלאָזן נישט, אַז יידן זאָלן אויפקויפן וואָל ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג מיטן אויסרייד, אַז יידן צאָלן העכערע פרייזן פאַרן אויפגעקויפטן וואָל.

די זעלבע לאַגע האַלט אויך אָן אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט ווען עס מערקט זיך, צוליב פאַרשידענע סיבות, אַ געוואַלדיקע ירידה פון ישוב.

די הויפּט־סיבות, צוליב וועלכע ס׳איז געוואָרן דעמאָראַליזירט די ווירטשאַפט פון ווארשאָוו, זענען געווען: קודם־כל די עטלעכע גרויסע שריפות, וועלכע האָבן רואינירט דעם ישוב, דער קריג מיט שוועדן, דער אינדערלעכער קאַמף צווישן די פּוילישע אדל־

לייט („שליאַכטע״), די בלוטיקע מלחמות מיט די כמיעלניצקי־באַנדעס און די שוועדישע אָקופּאַציע.

די אַ אַלע באַדינגונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער ישוב האָט זיך איינגעשרימפּן, און די געציילטע איבערגעבליבענע יידן, האָבן זיך מפרנס געווען מיט דער פראָדוצירונג און מיטן האַנדל פון ספּירט.

ביי דער פרנסה־צווייג, טרעפן זיך יידן אָן מיט אַ קאָנפליקט צווישן פּריץ און די קריסטלעכע איינוווינער. דער כיטרער פּריץ, אַדאַם וואַלעווסקי, ווילנדיק פאַרגרעסערן זיינע הכנסות, נאַרט אַרויס, אויף אַ כיטרען אופן, די רעכט וואָס ס׳האָבן געהאַט די איינוווינער צו פראָדוצירן ספּירט פאַרן אייגענעם געברויך און זיי זענען געוואָרן גע־צווונגען צו קויפן ביים יידישן אַרענדאַר, וועלכער האָט געהאַט פון פּריץ די קאָנצעסיע.

טרעפן מיר די יידישע איינוווינער אין דער תקופה פון אָנפאַנג 18־טן יאָרהונדערט, צווישן האַמער און קאָוואַדלע; פון איין זייט דער פּריץ, וועלכער האָט געהאַט רעכט, אויפן סמך פון אַ געזעץ אין „סיימיק״ פון וויעלונער געגנט, פאַר די יאָרן 96 — 1783, אַרויסצוטרייבן די יידן פון וויערושאָוו — און מיט דעם האָט ער שאַנטאַזשירט די יידישע באַפעלקערונג און פון דער צווייטער זייט די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וועלכע האָט געמוזט אָנקומען, דורכן יידישן סוחר, צו קויפן דעם פּריצס ספּירט.

5

דער יידישער ישוב פאַרגרעסערט זיך

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, קומט פאָר אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין ישוב בכלל, און ביי דער יידישער באַפעלקערונג בפרט.

אויב ביי דער פאָלקס־ציילונג אין די יאָרן 65 — 1763, באַשטייט די יידישע באַ־פעלקערונג פון 17 משפחות, 82 נפשות, זענען אין די יאָרן 92 — 1790 שוין פאַראַן 25 משפחות, 125 נפשות. דער צופלוס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז חוץ פון נאַטירלעכן צופלוס, אויך פון פרישע איינוואַנדערער.

מיר באַמערקן אין דער אַ צייט, אַז געוויסע משפחות זענען אָנגעקומען, בכדי זיך צו באַזעצן, פון אַנדערע ישובים. עס זענען אונדז באַקאַנט אַזעלכע פאַמיליעס, ווי: ליטמאַן און פרוי פון לעשנאַ, הערשל פון זאַלאָשין, לעוועק מיט זיין זיבן־פּערזאָניקער משפחה פון לאַסק און אַנדערע.

אין יאָר 1765 האָבן זיך צוויי יידישע פאַמיליעס מפרנס געווען מיטן אַרענדירן, פּראָדוצירן און מיטן פאַרקויף פון ספּירט.

וואָלף (וואָלעך) דער אַרענדאַר האָט אָפּגעדונגען די ספּירט־ברענעריי („גאָזשעלנע") און משה לייב (לעוועק) האָט געפּאַכטעט פון פּריץ די קרעטשמע.

דער יידישער ישוב האָט אויך אַן אייגענעם פעלדשער מיטן נאָמען הערש, וועלכער פירט אויך אויס אַנדערע צוגאָב־אַרבעטן (שערער, בעדער א.א.וו.).

אין די לעצטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, האָבן זיך יידן מפרנס געווען, חוץ מיט האַנדל, אויך מיט האַנטווערקעריי. בעת דער רעגיסטראַציע אין יאָר 1794, פיגורירן אין דער רעגיסטראַציע־רשימה יידן־פאַכלייט, ווי בעקער, קירזשנער, מאַלאַזשעס, גאָלד־שמידן, שניידער און אַנדערע.

אין די ניינציקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, זעען מיר אין וויערושאָוו אַ יידישן דאָקטאָר מיטן נאָמען הערש הענעך („דאָקטער ענאָך"), וועלכער האָט געשמט אַלס גרויסער ספּעציאַליסט.

אויך די דייטשע אינוואַזיע־מאַכט, וועלכע האָט אָקופּירט פּוילן אין יאָר 1793, און וועלכע האָט געהאַט אַ ביטול־באַציאונג צום פּוילישן סאַניטאַרן און מעדיצין־וועזן, האָט זייער געאַכטעט דעם דאָקטער הערש הענעך פאַר זיין איבערגעגעבענער און פּרוכט־באַרער אַרבעט אויף דעם געביט.

6

די יידישע באַפעלקערונג אין 19־טן יאָרהונדערט

אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען רייך מיט פּאָליטישע געשעענישן, מערקט זיך אַ לאַנגזאַמער וווקס פון יידישן ישוב. אַזוי אין פּעריאָד פון דער דייטשער הערשאַפט אין די יאָרן 1808 — 1793, ווי אויך אין דער צייט פון „וואַרשעווער פירשטנטום" אין די יאָרן 15 — 1808, זענען קיין ספּעציעלע, וועזנטלעכע ענדערונגען נישט פאָרגעקומען.

דאָס זעלבע, אויך אין דער צייט, ווען וויערושאָוו ווערט צוגעטיילט צו פּוילן אונטער דער רוסישער הערשאַפט אין יאָר 1815.

דער אויפשטאַנד אין יאָר 1830 לאָזט זיך מערקן אַ לענגערע צייט, ווייל צוליב די געשעענישן ווערט דער האַנדל און מלאכה פּאַראַליזירט און דאָס טרעפט, דער עיקר, דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך מפרנס געווען פון די דערמאָנטע צווייגן.

ערשט אין די פופציקער יאָרן, הויבט זיך אָן דאָס לעבן צו סטאַביליזירן און ס׳קומט פאַר אַ שטאַרקער אויפבלי אין מסחר און אין אַלע אַנדערע עקאָנאָמישע צווייגן. און פּאַראַלעל מיט דער עקאָנאָמישער פּראָספּעריטי, קומט אויך פאָר אַ באַדייטנדער צוווקס פון יידן אין וויערושאָוו.

וועגן דער צאָל יידן אין ווארשע אין 18־טן און אין 19־טן יאָרהונדערט איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדע טאַבעלע:

יאָר	צאָל יידן	% פון דער אַלג. באַפ.
1765	82	?
1792	125	10,8%
1794	132	?
1808	224	15,8%
1820	298	19,8%
1827	400	?
1890	1888	42,6%

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, אַ תקופה פון עקאָנאָמישן אויפ־שוווּנג, זענען יידן אַקטיוו באַטייליקט אין דער האַנטווערקעריי.

אין יאָר 1851 האָבן מיר פאָלגנדע יידישע פאַכלייט:

פאַך	צאָל יידן	פאַך	צאָל יידן
בעקער	4	וועבער	2
קאָנדיטעריי	1	איינבינדער	1
קצבים	5	גלעזער	2
שניידער	11	טישלער	1
וואַטעמאַכער	2	קעסל־גיסער	1

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ביי די לעצטע צוויי פאַכן, טישלער און קעסל־גיסער, זענען יידן זעלטן געווען פאַרטרעטן.

אויך ביים מסחר האָבן יידן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע איניציאַטיוו. זיי באַגרענעצן זיך נישט מיטן האַנדל פון אַרטיקע, לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, זיי האָבן אויך אַריינגעבראַכט אַזעלכע מאַטעריאַלן, וועלכע זענען נישט געווען בנמצא אין ישוב. צו דעם צוועק האָט דער איינוווינער שלמה גורא אין יאָר 1858 זיך געווענדעט צו דער שטאָטישער מאַכט וועגן געבן אים אַן ערלויבעניש אויף האַנדל מיט אייזנוואַרג, וואָס איז ביז דער אַ צייט נישט געווען צו באַקומען אויפן פּלאַץ.

ספּעציעל האָט פּראָספּערירט דער זאַלץ־מסחר, מיט וועלכן ס׳זענען געווען באַ־שעפטיקט אַ העלפט יידישע סוחרים. צוגעהאָלפן צום אויפבלי פון זאַלץ־מסחר, האָט די ספּעציפישע לאַגע פון אונדזער גרענעץ־ישוב, ווו עס זענען געווען מעגלעכקייטן,

חוץ דעם לעגאַלן האַנדל, אויך פּאַר שמוגלעריי, ווייל אויף דער דייטשישער זייט איז נישט חל געווען קיין שטייערן אויף דעם אָ פּראָדוקט.

מיטן זאַלץ־האַנדל האָבן יידן זיך פאַרנומען שוין אין אָנהייב פון 19־טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1808 באַקומט דער חשובער עסקן ר' איציק כתריאל אַן ערלויבעניש צו האַנדלען מיט זאַלץ אין וויערושאָוו און אין דער סביבה.



פוטו־מוגטז' מוירושוב משנת 1910
פּאָסט־מאָנטאַזש פון וויערושאָוו. יאָר 1910

7

וויערושאָוו אלס זעלבסטשטענדיקע קהילה

צוויי הונדערט און פופציק יאָר, בערך, האָט דער יידישער ישוב פון וויערושאָוו אָנגעהערט צו דער קעמפּנער קהילה, וועלכע איז צו יענער צייט געווען באַרימט צוליב די באַוווסטע רבנים און גאונים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. חוץ וויערושאָוו, האָבן צו דער קעמפּנער קהילה אָנגעהערט נאָך 17 יידישע קלענערע ישובים.

די פינאַנסיעלע לאַגע פון די עקזיסטירנדיקע יידישע קהילות אין דעם צייט־אָפּשניט איז געווען זייער אַ שווערער, ווייל חוץ די אַלגעמיינע מלוכה־שטייערן, האָט די קהילה געהאַט אין איר בודזשעט זייער פיל פאַרשידנאַרטיקע אויסגאַבן. אָנהויבנדיק מיט געבן שוחד דעם פריץ, דעם גלח, די יעזואיטן, דעם בירגערמייסטער און זאָגאַר דעם קוימען־קערער, האָט דער ישוב אויך געמוזט אויסהאַלטן איר אַפּאַראַט, דעם רב, שוחט, שמש, חזן, מוהל און אַנדערע.

צוליב די אַ סיבות, זענען די יידישע קהילות געווען פאַרפּלאָנטערט אין גרויסע חובות, אָנגעבאָרגטע, דער עיקר, פון דער קירכע און פון די יעזואיטן. די יידישע קהילה אין קעמפּנע, האָט צוליב דעם אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן קהילה־שטייער אויף אַלע אירע אונטערגעוואָרפענע יידישע ישובים.

זעט אויס, אַז דער וויערושאָווער יידישער ישוב איז נישט געווען צופרידן מיט דעם און גאָר מעגלעך, האָבן אונדזערע יידן נישט באַקומען די געהעריקע כיבודים און אפשר צוליב אַנדערע פּערזענלעכע סיבות, שאַפט זיך אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט די אומאָפּהענגיקע, זעלבסטשטענדיקע וויערושאָווער קהילה.

קיין גענויע דאַטע פון דער אַנשטייאונג פון דער קהילה — האָבן מיר נישט, עס איז נאָר באַוווּסט, אַז אין די יאָרן 10 — 1808, ווערן אויסגעוויילט די ערשטע יידישע פּרנסים פון דער קהילה און פון דער אַ צייט„ ווערט געפירט אַ רעגולערע טעטיקייט אויפן מוסטער פון אַנדערע יידישע קהילות אין פוילן.

8

די דרייסטע וויערושאָווער יידן קעמפן פאַר זייערע רעכטן

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דער קהילה־בודזשעט געווען באַלאַסטעט מיט פאַרשידענע יערלעכע אָפּצאָלונגען. אויב דער אָפּצאָל פאַרן פריץ (306 זלאָטעס אַ יאָר), האָט נאָך געהאַט אַ באַרעכטיקונג, ווייל די קהילהשע אינסטיטוציעס (שול, שעכטהויז און בית־הקברות) האָבן זיך געפונען אויפן פריצס ערד, האָט דער אָפּצאָל פאַרן אָרטיקן קלויסטער נישט געהאַט קיין שום רעכטלעכע באַגרינדונג. און קעגן דער אומנאָרמאַלער דערשיינונג, וועלכע איז געלעגן, ווי אַ שווערע לאַסט אויפן ישוב, האָבן זיך אונדזערע יידן אַנטקעגנגעשטעלט.

שוין אין יאָר תקנ״ז (1797) פירן די וויערושאָווער יידן אַ קאַמף פאַר בטל מאַכן דעם אָפּצאָלביים פּרייסישן געריכט. דער ריכטער, וועלהאַגען, וואַרפט אָפּ די תביעה. אין יאָר תר״י דערגייט די פאָדערונג אַזש ביזן מלוכהשן סענאַט, אָבער צוליב אַ יורידיש־טעכנישן פגם, ווערט די בקשה אָפּגעוואָרפן. ערשטן אין יאָר תרט״ו (1855) ווערט

געפייערט דער נצחון איבערן אַרטיקן קלויסטער. אָט ווי עס ווערט געשילדערט דער פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען אין די אָפיציעלע דאָקומענטן:

„דעם 26־טן אַפריל 1855, זענען געוואָרן איינגעלאַדן אין שטאָט־ראַט, דער רב ר׳ יעקב לוי מיט די פרנסים דוד גאַלעווסקי, ר׳ יעקב אשר און מרדכי הלל באַנאַש. די פאַרשטייער פון ישוב ווערן אויפגעפאַדערט צו געבן אויפקלערונגען, צוליב וועלכער סיבה ווערן נישט אַריינגעטראָגן די יערלעכע אָפצאָלונגען. אויף דעם האָט די דעלעגאַציע געענטפערט: די יידישע קהילה אין וויערושאָוו האָט קיין שום געלט נישט געבאָרגט, נישט ביי די גלחים און נישט ביים קלויסטער בכדי צו באַצאָלן דערפון פּראָצענטער. אויב די קהילה האָט יאָ געצאָלט אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז עס געווען צוליב פּחד, ווייל די גלחים האָבן געקאָנט אַדורכפירן פאַרשידענע שיקאַנעס״.

די דרייסטע און אויפריכטיקע אויפקלערונג מצד דער יידישער דעלעגאַציע, האָט געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק און דער אָפּצאָל איז געוואָרן אָפּגעשאַפן.

גאָר אינטערעסאַנט איז געווען דער אָנטייל פון יידן אין דעם לאַנג־דויערנדיקן קאָנפליקט מיטן פּריץ מוראַווסקי, אין וועלכן ס׳האָבן גענומען אַן אָנטייל אַלע איינוווינער, קריסטן און יידן. דער קאָנפליקט איז אַנטשטאַנען צוליב די פּאַשע־פעלדער, וועלכע האָבן אַרומגענומען וויערושאָוו, און מיט וועלכע די באַפעלקערונג האָט זיך באַנוצט, פון דור־דורות, צו פּאַשען די בהמות. דער פּריץ, ווילנדיק פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן, רעספּעקטירט נישט דער לאַנגיאָריקער טראַדיציע פון דער באַפעלקערונג, וועלכע נוצן אויס די פעלדער פאַרן אייגענעם געברויך. ער פאַראייגנט די פעלדער און דערלאָזט נישט, אַז די איינוווינער זאָלן האָבן דאָרט אַ צוגאַנג.

דער קאָנפליקט האָט זיך אָנגעהויבן אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט און דרייצן יאָר (1806 — 1793) האָבן זיך געפירט די געריכטלעכע פאַרהאַנדלונגען אין פאַרשידענע אינסטאַנצן. אָבער דער איינפלוס, וואָס ס׳האָט געהאַט דער פּריץ, איז געווען שטאַרקער פון אַלע געזעצן און דער משפט איז געוואָרן געענדיקט לטובת דעם פּריץ.

ערשט אין זעכציק יאָר אַרום, אין יאָר 1864, ווען די באַפעלקערונג האָט נישט רעזיגנירט פון אירע רעכטן און מיט נאָך מער אייפער אָנגעהויבן פירן אַ משפט קעגן דעם פּריץ, באַקומט די באַפעלקערונג די פולע רעכט אויסצונוצן די שטאָטישע פעלדער.

* * *

דאָס זענען עטלעכע מאָמענטן צו דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אונדזער קליינעם, אָבער דינאַמישן, שפּרודלדיקן, יידישן ישוב, וואָס האָט געטיילט דעם גורל, בעת דער נאַצישער הערשאַפט, מיטן גאַנצן אייראָפּעאישן יידנטום.

ישראל יעקב מוקשקי ז״ל

יידיש ווילקאוויר אין סוף פון 19־טן יארהונדערט

אַלט זייענדיק 10 יאָר, בין איך (אין יאָר 1885) אַרויס פון ווילקאווישקעס. אָבער צוליב דער איבערגעבליבענער פאַמיליע, האָב איך אָפט באַזוכט ס׳שטעטל און עטלעכע פּרטים פון יידישן לעבן אין דער דערמאָלטדיקער צייט, וועלכע האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, וועל איך פאַרצייכענען, אַלס אָנדענק פאַר אונדזער יזכור־בוך.

יידישע סוחרים, אונטערנעמער און באַלמעלאָכעס

דאָס רוב פון די יידישע סוחרים און הענדלער, האָבן געלעבט אין דחקות. די בעל־בתים פון די געוועלבער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מאַרק, האָבן געלעבט פון די „טאָרג״־טעג, וואָס זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אין דער וואָך. דאָס זעלבע איז געווען מיט די הענדלער, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען איבער די דערפער, האַנדלענדיק מיט די פויערים, מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט.

עס זענען אויך געווען סוחרים, וועלכע האָבן געפירט דעם מסחר אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. פון די סאַמע אָנגעזעענע סוחרים איז געווען דער באַקאַנטער גביר און עסקן ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן ז״ל. חוץ די גרויסע וואַלד־געשעפטן, האָט ער אויך געהאַט אין באַזיץ אַ גרויס קאָלאָניאַל־געשעפט. וואָס האָט זיך געפונען אין מאַרק. יאָסל מאָזעס האָט געהאַט אַ גרויס הורט־געשעפט פון הערינג, זאַלץ און אַנדערע פּראָדוקטן. ער האָט געשמט אַלס גרויסער גביר. אַפילו אויסלענדישע יידן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אין ווילקאווישקער געשעפטלעך, האָבן אים גערופן „דער רייכער מאָזעס״. צו די גרויסע סוחרים האָבן אויך געהערט: לוי כהן מיט זיין אייזן און פאַרבן געשעפט, ווי אויך סלאַטשעק מיטן געוועלב פון בלוי געשיר.

אין די יאָרן 83 — 1882 איז געוואָרן אויפגעבויט אַ שפּיצן־פאַבריק, נעבן זשעלאַנקעס געוועלב. די פאַבריק האָט געבויט בראַקמאַן, דעם אַלטן מאָזעסעס אַן איידעם.

געווען אויך אין שטעטל אַ גאַרבעריי, וואָס האָט געהערט צו אַ שוואָגער פון שמואל יהודה גאָלדמאַן.

אַ צייט איז אויך געווען אַ פאַפּיר־פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען אין מיערקאַוו. דער אייגנטימער באַנאַש איז געווען געצוווּנגען די פאַבריק צו פאַרקויפן, ווייל מיערקאַוו האָט געהערט אַ העלפט צו רוסלאַנד און אַ העלפט צו דייטשלאַנד. דער זעלבער באַנאַש האָט אויפגעבויט דעם בית־המדרש אויף זיינע אייגענע קאָסטן.

איך דערמאָן זיך אויך וועגן אַ ייד מיטן נאָמען וועלוול, וואָס האָט עוסק געווען מיט אַ סך מלאכות און פון דעם אַלעם קוים געהאַט צום עסן. ער איז געווען אַ צוקער־בעקער, זייגער־מאַכער, אַ מצבה־קריצער און אויך אַ פּרוטה־מאַכער. דאָס „פאַך״ פּרוטה־מאַכער, האָט געדינט ספּעציעל דער יידישער קהילה, וועלכע האָט זיך גענוציקט אין „קליין־געלט״ אויף צו פאַרטיילן פאַר אָרעמעלייט. פאַר יעדן באַקומענעם גראָשן, האָט דער פּרוטה־מאַכער געגעבן דריי פּרוטות און ווען מ׳האָט אים צוריקגעבראַכט די

פּרוטות, האָט ער צוריקגעגעבן דעם גראָשן. זיין פֿאַרדינסט איז געווען אויסגעשטעלט, אַז אַ ביסל פּרוטות זאָלן פֿאַרלוירן גיין.

די יידישע קהילה

פֿאַר די בערך 300 יידישע פֿאַמיליעס, האָט די קהילה געפֿירט אַ טעטיקייט אויף אַלע געביטן. רב פֿון שטעטל איז דעמאָלט געווען ר׳ פּנחס אליהו מייזלס, דעם לאַסקער רבס אַ זון, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען אין לוטאָמיערסק און דערנאָך צוריקגעקומען. שוחטים זענען געווען צוויי: ר׳ זיינוול און ר׳ יצחק פוקס. ס׳איז געווען נאָך אַ שוחט, דאָברעצקי, אַ קרוב פֿון שמואל יהודה גאָלדמאַן. ער איז אַוועק נאָך לאָדזש און דאָרט געווען שוחט. נאָכהער איז ער צוריקגעקומען צוליב אַ סכסוך. אָבער ער איז אין וויערושאָוו נישט געוואָרן צוגעלאָזן צו דער שחיטה. די קהילה האָט אויסגעהאַלטן דעם רב מיט אַ וואָכן־פּענסיע פֿון 10 רובל און דעם מורה־הוראה מיט 5 רובל. די שוחטים האָבן באַקומען זייער געהאַלט פֿון „קעפּל״, אָדער פֿון קצב פֿאַר די געשאָכטענע בהמות.

מלמדים זענען געווען: דרדקי־מלמדים — ר׳ אברהם שלום און ר׳ בערעלע. גמרא־מלמדים — ר׳ יעקעלע, ר׳ אברהם יעקב, ר׳ חיים וואָלף און ר׳ הערשל. דער לעצטער האָט אויך געלערנט לעזן און שרייבן רוסיש, דייטש, יידיש און פּויליש.

ס׳איז אויך געווען אַ מלמד, אַ בן־תורה, ר׳ ישעיהו יעקב, דער „ליטוואַק״, וועלכער איז נישט געווען אויסגעשטעלט בלויז אויף דער אַ פּרנסה. זיין ווייב, גליקע, האָט געהאַט אין שטוב אַ שטיקל קאָלאָניאַל־געוועלבל און צוגעהאַנדלט אויפֿן מאַרק מיט גרינצייג. זי האָט אויך איינגעזויערט אוגערקעס און זיי פֿאַרקויפֿט אין שטעטל. זיין זון איז געווען ר׳ אליעזר ליפּמאַן זעלקאָוויטש, דער פֿאָטער פֿון ר׳ מרדכי שמואלן.

אין די חדרים זענען מיר געגאַנגען פֿינף פֿאַרטאָג און ביי יעדן איז געווען אַ לאַמטערנדל מיט אַ ליכט, בכדי אויסצומיידן די גרויסע בלאָטעס, וואָס זענען געווען איבערגעגנוג, ווייל בלויז די קאַלישער גאַס (שפּעטער די וואַרשעווער גאַס) איז געווען ברוקירט. די באַלויכטונג אין די חדרים, ווי אויך אין רוב יידישע שטובן, איז געווען ליכט, ווייל אַ נאַפּט־לאָמפּ האָט געקאָסט פֿינף רובל און נישט יעדער האָט זיך געקאָנט דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

חוץ דער שול און בית־המדרש, זענען אויך געווען צוויי שטיבלעך, אַ גערער און אַן אַלעקסאַנדערער.

פֿאַר די רעליגיעזע הצטרכותן איז געווען טעטיק אַ מקוה. דער מקוהניק האָט געהייסן ר׳ אבא.

געווען אויך, אויף דער קאַלישער גאַס, אַ גאַסט־הויז. דער אייגנטימער האָט געהייסן שמעון כהן. דאָרט איז געווען אַ גרויסער הויף, ווו ס׳האָבן געקאָנט אַריינפֿאָרן עטלעכע וועגענער. דאָרטן האָט מען געקאָנט נעכטיקן און אָפּעסן.

אין שטעטל איז אויך געווען אַ געמישטע פֿאָלקס־שול פֿאַר יינגלעך, ווו ס׳האָבן געלערנט יידישע און קריסטלעכע קינדער. פֿאַר מיידלעך איז געווען אַ פּריוואַטע שולע.

דאָרט האָבן יידישע קינדער ווייניק געלערנט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דער־לויבן צו באַצאָלן שכר־לימוד.

די באַציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג זענען געווען גוטע. קיין אַנטיסעמיטיזם האָט מען כמעט נישט אָנגעטראָפן.

פון די דריי סטראַזשניקעס אין שטעטל, איז איינער געווען אַ ייד מיטן נאָמען קלעיעוו, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ שענק.

די זיצונגען פון די דאַזאָרעס זענען פאַרגעקומען אין שול. דאָרט זענען געוואָרן ערלעדיקט אַלע לויפנדע ענינים פון דער קהילה.



דוד דאָמב פראַנקרייך

ווײערושאוו אין די יארן 1898 — 1924

(זכרונות)

ערשטע טריט


אין יאָר 1898, אַלט זייענדיק 7 יאָר, האָבן זיך מיינע עלטערן אַריבערגעצויגן פון לוטוטאָוו קיין ווײערושאָוו. אַזוי ווי אַלע יינגלעך אין יענער צייט, האָב איך געלערנט



דוד פנקובסקי ולייבל גרבובסקי בצבא הפולני בפיוטרקוב 1919
דוד פאנקאווסקי אין לייבל גראבאווסקי אין פוילישן מיליטער אין פיעטרקאוו יאָר 1919

ביי די וויערושאַווער מלמדים: בערעלע און ביים בלאַשקער מלמד. ווען כ'בין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָב איך געלערנט ביים לוטוטאָווער רב הרב פראהמאן ז״ל און טאַקע ביי אים איז געוואָרן געפּראַוועט מיין בר־מצוה אין דער סוכה, (הושענא־רבה, תרס״ד).

נאָך דער בר־מצוה, זייענדיק שוין אַ „גרויסער״, גיי איך איבער לערנען אין בית־המדרש, צוזאַמען מיט מיינע חברים: שמואל ענגעלמאַן, יצחק פּאַנקאָווסקי, שמערל עלקאן, יצחק און וואָלף כוואַט און אַנדערע. דאָ האָבן מיר זיך פאַראינטערעסירט, אויסער מיט לערנען, מיטן ציוניסטישן פּראָבלעם און ארץ ישראל. אָנגעפירט מיט דעם, האָט שמואל ענגעלמאַן, וועלכער האָט אונדז באַזאָרגט מיט ליטעראַטור וועגן ציוניזם, וואָס ער האָט באַקומען פון אַדעס, פון דער צענטראַלע „חובבי־ציון״.



חיים שלמה עליאש בהפרדו מאחיותיו לפני לכתו לצבא
חיים שלמה עליאש געזעגענט זיך מיט זיינע שוועסטערן פארן אוועקגיין צום מיליטער

„אחדות״

נאָך דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג פון יאָר 1905, איז קיין וויערושאָוו, ווי אין אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, דערגאַנגען דער רוף פון „פרייהייט״. אויך אין וויערושאָוו האָט זיך געשאַפן, מיטן ציל אַראָפּצוּוואַרפן די מאַכט פון צאַרישן זעלבסטהערשעריי, די „אחדות״־פּאַרטיי, אַדער ווי מ'האָט זיי גערופן די „אחדותניקעס״. די לינקע קרייזן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, האָבן זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט די יידישע רעוואָלו־

ציאַנערן, איינאָרדנדיק צוזאַמען מאַניפעסטאַציעס און שטרייקן. כ׳דערמאָן זיך, ווי איינ־מאָל, פאַר אַ דעמאָנסטראַציע, איז צו מיר געקומען ניסן יעדוואַב און מיך געבעטן כ׳זאָל אים ברענגען פון אַ באַהעלטעניש, אַ רעוואָלווער. צו אונדזער גרויס מזל איז די דעמאָנסטראַציע אַדורך בשלום, אָן שיסערייען.

ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן בלוטיק אונטערדריקט דורך דער צאַרישער מאַכט, האָט זיך דער פּאָליציייאישער טעראָר אויך דערטראָגן קיין וויערושאָוו אָבער ביי אונדז אין שטעטל, צוליבן געפינען זיך אויף דער גרענעץ, איז דער טעראָר נישט געווען ווירקזאַם, ווייל יעדער איינער, וואָס איז געווען באַדראָט אַרעסטירט צו ווערן, האָט זיך „אַריבערשפּאַצירט" דער גרענעץ, קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט די צאַרישע פּאָליציי מער נישט געהאַט קיין שליטה.



קבוצת חיילים יהודיים בצבא הפולני: ברקוביץ א. המורה א. לעוועך פיוויש דילבסקי א. גלברד א. סנדרוביץ ח. לבקוביץ נ.ל.
גרופּע יידישע סאָלדאַטן אין דער פּוילישער אַרמיי


מיט דער צייט, האָט דאָס שמוגלען זיך דורך וויערושאָוו, אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער און זאָגאַר געווען אַ פּרנסה־קוועלע. הונדערטער און טויזנטער יונגעלייט פון גאַנץ פּוילן, האָבן געשטראָמט קיין וויערושאָוו, מיטן ציל איבערצושמוגלען זיך קיין דייטשלאַנד.

די דייטשע יידן פון ברעסלאַו און אומגעגנט, האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער „אינוואַזיע" פון די „אָסט־יידן". זיי האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט באַזאָרגט

יעדן אַנקומענדיקן מיט אַלעם נויטיקן, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן ווייטער צו פאָרן, זאַגאַר שיפס־קאַרטן, האָבן זיי באַזאָרגט.

ציוניסטישע טעטיקייט

די אַנטיסעמיטישע, יידן־פּרעסערישע, דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון דער צאַרישער מאַכט, די אָפּטע טרויעריקע ידיעות וועגן בלוטיקע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען, איבערהויפּט די ידיעה וועגן טרויעריק־באַקאַנטן קישיניעווער פּאָגראָם, טרייסלט אויף די געמיטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וויערושאָוו. די יוגנט, אַן אויפגעברויזטע פון דער



קבוצת חברי „פועלי־ציון שמאל" בשנת 1916
גרופּע חברים פון דער לינקער „פּועלי־ציון" אין יאָר 1916

אַנטיסעמיטישער אויסראַטונגס־פּאָליטיק, וואַרפט זיך מיט אייפער צו דער ציוניסטישער טעטיקייט. עס ווערן מאַסנווייז פאַרקויפט שקלים, געזאַמלט געלט פאַרן „קרן קימת לישראל" און ס'ווערט פאַרשפּרייט, ביי די דאַמאָלטדיקע אומלעגאַלע באַדינגונגען, ציוניסטישע ליטעראַטור.

אין די יאָרן 1910 — 1908, ווען דער איניציאַטאָר און אָנפירער מיט דער ציוניסטישער אַרבעט, שמואל ענגעלמאַן, געפינט זיך אין ארץ־ישראל, האָבן מיר פאַרגעזעצט די אַרבעט.

אין יאָר 1915, נאָכן אָקופּירן וויערושאָוו דורך דער דייטשישער מאַכט, פירן מיר אַ פרייע, לעגאַלע טעטיקייט. באַזיצנדיק שוין אַן אייגענעם לאָקאַל, שאַפן מיר אַ רייכע ביבליאָטעק. מיר פירן אויך, נישט קוקנדיק אויף גרויסע שוועריקייטן, צוליב אינער־



קבוצת „פועלי־ציון שמאל". שנת 1916
גרופּע פון לינקער פּועלי־ציון". יאָר 1916

לעכע רייבונגען, אַ גרויסע מאַסן־אַרבעט ביים אָרגאַניזירן פאָרלעזונגען און אַנדערע פאראנשטאַלטונגען. אויף אַ הויכן ניוואָ זענען געשטאַנען די פאָרטראָגן פון נח רוסעק, וועלכע זענען פאָרגעקומען יעדע וואָך.

פרעבל־שולע

אין יאָר 1917, האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אין וויערושאָוו אַ העברעאישע פרעבל־שולע. צו דעם צוועק ווערט געשאַפן אַ קאָמיטעט פון פאָלגנדע טוער: מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, אברהם יהודה ניימאַן, מענדל מייעראָוויטש, מאנוש קאַסריל און דער שרייבער פון די שורות.

לזכרון פתיחת
„ביבליותיקת צעירי ישראל״
בווירושב.

צום אנדענקען דער ערעפנונג
די „יודישע יוגענד ביבליאטעק״
אין וויערושאוו.

סיון תרע״ו.

שאף להשכלה בכל
מאודך ואונך,
אף שאויבים וצרים
קמים עליך
כי רק, בהשכלה,
תפלס נתיבותיך
רק על פי השכלה
יזהיר עתידתך.

שטרעב נאך בילדונג ווי ווייט
דו קענסט בעגרייפען,
כאטש דיינע שונאים,
שטייען דיר אין וועג,
דען נאר מיט בילדונג,
קענסטו דיין צוקונפט שטייפען,
נאר דורך בילדונג,
קומסטו צו א ברעג.

כרטיס הזמנה לפתיחת הספריה. 1916
איינלאדונג־בילעט צו דער דערעפענונג פון דער ביבליאטעק. יאָר 1916

די שולע דעראָבערט זיך אַ שטאַרקן אָנזען ביי דער ידישער באַפעלקערונג, איבער־הויפט צוליב דער דערציאונג, וועלכע שטייט אויף אַ הויכן ניווא. די ערשטע לערערין, האָבן מיר אַראָפּגעברענגט פון וואַרשע. (הערצבערג — זשאַנקע, האָט מען זי גערופן).

★ ★ ★

די ציוניסטישע טעטיקייט ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט, נאָך דער „באַלפור דעקלאַ־ראַציע״. עס ווערט געזאַמלט געלט פאַרן „קרן קימת״ ביי אַלע שיכטן פון דער ידישער באַפעלקערונג. ביים אויפרופן אין דער שול, ווערן די נדרים געשפענדעט פאַרן זעלבן

צוועק, כאָטש מיר טרעפן זיך אָן אויף שוועריקייטן מצד דעם רב, הרב יוסטמאַן, וועמען ס'איז נישט צום האַרצן דאָס מאַכן אַ „מי שברך" פאַר די ציוניסטישע מנהיגים נחום סאָקאָלאָוו און חיים ווייצמאַן.

איך בין געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעט ביזן יאָר 1924, ביז כ'האָב עולה געווען קיין ארץ ישראל.



תעודות התרמה לנטיעת עצים ביער הרצל
שפענדונגען פארן יער־הערצל

רבקה דניאלי — עליאַש

ווייערושאוו אין די יאָרן 1919 — 1925

(עפּיזאָד)

נאָך דעם, ווי ס׳איז געוואָרן פּראָקלאַמירט פּוילנס אומאָפּהענגיקייט אין יאָר 1918, זענען נאָך אין אונדזער געגנט פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענשטויסן צווישן פּוילישע פאָרמאַציעס מיט דער אָפּטרעטנדיקער דייטשישער אַרמיי. אויך די גרענעצן זענען נאָך נישט געוואָרן פעסטגעשטעלט.

סוף אַפּריל פון יאָר 1919, נאָך אַן אינצידענט מיט אָפּטיילונגען פון דער ניי־געשאַפענער פּוילישער אַרמיי, האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט אונדזער שטעטל און אַזוי ווי דער טאָג איז געווען מאַרק־טאָג, איז די באַפעלקערונג — איבערהויפּט די יידישע, געווען קאָנצענטרירט אויפן מאַרק־פּלאַץ און אין רעזולטאַט זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. אויפן אָרט זענען אומגעקומען דרייצן יידן און נאָך פיל זענען דערנאָך געשטאָרבן פון די באַקומענע ווונדן. נאָך דער באָמבאַרדירונג, האָט די באַפעלקערונג אָנגעהויבן לויפן פונעם ברענענדיקן שטעטל, מורא האָבנדיק פאַר ווייטערדיקע אַקציעס. די ערשטע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין דאָרף כובאַנין און צומאָרגנס, פאַרטאָג, האָבן זיך מענטשן געלאָזן אין פאַרשידענע ריכטונגען, קיין וויעלון, לוטוטאָוו, זלאָטשעוו, באָלעסלאַווצע און אַנדערע ערטער. געציילטע פערזאָנען, אין דעם אויך מיין פאָטער, ר׳ חיים ז״ל, זענען צוריקגעגאַנגען קיין ווייערושאָוו בכדי צו ברענגען די קרבנות צו קבר־ישראל.

נאָך אַ קורצער צייט, ווען די באַפעלקערונג האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט, האָבן די דייטשן אויפסניי באָמבאַרדירט ווייערושאָוו. אַ גרויסער טייל פון יידיש האָב און גוטס איז אַוועק מיטן פייער. אין דער צייט פון דער באָמבאַרדירונג, האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין פעסט־געבויטן קעלער פון אונדזער שכן ר׳ שלמה פּראָצעל ז״ל. דער פאָטער איז פאַרבליבן אין שטוב און געזאָגט תהילים. ווען דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן, איז דער פאָטער געוואָרן אָפּגעראַטעוועט, ממש אין דער לעצטער מינוט, פונעם ברענענדיקן הויז.

נאָך דער שריפה, בלייבנדיק פולשטענדיק דאַכלאָז, העלפט אונדז אַרויס פון דער אויסזיכטלאָזער לאַגע, דער באַוווּסטער עסקן און טייערער ייד, ר׳ מרדכי שמואל זעל־קאָוויטש הי״ד, וועלכער גיט אונדז אָפּ אַ דירה אויף זיין הויף.

אין יאָר 1925 האָב איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

פערזענלעכקייטן, עסקנים און
געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

שרה זילבערמאַן — מאַנדעל
תל־אביב

מיין פאטער הרב רבי שאול זילבערמאן זצ״ל

צווישן די צאַלרייכע זכרונות פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען איך האָב פאַרבראַכט אין אונדזער ליבן און היימישן שטעטל וויערושאָוו, דערמאָן איך זיך, אַז אַלס קינד, האָבן מיר די מענטשן פון שטעטל אויפגענומען מיט צערטלעכייען. ווען איך בין באַ־מערקט געוואָרן אין גאַס, האָבן מיך די יידישע איינוואוינער, אַלטע און יונגע, פרויען און מענער, באַגלייט מיט שמייכלדיקע פנימער, זיך אינטערעסירט מיט מיר, ווי כ׳וואָלט געווען זייערס אַ קינד.

ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער ערע, גרויסן דרך־ארץ, וואָס ס׳האָבן געפילט אונדזערע יידן צו מיין פאָטער, הרב רבי שאול זילבערמאַן זצ״ל. זאַגאַר פאַר די קריסטלעכע איינוואוינער איז געווען אַ כבוד, ווען זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו באַגריסן.

ווי באַוווּסט, האָט זיך אונדזער שטעטל אויסגעצייכנט מיט פרומקייט און דער קול־התורה האָט זיך געהערט אַ גאַנצן טאָג פון בית־המדרש און פון די חסידים־שטיבלעך, אָבער די קרוין פון וויערושאָוו, איז געווען די גרויסע ישיבה, וואָס מיין פאָטער האָט געשאַפן און אָנגעפירט מיט איר.

גרויסע תורה־פערזענלעכקייטן, זענען געקומען באַוווּנדערן די שיטה פון לימוד תורה, וואָס מיין פאָטער האָט איינגעפירט. אין פאַרלויף פון די 25 יאָר, וואָס מיין פאָטער האָט אָנגעפירט מיט דער ישיבה, האָבן זיך דאָרט פאַרפולקאָמט טויזנטער בחורים פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך און זאָגאַר פון אויסלאַנד. זייער פיל שפּעטערדיקע תלמידי־חכמים און רבנים — זענען געווען תלמידים פון פאָטערס ישיבה.

דער פאָטער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן בריוו־אויסטויש מיט תורה־פערזענלעכקייטן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווי אויך מיט אויסלענדישע תלמידי־חכמים: פון ארץ־ישראל, האָלאַנד, שווייץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און זאָגאַר פון ווייטן אַמעריקע. דאָס זענען געווען בריוו פול מיט דברי־תורה און פאַרשידענע שאלות, ווו דער פאָטער איז געווען דער פוסק אחרון. עס זענען אויך אָנגעקומען בריוו פון פשוטע יידן, עמך, וועלכע האָבן געבעטן אַן עצה אין זייערע ענינים.

איך דערמאָן זיך, אַז דער גוי, דער פּאָסטן־טרעגער, פלעגט זאָגן, אַז „דער פאַן ראַבין (הער רב), באַקומט מער בריוו, ווי דאָס גאַנצע שטעטל, נאַטשאַלסטוואָ אריינ־גערעכנט״.

ביז שפּעט אין די נעכט, פלעגט מיין פאָטער זיצן און ענטפערן אויף אַלע באַקו־מענע בריוו און אויך אויפנעמען יידן, וועלכע האָבן זיך געוויטיקט אין זיין קלוגער עצה.

✶ ✶ ✶

מיין פאָטער זצ״ל, איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער אוהב שלום און רודף שלום. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין פאַרלויף פון די 25 יאָר, וואָס ער איז געווען רב אין וויערו־

שאָוו, זענען אין שטעטל נישט געווען קיין מחלוקות. מיט דער אַ גוטער מידה, איז ער געווען באַקאַנט אומעטום, און ווען עס ברעכט אויס די גרויסע מחלוקה אין „כולל פוילן" אין ירושלים, אין יאָר 1912 (תרע"ב), ווערט ער געבעטן דורכן גערער רבין זצ"ל, אַז ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל און מאַכן שלום. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר מיין פאָטער איז געווען שווער איבערצולאָזן זיין קהילה, צו וועלכער ער איז געווען זייער צוגעבונדן, אָבער דער בריוו פון גערער רבין איז פאַר אים געווען אַ באַפעל.

בשעת דער נסיעה קיין ארץ־ישראל, האָט זיך פאַרלאָפן אַ גרויסער נס, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אויטאָריטעט פון מיין פאָטער, סיי ביי יידן און סיי ביי קריסטן. דאָס איז פאָרגעקומען אויף איינער פון די באַן־סטאַציעס, ווען ס'איז געטוישט געוואָרן דער לאָקאָמאָטיוו און דער וואַגאָן, ווו מיין פאָטער האָט זיך געפונען, איז, בטעות, נישט געוואָרן צוגעטשעפּט און איז געבליבן שטיין אויף דער סטאַציע אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע, די באַן איז אַראָפּ פון די רעלסן און עס זענען פאַראַן אַ גרויסע צאָל טויטע און פאַרוווּנדעטע. דער פאָטער, זייענדיק פאַרטיפט אין לערנען, האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם אומגליק. ס'איז באַלד געוואָרן אַ צוזאַמענלויף פון אַלע באַן־באַאַמטע, וועלכע האָבן מיט יראת־הכבוד געקוקט אין פענצטער פון שטייענדיקן וואַגאָן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין צווייפל, אַז אַ דאַנק דעם רבֿ, איז געוואָרן פאַרגעסן צוצוטשעפּען דעם וואַגאָן. מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ, איז מיין פאָטער געוואָרן צוגעפירט צו אַ צווייטע באַן, וועלכע איז אָפּגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אָדעס.

* * *

זייענדיק אין ארץ־ישראל, מאַכנדיק שלום אין „כולל", פאָרט מיין פאָטער אַרום דאָס לאַנד צוויי חדשים, באַקוקנדיק אַלץ מיט ליבע און באַגייסטערונג. ווען ער קומט צוריק, איז ער פול מיט התלהבות און ער נעמט אָן אַ באַשלוס עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

אין יאָר 1924 פאַרלאָזט מיין פאָטער לאָדזש און פאָרט קיין ארץ־ישראל, ווי ער מיט דער באַליבטער וויערושאָווער קהילה. זעט אויס, אַז בכדי צו שאַפן די נויטיקע מאַטעריעלע רעסורסן, וועלכע זאָלן דערמעגלעכן די עליה, נעמט ער אָן דעם אַמט אין דער גרויסער יידישער שטאָט.

אין יאָר 1924 פאַרלאָזט מיין פאָטער לאָדזש און פאָרט קיין ארץ־ישראל, ייו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד אַלס רב אין תל־אביב. זיין הויז איז באַלד געוואָרן אַ בית־ועד לחכמים און אַ צענטער פאַר יעדן רעליגיעזן ייד. ער איז אויך געווען חבר אין הרבנות הראשית ביז דער פטירה כ"ג תמוז תרצ"ט.

דער פאָטער ז"ל, איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה, לויט זיין פאַרלאַנג, אין ירושלים אויפן הר־הזיתים, ווו ער האָט זיך געקויפט, נאָך ביים לעבן, אַ קרקע.

יעקב מוקשקי
ישראל

פערזענלעכקייטן פון אמאליקן וויערושאוו

מיין זיידע ר׳ יאָסל

מיין זיידע איז געווען באַקאַנט אין שטעטל און אין דער אומגעגנט, אַלס גרויסער גביר. חוץ זיין גרויס פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע גיטער אין דער סביבה, איז ער אויך געווען „פּאָדריאַטשיק״ פון רוסישן מיליטער. חוץ דער באַזאָרגונג פון פּראָוויאַנט און אַנדערע אַרטיקלען פאַרן מיליטער, האָט ער אויך אויפגעבויט עטלעכע קאַזאַרמעס אין אונדזער סביבה (אין מיעלעשין, כאַבאַנין, וועגגלאָוויץ און אַנדערע). נישט קוקנדיק אויף די גרויסע געשעפטן, וואָס ער האָט געפירט, האָט ער פיל צייט געווידמעט קהלישע אַרבעט און איז געווען זייער באַליבט ביי דער ידישער באַפעלקערונג.

דער זיידע איז געווען דער גרינדער און לאַנגיאָריקער גבאי פון דער „חברה קדישא״, צו וועלכער ס׳האָבן אויך געהערט: ר׳ אברהם לענטשיצער, ר׳ חיימל עליאָש, ר׳ וואָלף ריבעס, ר׳ שלמה רוסעק, ר׳ מרדכי בנימין רינג, ר׳ יחיאל פּראַצעל, ר׳ הערש אלימלך, ר׳ וואָלף אהרנס, ר׳ אברהם יעקב גאָלדמאַן, ר׳ יאָסל קאַלטאַנאָווסקי, ר׳ דוד לוי און ר׳ מאָטיע בעהאַגען)אַן איידעם פון ר׳ יעקל דוד כהן, פון די אַנגעזעענסטע גערער חסידים און לאַנגיאָריקער לאַווניק אין שטעטל).

עס ווערט אויך דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי דער רב ר׳ פּינטשע, האָט איבערגענומען דעם כסא הרבנות אין לומאָמירסק, האָט מיין זיידע אַראָפּגעברענגט, אַלס רב פון שטעטל, דעם באַוווּסטן הרב ר׳ שאול זילבערמאַן זצ״ל פון קאָזשעמינקע.

איך געדענק, באַלד נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג אין יאָר 1914, זענען צום זיידן אַריינגעקומען עטלעכע רוסישע אָפיצירן, וועלכע זענען געווען פאַראַנט־וואָרטלעך איבער די קאַזאַרמעס און אים איבערגעגעבן די שליסלען, זאָגנדיק דערביי: „דאָס איז אַלץ, וואָס ס׳איז געבליבן. אַלץ איז אַוועק מיטן פייער״. צומאָרגנס האָט מיך דער זיידע מיטגענומען, בכדי זיך איבערצוצייגן אויף וויפל דער שאָדן איז גרויס. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז טאָקע אַלץ אַוועק מיטן רויך. דאָס האָט זייער געווירקט אויפן זיידנס געזונט און אין אַ גאָר קורצער צייט, איז ער נפטר געוואָרן. כאַראַקטעריס־טיש, ווען מ׳האָט געעפנט די צוואה, האָט דער זיידע אַריינגעשריבן אַ פּונקט, אַז אַלע פּויערים, וועלכע האָבן באַאַרבעט זיין ערד, זאָל די ערד פאַר זיי פאַרטיילט ווערן.

די „פני״ פון שטעטל מיט זייערע איידעמס

אין לעבן פון שטעטל, האָט פאַרנומען אַ גאָר חשוב אָרט, דאָס אַראָפּברענגען אַן איידעם, אַ בן־תורה. ס׳איז געווען ממש אַ קאָנקורענץ, ווער ס׳וועט זיך „איינשאַפן״ אַן איידעם, אַ גרעסערן עילוי, אַ שטאַרקערן חריף. איבערהויפּט האָבן מיט זיך קאָנ־

קורירט דריי שוואָגערס, מיין זיידע, ר׳ יאָסל, ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן און ר׳ משה מאַניץ.

ר׳ שמואל יהודה, וועלכער איז געווען געבענטשט, חוץ מיט רייכטום, אויך מיט דרייצן קינדער (8 זין און 5 טעכטער), האָט אַראָפּגעבראַכט, אַלס איידעמס, ר׳ העניך יאַנאָווער, ר׳ יעקב שלמה קאָוואַלסקי, ר׳ לייבל אונגער און ר׳ אייזיק אַלטער (אייניקל פון „חדושי הרים״). ווען דער גערער רבי האָט באַזוכט וויערושאָוו, איז ער טאַקע איינגעשטאַנען ביי ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן.

דער זיידע האָט זיך גענומען פאַר אַן איידעם דעם יונגן עילוי פון קאָנסק, ר׳ אברהם מענדל אָרענבאַך (אַ תלמיד פון „אבני נזר״ פון סאָכאַטשעוו און פון באַקאַנטן קאָנסקער גאון מחבר פון „חלקת יואב״). פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ חריף, האָט דער זיידע צוגעזאָגט „אייביקע קעסט״. דער צווייטער איידעם איז געווען דער באַקאַנטער תלמיד־חכם און בורר פון שטעטל, אברהמל סקאַרזשינייאַ פון וויעלון.

דער דריטער שוואָגער, ר׳ משה מאַניץ, וועלכער האָט גֿעהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף אַ בראָנפן־ברענעריי אין קלאָבוצק, האָט אַראָפּגעבערענגט אַלס אַיידעם, דעם באַקאַנטן האָלץ־סוחר און אינטעליגענט הערש וואָלף לאַנגנאַס.

די גרינדער און אָנפירער פון דער באַרימטער „שפת־אמת״ ישיבה, זענען געווען, דער איידעם פון ר׳ מאָטיע בעהאַגען און אייניקל פון גאָסטינינער רבין, ר׳ יחיאל מאירל אַלבערשטיין און דעם איידעם פון ר׳ העניך יאַנאָווער, ר׳ בונים הענדעלעס. די ישיבה האָט זיך געפונען אין בית־המדרש אין הויז פון ר׳ שמואל אליעזר לעווענהאָף.

מיט דער צייט, איז ר׳ אברהם מענדל אָרענבאַך געוואָרן הויפּט־דיין אין וויערושאָוו. צוליב זיין שאַרפן קאָפּ, זייענדיק דערצו אַ גרויסער סוחר, איז ער געוואָרן, דער פּוסק־אחרון ביי סוחרישע דין־תורות. זאָגאַר קריסטן, ווען זיי האָבן געהאַט סכסוכים אין מסחר, פלעגן בעסער קומען צו ר׳ אברהם מענדלען, ווי צו גיין אין געריכט.

געווען נאָך עטלעכע דיינים: ר׳ יעקב שלמה קאָוואַלסקי, ר׳ שלום ראָזענטאַל, ר׳ בעריש ליפּמאַן און ר׳ הערשל שעראַדזקי (אַן איידעם פון ר׳ שאול זילבערמאַן).

אין יאָר תרכ״א (1921), נאָכן פאַרלאָזן דאָס רבנות פון פּילצער רבינס זון, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף ווער ס׳זאָל פאַרנעמען דעם כסא רבנות. אַלץ פּרעטענדענטן זענען געווען: ר׳ אברהם מענדל און ר׳ יעקב שלמה. ס׳איז געוואָרן שווער צו דעצידירן, וויילביידע זענען געווען גערער חסידים און גרויסע תלמידי־חכמים. די דעציזיע איז אויסגעפאַלן לטובת ר׳ אברהם מענדלען, ווייל ער האָט געפונען די סימפּאַטיע פון די אַזוי־גערופענע „נייטראַלע״ — די בעלי־בתים און אַלעקסאַנדערער חסידים, פון אַזעלכע טוער, ווי ר׳ ישראלקע אורבאַך, גבריאל און הלל כהן, יחיאל רינג, מרדכי שמואל זעל־קאָוויטש, די ברידער יעקב מאיר און שלמה רוסעק, שלמה גראָסבערג און אַנדערע.

משה שארי
פראַנקרייך

ווייערושאווער יידן

ר׳ איטשע מאיר ניימאַן און ר׳ הערש בעריש בערגמאַן

נאָך זייענדיק אַ ייִנגל, פלעג איך הערן דערציילן די טראַגישע געשיכטע פון מיינע צוויי פעטערס, וועלכע האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן אַ ווייטיקלעכן רושם אין שטעטל.

דאָס איז געווען אין יאָר 1915, ווען ס׳האָט ביי אונדז געבושעוועט די טיפוס־עפי־דעמיע. פיל פון די געטראָפענע פון דער מגיפה, זענען געשיקט געוואָרן קיין ברעסלאַו — דייטשלאַנד, אויף היילונג.

איינמאָל זענען געוואָרן צוריקגעשיקט פון ברעסלאַו, צוויי געשטאָרבענע יידן. לויט די אָנגענומענע סאַניטאַרע געזעצן, זענען די קאָסטנס מיט די טויטע, געווען הער־מעטיש פאַרמאַכט און פאַרזיגלט. בכדי אַדורכצופירן די טהרה, האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן די צוויי שוואָגערס, איטשע מאיר און הערש בעריש.

זעט אויס, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער קרענק, און אין אַ קורצער צייט זענען ביידע נפטר געוואָרן אין זעלבן טאָג. די טראַגישע געשיכטע, איז לאַנג נישט פאַרגעסן געוואָרן. אויך אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָט מען וועגן דעם דערציילט אַ לענגערע צייט.

דער פעטער איטשע מאיר האָט איבערגעלאָזט פיר זין: אברהם יהודה, חיימל, וואָלף לייב און שמואל, ווי אויך אַ טאָכטער, הינדע ראַשקע. אַלע קינדער זענען אומ־געקומען אין דער היטלער־צייט. בלויז איין אייניקל, יצחק וואָלף פאַנקאָווסקי, אַ זון פון יאָסל און הינדע ראַשקע, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און געפינט זיך אין ירושלים. פון צווייטן פעטער, הערש בעריש, האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, פיר פון זיינע טעכטער און צוויי זין — אַלע געפינען זיך אין ירושלים. איין זון, קלמן, און אַ טאָכטער, טובה, זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. דער יינגסטער זון, קאָפּל, איז געפאַלן אין קאַמף מיט די היטלער־רוצחים, אויפן רוסישן פראָנט, הינטער סמאָלענסק.

ר׳ אברהם יהודה ניימאַן און זיין גאָרטן

ווען די בוימער פון אברהם יהודהס גאָרטן וואָלטן געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי דער־ציילט אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל וועגן יידישן לעבן אין ווייערושאָוו. די ערשטע טרויע־ריקע זכרונות פון גאָרטן, האָבן זיך מיר איינגעקריצט, ווען מיין מוטער ע״ה איז קראַנק געוואָרן נאָך דער באַמבאַרדירונג פון ווייערושאָוו אין יאָר 1919 און קראַנקערהייט האָט מען זי אַראָפּגענומען אין גאָרטן אויף פרישע לופט. מיין מוטער האָט נישט איבערגע־האַלטן די קרענק און דריי וואָכן נאָך שבועות, ווען די בוימער האָבן אָפּגעבליט, האָט זי אויסגעהויכט די נשמה. דאָס איז געווען כ״ו סיון תרפ״ג.

דער גאָרטן האָט אויך איבערגעלאָזט דערינערונגען פון פריידיקע האָפענונגען ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל. דאָס איז געווען אין פעריאָד פון דער דריטער עליה, ווען די ציוניסטישע אידעע האָט באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער יוגנט. דער גאָרטן איז געוואָרן אָפּגעדונגען דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר אַ גרופּע חלוצים, וועלכע זענען דאָרט אַדורכגעגאַנגען די הכשרה פון ערד־אַרבעט און זיך צוגעגרייט עולה צו זיין. מיין פאָטער, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אויפן דאָרף, האָט די חלוצים געלערנט די אַרבעט.

גאָר באַזונדער זענען ביי מיר אין זכרון, איינגעקריצט די פאַרנאַכטן און די שבת־נאָכמיטאָגן, ווען די גאַנצע ציוניסטישע יוגנט איז זיך צוזאַמענגעקומען אין גאָרטן און אויסגעזונגען לידער, פול מיט האָפענונגען און בענקעניש צו אַ פריי לעבן אין אייגענעם לאַנד. ליידער האָבן געציילטע זוכה געווען דערצו. דער גרעסטער טייל, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־באַנדעס.

דער גרויסער הויף פון אברהם יהודה ניימאַן, איז געווען אַ פרנסה־קוואַל פאַר פיל יידישע פאַמיליעס. אין די 20־ער יאָרן, ווען ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אין וויערושאָוו אַ גרויסער עקספּאָרט־האַנדל מיט דייטשלאַנד, איז דער האַנדל מיט געגנדז און אייער, וואָס איז איינגעשטאַנען אין יידישע הענט, דורכגעגאַנגען דורכן הויף. אין גרויסן קעלער, זענען געוואָרן קאָנסערווירט קאַלך־אייער ביז ווינטער. אויפן הויף האָבן צענדליקער יונגעלייט צוגעגרייט קאַסטנס און אַנדערע יידן סאָרטירט, פאַרפּאַקט און טראַנס־פּאָרטירט מיט דער באַן, די פּראָדוקציע, קיין דייטשלאַנד.

ווען ס׳איז אָנגעקומען דער האַרבסט, איז דער הויף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקע האָדאָווניע פון טויזנטער געגנדז, וועלכע זענען אָנגעקומען פון צענדליקער שטעט און דערפער. דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען, אָן איבעררייס, ביז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

דער ביטערער גורל האָט אויך נישט אויסגעמיטן דעם הויז. ר׳ אברהם יהודה מיט זיין פרוי שרה בת ר׳ נחום האַלטער, זייערע צוויי זין, וואָלף און יצחק מאיר, די טעכטער רחל און חיהלע — זענען אומגעקומען אין די בלוטיקע טעג פון דער היטלער־הערשאַפט.

די שכנים

אויסער דער משפחה פון אברהם יהודה, האָט דאָרט געוווינט אַ שוועסטער פון שרהן — אסתר לאה, מיט איר מאַן מרדכי ווילינגער. מרדכי, אַ וועטעראַן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָט עמיגרירט — נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין די פּוילישע תפיסות — קיין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט אומגעקומען, ערגעץ־ווו אין די סיבירער טייגעס. אין פּאַרטער האָט געוווינט משה ערליך, אַ זון פון רפאל בעקער. זיין פרוי האָט געפירט אין שטוב אַ קינדער־שולע און אויפן הויף האָט מען שטענדיק געהערט יידישע און העברעאישע קינדער־לידער. אויפן ערשטן שטאָק, האָט חוץ אונדזער פאַמיליע, געוווינט יצחק וואָלף פאַנקאָווסקי, דער זון פון הערש משה, ווי אויך שמשה משה מאַנעס, דער לעצטער שמש אין שול ביזן חורבן. אַלע זענען אומגעקומען אין די טויט־לאַגערן.

מיין פֿאָטער אַנשל בן ר׳ שלמה משה, וואָס האָט נאָכאַמאָל געהייראַט נאָך דער מוטערס טויט, איז צוזאַמען מיט זיין פרוי רחל דעפּאָרטירט געוואָרן פון לוטוטאָוו. מיינע ברידער וואָלף מיט זיין פרוי פרימעט און אברהם יעקב, ווי אויך מיין שוועסטער אסתר — זענען אויף אומגעקומען אין יד לאַגערן. מיין ייַנגסטער ברודער הערש־בעריש, וועלכער איז צוזאַמען מיט מיר אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, איז געפאַלן אין קאַמף אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט.

מיר לויפן

אין טראַגישן פרייטיק, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג, האָב איך זיך געפונען אין וויעלון. די שטאָט איז געוואָרן שרעקלעך באָמבאַרדירט. אויך עטלעכע שפּיטעלער זענען געטראָפן געוואָרן. פון דער באַרבאַרישער באָמבאַרדירונג, זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. די טויט־איבערגעשראָקענע יידישע באַפעלקערונג, האָט גענומען לויפן צו דער ריכטונג פון לאָדזש.

שבת אינדרפרי, זענען מיר אָנגעקומען קיין זדונסקע־וואָליע, ווו דער רב און נאָך אַ צאָל פרומע יידן האָבן אונדז אָפּגעוואַרט מיט דראָזשקעס און אַלע אַריינגעפירט אין שטובן, באַזאָרגנדיק אונדז מיט עסנוואַרג. דער רב, הרב ר׳ משה בער הי״ד (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), האָט דערלויבט צו פאָרן אין שבת צוליב פיקוח־נפש.

נאָכן פאַרנעמען לאָדזש, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, מיטן ציל צוצוגרייטן זיך צו ווייטערדיקע וואַנדערונגען, צו דער רוסישער גרענעץ. נאָך אַ קורצער צייט, זענען מיר, איך מיטן ברודער הערש־בעריש, מיין שוועסטער פרומטשע, מיניאַ בערגמאַן און לייב גראַבינעק, אַריבער די גרענעץ און אָנגעקומען קיין קאָוועל.

משה וועלצמאַן
פראַנקרייך

פערזענלעכקייטן, טיפּן און עפּיזאָדן

(ווילערושאָוו ביזן יאָר 1920)

אונדזער שטעטל, מיט אירע 500 — 400 יידישע פאַמיליעס, איז געווען ענלעך צו הונדערטער אַנדערע שוועסטער־שטעטלעך אין פּוילן. דער מאַטעריעלער מצב פון דער איבערוויגנדער טייל יידישער באַפעלקערונג, איז געווען אַ קלאָגנדיקער. אויסער אַ קליינער טייל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט עקספּאָרט און אימפּאָרט — אַ צווייג וואָס האָט מער־וויניקער פּראָספּערירט — האָט דער רוב פון יידישן ישוב געלעבט ביי שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. צווישן די פּרנסה־צווייגן איז אויך געווען פּאָפּולער — צוליב דער נאָענטקייט מיט דייטשלאַנד — שמוגלעריי, פון וועלכער פיל משפּחות האָבן זיך מפרנס געווען. וועגן אויסלערנען דעם אונטערוואַקסנדיקן דור אַ מלאכה, פון וועלכער ער זאָל ציען זיך חיונה — איז נישט געווען קיין רייד, ווייל צו זיין אַ בעל־מלאכה, איז געווען אַ בושה. בעסער זיצן אין בית־המדרש און לערנען און אין ערגסטן פאַל, ווערט דער יונגערמאַן ווערן אַ מלמד. געווען אויך אַנגענומען אין שטעטל — און דאָס איז געווען דער טרוים פון אַלע, אַזוי רייכע און אָרעמע — דאָס איינשאַפן זיך אַן איידעם אַ בן־תורה, וועלכער זאָל נאָר זיצן און לערנען.

כאָטש שוין לאַנגע־לאַנגע יאָרן וואָס כ׳האָב פאַרלאָזט אונדזער שטעטל, איז נאָך היינט ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, דער לעבנס־שטייגער פון יידישן ישוב, אירע פּערזענלעכקייטן און טיפּן. עטלעכע שטריכן, פון פּאָפּולערע אין דער אַ צייט, געשטאַלטן, וועל איך זיך באַמיען צו פאַרצייכענען.

* * *

ר׳ הלל כהן, דער קנאי

אַ ייד אַ סוחר און אַ גרויסער בן־תורה, אַן אָסטראָוועצער חסיד. אינדערפרי און אויפדערנאַכט, געלערנט מיט בחורים אין בית־המדרש, פאַרשטייט זיך שלא על־מנת לקבל פּרס. אויך איך בין געווען פון זיינע תלמידים.

ר׳ מנחם, יצחק שוחטס

אַ יגיע־כפּיים. שווער געהאָרעוועט אויף חיונה. אין דער פרייער צייט איז ער געזעסן איבער דער גמרא אָדער מדרש־רבה. אַ נוח לבריות. קיינער נישט געטשעפּעט און יעדן דן געווען לכף זכות.

ר׳ אברמהלע דער חריף

אברהמלע סקאַרזשיניאַ (יאָסל מאקשקיס אידעם) אַ חסיד מיט אַ שאַרפן מוח. געווען אויך בורר. זיין חריפות האָט ער אַרויסגעוויזן בעת ער האָט געלערנט מיט בחורים ווי אויך בשעת אַ בוררות. נישט געווען מקנא צו זיין דעם בר־פלוגתא.

ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן, דער גביר

אַליין נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער איידעמס האָט ער זיך איינגעשאַפן תלמידי־חכמים און יחסנים. זאָגאַר זיך משדך געווען מיטן ,,גערער הויף״. זיין איידעם ר׳ יעקב שלמה קאָוואַלסקי איז די לעצטע יאָרן געווען מורה־הוראה אין שטעטל.

ר׳ דוד לעוי

אַ גרויסער סוחר אַ בעל הדרת פנים. זיינע קינדער זענען געווען גרויסע חסידים און זיינע איידעמס — אַנגעזעענע בעלי־יחוס.

לאַנדאַו

אַ משכיל. גוט באַהערשט די פוילישע שפּראַך און געהאַט אַ ידיעה אין דער העברעאישער און משכילישער ליטעראַטור.

ווילהעלם ראָזענבלום — דער אַריסטאָקראַט

פּרעזענטירט די קהילה ביי אָפיציעלע אויפנאַמען און פייערלעכקייטן. ביי אים אין שטוב איז געוואָרן גערעדט נאָר פּויליש.

דודטשע ווייסבראָט

מ׳האָט אים גערופן ,,דער ,,חוזק־מאַכער״. דעם זאַמאָשטשער רבס אַ זון. אַן אייניקל פונעם ,,חוזה״ פון לובלין. דודטשע האָט ליב געהאַט ,,אַריינצוזאָגן״. כ׳געדענק אַז אין שטעטל האָט זיך געפונען אַ ייד, אַ חסיד, נישט קיין גרויער ,,מר־בר־רב־אשי״, פלעגט אים דודטשע זאָגן: ,,און אַז איר האָט שוין געפּאַרבט אַ יאַקע פּאַר אַ פּויער וואָס איז געפּאַרן מיט חסידים קיין קאָצק, דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט אויך אַ קאָצקער חסיד...״.

און ווען בערעלע מלמד האָט ערב פּסח עוסק געווען מיטן מאַכן אַ שטר־מכירה און פאַרקויפט דעם חמץ דעם שטאָט־גוי, איז בערעלען אָנגעקומען זייער שווער דאָס ,,אויפ־קלערן״ דעם גוי דעם גאַנצן ענין, ווייל קודם־כל זענען זיינע קענטעניש אין דער פּוילישער שפּראַך געווען זייער שוואַכע און צווייטנס האָט ער אַ ביסל צוגעשטאַמלט. דאַמאָלט פלעגט דודטשע זאָגן: ,,איך פאַרשטיי נישט דעם גאַנצן עסק, מיר איז שווער

צו פאַרשטיין בערעלען ווען ער רעדט יידיש, טאָ וויאַזוי פאַרשטייט אים קובאַ דער גוי, ווען ער איז אים מסביר אין פויליש...״.

ר׳ יהודה חסיד

אַ ייד אַ שניידער. דאָס בלאַסקייט האָט אים אַראָפּגעשיינט פון פּנים. נישט קיין גרויסער בן־תורה, אָבער שטרענג־פרום. זיין ערלעכקייט נישט געווען אָפּצושאַצן. ביים אָננעמען אַרבעט איז ער געווען אויסערגעוויינלעך נזהר, אַז ס׳זאָל ביי אים נישט בלייבן ,,יתור״. אויב ס׳איז געווען מער שטאָף, האָט ער דאָס מלבוש געמאַכט ,,אַ ביסל לענגער״ און ,,אַ ביסל ברייטער״, אַבי נישט קומען צום חשש ,,יתור״. אין דער פרייער צייט איז ער געזעסן ביים תהילים.

ר׳ ליפּמאַן זעלקאָוויטש און זיין זון מרדכי שמואל

ר׳ ליפּמאַן, אַ ייד אַ גרויסער בן־תורה און גלייכצייטיק אַן ,,עמך״־ייד. פאַרנומען אין בית־המדרש אַ בכבודיקן פּלאַץ און מיט זיין פרומקייט ארויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. זיין זון, מרדכי שמואל איז שוין געווען מער ,,וועלטלעך״. ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף שבת, נאָכן אָפּזיין אַ גאַנצע וואָך, צוליב די געשעפטן, אין זיינע רייזעס, האָט ער געפונען צייט צו לערנען אַ בלאַט גמרא און אויך איבערצולעזן די העברעאישע ,,הצפירה״. ער האָט זיך אויך איינגעקויפט דאָס באַרימטע ווערק ,,דור דור ודורשיו״ פון הרב א. ה. ווייס, וועלכעס איז אָנגעגאַנגען אין די עקסטרעם־פרומע קרייזן אַלס אַן אַפּיקורסיש ספר. ר׳ ליפּמאַן וועלנדיק זיך פערזענלעך איבערצייגן וואָס זיין מרדכי שמואל לייענט, האָט זיך אָפּגעשלאָסן אויף אַ פּאָר טעג און אַדורכגעלייענט דאָס גאַנצע בוך. צום סוף האָט ער דערקלערט: דאָס בוך איז גאָר־ווייט פון אַפּיקורסות אָבער נישט יעדער איז מסוגל דאָס צו פאַרשטיין, מ׳דאַרף זיין רייף אין יאָרן און אין וויסן — אויב נישט קאָן מען געניזוקט ווערן.

ר׳ זיינוול און ר׳ יצחק, די שוחטים פון שטעטל

ביידע הדרת־פּנימדיקע יידן, געררער חסידים, געזעסן על התורה ועל העבודה, נישט געמישט זיך אין פרעמדע געשעפטן. ר׳ זיינוול איז געווען בעל־תפילה אין בית־המדרש און ר׳ יצחק איז געווען חזן אין דער שול. דער אונטערשיד איז אָבער געווען, וואָס דער ברייטפּלייציקער, שמייכלדיקער ר׳ זיינוול איז געווען אַ צוגעלאָזענער צו מענטשן און דערמיט זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון שטעטל האָט ר׳ יצחק, אַ שטענדיק אָנגעכמורעטער — פון זיך אָפּגעשטויסן.

ווען זייערע אייניקלעך, גוטע לערנער מיט שאַרפע קעפּ, זענען אַראָפּ פון דרך־הישר, געוואָרן אַפּיקורסים, איז דער כעס פון די חסידים תמיד געווען קעגן ר׳ יצחקן. זאָגאַר געדראָט מיטן אסרן די שחיטה. ר׳ זיינוולען האָט מען נישט געטשעפּעט. ביי ר׳ זיינוולען

איז געוואָרן געפירט — לויט די דאַמאָלדיקע באַגריפן — אַ ברייט לעבן. און ביי ר׳ יצחקן אַ באַשיידן, אויסגערעכנט לעבן. נישט קוקנדיק וואָס ר׳ יצחק האָט באַקומען אַ קלענערן געהאַלט, האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ רובל צו אַ רובל און זאַגאַר געקויפט אַ הויז, פון וועלכן זיי האָבן אָפּגעגעבן צוויי צימערן פאַר אַ גערער שטיבל אינגאַנצן אומזיסט. פּשוט געוואָלט זיך קויפן „עולם הבא״. קיין גרויס נחת האָט ר׳ יצחק פון דעם שריט נישט געהאַט. קיין דירה געלט האָט ער טאַקע נישט גענומען, אָבער צרות האָבן אים נישט געפעלט.

די חסידישע אײדעמלעך און בחורים, זעענדיק ווי ר׳ יצחק מיט זיין פרוי האָבן אָפּגעהיטן די זויבערקייט, אַליין געקערט און געוואַשן, האָבן זיי „עקסטראַ״ געמאַכט שמוציק. איינמאָל שביעי־של־פּסח, ווילענדיק זיך משמח זיין און מיט אַ גוט־געמיט „גיין איבערן ים״, האָבן זיי אויסגעגאָסן אַ פּאָר פּעסער מיט וואַסער און אָנגעמאַכט אַ בלאָטע. דער סוף איז געווען, אַז ר׳ יצחק, האָט באין־ברירה פאַרקויפט דאָס הויז צו יענקל דאָמב און דאָס שטיבל איז געוואָרן באַזייטיקט.

ר׳ חיים וואָלף לייבקעס, בערגמאַן און זיין איידעם ר׳ שמואל אבא

אַ ייד אַ בן־תורה און אַ גרויסער אָרעמאַן. שבת נאָכמיטאָג פלעגט ער לערנען מיט די בעל־בתים אין בית־המדרש „פּרשות־השבוע״ און אין די ווינטערדיקע נעכט געלערנט מיטן עולם „עין־יעקב״. זיין איידעם, ר׳ שמואל אבא, אַ חסיד און גרויסער בן־תורה איז געווען דער איינציקער בעל־דקדוק אין שטעטל, געווען בעל־קורא און שטאַרק מדקדק געווען צו לייענען „מיטן טראָפּ״. שמואל אבא איז געווען אַ מלמד און אויך שיין געשפּילט אויף אַ פידל. צו די אַלע „מלאכות״ — געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

וואָלף מאיר, דעם „קאָזע־רייטערס״

אַ יונגערמאַן באַלעזן אין יידישער און אין אַלגעמיינער ליטעראַטור. געווען באַאיינפלוסט פון אַנאַרכיזם. איינמאָל האָט זיך אים פאַרלוסט אַדורכצופירן אַ „שטיקל אַרבעט״ און ער מיט נאָך זיינס אַ חבר זענען דערשינען אין אַן אויפדערנאַכט, מיט מאַסקעס אויף די פּנימער און מיט שטריק און מעסער אין די הענט אין דער שטוב פון ר׳ משה אהרן ראָזענבלום. ווען די שטוב־מענטשן האָבן אָנגעהויבן שרייען אויף הילף, האָבן אונדזערע „אַנאַרכיסטן״ געמאַכט פּליטה. דער סוף איז געווען, אַז די „חברה־לייט״ זענען געוואָרן איינגעזעצט אין „חד־גדיא״ און מער האָט מען זיי אין ווירושאָוו נישט געזען.

מאָדערנע צייטן מיט יונגע עסקנים

מיטן אויסברוך פון קריג אין יאָר 1914, זענען קיין ווירושאָוו אָנגעקומען פיל משפּחות פון שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך און די פריש־אָנגעקומענע יוגנט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נייע טענדענצן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

פסח־צייט פון יאָר 1915, זענען זיך צוזאַמענגעקומען, אויפן „פּאַסטערנאַק", אַ גרופּע יוגנטלעכע פון אַלע שיכטן און שאַטירונגען. עס זענען געקומען בית־המדרש בחורים, ציוניסטן, פּועלי־ציון רעכטע און לינקע און אַנדערע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז געוואָרן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אומפּאַרטייאישע ביבליאָטעק. צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט: יענקל בראַון, יהושע זיינוויל רוסעק, דוד כהן, דוד פּאַנקאָווסקי און משה גרשון פּאַגעל. שפּעטער זענען צוגעקומען: נח רוסעק, הערש דוד גאַד, הערשל סקורקע, איציק בראַון, וואָלף כוואַט, לעווענהאָף, ווילינגער דער קאָמוניסט און אַנדערע. נאָך אַ קורצער צייט פון צוזאַמענאַרבעט, איז דער „שלום־בית" געוואָרן צעשטערט אין רעזולטאַט פון „אידעען־קאַמף" און נאָך דער שפּאַלטונג זענען געוואָרן געשאַפן צוויי פּאַראיינען און צוויי ביבליאָטעקן, אַ ציוניסטישע און אַ פּועלי־ציוניסטישע. עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז נאָך דער שפּאַלטונג, האָט איינער דעם צווייטן רעספּעקטירט.

דער ציוניסטישער פּאַראיין האָט באַקומען הילף, מאָראַלישע און מאַטעריעלע, פון די חברים: איטשע פּאַנקאָווסקי, מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, זלמן שולזינגער, יחיאל מאיר כתריאל, שמואל ענגעלמאַן און אַנדערע.

די רעשיקע אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטעטל, האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנהייט און רעאַקציע ביי דער חסידישער טייל, וועלכע האָט מורא געהאַט, אַז די איבעריקע בחורים פון בית־המדרש זאָלן נישט ווערן מיטגעריסן מיטן שטראָם און מיטגיין מיט די אַפּיקורסים...

כ'דערמאָן זיך פאָלגנדן עפּיזאָד: געווען איז עס ווען דער פּיליצער רבי האָט זיך באַזעצט אין וויערושאָוו און זיין זון האָט איבערגענומען דעם כסא־הרבנות. דער רבי, געוויר ווערנדיק וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט, און אַז אין דעם זענען פּאַרמישט אייניקלעך פון די שוחטים, האָט אַרויסגערופן צו זיך די שוחטים און זיי מזהיר געווען, אַז ער וועט אסרן זייער שחיטה. בכדי צו פאַרמיידן אַזעלכע אומאַנגענעמלעכקייטן, איז אַ דעלעגאַציע פון דער יוגנט דערשינען פאַרן פּיליצער רבין און אים דערקלערט: קעגן אונדז, יוגנטלעכע, קאָנט איר אָננעמען כל מיני סאַנקציעס. נאָר אויב איר וועט אָנרירן די רעכט פון אונדזערע עלטערן און אסרן זייער שחיטה, זייט וויסן, אַז גלייך וועלן מיר מעלדן דעם דייטשן קאָמענדאַנט, אַז אין דער מקווה געפינען זיך קופּערנע קעסלען. (קופּערנע זאַכן זענען געוואָרן אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד). דער רבי, דערהערנדיק, אַז „טהרת המשפחה" שטייט אין געפאַר, האָט זיך מער נישט געטשעפּעט צו די שוחטים.

אין די ראַמען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט, האָבן מיר אָרגאַניזירט פאַרשידענע דערציערישע „קרייזלעך". עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע, וועלכע האָט געלערנט דקדוק און עברית און איז געוואָרן אָנגעפירט דורכן שרייבער פון די שורות. דאָרט איז אויך געלערנט געוואָרן דאָס ווערק „דור דור ודורשיו". עס זענען אָפט פאָרגעקומען פאַרלעזונגען אויף פאַרשידענע אינהאַלטסרייכע טעמען, אָנגעפירט דורך באַגאַבטע רעדנער פון וואַרשע און לאָדזש. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פּרעבל־שולע אָנגעפירט דורך אַ לערערין.

נאָכדעם ווי דער ערשטער וועלט־קריג האָט זיך געענדיקט, ווערט געשאַפן אַ לייַ־קאַסע פון די אָנגעקומענע אַמעריקאַנער געלטער. מיט דער טעטיקייט פון דער קאַסע האָט אָנגעפירט דער שרייבער פון די שורות און די פילאַנטראָפּישע אַרבעט האָט זייער פּול געהאָלפן אַ גרויסע צאָל יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ גאָר קריטישן מצב, צוליב דעם קריג.

* * *

דער פּויליש־רוסישער קריג אין יאָר 1920 — 1919, האָט אַריינגעבראַכט ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט, ווערט מאָביליזירט און זייער פיל האָבן זיך, ליידער, נישט צוריקגעקערט פון די שלאַכט־פעלדער. פיל האָבן עמיגרירט אין די שכנותדיקע אייראָפּעאישע, ווי אויך אין די מעבר־לים לענדער. איך עמיגריר קיין פראַנקרייך און דערמיט האָב איך אָפּגעשלאָסן אַ פּרעכטיק קאַפּיטאַל פון פּרוכטבאַרער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אונדזער באַליבט שטעטל.

חיים שלמה שוואַרצבאַרט

ר׳ מרדכי שמואל זעלקאָוויטש הי״ד

(לעצטער פאַרזיצער פון דער יידישער קהילה אין וויערושאָוו)

צווישן דער גרויסער צאָל יידן־עסקנים, וועלכע האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אונדזער קהילה, האָט זיך ספּעציעל אויסגעטיילט, מיט זיין אויטאָריטעט, קאָנסעקווענטקייט און ערלעכקייט ביז דער לעצטער מאָס, דער לעצטער פאָרזיצער פון אונדזער קהילה, ר׳ מרדכי שמואל הי״ד.

זיין התנהגות איז געווען אַ מוסטער פאַר דער יידישער יוגנט, וועלכע ער האָט דערצויגן אַלס שטאָלצע און נאַציאָנאַלע יידן פון איין זייט און גלייכצייטיק אַלס פּראָדוקטיווע, אַרבעטסזאַמע, צוקונפטיקע בויער פון אַן אייגן לאַנד. אויף יעדן, וועלכער האָט אים געזעען אין דעם צייט־אָפּשניט ווען ער איז געווען באַשעפטיקט אויף זיין באָדן, האָט ער איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אַלס לעגענדאַרער, פולבלוטיקער, יידישער פויער פון די אוראַלטע ארץ־ישראל צייטן. צוליב זיין ערלעכקייט און קאָנסעקווענטקייט, אַזוי אין פּריוואַטן לעבן, ווי אויך ביים אַדורכפירן פאַרשידענע ציבורישע אַרבעטן, וואַקסט זיין אויטאָריטעט, זאָגאַר ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אַזוי איז ער געווען די גאַנצע יאָרן און אַזוי געבליבן ביזן טראַגישן סוף.

* * *

ר׳ מרדכי שמואל איז געבוירן געוואָרן אין וויערושאָוו אין יאָר 1886. זיין פאָטער, ר׳ אליעזר ליפּמאַן, איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער ליטוואַק״. זיין מוטער, בלומטשע, האָט געשטאַמט פון דער איינגעוואָרצלטער אין וויערושאָוו משפחה — כתריאל.

אין דער יוגנט לערנט ער אין דער באַרימטער ישיבה פון רב, הרב שאול זילבערמאַן זצ״ל. אויסער דעם, באַקומט ער אַ ספּעציעלן שיעור ביי ר׳ הלל כהן ז״ל. חוץ זיין חריפות, צייכנט זיך אויס ר׳ מרדכי שמואל מיט זיין שטאַרקן ווילן צו וויסן אַלץ גרונטלעך. צוזאַמען מיטן לערנען דברי קודש, לערנט ער אויך פלייסיק שרייבן, ווי אויך בוכהאַלטעריע.

אויב אַנדערע בחורים פלעגן די אַלע זאַכן לערנען געהיים, האָט מרדכי שמואל עס געטאָן אָפן, זאָגאַר געגאַנגען לערנען אין פּאַדזאַמצע (אויף דער דייטשישער זייט). ער פלעגט זאָגן: „כל תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה״.

אין זייער אַ יונגן עלטער הויבט ער אָן אַרבעטן אין געשעפט פון זיינע פעטערס, יעקב און טוביה כתריאל, וועלכע האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל פון לעדער און תבואה האַנדל אין פּיאָטרקאָווער קרייז. די אַרבעט איז געווען נישט קיין לייכטע. אַ גאַנצע וואָך געפינט ער זיך אין געשעפטלעכע רייזעס און בלויז אויף שבת קומט ער אַהיים. זיינע פעטערס זענען זייער צופרידן פון זיין איניציאַטיוו און סוחרישן חוש און באַצאָלן אים גוט פאַר דער אַרבעט. דאָס אַלץ שטערט אים נישט, אַז אין דער פרייער צייט, זאָל ער ווייטער זיצן איבער ספרים און ביכער, וואָס ער קויפט זיך איין.

נאָך דער חתונה מיט דער טאָכטער פון באַוווסטן חסיד ר׳ יצחק מאיר גאד, לאה, ווערט ער אַ זעלבסטשטענדיקער לעדער־סוחר. אָבער דאָס, האַלט ער, איז נאָר אַ צייטווייליקייט, ווייל זיין צוקונפט און ענדציל זעט ער אין ארץ־ישראל. צו דעם צוועק קויפט ער זיך אַ טייל באָדן, וועלכן ער באַאַרבעט אייגנהענטיק. ער פלעגט זאָגן: „עס איז נישט גענוג צו זיין אַ ציוניסט בלויז מיטן לייענען די „הצפירה" — (דרך אגב: ער איז געווען אין דאַמאָלטדיקן וויערושאָוו, דער איינציקער אַבאָנענט פון דער צייטונג).

ר׳ מרדכי שמואל ווערט גערעכנט פון די ערשטע טוער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל. אין דער צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז ער געווען צווישן די איניציאַטאָרן און שעפער פון דער „המזרחי". זיין „ציוניזם" באַשטייט נישט אין פרעדיקן די אידעע פאַר אַנדערע, פאַר אים איז עס אַן ערנסטער ענין, וואָס ער וויל זעלבסט פאַרווירקלעכן. צו דעם צוועק, קויפט ער אין יאָר תרפ״ט, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער חברה „נחלת־יעקב", אַ נחלה אין ארץ־ישראל און מיט דער גאַנצער ערנסטקייט גרייט ער זיך עולה צו זיין. צוליב פאַרשידענע סיבות, ווערט די עליה אָפּגעלייגט.

צווישן די פיל אַמטן, וואָס ער פאַרנעמט אַלס פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווערט ער אויך אויסגעוויילט אַלס פרנס אין דער יידישער קהילה און איז אויך דער ערשטער גבאי פון דער שול.

פון יאָר 1935 ביזן קריג־אויסברוך, פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון קהילה־ראַט.

אין דער צייט פון זיין פרוכטבאַרער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז ער געווען באַוווסט אַלס האַרציקער ייד, וועלכער איז געווען גרייט, צו יעדער צייט, אַרויסצוהעלפן אַנדערע. עס איז כאַראַקטעריסטיש די דערציילונג פון פרוי דניאלי (עליאַש) פון רחובות, אַז נאָך דער גרויסער שריפה אין וויערושאָוו, אין יאָר 1919, האָט ר׳ מרדכי שמואל אַריינגענומען צו זיך איר גאַנצע משפחה, וועלכע איז געבליבן דאַכלאָז.

* * *

בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין יאָר 1939, ווערט ער באַשטימט דורך די דייטשן אַלס פירער פון יודען־ראַט. ר׳ מרדכי שמואל זאָגט זיך אָפּ פונעם „כבוד" און אַלס שטראָף ווערט ער פאַרשיקט, אַלס „ווידערשפעניקער", אין ראַדאַגאָשטשער לאַגער, ווו עס געפינען זיך יידישע, ווי אויך נישט־יידישע גייסט־מענטשן. נאָך עטלעכע מאָנאַטן אַדורכגעמאַכטע פּייניקונגען, קומט ער צוריק קיין וויערושאָוו אַ צעבראָכענער.

ווען ער קומט שוין ענדלעך צוריק, טרעפנדיק אויך זיין זון יוסף, וועלכער איז צוריקגעקומען פון געפאַנגען־לאַגער, טרעפט זיין הויז אַ פּריש אומגליק. עס שטאַרבט אַוועק יונגערהייט, פון די אַדורכגעמאַכטע צרות, זיין איבערגעגעבענע פרוי לאה.

דער טראַגישער סוף פון באַליבטן און איבערגעגעבן עסקן, ר׳ מרדכי שמואל, איז געווען דער זעלבער, ווי פון אַלע אונדזערע קדושים — אין טרויעריק־באַרימטן גאַז־לאַגער כעלמנאָ.

אין די לעצטע שעהן פאַר דער אויסזידלונג און אַוועקשיקונג אויף פאַרניכטונג, ווען ער האָט זיך געפונען פאַרשפּאַרט אין קלויסטער, האָט ער נאָך אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער צו זיין זון יוסף, ווו ער געזעגנט זיך מיט אים אויף אייביק.

ת. נ. צ. ב. ה.

שרה אורבאַך — כתריאל

מבקרים אין וויערושאוו

אין דער גאַלעריע פון געזעלשאַפטלעכע טוער פון שטעטל, פאַרנעמט אַ חשוב אָרט דער מבקר ר׳ הענעך בראַון. אַ דאַנק זיין איבערגעגעבנקייט און גרויסע הילף, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן דער יידישער באַפעלקערונג, איז ער געוועזן איבעראַל באַליבט. אויך דער יידישער דאָקטאָר מילבאוער, האָט זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט און זאָגאַר אים געהאָלפן מיט מעדיקאַמענטן און ביים אויספירן די אַרבעט אין ביקור־חולים, ווו ר׳ הענעך איז געווען טעטיק צוזאַמען מיט שלמה גראָסבערג.

אונדזער מבקר האָט נישט געוואַרט, אַז מ׳זאָל אים קומען רופן. ער איז אַליין געגאַנגען געוויר ווערן, ווו עס געפינט זיך אַ קראַנקער, בכדי אים צו דערטיילן די נויטיקע הילף. פאַר זיין אַרבעט האָט ער נישט גענומען באַצאָלט, פאַרקערט, ווען ער האָט באַזוכט אַן אָרעמען קראַנקן, האָט ער אויסגענוצט זיין השפּעה און באַזאָרגט, אומזיסט, מעדיקאַמענטן און עסנוואַרג.

ווען ר׳ הענעך איז געוואָרן ערנסט קראַנק, האָט זיך ד״ר מילבאַוער געפונען אויף אורלויב, אָבער ערהאַלטנדיק אַ טעלעגראַמע, קומט ד״ר מילבאַוער זאָפאָרט צוריק.ליידער, איז עס געווען צו שפּעט. דער טייערער און איבערגעגעבענער ייד, ר׳ הענעך, איז נפטר געוואָרן.

נאָכן טויט, פאַרנמט זיין זון, שלמה בייניש איבער דעם אַמט. אויך שלמה בייניש גייט אין די דרכים פון זיין טאַטן מיט די גוטע מידות און מעשים טובים.

אין אָנהויב פון צווייטן וועלט־קריג, געפינט זיך שלמה בייניש אין לאָדזש, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט דער הייליקער אַרבעט אַלס מבקר, ברענגענדיק הילף די אויסגעפייניקטע יידן.

לויט ווי עס האָט מיר דערציילט שמשה יעקב, האָט זיך שלמה בייניש מטפל געווען מיט זיין פאָטער, אברהם חיים, וועלכער איז געוואָרן צעשטאָכן דורך דייטשן אין קראָקע און נאָכהער געבראַכט געוואָרן קיין לאָדזש.

ר׳ שלמה בייניש איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, אין לאָדזשער געטאָ. **יהא זכרו ברוך.**

יוסף זעלקאָוויטש

גיטע בן־מנחם — גאָלדמאַן, מוטער פון יצחק „גוליבר״

בכדי צו כאַראַקטעריזירן די הערלעכע געשטאַלט פון דער האַרציקער, פלאַמיקער פּאַטריאָטין, די מוטער פון לעגענדאַרן ישראל־העלד, יצחק בן־מנחם — „גוליבר״ — ניטיקט זיך מער ווי עטלעכע שורות. איר כאַראַקטער, איר גאַנצער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ סינטעז פון לויטער גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט פון איין זייט און ברענענדיקער ליבע צום לאַנד, פון דער סאַמער יוגנט — פון דער צווייטער זייט. די אַ כאַראַקטער־שטריכן און גוטע מידות, זענען געווען דער קווינט־עסענץ פון איר לעבן. דאָס איז אויך געווען דער יסוד פון דער דערציאונג, וואָס יצחק האָט פון איר באַקומען.

אויב דער העלד „גוליבר״ האָט זיך דערהויבן צו אַזעלכע הויכקייטן, זענען גאָר גרויס די פאַרדינסטן פון זיין מוטער, גיטע, וועלכע האָט אים געפלעגט, שוין פון דער סאַמער קינדהייט, מיט אהבת ישראל און אהבת ארץ ישראל.

איך וועל זיך באַמיען אין קורצע ווערטער, איבערצוגעבן איינצלהייטן וועגן לעבן פון דער טייערער פרוי גיטע.

* * *

גיטע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1902 אין אונדזער שטעטל ווירושאָוו. ביז 12 יאָר, האָט זי געלעבט אין שטעטל און דאָרט באַקומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. אַזוי ווי איר פאָטער איז יונג אַוועקגעשטאָרבן, האָט זיך מיט די קינדער פאַרנומען דער זיידע, דער באַקאַנטער גביר און עסקן ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן ז״ל.

אין יאָר 1913, פאָרט די מוטער מיט די קינדער אַריבער קיין קעמפּנאָ. צו דער דאַמאָלטדיקער צייט האָט קעמפּנאָ געהערט צו דייטשלאַנד און די מוטער אַן אָפּשטאַמיקע פון קעמפּנאָ האָט באַזיצט די דייטשע בירגערשאַפט.

זייענדיק אין דייטשלאַנד, טוט זי פאַרזעצן די לערע און גלייכצייטיק לערנט זי העברעאיש, ווייל איר שטרעבונג איז געווען צו בויען איר צוקונפט אין ארץ־ישראל. ביי יעדער געלעגנהייט איז גיטע געקומען קיין ווירושאָוו, צו דער פאַמיליע און באַקאַנטע, צו וועלכע זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן. איבערהויפּט האָט זי ליב געהאַט איר פעטער שלמה ביניש, דעם פאָטערס אַ ברודער, וועלכער האָט זי דערצויגן אין ציוניסטישן גייסט.

אין יאָר 1919, ווען קעמפּנאָ איז געוואָרן צוגעטיילט צו פּוילן, פאָרן זיי אַריבער קיין בערלין, וווּ ס׳האָבן שוין פון פריער געוווינט גיטעס ברידער, ווי אויך אַנדערע פון דער פאַמיליע.

אין בערלין נעמט זי אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער דאָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ געוויסער צייט אויך געאַרבעט דאָרט אַלס באַאַמטין, זאַמלענדיק דורך

דער צייט די נויטיקע געלט־מיטלען צו דער נסיעה קיין ארץ־ישראל. איר ברודער וואָלף איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין אין 1921 און אין אַ יאָר שפּעטער קומט אויך גיטע אָן.

די ערשטע צייטן איז דאָס לעבן געווען זייער שווער. זי האָט געאַרבעט ביי פאַרשידענע שווערע אַרבעטן און אַלץ אויפגענומען באהבה. אין יאָר 1924 האָט זי צוזאַמען מיט איר ברודער וואָלף, פון באַרוף אַן אַגראָנאָם, געאַרבעט ביים פלאַנצן די גערטנער אין בית־הכרם אין ירושלים און אין יאָר 1925 אַרבעט זי אין משק הפועלות אין שכונות בורוכוב. דאָרט באַקאַנט זי זיך מיט איר צוקונפטיקן מאַן בן־מנחם, וועלכער איז געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1920, נאָכן אָפּזיין אין דייטשישן געפאַנגענשאַפט אַלס רוסישער סאָלדאַט.

פאַר דער הייראַט, אין יאָר 1927, פאָרט גיטע קיין דייטשלאַנד צו דער מוטער און געשוויסטער, בעטן ביי זיי די הסכמה. גלייכצייטיק באַזוכט זי וויערושאָוו, גייענדיק אויף קבר־אבות צום פאָטער און זיידן.

נאָך דער הייראַט, האָבן זיי געקויפט אַ שטיקל ערד אין רמתיים. דער מאַן האָט געאַרבעט ביי בוי־אַרבעט און גיטע האָט באַאַרבעט דאָס פעלד און דעם גאָרטן ביי דער שטוב. זיי האָבן אויך איינגעפירט אַ קליינע ווירטשאַפט און אין דעם צריף, וואָס זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, האָבן זיך אויך געפונען די הינער, וואָס זיי האָבן געהאָדעוועט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געבוירן געוואָרן זייער זון, דער שפּעטערדיקער „גוליבר" — יצחק.

אָט וואָס עס דערציילט איר מאַן:

„נאָר אַ דאַנק גיטען מיט איר אומדערמידלעכער אַרבעט און פלאַמיקער ליבע צום לאַנד, האָבן מיר איבערגעהאַלטן די שווערע צייטן. איר איבערגעגעבקייט האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. אויך באַזוכער, וועלכע זענען זייער אָפט צו אונדז געקומען, האָבן באַוואונדערט איר ענערגיע און ענטוזיאַזם.

איך געדענק, ווי איינמאָל האָבן אונדז באַזוכט דער רעדאַקטאָר פון דער בערלינער „יידישע רונדשאַו" וועלטש און די פרוי גערדאַ אַרלאָזאָראָוו און זעענדיק אין צריף, ווו אין איין זייט האָט זיך געפונען דאָס בעטל מיטן קליינעם יצחק און פון דער צווייטער זייט יונגע הינדעלעך, זענען זיי געוואָרן פול מיט התלהבות, ווי אַזוי אַ פרוי, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַ ווױלשטאַנד, לעבט איצט ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. פאַר גיטען איז עס געווען אַ פרייד, ווען זי האָט די געסט געוויזן דעם יונגן פרדס מיט די פרישע גרינוואַרג. „דאָס איז אונדזער צוקונפט" — האָט זי געזאָגט".

ווען ס'הויבן זיך אָן די יידן־רדיפות אין דייטשלאַנד, קומען פון דאָרט אַריבער די איבעריקע פאַמיליע מיט דער מוטער אין דער שפּיץ. גיטע נעמט אויף איר פאַמיליע מיט דער גרעסטער האַרציקייט און פאַר דער מוטער ווייזט זי אַרויס די העכסטע מאָס פון דרך־ארץ און כיבוד אם.

נאָך יאָרן, ווען די יידישע מדינה ווערט אַ פאַקט, איז עס פאַר גיטען די העכסטע באַלוינונג און סאַטיספאַקציע.

אין יאָר 1955, טרעפט דער משפחה בן־מנחם, דאָס גרויסע אומגליק. זייער זון יצחק פאַלט אין קאַמף בעת איינער פון זיינע דרייסטע אַקציעס. פון דער צייט הויבט גיטע אָן קרענקען. דעם 10־טן יוני 1967, הויכט זי אויס די נשמה.

כבוד איר אָנדענק!

* * *

וועגן זייער זון יצחק, ווען ס׳איז געווידמעט דאָס בוך „אדם ולוחם" און וועגן זיינע עלטערן, איז כדאי צו ברענגען אויסצוגן פון בריוו, וואָס ס׳האָט געשריבן ה׳ דוד בן גוריון.

אָט וואָס ער שרייבט:

שדה בוקר 17.10.1957 כג׳ תשרי תשי"ח.
בקשר לספר „אדם ולוחם" על גוליבר.

דמות אדירה, דמות של אדם הממזג בתוכו גבורה עילאית בלא יודעים, כנות עליונה, אהבת אדם עמוקה. דעת ותפיסה בלתי רגילה, נאמנות ללא גבול, חברות לגדול ולקטן ומפקד עליון. בכל התכונות האלה זכה לא מן ההפקר, אלא כפי שנאמר שם: אין להבין לנפשו של גוליבר בלי לראות את ההורים: חלוצים בכל רמ"ח אבריהם. ציונים בני ציונים. אוהבי ישראל מבטן ומלידה. עובדי אדמה. מצניעי לכת, ענוי עולם, המתפרנסים מיגיע כפיהם. גוליבר הגדיר בפשטות, מה זאת ציונות? „ציוני הוא יהודי הנמצא בדרך לציון או בציון". אני הוכרחתי להגיד זאת על הרבה עמודים. דמויות אלה יאירו לדורות הבאים. לא מליצה סתם כתב הוא ברשמו לעצמו בהיותו בן 16: „כל ימי אשאף לקנות דעת, ללמוד מכל אחד — ללמוד אך את הטוב".

החתום
דוד בן־גוריון

יהושע אייבעשיץ
קרית־אתא

טיפּן פון שטעטל

איבער פיר הונדערט יאָר האָט עקזיסטירט דער יידישער ישוב אין וויערושאָוו און אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, האָבן דור נאָך דור, פאַרגעזעצט די גאָלדענע קייט פון אַ טייער יידיש לעבן. נישט אויפגעהערט האָט דער קול פון תורה אין דעם קליינעם שטעטעלע, ביי דעם „פּראָסנאַ״־טייך, און אירע תלמידי־חכמים האָבן געהאַט אַ שם, אויסערהאַלב די גרענעצן פון שטעטל.

אונדזערע יידן זענען אויך געווען שטאָלץ מיט זייער יידישקייט און יעדער אָנגריף איז געוואָרן אָפּגעשטויסן מיט אֱמונה און ענערגיע. ווי אַלע יידישע שטעטלעך, האָט אויך וויערושאָוו געהאַט איר ספּעציפישע טיפּן, וועלכע זענען אויך געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון יידישן, דינאַמישן פול־לעבן.

עטלעכע פון די שטעטלדיקע טיפּן, וועל איך זיך באַמיען צו כאַראַקטעריזירן.

הענעכל שמש

נישט געהאַט קיין מזל, אונדזער הענעכל. ס׳גאַנצע לעבן געחלומט וועגן ווערן הויפּט־שמש אין דער גרויסער שול און צום סוף ווערט גאָר אויסגעקליבן שמשון משה מאנעס. „סטייטש — איך האָב דאָך חזקה דערויף״ — האָט ער געטענהט. אָבער אינגאַנצן רעזיגנירט איז ער נישט, „זאָלן נאָר קומען אונדזערע״ — טרייסט ער זיך. ווער זענען די „אונדזערע״? — פרעגן מיר. „נו, די „רויטע״, די „קאָמוניסטן״, (הענעכל האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער אמתער „קאָמוניסט״), ביי זיי, וועלן אַלע זיין גלייך, רייך און אָרעם, אָן אָנטערשיד״. מיר, די מיטקיביצער, לאָזן אים שוין נישט אָפּ און מיר פרעגן הענעכלען, וואָס וועט זיין ווען „זיי״ וועלן קומען? „דאַמאָלט — איז ער ממשיך, וועל איך תיכף אַרויף צו שמעון דעם רבס און אים צונעמען די נייע שטיוול״.

שמעון, צוהערנדיק זיך צום „קאָמוניסטישן״ דיאַלאָג, פרעגט אים, „זאָג נאָר הענעכל, זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דו האָסט שוין די נייע שטיוול און דו האָסט זיי שוין צעריסן, איז וואָס ווייטער? דאָס איז שוין די גאַנצע ישיעה?״

אויף אַזאַ פראַגע, ווייסט נישט הענעכל וואָס צו ענטפערן און אַ צעטומלטער, רוקט ער זיך אַוועק אין אַ זייט, פאַרקלערט מיט זיינע חלומות וועגן דעם „אמת״ פון שול־שמש.

יענקעלע טאַנץ־מייסטער

אַ סך מלאכות האָט יענקעלע פאַרמאָגט און פון אַלע, קוים אַרויסגעשלעפּט אויף זיין בידנער פרנסה. צווישן די פילצאָליקע מלאכות, איז ער אויך געווען טאַנץ־מייסטער, געלערנט די יוגנט טאַנצן. דוכט זיך, אַז פון דעם אַ פאַך, האָט ער קיין פרנסה נישט געהאַט, אָבער צרות — האָט אים צוליב דעם נישט געפעלט.

יענקעלע איז אויך געווען „געבענטשט" מיט אַ שווערע אויסשפּראַך. קיין גומל און אַ קוף איז ביי אים נישט „אַרויסגעקומען", פֿאַרשטייט זיך, אַז די קונדסים פֿון שטעטל, האָבן מער נישט געדאַרפֿט. יעדעס מאָל האָבן זיי אים געמאַכט אַ „טעאַטער" ביים פֿענצטער און מיט פֿאַרשידענע אויסשרייען, ווי דאַלדע (גאָלדע), פֿיידע (פֿייגע) און נאָך אַנדערע צוגעפּאַסטע לידלעך, האָבן זיי זיך געמאַכט פֿריילעך און יענקעלען אַרויסגעברענגט פֿון די כלים. ער האָט זיך נאָך זיי געיאָגט, נאָר גיי כאַפּ זיי, אַז זיי זענען פֿיל פֿלינקער פֿון אים.

איינמאָל, אַ פֿרייטיקצונאַכטס, האָט יענקעלע, באַוואָפֿנט מיט אַ בעזים, געטשאַטעוועט נאָך די קליינע לצים און אָט טאַקע, דוכט זיך אים, אַז די „חברה" זענען דאָ. נישט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער אָנגעהויבן פֿאָכען מיטן בעזים, אויף לינקס און רעכטס. פּלוצים איז אים פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. אָנשטאָט די קונדסים, האָט ער גאָר לייטיש מכבד געווען דעם אַלטן שוחט פֿון זאַלאָשין, וועלכער איז געקומען אינטערווענירן, אַז לכבוד שבת, זאָלן די טענץ זיין אַ ביסל שטילער. די פֿאָלגן פֿון דער געשיכטע, זענען געווען זייער טראַגיש. דער אַלטער שוחט, איז ר"ל בלינד געוואָרן און אין אַ קורצע צייט אַוועקגעשטאָרבן.

נאָכן טויט פֿון אַלטן שוחט, איז דער חסידישער עולם אים דערגאַנגען די יאָרן, „היתכן? איינגעפֿירט אַ נעסט פֿון „פּריצות" און נאָך אַוועקגעהרגעט אַ ייד, אַ תּלמיד־חכם?"

יענקעלע האָט אָנגעהויבן שטאַרק איבערצולעבן, זיין געוויסן האָט אים נישט געלאָזט רוען און אין די קאָשמאַרע חלומות, האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז דער אַלטער שוחט, רופֿט אים צו דין־תּורה.

מיט שרעק און ציטער, איז ער געגאַנגען צום רב, רבי אברהם מענדל אָרענבאַך, אים דערציילט וועגן די חלומות. דער רב, האָט אַ צעשמייכלטער, אים געענטפֿערט: „ביי רבנים איז נישטאָ קיין חכמות, אַז מ'רופֿט צו אַ דין־תּורה — גייט מען". יענקעלע איז אַוועק פֿון רב אַ צעטומלטער, „הייסט עס, אַז אויך דער רב האַלט, אַז כ'דאַרף גיין אויפֿן עולם־האמת און האַלטן אַ דין־תּורה מיטן שכן".

אין אַ קורצע צייט, איז יענקעלע געשטאָרבן.

די דערציילונג איז אין דער דעמאָלטדיקער צייט, געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַלע יידישע צייטונגען פֿון פּוילן, אונטערן קעפּל: „אַ מ"רופֿט צו אַ דין־תּורה — גייט מען".

ר׳ שמואל טוביה טאָביאַשעוויטש


אַן אויסגעדאַרט יידל, ווי אַן איינגעשרימפּענער אתרוג. קיין איבעריק וואָרט איז פֿון זיין מויל נישט אַרויס. האָט ער געהאַט אַ פֿרייע מינוט, איז דאָס בעסטע געווען פֿאַר אים זאָגן אַ קאַפּיטל תּהילים. מיט מיר, איז ער יאָ געווען באַרעדעוודיק ווייל איך האָב געלערנט צוזאַמען מיט זיין אייניקל בערל. פֿון אים האָב איך געהערט אינטערעסאַנטע פֿאָלקס־טימלעכע געשיכטעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו אונדזער שטעטל.

איינמאָל, זיצנדיק מיט אים ביים פענצטער, ווייזט ער מיר מיט זיינע דאַרע פינגער די קאַפּליטשקע (קעגנאיבער אברהם יהודה ניימאַנס הויז) און דערציילט מיר פאָלגנדע געשיכטע:

דאָס איז געווען אין 17־טן יאָרהונדערט, בעת דעם פּויליש־שוועדישן קריג. צו דער צייט, איז געווען באַרימט דער גלח סטעפאַן קאָרדעצקי, פּוילישער העלד אויף דער „יאַסנאַ גוראַ" אין טשענסטאָכאָוו. דער דאָזיקער גלח, האָט זיך באַזעצט אין וויערושאָווער קלויסטער. בעת די פּאָגראָמען, אָנגעפירט דורך די באַנדעס פון גענעראַל טשאַרניעצקי (אין דער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט), האָט דער גלח קאָרדעצקי, שטאַרק פאַרפאָלגט די עטלעכע יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוווינט אין וויערושאָוו.

איינמאָל אַ דאָנערשטיק אין דער פרי, האָט דער גלח צונויפגערופן ס'ביסל יידן און זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום, אָדער שמדן זיך, אָדער געהרגעט ווערן. יידן האָבן אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, געוויינט און מתפלל געווען, קעגן דער שרעקלעכער גזירה. צומאָרגנס האָט דער גלח איינגענומען אַ מיתה־משונה.

טאַקע אין דער אָ קאַפּליטשקע, ליגט דאָס געביין פון דעם צורר ישראל „וכן יאבדו" — ענדיקט ר' שמואל טוביה, מיט אַ דריי־מאָליקן שפּיי אויף דער פּאָדלאָגע.



ל. ווערסאַלי
בריסל

דער האַרציקער ייד און געזעלשאַפטלעכער עסקן אברהם דאַמב ז״ל

(געשטאָרבן דעם 24־טן אויגוסט 1968 אין בריסל)

אַוועק אַן ערשטראַנגיקער געזעלשאַפטלעכער טוער

מיטן טויט פון אברהם דאַמב האָט אונדזער קליינער ישוב פאַרלוירן איינעם פון אירע בעסטע און געטרייסטע זין.

דער טרויער איז צו נאָענט און דער ווייטיק צו גרויס, כדי צו רעאַליזירן דעם שרעקלעכן פאַרלוסט פאַר דעם ישוב בכלל און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בפרט. איבער פערציק יאָר האָט אברהם דאַמב געווירקט אין דער יידיש־געזעלשאַפטלעכקייט אין בעלגיע. געווען פאַרטרעטן אין אַלע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, אומעטום פאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע און מיט זיין דינאַמיזם און אַקטיוויטעט סטימולירט זיינע מיט־אַרבעטער צו אַקטיווע מעשים.

גאָר באַזונדער גרויס זענען די פאַרדינסטן פון דאַמבן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין בעלגיע. שטייענדיק אין שפּיץ פון אחדות העבודה — פּועלי ציון, האָט ער אָפט מאָל פאַרבויגן דעם פאַרטייאישן אינטערעס פאַר דער אייניקייט און גאַנצקייט פון דער ציוניסטישער מחנה. דאַמב איז בכלל געווען באַשאַנקען מיט אַ טיפער ליבע צו זיין פאָלק און צו מדינת ישראל. זעלטן ווען האָט אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאַרטיי־פּאַספּאָרט, זוכה געווען, אַז אַ גאַנצער יידישער ישוב, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, אָדער רעליגיעזער איבערצייגונג, זאָל אַזוי אויפריכטיק באַדויערן זיין אַוועקגיין, ווי דאָס איז דער פאַל צוליב דער פּטירה פון אברהם דאַמב ז״ל. זעלטן ווען, האָט דאָס יידישע בריסל בייגעוווינט אַ לוויה, ווו צוזאַמען מיטן גאַנצן ראַבינאַט, זאָל זיך געפינען די אָנפירונג פון „בונד״ און אַנדערע לינקע גרופּירונגען, שוין אָפּגערעדט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען מיט זייערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועלכע דאַמב האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות.

ווען מען פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע און מ׳וואַרפט אַ בליק אויף די אַלע אַקטיוויטעטן, וואָס דאַמב האָט אַזוי געוויסנהאַפטיק אויסגעפירט, ווילט זיך ממש נישט גלויבן, אַז דער מענטש, וועלכער האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן פּרנסה און איז געווען אַ מוסטערהאַפטער פאַמיליע־מענטש, וועלכער האָט באַוויזן צו דערציען זיינע 4 קינדער (צוויי פון זיי זענען אין ישראל) אַלס נאַציאָנאַלע איבערגעגעבענע יידן און געוואַכט איבער זיין טייערער פרוי, גיטעלע, מיט אַן איבערגעטריבענער צערטלעכקייט, אַז אָט דער מענטש האָט נאָך באַוויזן זיך צו פאַראינטערעסירן פּערזענלעך מיט זיינע אַרומיקע חברים. נישט פאַראַן געווען קיין איין שמחה, אָדער חלילה טרויער, ווו מיר, זיינע

נאַענטע, זאָלן זיך קענען באַגיין אָן זיין מיטהילף. ער האָט שטענדיק געפונען געגוג צייט און געדולד פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

15 חדשים צייט האָבן מיר געוווּסט, אַז דער סוף איז אוממפאַרמיידלעך.

מיט שטוינונג און פאַרערונג האָבן מיר באַוווּנדערט זיין סטאָאישע רואיקייט. ממש ביז די לעצטע שעהן פון זיין לעבן, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט און געוואָלט וויסן וועגן אַלעמען, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט און גאָר באַזונדערס אין ישראל און אין דער יידישער וועלט. אין חודש יוני, ווען ער איז שוין איבער אַ יאָר צייט געווען צוגעשמידט צום בעט, האָב איך, צוריקקומענדיק פון ציוניסטישן קאָנגרעס, אים מבקר חולה געווען. איך בין באמת געווען גערירט ביז טרערן פון דאָמבס אויפנאַמע. מיט וויפל פרייד און חברישער ליבשאַפט, האָט ער זיך אויסגעפרעגט אויף אַלע אונדזערע געמיינזאַמע פריינד, געוואָלט וויסן וועגן אַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע דער קאָנגרעס און אויך די פּאַרטיי־באַראַטונג האָט זיך באַשעפטיקט.

ס׳וועט זיכער נאָך אַ סך גערעדט און געשריבן ווערן וועגן אברהם דאָמבס אַקטי־וויטעטן. גאָר באַזונדערס וועט נאָך זיכער אַרויסגעהויבן ווערן זיין מסירת־נפשדיקע אַרבעט אין דער צייט פון די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן, בעת ער איז געווען אַ באַוואָפנטער ווידערשטענדלער.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך נאָך דערמאָנען דאָמבס לעצטע אַקציע, בעת דער מלחמה פון די זעקס טעג. אין משך פון פערציק יאָר, האָב איך גוט געקענט און באַוווּנדערט זיין אַרבעטזאַמקייט און זיינע פעאיקייטן, נאָר ביי דער סאָלידאַריטעטס־אַקציע פאַר אונדזער יידישער מדינה האָט ער ווייט־ווייט זיך איבערגעשטיגן. ס׳האָט בפירוש נישט עקזיסטירט פאַר אים קיין שום שוועריקייט. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיך, זיינע געשעפטן און פשוט געאַרבעט טאָג און נאַכט. אַ סך מיינען, אַז ער האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז מיט דער־אָ אַרבעט שליסט ער אָפּ זיין רייך און שטורמיש לעבן. עס קאָן זיין!

עס וועט אַריבער אַ לאַנגע צייט, ביז מיר וועלן אין זיך קענען גובר זיין דעם דאָזיקן שרעקלעכן פאַרלוסט. מיר דאַרפן זיך באַמיען זיך אויפצוהייבן, לויט זיין מוסטער, בכדי אים קענען צו פאַרטרעטן.

חבל אל דאבדין!

(דערשינען אין דער יידישער פּרעסע אין בעלגיע, צו די שלושים פון אברהם דאָמב ז״ל).

אברהם זעלמאַן
חיפה

„אגודת־ישראל" אין וויערושאוו

ביזן אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז נאָך געווען גאָר־ווייט דער געדאַנק וועגן יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען אין אונדזער שטעטל. דער עלטערער דור, אָפּהיטנדיק שטרענג דעם רעליגיעזן אינהאַלט פון יידישן לעבן, האָט די טראַדיציאָנעלע, רעליגיעזע דערציאונג, איבערגעגעבן דעם יינגערן דור, פון וועלכע עס האָבן זיך געהערט, זאַפטיקע גמרא־ניגונים, לערנענדיק זייערע שיעורים אין בית־המדרש און אין די „שטיבלעך".

ביים אויסקלויבן רבנים, דיינים אָדער שוחטים, איז דער הויפּט־געוויכט געוואָרן געלייגט, אַז דער געגעבענער זאָל זיין חוץ גרויסער למדן, אויך אַ יראת־שמים און אַ באַשאָנקענער מיט אַנדערע מידות טובות. עס זענען באַקאַנט אַזעלכע באַרימטע, רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן, ווי דער רב, הרב ר. שאול זצ"ל (וועלכער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל), ווי אויך דעם פּיליצער רבינס זון, וואָס האָט אַ געוויסע צייט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות. עס זענען געווען באַרימט אין שטעטל, די הערלעכע געשטאַלטן פון די שוחטים ר' זיינוול שטשעקאַל און ר' יצחק וועלצמאַן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לומדות און פרומקייט.

די תורה־קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן נישט בלויז פון בית־המדרש און פון די גערער, אַלעקסאַנדערער און פּיליצער שטיבלעך, עס זענען געזעסן על התורה פיל בחורים, אין דעם צוגערייזטע פון אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך, אין דער באַרימטער ישיבה, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון רב און פון באַרימטע יונגע לומדים, די „קעסט־איידעמס", וועלכע זענען געווען אין שטעטל לרוב.

אַזוי האָט דור נאָך דור פאַרגעזעצט דעם רעליגיעזן אינהאַלט פון יידישן לעבן אין שטעטל.

* * *

נאָך אַ קורצער צייט, ביים אָנהייב פון ערשטן קריג, ווען נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן, האָט עס אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער וויערושאָוו. דער איינגעפונדעטער טראַדיציאָנעלער בנין, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. אומפאַרשטענדלעך, האָט עס אויסגעזען ביים עלטערן דור, ווען בחורים האָבן זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אַ בוך און מיט געשעענישן, וועלכע האָבן ווייט נישט געהאַט קיין שייכות צו גמרא אָדער תוספות. צו דער צייט, ווערט געפירט אַן אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט, צו וועלכער עס שליסן זיך אָן די שול־גבאים און ברייטערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך דע רבאַלפור־דעקלאַראַציע, ווען דער ציוניסטישער געדאַנק, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־באַוועגונג, האָט דער חסידישער טייל פון דער באַפעלקערונג, נישט וועלנדיק

פאַרלירן זייער השפעה אויפן יידישן לעבן, באַשלאָסן צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטן צענטער אין פאָרם פון אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע. נאָך אַ קאָנפערענץ פון צאָלרייכע אדמורים און רבנים, מיטן גערער רבין, ר׳ אברהם מרדכי אלטער זצ״ל בראש, ווערט געשאַפן די „אגודת ישראל״.

אויך ביי אונדז, ווערט דער געדאַנק אויפגענומען, דורך דעם רעליגיעזן טייל פון דער באַפעלקערונג, מיט גרויס התלהבות. געגוג געווען, אַז פאַר קריאת־התורה איז געוואָרן פאָרגעלייענט אַ בריוו פון גערער רבין און אַלע מתפללים זענען געוואָרן מיטגלידער פון דער „אגודה״. איבערהויפט ווערט פאַרשטאַרקט דער אַקטיוויטעט, ווען עס ווערט געקויפט, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון מיין פאָטער ז״ל אַן אייגן הויז פון עטלעכע צימערן. איך דערמאָן זיך, אַז אַריינקומענדיק אין גערער שטיבל, האָבן זיך אויף די ווענט באַוויזן צוויי גרויסע בילדער, איינס פון ר׳ יעקב ראָזענהיים, פרעזידענט פון „אגודת־ישראל״ און פון ד״ר נתן בירנבוים — מיטשעפער פון דער „אגודה״.

פּאַראַלעל מיט דער שאַפונג פון דער „אגודת־ישראל״, ווערט אויך אָרגאַניזירט די רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי אגודת ישראל״, וועלכע פירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט צווישן דער רעליגיעזער יוגנט, האָבנדיק אין זייער באַזיץ, אַן אייגענע, גענוג רייכע, ביבליאָטעק פאַר יונגערע און דערוואַקסענע. פאַרשטייט זיך, אַז אַ טייל פון עלטערן דור האָבן נישט געגעבן זייער הסכמה פאַר אַזעלכע „דראַסטישע״ שריט.

אונטער דער אָנפירונג פון דער „אגודת־ישראל״, ווערט אויך געשאַפן די „בית יעקב״־שולע. די ערשטע לערערין, אַ ווארשאַווער טאָכטער, אונגער, זאָרגט, אַז די מיידלעך זאָלן באַקומען די געהעריקע רעליגיעזע דערציאונג און די גאַנצע פעדאַגאָגישע טעטיקייט, געפינט זיך אויף אַ הויכן ניווא.

* * *

אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן, ווערט אָרגאַניזירט דורך די חברים סענדער לעווענהאַף, אברהם לייב עזער און אברהם פייוול ראָזענטאַל, ביי דער פולער אונטער־שטיצונג פון דער „אגודת־ישראל״, די „פועלי אגודת ישראל״, פאַר די יוגנטלעכע, וועלכע זענען, צוליבן מאַטעריעלן מצב, געצוווּנגען צו אַרבעטן. פאַר די מיטגלידער פון „פועלי אגודת ישראל״ איז געוואָרן געשאַנקען גרויס אויפמערקזאַמקייט, צוליב זייער געפינען זיך אין דער צייט פון דער אַרבעט, אין אַנדערע, און בתוכם אַ פרייער סביבה. עס ווערן פאַר זיי געשאַפן ספעציעלע קורסן צו לערנען די פוילישע שפּראַך, מיט וועלכע עס פירט אָן אַ פעדאַגאָג, אַ פוילישער לערער. עברית־קורסן, ווערן אָנגעפירט דורך ר׳ בעריש ליכטנבוים. ס׳קומען פאָר, זייער אָפטע, אינטערעסאַנטע פאַרלעזונגען אָנגעפירט דורך סענדער לעווענהאַף, וועלכע ווערן צאָלרייך באַזוכט.

די „אגודת ישראל״, האָט זיך אויך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אָרגאַניזירן אַ מאָדערן חדר, וואָס זאָל אויך זיין אָנערקענט דורך דער מאַכט. צו דעם צוועק, שאַפט זיך אַן איניציאַטיוו־קאָמיסיע מיט ר׳ הערש וואָלף לעווענהאַף אין דער שפּיץ, וועלכע פאַרנעמט זיך מיטן אַרויפבויען אויפן הויז פון שטיבל, נאָך עטלעכע צימערן. ליידער איז די אַרבעט

נישט געוואָרן געענדיקט. ד ידייטשן, ימח שמם, האָבן פון שטיבל געמאַכט אַ ספאָרט־קלוב.

* * *

מיטן פאַרנעמען וויערושאָוו דורך די דייטשן, איז אויסגעלאָשן געוואָרן, צוזאַמען מיטן כלל ישראל, אַ טייערער רעליגיעזער צענטער. עס איז אַוועק מיטן פייער אַ האַרציקע, פול מיט לעבן, יידישע קהילה קדושה.

יזכור עם ישראל את קדושיו.

יתגדל ויתקדש שמיה רבה.



מרים ראָזענבלאַט — שמולעוויטש
שוועדן

פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין וויערושאוו

נישט לייכט איז געווען פאַר דער יוגנט אין שטעטל צו באַזוכן און אָנטיילנעמען אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. אונדזערע עלטערן, לעבנדיק אין זייער וועלט פון דורותדיקער טראַדיציע, האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די נייע ווינטן, וועלכע האָבן געבלאָזן אויף דער יידישער גאַס. איבערהויפּט האָבן זיי געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפירט אַ פרוכטבאַרע




קבוצת בחורי בית־המדרש שנהפכו לציונים. יושבים: פנטל, א. ל. פרוצל, סנה כהן, דומב.
עומדים: שארי, שמולביץ.
גרופּע ציוניסטן, געוועזענע בית־המדרש בחורים

טעטיקייט ביים פאַרשפּרייטן דעם ציון־אידעאַל צווישן דער יידישער באַפעלקערונג בכלל און ביי דער יוגנט בפרט. איבער דעם איז אונדזער אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי באַזוכן פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע אַקטועלע טעמען, פאַרקויפן שקלים און אַנדערע אַרבעטן — פאָרגעקומען שטרענג געהיים, בכדי אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן מצד די שטרענג־פרומע עלטערן. עס איז אויסגעקומען צו קריכן איבער

פלעטער און גיין דורך פעלדער און אונטערוועגן, בכדי נישט באַמערקט צו ווערן, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געפונען ביי יאַקובאָווסקין.

די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע, יעקב בראַון, הערש דוד גאד, אליהו מנחם עליאַש, יעקב דוד עליאַש און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, גדליה קזשאַק, בערל יעקוב, יצחק אייזנער, הדס ערליך און וואָלף כוואַט, האָבן אויפגענומען די ניי־אָנגעקומענע זייער פריינדלעך און אונדז צוגעגעבן מוט.



פעילי התנועה הציונית 1917־18. יהושע זיינבל רוסק, יעקב זאב בראון ומשה גרשון פוגל
טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די יאָרן 1917־18. יהושע זיינוול רוסעק, יעקב זאב בראון און משה גרשון פאָגעל.

אַ גאָר וויכטיקער אָפשניט פון דער ציוניסטישער טעטיקייטביים פאַרשפּרייטן דעם ארץ־ישראל אידיי, זענען געווען די צאָלרייכע פאָרלעזונגען און „קעסטל־אָוונטן" אָנגעפירט דורך די חברים יצחק קאָזשוך, אברהם לייב פּרוצעל, מנשה ענגעלמאַן, אברהם יעדוואַב, בעריש און נתן אבע ליבער און אַנדערע.

זייער אָפט האָבן מיר איינגעאָרדנט טאַנץ־אָוונטן און פאָרגעשטעלט „איינאַקטערס", אָרגאַניזירט דורך די חברים מאַשקאָוויטש (מ'האָט אים גערופן „דער גענעראַל"), דודש לעוועק, איידל רוסעק, די ברידער ליבער און אַנדערע.

אַ וויכטיקע דערציאונגס־אַרבעט איז געוואָרן געפירט אין קינדער־גאָרטן ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט דורך די באַגאַבטע לערערינס בערנהאָלץ און כהן, וועלכע האָבן מיט דער גאַנצער ענערגיע דערצויגן אַ דרייסטן ;יונגן דור.



קבוצה מחברי האגודה הציונית בשנת 1920

גרופּע חברים פון דער ציוניסטישער ארגאנ:יזאציע אין יאָר 1920

בעת דער שקלים־אַקציע, כ' תמוז, איז פאָרגעקומען אַן אינטענסיווע אַרבעט און צוליב דער לעבנהאַפטער טעטיקייט פון אַלע חברים, איז די אַקציע געוואָרן געקרוינט מיט דערפאָלג. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז זאַגאַר פרומע יידן, וועלכע זענען אין די פריערדיקע יאָרן, געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן מאַסנהאַפט געקויפט שקלים. אויף אַזוי ווייט איז אונדזער טעטיקייט געווען אָנזעבאַר ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל.

אריה אורבאך

„ביתר" אין וויערושאוו

דער איניציאַטאָר פון שאַפן אַ „ביתר"־קן אין שטעטל, איז געווען חיים שלמה שוואַרצבאַרט (היינט אין ישראל). מיט זיין אומדערמידלעכער אויפקלערונגס־אַרבעט, האָט ער געשאַפן די ערשטע גרופּע סימפּאַטיקער פאַר דער „ביתר"־אידעע און אין רעזולטאַט איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ „ביתר"־אָרגאַניזאַציע. צו דעם צוועק, האָט זיך שוואַרצבאַרט פאַרשטענדיקט מיט וויעלון — ווו ס'האָט שוין עקזיסטירט אַ פאַרצווייגטע „ביתר"־אָרגאַניזאַציע — וועגן אַראָפּשיקן אַ דעלעגאַט קיין וויערושאָוו. אין מערץ חודש פון יאָר 1929, איז פאַרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונג אין דער וואוינונג פון חיים שלמהן מיטן אָנטייל פון אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע, ווי אויך מיטן דעלעגאַט פון וויעלון, יואל קאַניאַרסקי.

די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין אויסוויילן אַ פאַר־וואַלטונג, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער טעטיקייט פון קן. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדע חברים: חיים שלמה שוואַרצבאַרט, אפרים מייעראָוויטש, פנחס גליקסמאַן און שלמה בייניש יאַבלאָנסקי. פון די ערשטע חברים אין דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען: אברהם יודא („אברהמטשע הויקער"), חיים שלמה שוואַרצבאַרט, מאיר וואָלעצקי, איידל גראַבאָווסקי, שרה דאַווידאָוויטש, חיים ברענער, רפאל פּראַצעל, לוי כודע, שלמה יאַבלאָנסקי, מענדל פּשעדבאָרסקי, פנחס גליקסמאַן, ישראל ליפּשיץ, שמשון געלבאַרט, אפרים מייעראָוויטש און ראובן פּאַסאַלסקי.

צווישן אַנדערע אָנגענומענע באַשלוסן נאָך דער ערשטער פאַרוואַלטונגס־זיצונג, איז געווען אַ באַשלוס צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער לאַנדס־קאָנפערענץ פון „ביתר" אין פּוילן, אין וועלכן ס'האָבן אויך אָנטיילגענומען אויסלענדישע דעלעגאַציעס. אַלס דעלעגאַטן זענען געוואָרן אויסגעוויילט: חיים שלמה שוואַרצבאַרט, אפרים מייעראָוויטש, פנחס גליקסמאַן און שלמה בייניש יאַבלאָנסקי.

צו דער צייט, האָבן מיר קיין אייגענעם לאָקאַל נישט געהאַט און מיר זענען געווען איינלאָקירט אין לאָקאַל פון ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא".

נאָכן צוריקקומען פון דער דעלעגאַציע פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאַרגעקומען אין וואַרשע, הויבט זיך אָן אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אויף אַלע געביטן און עס קומען צו פרישע חברים, וועלכע באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט. צווישן די פריש־צוגעקומענע זענען געווען: מנשה ענגעלמאַן, אליהו מנחם עליאַש, יוסף מאָזעס, הערשל מייעראָוויטש, אברהם ליכטנבוים, אהרן זעלקאָוויטש, פייגע מייעראָוויטש, יעקב רוסעק, שלמה שטערן, משה ענגעלמאַן, דער שרייבער פון די שורות און נאָך אַנדערע.

אונדזער דערציִעריש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ווערט אָנזעבאַר אויף אַלע געביטן. פּאַ־ראַלעל מיט דער אינטענסיווער ספּאָרט־טעטיקייט, ווערט אויך געפירט אַן אינהאַלטסרייכע קולטורעלע טעטיקייט. ס'ווערט געשאַפן אַ יידישע ביבליאָטעק און יעדן שבת קומען פאַר

אינטערעסאַנטע פאָרלעזונגען, וועלכע ווערן מאַסנווייז באַזוכט. (שוין אין אַן אייגענעם לאָקאַל, ביי שלום עליאַש). אויפן פאָרלאַנג פון די חברים, האָבן מיר אויך געשאַפן אַן אָפּטיילונג פון ביכער אין דער פוילישער שפּראַך, וועלכע ווערן אויסגעבאָרגט אויך פאַר קריסטלעכע לייענער און פון די איינקונפטן, פאַרגרעסערן מיר די צאָל ביכער.

מיט סימפּאַטיע באַציען זיך אונדזערע חברים און סימפּאַטיקער צו די אויספלוגן אין דער אַרומיקער געגנט, וועלכע ווערן דורך אונדז אָרגאַניזירט. גרויס כבוד פאַרשאַפן אויך אונדזערע אַרויסטריטן און פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען.

אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן איז פאָרגעקומען אַ „ביתר״־צוזאַמענפאָר אין לאָדזש, צו וועלכן ס׳פאָרט אַרויס אַ גרופּע פאָרשטייער מיט אַן אייגענער פאָן און אַן אייגענעם אָרקעסטער, וועלכער איז געוואָרן דורך דער צייט געשאַפן.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן די ווערטפולע אַרבעט וואָס ס׳האָט געפירט אונדזער חבר יוסל מאָזעס ז״ל. ער האָט זיך ספּעציעל געווידמעט מיטן פאַרהאַרטעווען דעם טייל יוגנט, וועלכער איז געקומען צו אונדז פון חדר. עטלעכע מאָל אין דער וואָך, האָט ער מיט זיי אַדורכגעפירט מיליטערישע איבונגען און בכדי אַרויסצורייסן פון זיי די איינגע־פלאַנצטע מורא פאַר שדים און רוחות, פלעגט ער זיי שיקן ביינאַכט אויפן בית־הקברות אָדער צמענטאַזש צו ברענגען פון דאָרט אַ געוויסע זאַך, וואָס ער האָט דאָרט אַוועקגעלייגט פון פריער. אין אַ גאָר־קורצער צייט, האָט די אָנגעשטרענגטע און איבער־געגעבענע אַרבעט, געגעבן גלענצנדע רעזולטאַטן. ס׳איז נישט געווען צו דערקענען די יוגנט, וועלכע איז געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע קעפּ און געוווּסט ווי אַזוי צו ענטפערן אַ שגץ, וועלכן ס׳האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרטשעפּען אַ ייד.

אין יאָר 1932 איז אין וויערושאָוו פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף פון „ביתר״ פון דער גאַנצער וויערושאָווער אומגעגנט מיט אַ רייכן ספּאָרט־פּראָגראַם. דער צוזאַמענקונפט האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוקספולן רושם אויף אַ לענגערע צייט.

* * *

אין די יאָרן 35 — 1934, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן ווערט אַלס אַגרעסיווער, הויבן מיר אָן אַן ענערגישע טעטיקייט צו העלפן אונדזערע חברים עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. חוץ דעם אַוועקשיקן אויף הכשרה, האָבן מיר געמאַכט באַמיאונגען — דורך דער צענטראַלע אין וואַרשע — אַוועקצושיקן חברים מיט דער אומלעגאַלער עליה. אין יאָר 1939, קומט אָן אין לאַנד אונדזער חבר שלום בן־צבי (פּאַנטש), מיט דער שיף „פאַריטאַ״, וועלכער ס׳איז געלונגען צוצוקומען צו די ברעגן פון תל־אביב. אַ צווייטע גרעסערע גרופּע, וועלכע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיטן זעלבן ציל, האָט דער קריגס־אויסברוך פאַרכאַפּט אין מיטן וועג און זיי האָבן אַפילו צו דער שיף נישט דערגרייכט. אין דער גרופּע זענען געווען: יוסף מאָזעס, פּנחס גליקסמאַן, אברהם הלל כתריאל, בער שמולעוויטש, משה לאַנגנאַס און נאָך עטלעכע. קיין וויערושאָוו איז צוריקגעקומען בלויז משה לאַנגנאַס, וועלכער האָט דערציילט, אַז אַלע איבעריקע זענען אומגעקומען פון די דייטשן.

משה לאַנגנאַס האָט דערנאָך מיטגעמאַכט דעם גאַנצן דייטשישן גהינם און נאָכן קריג, נאָכן אַדורכגיין אַלע צרות פון דער אומלעגאַלער עליה און פאַרשיקונג קיין ציפערן, קומט ער אָן, אין אָנפאַנג 1948 קיין ישראל און ער מאָביליזירט זיך אין דער יונגער ישראל־אַרמיי. ער האָט געקעמפט אויף פאַרשידענע פראָנטן און געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט ביים אָפּרייניקן דעם גליל פון די אַראַבישע באַנדעס.

יהי זכרו קדוש.



אהרן יוסף (יאָסעק) רוסעק ז"ל

דער ספּאָרט־קלוב „בר כוכבא"

ביז דעם ערשטן וועלט־קריג אין יאָר 1914, האָט אין וויערושאָוו כמעט נישט עקזיסטירט קיין פרייע יוגנט, וואָס זאָל זיך אויסלעבן אין פאַרשידענע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. דער אָנגענומענער באַגריף אין דער צייט, איז געווען, אַז אין דער פרי דאַרף מען גיין דאַווענען שחרית און אין די פאַרנאַכטן — מנחה ומעריב.



קבוצת הכדורגל „בר כוכבא" עם א.י. רוסק
פוטבאל מאנשאפט „בר־כוכבא" מיט א. י. רוסעק

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, האָבן יידישע יינגלעך, צוקוקנדיק זיך צו דער ספּאָרט־טעטיקייט אויף דער קריסטלעכער גאַס, זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען, צוזאַמען מיט פּוילישע יוגנטלעכע, מיט ספּאָרט און דער עיקר מיט פוטבאָל. די עלטערן האָבן דאָס אויפגענומען ווי אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך. „סטייטש, יידישע קינדער זאָלן שפּילן פוטבאָל ?". זענען טאַקע געווען מאָמענטן, ווען אין סאָמער בעסטער שפּיל אויפן פאַסטערנאַק, האָט מען אונדז אַהיים געיאָגט און נאָך צובאַקומען אַ ביסל קלעפּ.

אונדז צו הילף איז געקומען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, נעמענדיק אונדז אונטער איר אויפזיכט. בכדי צו פירן אַ נאָרמאַלע ספּאָרט־טעטיקייט, ווערט פאַר אונדז געדונגען אַ ספּעציעלער לאָקאַל (ביי יאַקובאָווסקין), ווו מיר פירן אַ פאַרצווייגטע ספּאָרט־טעטיקייט.

* * *

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז אונדזער ספּאָרט־קלוב, איבערהויפּט די פוטבאָל־סעקציע, געוועזן אַ כוח, האָבנדיק זאָגאַר, אָפטע פאַרמעסטונגען מיט די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אויך מיט נישט־יידישע מאַנשאַפטן.



קבוצת הכדורגל „בר־כוכבא״
פוטבאל־מאַנשאפט „בר־כוכבא״

אין יאָר 1923, ווערט דער קלוב לעגאַליזירט ביי דער מאַכט אונטערן נאָמען „בר־כוכבאַ״, האָבנדיק צו דער צייט 145 מיטגלידער. די יידישע באַפעלקערונג, אויך דער רעליגיעזער טייל, האָט ראַדיקאַל געענדערט איר שטעלונג לגבי אונדז, באַטראַכטנדיק אַז אונדזער טעטיקייט פאַרשאַפט גרויס כבוד און דרך־ארץ פאַרן יידישן ציבור, איבערהויפּט ווען מיר זענען אויפגעטרעטן אויף עפנטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען.

אונדזער פרייד האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעץ, ווען פּאַר אודנזערע באַשיידענע איינקונפטן, האָבן מיר איינגעקויפט אַ בלאַז־אָרקעסטער, וועלכער איז געווען איינער פון די שענסטע אַרקעסטערס ביי די יידישע ספּאָרט־קלובן אין פּוילן.

פּאַראַלעל מיט דער פרייד ביי דער יידישער באַפעלקערונג, האָט דאָס אַרויסגערופן נישט ווייניק קנאה ביי אונדזערע קריסטלעכע שכנים.

✶ ✶ ✶

איינע פון די איינדרוקספולע און אומפאַרגעסלעכע טעג פון ספּאָרט־לעבן אין ווירעשאָוו איז געווען דער יום־טוב פון אַנטהילן די פאָן. דאָס איז געווען חול־המועד פסח תרפ״ט (1929).



„בר־כוכבא״ בטיול לכפר גז׳עשקי
„בר־כוכבא״ אויף אַן אויספלוג אין דאָרף גזשעשקי

נאָך פיבערהאַפטע צוגרייטונגען באַשטעלנדיק דעם זייד־געוואַנד אין פראַנקרייך, האָבן מיר דערגרייכט דעם גרויסן פאַר אונדז, יום־טוב. פיל געסט פון פראָמינענטע ספּאָרט־עסקנים האָבן אָנטיילגענומען אין דער פייערונג.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „מכבי״, צו וועלכן מיר האָבן געהערט, האָט דעלעגירט דעם פּרעזעס פון „מכבי״ אין פּוילן, דעם ד״ר לעסער פון קראָקע. חוץ אונדזער

אַרקעסטער, האָט אויך אָנטיילגענומען דער אָרקעסטער פון קאַלישער „מכבי״ מיטן חבר שמעון באָום אין דער שפּיץ.

אין די פרימאָרגן־שעהן, האָט זיך פאַרמירט אַ לאַנגער צוג פון אַלע וויערושאַווער ספּאָרטלער, אויסגעפּוצט אין שניי־ווייסע מונדירן און מיט ריטמישע טריט, מאַרשירט צו דער שול, ווו עס איז פאַרגעקומען אַ פייערלעכע תפילה לכבוד דעם יום־טוב.

די יום־טוב שטימונג האָט באַהערשט קליין און גרויס און אין די יידישע פענצטער זענען אָנגעצונדן געוואָרן ליכט, לכבוד דער פייערונג.

צוריק פון דער שול, האָבן מיר מאַרשירט צום ספּאָרט־פּלאַץ. די פאָן איז געטראָגן געוואָרן דורך פיר מיידלעך, אָנגעטוענע אין בלוי־ווייסע מונדירן.

אונטער הילכיקע אָוואַציעס פון טויזנטער פאַרזאַמלטע, האָלט ד״ר לעסער אַ רעפע־ראַט וועגן דער באַדייטונג פון ספּאָרט ביי יידן. נאָכן רעפעראַט, שפּילן די אָרקעסטערס דעם פוילישן הימן ווי אויך די „התקווה״. די פרייד ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען נישט אָפּצושאַצן, מענטשן האָבן זיך צעוויינט פאַר שמחה, יידן האָבן זיך געגעבן די הענט און געווונטשן לשנה הבא בירושלים.

נאָכן אָנטהילן די פאָן, האָבן מיר מאַרשירט צום שטאָט־ראָט, ווו עס האָבן אָפּגענומען די דעפילאַדע, דער בירגערמייסטער, דער גלח ד״ר קאָט, ד״ר מילבאור, ד״ר לעסער און אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

* * *

אונדזער ספּאָרט־קלוב האָט אויך געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. אונדזער דראַמאַטישער קרייז האָט געגעבן געלונגענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. זייער אָפט, האָבן מיר אָרגאַניזירט פאַרלעזונגען אויף פאַרשידענע קולטורעלע און אַקטועלע פּראָבלעמען. עס זענען אויך פאַרגעקומען אויספלוגן און פאַרווייַלונגען, וועלכע זענען געוואָרן מאַסנהאַפט באַזוכט.

אין יאָר 1939, דערפילנדיק דאָס אָנקומענדיקע געשפּענסט פון די היטלעריסטישע רוצחים, האָבן מיר די כלים פון אָרקעסטער, ווי אויך די פאָן, איבערגעשיקט קיין ארץ־ישראל און זיי געפינען זיך ביזן היינטיקן טאָג אין רשות פון „מכבי״ אין תל־אביב.

נחום יעקוב

ביקור־חולים

צווישן די פילאַנטראָפּישע הילפס־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן געפירט אַ טעטיקייט ביים ברענגען הילף דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל, האָט בלי ספק די אינסטיטוציע פון ביקור־חולים, געגרינדעט און אָנגעפירט דורך מיין זיידן, ר׳ שלמה גראָסבערג ז״ל, פאַרנומען אַ גאָר־חשוב אָרט און אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן זיך צו דער אינסטיטוציע באַצויגן מיט רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט.

דער ביקור־חולים איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין יאָר 1918, ווען צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס און דער אַלגעמיינער נאָך־מלחמה סומאַטאָכע, האָט זיך קאָלאָסאַל פאַרשטאַרקט די אָרעמקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. די הויפּט־טעטיקייט פון דער ביקור־חולים איז באַשטאַנען אין דערטיילן מעדיצינישע הילף פאַר די נויט־באַדערפטיקע. צו דעם צוועק, האָט זיך ביים זיידן געפונען אַ פולע שאַנק מיט פאַרשידענע מעדיקאַמענטן, וואָס ער האָט איינגעקויפט — לויט אַ רשימה פון ד״ר האַלצער — אין אַ לאַדזשער אַפּטייק, פאַר הנחה־פּרייזן. די מעדיקאַמענטן זענען געוואָרן פאַרטיילט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון מבקר ר׳ הענעך בראַון, צו די נויטיקע אַדרעסן.

נאָך אַ פאַרשטענדיקונג פון זיידן מיט די אָרטיקע אַפּטייקן, האָבן די באַדערפטיקע באַקומען אַן הנחה פון 20 פּראָצענט פאַר די געקויפטע מעדיקאַמענטן אויפן אָרט.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַ דאַנק דער פּראַקטישער און איבערגעגעבענער הילף פון ד״ר האַלצער און דערנאָך פון דאָקטאָר מילבאַואר, ווי אויך פון מבקר ר׳ הענעך — האָט די טעטיקייט געהאַט די געווינטשענע רעזולטאַטן.

די גוטע באַציאונגען מיטן ד״ר מילבאַוער און בכלל זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער ביקור־חולים טעטיקייט, האָט מיטגעהאָלפן, אַז אין פאַלן, ווען ס׳איז געוואָרן אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר־ספּעציאַליסט פון אַ גרעסערע שטאָט, צו אַ פאַרמעגלעכן קראַנקן — האָט דער ספּעציאַליסט אויך באַזוכט די כראָניש־קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער רשימה ביים זיידן און געהאָלפן מיט אַן עצה.

אין דער ביקור־חולים האָט מען נישט געוואַרט, אַז מ׳זאָל קומען בעטן הילף. ווען מיין זיידע איז נאָר געוויר געוואָרן וועגן אַ קראַנקהייט ביי אַן אומפאַרמעגלעכן ייד, האָט ער זאָפאָרט אַהינגעשיקט דעם מבקר און אויב ר׳ הענעך האָט פעסטגעשטעלט, אַז מ׳דאַרף אַ דאָקטאָר — איז אויך דער באַזוך זאָפאָרט צושטאַנדגעקומען.

די הכנסות זענען געווען פון פאַרשידענע קוועלן. ביי דער גרינדונג איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז די פאַרמעגלעכע יידן זאָלן זיךביישטייערן מיט אַ חודש־אָפּצאָל. ס׳זענען אויך איינגעפלאָסן געלט־מיטלען פון עליות, נדרים און אַנדערע ביישטייערונגען.

ווען ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז צום באַקן מצות מוזן זיין ספּעציעלע, מיט בלעך־באַדעקטע טישן, האָט דער זיידע די טישן צוגעשטעלט פאַר די בעקערייען נאָך אַן אָפּצאָל פאַר ביקור־חולים. איך געדענק, אַז אין יאָר 1924 האָט דער זיידע ספּעציעל געבראַכט

עטלעכע קעסטלעך וויין „כרמל־ברזל״ פון ארץ־ישראל פאַר די לונגען־קראַנקע, ווייל דער וויין איז געוואָרן רעקאָמענדירט ווי אַ הייל־מיטל פאַר טובערקולאָזע.

חוץ דער דערמאָנטער נאָבעלער טעטיקייט לטובת הכלל, איז די שטוב פון זיידן געווען אָן אָפענע פאַר פאַרשידענע ביישטייערונגען לטובת הפרט, ווי אויך פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דער עיקר — און דאָס אונטער דער ווירקונג פון מיין ברודער בערל הי״ד — פאַרן קרן־קימת.

✶ ✶ ✶

מיין זיידע איז געוואָרן געשעצט אויך דורכן נישט־יידישן טייל פון דער באַפעלקערונג. דער עיקר האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט דרך־ארץ די נישט־יידישע אינטעליגענץ. מיט זיינע נאָענטע און פריינדלעכע באַציאונגען מיטן ריכטער הונטשע, מיטן קאָמענדאַנט פון דער פאָליציי אורבאַניעק, מיטן סעקרעטאַר (דערנאָך בירגערמייסטער) פאַלאַק און אַנדערע — האָט ער פיל אַרויסגעהאָלפן דעם יידישן וויערושאָוו.

אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ס׳זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די פויערים פון דער סביבה, אונטערגעהעצטע דורך די שטאַטישע אַנטיסעמיטן, גרייטן זיך צו מאַכן אין אַ טאָרג־טאָג אַ פּאָגראָם, האָט דער זיידע זיך פאַרשטענדיקט מיטן פאָליציי־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט מאָביליזירט אַ גרעסערע גרופּע פאָליציאַנטן פון דער סביבה און צונישט געמאַכט אַלע פּאָגראָם־פּלענער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געקאָסט אַ היפּש ביסל מתנות, וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרן ביד רחבה פאַר יעדן, אָנהויבנדיק פון פּשוטן פאָליציאַנט ביזן סאַמע בירגערמייסטער.

דער זיידע האָט אויך געהערט צו די צוויי באַפולמעכטיקטע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן באַשטעטיקט אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום יידישן ציבור, ווי: באַשטעטיקן געבורטן, טויט־פאַלן און אַזוי ווייטער.

אויך די באָבע פאַלטשע איז געגאַנגען אין די זעלבע דרכים. אירע מעשים־טובים, איר געבן צדקה בסתר, אַז אַפילו דער זיידע האָט דערפון נישט געוווּסט — האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַן אמתע צדקת.

שרה אורבאך — כתריאל
ראשון־לציון


פון ווי׳ערושאווער לעבנס־שטייגער

(אַ בינטל זכרונות)

1

די ערשטע ציוניסטישע ביבליאָטעק

דאָס שאַפן אַ ביבליאָטעק אין די דאַמאָלטדיקע יאָרן — אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג — איז נישט געווען אַזוי „פשוט״. מ׳האָט געמוזט האָבן אַ היפּש ביסל דרייסטקייט צו אַרגאַניזירן אין אונדזער שטעטל, מיט איר דורותדיקער פרומער



קבוצה מחברי האגודה הציונית בשנת 1924
גרופע חברים פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין יאָר 1924

טראַדיציע, אַ ביבליאָטעק, וואָס זאָל באַזאָרגן די יוגנט מיט ביכער, וועלכע זענען נישט אַדורכגעגאַנגען דער „קאָנטראָל״ פון די עקסטרעם־פרומע עלטערן. דעריבער, ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן, צוזאַמען מיט מיין פריינדין, פרימעט פאַנקאָווסקי, דורך איר

ברודער דוד, צו דער דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך געפונען ביי אברהם יהודה ניימאַן אין הויז — האָבן מיר עס געמוזט אַדורכפירן זייער געהיים און בכדי אַנצוקומען אויפן אָרט, זענען מיר געגאַנגען דורך די „באַראַקעס" און דורך פאַרשנייטע פעלדער, אַז מ'זאָל נישט באַמערקט ווערן. צוליב דער אַ סיבה, האָט זיך ביי דער דערעפענונג באַטייליקט אַ קנאַפּע צאָל מענטשן.

נאָך אַ געוויסער צייט איז די פּאָפּולאַריטעט פון דער ביבליאָטעק געוואַקסן און דער לייענער־קאָלעקטיוו האָט זיך פאַרגרעסערט.

פּאַראַלעל מיט דער ביבליאָטעק־אַרבעט, האָבן מיר אַדורכגעפירט דערפאָלגרייכע זאַמל־אַקציעס לטובת דעם קרן־קימת, אָרגאַניזירנדיק די אַזוי־גערופענע באַזאַרן, אין וועלכע ס'האָבן אַן אַנטייל גענומען ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל און יידישע יוגנט בפרט.

ביי דער ענדע פון ערשטן וועלט־קריג, ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט די אַרבעט ווייטער אָנגעהאַלטן, כאָטש פיל פון די אַקטיווע טוער און מיטגלידער האָבן, צוליב פאַרשידענע סיבות, עמיגרירט.

2
אין הויז פון מיינע עלטערן

ווען איך דערמאָן זיך מיין חרוב־געוואָרענע היים, ווער איך באַהערשט פון טרויעריקע, אומעטיקע מחשבות. עס טויכן אויף זכרונות פון בלוט און טרערן. נישטאָ מער מיין היים, מיין שטוב, מיינע האַרציקע נאָענטע, וואָס זייער לעבנס־ציל איז געווען העלפן אַנדערע. נישטאָ מער אונדזערע יידן, וואָס מיט זייערע גרויסע מעשים טובים, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן צו די העכסטע הויכקייטן. אַלץ פאַרטיליקט, מיטן וואָרצל אויסגעריסן.

עס איז מיר איינגעקריצט אין זכרון, נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, דאָס זאָרגפולע געשטאַלט פון מיין פאָטער יעקב, וואָס נישט געקוקט אויף זיין שווערע פרנסה, ביים האַנדל מיט פעל און לעדער צוזאַמען מיט זיין ברודער טוביה, האָט נאָר געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו העלפן אַנדערע נויטבאַדערפטיקע. אונדזער שטוב איז שטענדיק געווען אָן אָפענע און יעדער, וואָס האָט זיך גענויטיקט, האָט ביי אונדז געפונען אַ וואַרעמע היים. איך דערמאָן זיך:

ביי מיין פאָטערס אַ ווייטן קרוב זענען געווען צוויי דערוואַקסענע טעכטער און קיין גרויסער בעל־פרנסה איז דער קרוב נישט געווען. ווי עס איז געווען אָנגענומען אין דער דאַמאָלטדיקער צייט, איז די הויפּט־דאגה געווען, וועגן שאַפן אַ נדן פאַר די טעכטער. מיין פאָטער צוזאַמען מיטן פעטער טוביה, האָבן די טעכטער אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט, בכדי זיי זאָלן פון זייער אַרבעט אָנזאַמלען אַ נדן. געוווּנט האָבן די שוועסטערן ביי אונדז און זייער פאַרדינסט האָבן זיי געשפּאָרט. ווי עס האָט זיך געפירט, האָבן זיי דאָס געלט אָוועקגעבאָרגט אויף פּראָצענט, ביז זיי וועלן עס

באַדאַרפן. מאַכט זיך אַ געשיכטע, אַז דער ייד, וועלכן מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן מענטש, האָט באַנקראַטירט און פאַר די מיידלעך איז עס געווען אַ גרויסע טראַגעדיע. מיין פאָטער מיטן פעטער, נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָבן אַרויסגענומען די פולע סומע אָפּגעשפּאָרטע געלטער און עס איבערגעגעבן די מיידלעך.

אונדזער שטוב, אַ שיינע דריי־צימערדיקע וווינונג, וואָס האָט געהייסן אַ באַקוועמע און גרויסע דירה, איז שטענדיק געווען פול מיט ווייטע און נאָענטע קרובים, מיט ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן געגעסן „טעג" און סתם אַנגעקומענע אורחים און אדורכ־



ר׳ טוביה כתריאל ומשפחתו בביקור אצל בנו צבי־הרמן על הגבול הגרמני.
ר׳ טוביה כתריאל און פאמיליע בשעת א באזוך ביים זון צבי־הערמאן אויף דער דייטשער גרענעץ

פאַרנדיקע יידן. יעדן פרייטיק צונאַכטס איז דער פאָטער אַוועק דער לעצטער פון שול און אויב ס׳איז איבערגעבליבן אַ פאַרגעסענער אורח — האָט דער פאָטער אים מיטגענומען. ביי דעם פאַל, האָט דער פאָטער, קלערנדיק, אַז די מוטער האָט נישט גענוג אָנגעגרייט, זיך נוהג געווען, אַז איידער ער פלעגט אַריינקומען מיטן אורח, שנעל זיך באַוויזן מיט אַ ברייטן „גוט־שבת" און מיט אַ שמייכל געזאָגט צו דער מוטער: „פריידעשי, היינט וועסטו מיר געבן אַ קליין שטיקעלע פיש, עפּעס האָב איך היינט איבערהויפּט נישט קיין אַפּעטיט". מיין האַרציקע מוטער האָט שוין פאַרשטאַנען אין וואָס עס „האַנדלט זיך" זי האָט מיט אַ שמייכלדיק פּנים אויפגענומען דעם אורח מיט גרויס כיבוד. אַזוי האָבן זיך נוהג געווען די צוויי ברידער און זייער גאַנץ לעבן איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט גוטע מידות און מעשים־טובים. איך געדענק, אַז ווען דער

פעטער טוביה איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט און ער האָט געפילט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, האָט ער צוגערופן זיין זון איצעק און פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זאָרגן פאַר אַ משפחה וואָס די צוויי ברידער האָבן כסדר אויסגעהאַלטן.

מיין מוטער, גייענדיק אין טאַטנס דרכים, פלעגט אַוועקגעבן פאַר די געסט און אורחים דאָס לעצטע. אויך אונדזערע יונגע חברטעס און חברים, וועלכע פלעגן צו אונדז אַריינקומען, האָט די מוטער אויפגענומען ווי אייגענע קינדער.

פון די נאָבעלע געשטאַלטן, דערמאָן איך זיך מיין ברודער משה, וועלכער האָט געלערנט ביי הרב זילבערמאַן און געשמט אַלס עלוי. איינמאָל האָט מיין ברודער געווינען אויף דער לאָטעריע 25 רובל, וואָס איז דאַמאָלט געווען אַ היפּשע סומע. הערנדיק אין דער היים, אַז ביי אונדזערס אַ קרובה איז שווער מיט פרנסה, האָט ער דאָס גאַנצע געלט איר אַוועקגעגעבן. מיט אַזעלכע גוטע מידות איז אויך געווען באַשאָנקען די שוועסטער פייגע, וואָס האָט נאָר געזוכט, ווי צו טאָן עמיצן אַ טובה.

קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן דעם טייערן און ערלעכן ייד, מיין פעטער ר׳ ליפּמאַן זעלקאָוויטש ז״ל (דער פאָטער פון ר׳ מרדכי שמואלן ז״ל). שטענדיק האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער האָט נאָך נישט יוצא געווען פאַרן רבונו של עולם. געזעסן על התורה און זייער אָפט, אויף זיך גוזר תענית געווען. אַ ספּעציעלע הנאה האָבן מיר געהאַט, ווען דער פעטער ליפּמאַן, פלעגט פאַר אונדז, פרויען און מיידלעך, לייענען פורים די מגילה. באַשעפטיקט האָט זיך דער פעטער מיטן האַנדל פון שניט־סחורה, אָבער קיין פרנסה פון דעם, האָט ער נישט געהאַט. ווייל, ווען ער האָט שוין ענדלעך אויפגעשטעלט דעם סטראַגאַן אויפן מאַרק, בעת די טאַרג־טעג, האָט ער — וואַרטנדיק אויף אַ קונה — דערווייל „אַריינגעכאַפּט" אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און אַזוי שטייענדיק פאַרטראַכט אין הימל־זאַכן — האָבן די פויערים צעגנבעט די קראָם. ערשט נאָך יאָרן האָט ער זיך געלאָזט איבערצייגן און ליקווידירט דאָס „געשעפט".

פון די נאָענטע שכנים, וועלכע זענען זייער אָפט צו אונדז אַריינגעקומען, שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן דער תלמיד־חכם און האַרציקער ייד, ר׳ איטשע מאיר גאד ז״ל, וואָס חוץ אין תורה איז ער אויך געווען באַהאַוונט אין וועלטלעכע זאַכן. מ׳האָט אים גערופן „דער קאַווע־ברענער", ווייל ער פלעגט אימפּאָרטירן רויע קאַווע, לאָזן ברענען און דערנאָך פאַרקויפן אין דער גאַנצער אומגעגנט. ער איז אויך געווען אַ מוהל און די מצווה האָט ער נישט אַדורכגעלאָזט די גאַנצע יאָרן. ווען ער איז שוין געווען אין טיפער עלטער, האָט ער אַדורכגעפירט דעם ברית ביי מיינע קינדער.

* * *

אין יאָר 1935 האָב איך פאַרלאָזט דאָס שטעטל און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. כאָטש מיר זענען אַדורכגעגאַנגען אומגעהויערע שוועריקייטן, מוז מען אָבער מאַכן דעם סך־הכל, אַז ס׳איז געווען כדאי, מיר זיצן אויף אייגענע ערד אין אַן אייגן לאַנד. עס בלוטיקט נאָר דאָס האַרץ פאַר די אומשולדיק־אומגעקומענע, ריינע נשמות, וועלכע זענען פריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן דורך אַ בלוטיקער, אכזריותדיקער האַנט און נישט זוכה געווען צו זען דאָס פרעכטיקע ווערק, וואָס הייסט: באַפרייט ישראל.

נתנאל (סנה) כהן

וועגן מיין פאמיליע און אנדערע זכרונות

מיין פאָטער, ר' הלל כהן ז"ל

שוין אַלס קינד האָט מיין פאָטער געשמט אַלס עילוי. ער איז געווען פון די בעסטע תלמידים ביי אונדזער באַליבטן רב ר' שאול זילבערמאַן זצ"ל און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט ער געלערנט, לויט דער עצה פון ר' שאולן, אין דער ישיבה פון ראַדאָמסקער רב.

נאָך דער חתונה מיט דער טאָכטער פון לאָדזשער גביר, ר' יצחק גבריאל ראַדזינער, זייענדיק אויף קעסטביים שווער, גיט זיך דער פאָטער אָפּ מיט לערנען יומם ולילה און ער האָט אַרום זיך גרופּירט אַ קרייז פון יונגע תלמידי־חכמים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט און איבערגעגעבן זיינע גרויסע תורה־קענטענישן. צווישן זיינע תלמידים האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער גאון און מזרחי־עסקן הרב שמואל הלוי בראָט (טאָמאַשאָווער רב און סיים־דעפּוטאַט).

אין יאָר 1907, ווען דער זיידע, ר' יצחק גבריאל האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, קומט דער פאָטער, מיט דער פאַמיליע, צוריק קיין וויערושאָוו. אויך דאָ האָט ער איין איינציקן ציל — לערנען תורה. (מיט פרנסה האָט זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען די מוטער).

דער פאָטער פאַרנעמט זיך אויך מיט צרכי־הציבור. ער איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון דער „שלומי אמוני ישראל" (שפּעטער „אגודת־ישראל"), ווי אויך אַלס גבאי פון „קופּת רבי מאיר בעל הנס".

זיין באַציאונג צום ארץ־ישראל ווערק איז פול מיט התלהבות.

איך דערמאָן זיך, אַז אין יאָר 1924, ווען מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע, באַשליסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל אויף אַן אומלעגאַלן וועג — אויף וועלכן פול האָבן געקוקט ווי אויף אַ ייִנגלערישן שריט — באַקום איך פון מיין פאָטער זיין ברכה.

שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן, דינענדיק אַלס גאַפיר (ספּעציעלע פּאָליציי־דינסט), האָב איך איבערגעשיקט אַ היים מיין בילד אין גאַפיר־מונדיר. אויף דעם האָב איך באַקומען פון מיין פאָטער אַן ענטפער, אַז ער איז גליקלעך פון זיין זון, וועלכער באַטייליקט זיך אין אויפבוי און אין דער פאַרטיידיקונג פון הייליקן לאַנד.

דער פעטער, ר' גבריאל ז"ל

זיין נייגונג צו כלל־טועריי, האָט דער פעטער געירשנט פון זיידן, ר' ישראל ז"ל, וועלכער איז אין זיינער צייט געווען פון די סאַמע חשובע בעלי־בתים אין שטעטל און לאַנגיאָריקער דאָזאָר.

דער פעטער, גייענדיק אין די דרכים פון זיין פאָטער, נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל און אויף אַלע געביטן ווו ס'איז נויטיק הילף פאַרן ייִדישן ציבור, איז דער פעטער, ר' גבריאל פון די ערשטע.

כ׳דערמאָן זיך אַ פאַל וואָס האָט פאַסירט אין יאָר 1918, באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען אין שטעטל האָט געבושעוועט אַ גרויסער הונגער, ווייל די דייטשן האָבן אַלץ אַרויסגעפירט, איז געווען אַ סכנה, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין מצות אויף פסח. דער פעטער, מיט זיין איניציאַטיוו און דערפינדערישקייט, געלונגט אויסצוגעפונען אַ גרויסן קוואַנטום ווייץ, וועלכער האָט אָבער געהאַט אַ פעלער, ער איז געווען „אויסגעוואַקסן". (אָנגעפאַנגען אַרויסצולאָזן וואָרצלען), וואָס לויטן דין, טאָר מען נישט אַזאַ ווייץ נוצן צו מצות. דער פיליצער רבי, וועלכער איז דאַמאָלט געווען רב אין שטעטל, האָט דעם ווייץ מתיר געווען, בתנאי, אַז מ׳זאָל אים אַדורכקלויבן.

מיין פעטער אָרגאַניזירט זאָפאָרט אַלע בחורים פונעם שטעטל און דער ווייץ ווערט געבראַכט אין בית־המדרש, ווערט גענוי איבערגעקליבן און יידיש ווישרושאָוו איז געוואָרן באַזאָרגט מיט מצות.

חוץ איבערגעגעבענער עסקן איז דער פעטער אויך געווען אַ גרויסער גביר. ער האָט זיך פאַרנומען מיטן לעדער־מסחר און אויך געהאַט אין פאַדזאַמצע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער דייטשישער זייט, אַ ווערקשטעל, וווּ מ׳האָט צוגעשניטן ס׳לעדער אויף די נויטיקע מאָסן און עס אַריבערגעשמוגלט קיין ווישרושאָוו.

ביים שמוגלען סחורות פון דייטשלאַנד, — אַ וויכטיקער פרנסה־צווייג ביי די ווישרושאָווער יידן — האָט דער פעטער געהאַט געניאַלע איינפאַלן. איך געדענק, ווען כ׳בין געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, האָט מיך דער פעטער געשיקט, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער מאַניע אַריבערשמוגלען אַ ביסל סחורה. ער איז געווען זיכער, אַז מיר, קינדער, וועלן נישט רעווידירט ווערן אין צאָל־אַמט. אָבער אין דעם פאַל, האָט דער פעטער געהאַט אַ טעות, ווייל דער צאָל־מייסטער האָט זיך גוט „אָריענטירט" אין דעם „פאַך". צוקומענדיק צום צאָל־אַמט, ווערן מיר רעווידירט און די גאַנצע סחורה וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט אויף אונדזערע קערפערס, ווערט צוגענומען. דער צאָל־מייסטער האָט אונדז געהייסן צוריקגיין און איבערגעבן דעם פעטער גבריאל, אַז צום שמוגלען זאָל ער נעמען שמוגלער, פאַכלייט, ווייל „אויך אַנדערע דאַרפן האָבן פון וואָס צו לעבן".

מיין עליה קיין ארץ־ישראל

אין אָנפאַנג פון די 20־ער יאָרן, הויבט זיך אָן אַן אויסוואַנדערונג פון דער יידישער יוגנט אין פוילן. אַ געוויסער טייל ווישרושאָווער, זענען אַוועק קיין פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. דער גרעסטער טייל, האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל.

אָנפאַנג 1924, האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט אַ גרופע בחורים, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען: קלמן כתריאל, משה עזער, יעקל דוד עליאַש, איך און נאָך עטלעכע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל פאַר יעדן פרייז.

צום סוף איז פון דער גאַנצער גרופע געבליבן בלויז איך און קלמן כתריאל. נישט האָבנדיק די מינדעסטע פראַקטיק אין אַזעלכע ריזיקאַלישע נסיעות, האָבן מיר זיך געלאָזט אויפן וועג קיין רומעניע. אויפן וועג, האָבן מיר זיך געווענדעט צו די ציוניס־

טישע אָרגאַניזאַציעס אין קראָקע און אין לעמבערג וועגן הילף און אינפאָרמאַציע. אָבער די אָנפירער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו אונדזער פּלאַן. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע עצה, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אַ גרענעץ־שמוגלער, וועלכער האָט אונדז אַריבערגעפירט פון שניאַטין קיין טשערנאָוויץ.



קבוצה של תנועות הפועלים
גרופּע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג

צו דער צייט, האָבן זיך אין טשערנאָוויץ געפינען בערך הונדערט בחורים און מיידלעך פון פּוילן, וועלכע זענען מיטן זעלבן ציל אָנגעקומען קיין רומעניע. כאָטש די טשערנאָוויצער יידן האָבן אונדז זייער האַרציק אויפגענומען, באַזאָרגנדיק אונדז מיט אַלעם נויטיקן, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגער. ערשטנס צוליב שיקאַנעס פון דער רומענישער פּאָליציי און צווייטנס צוליבן אָפּזאָג מצד דעם פּאַלעסטינע־אַמט, אונדז צו דערטיילן סערטיפיקאַטן, מאָטיווירנדיק, אַז דער באַגרע־נעצטער צאָל סערטיפיקאַטן זענען נויטיק פאַר די רומענישע עולים.

ערשט נאָך אַ קורצער צייט, צוליבן דרוק פון די טשערנאָוויצער יידן, באַקומען מיר סערטיפיקאַטן און האָבן עולה געווען.

קומענדיק אין לאַנד, האָט אונדז זייער גוט אויפגענומען הערשל עליאָש. ער באַזאָרגט אונדז מיט אַרבעט און פאַרלייכטערט אונדזערע ערשטע שריט. כ'דערמאָן זיך פּאָלגנדן עפּיזאָד פון מיינע ערשטע אַרבעטס־טעג אין לאַנד. געווען איז עס אין

פתח־תקוה, ווּ איך האָב געאַרבעט אין אַ פּרדס. שטייענדיק טויט־מיד, פון דער נישט צוגעוווינטער פיזישער אַרבעט, קומט צו צו מיר אַ ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ פּאָר לאַנגע וואַנצעס און פרעגט מיך: „וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט בחורל?" איך האָב אים געוויזן די מאַזאָליעס און בלאָזן אויף מיינע הענט. „זאָרג זיך נישט — האָט דער ייד מיר געקלאַפּט אין פּלייצע — שווער איז נאָר אין די ערשטע 70 יאָר, דערנאָך גייט שוין לייכטער"...



ביילה הולצמן — גרבובסקי בהכשרה בקיבוץ „בורוכוב" בלודז. שנת 1934
ביילע האלצמאן — גראבאווסקי אויף הכשרה אין קיבוץ „באראכאוו" אין לאדזש. יאָר 1934

דאָס איז געווען דער באַרימטער ערשטער שומר אין ארץ־ישראל אברהם שאַפּיראָ.

צום סוף וויל איך דערמאָנען נאָך אַן עפּיזאָד. דאָס איז געווען בעת מיין דינסט אין דער ענגלישער אַרמיי (כ'האָב געדינט 61 חדשים) געפינענדיק זיך אין אַ גריכיש שפּיטאָל, זענען די קראַנקע געוואָרן באַזוכט, צוליב די ווייניאַכטן, דורך דער גריכישער קעניגין, וועלכע האָט פאַרטיילט צווישן זיי דעם „נייעם טעסטאַמענט".

צוקומענדיק צו מיר, האָב איך זיך אַנטשולדיקט און דערקלערט דער קעניגין, אַז איך אַלס ייד, קאָן נישט אַננעמען איר געשאַנק. כאָטש די באַגלייטנדיקע גלחים האָט דאָס שטאַרק אויפגערעגט, האָט זיך די קעניגין צעשמייכלט און אין אַ גאָר קורצער צייט האָט זי מיר איבערגעשיקט אַ תנ"ך אין גריכישער איבערזעצונג מיט איר אייגנהענטיקער אונטערשריפט.



סנה כהן וקלמן כתריאל בעבודתם בארץ
סנה כהן און קלמן כתריאל ביי דער ארבעט אין לאנד.

קלמן פראַצעל ז״ל

ווייערושאוו — אמאל

(זכרונות)

מלמדים

פון די ערשטע ווייערושאָווער מלמדים, וואָס איך געדענק, זענען געווען: משה מלמד (וואַצלאַווסקי), אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן „דער קישקע־מאַכער״ — ווייל ער האָט אויך צוגעהאַנדלט מיט קעלבערנע קישקעס, בערעלע מלמד, דוד זשיטניצקי (לענטשיצערס איידעם), דער בלאַשקער מלמד (שוואַרצבאַרט), שייע מאיר מלמד, הערשל קוטנער און דער זאַלאַשינער מלמד, יהושע שילסקי.

אונדזערע מלמדים האָבן זיך פאַרנומען, נישט בלויז מיטן לערנען דברי קודש. משה מלמד, האָט אויך געלערנט לעזן און שרייבן און בערעלע, האָט חוץ חומש און גמרא, געלערנט פאַרשידענע שפראַכן, פויליש, דייטש און רוסיש. בערעלעס חדר, ווו אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען אַ גרויסער פאָרטרעט פון רוסישן צאַר, איז אויך געווען אָנערקענט דורך דער רוסישער מאַכט.

בעת די באַזוכן פון רוסישן שול־אינספּעקטאָר, זענען אויך מיר, צוזאַמען מיט די קריסטלעכע קינדער, עקזאַמינירט געוואָרן אין בנין פון דער אָפיציעלער שולע (ביים קלויסטער).

דער בלאַשקער מלמד, וואָס האָט אַ לאַנגער צייט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, באַהערשנדיק די רוסישע שפּראַך, האָט געלערנט מיט די קינדער רוסיש. הערשל קוטנער איז געווען אַ „ספּעציאַליסט״ צו די אָפיציעלע צערעמאָניעס. ער האָט אויסגעלערנט די קינדער דעם „נותן תשועה״ פאַרן צאַר און מיט גרויס חשיבות און ערנסטקייט, האָט ער צוגעגרייט דעם גאַנצן פּאַראַד אין שול.

אין די גאַר־פריערדיקער צייט, האָט מיר מיין פאָטער דערציילט, איז געווען נאָך אַ מלמד, „דער ליטוואַק״, ער פלעגט אין די פאַרטאָגס גיין פון הויז צו הויז און וועקן די קינדער, זיי זאָלן אויפשטיין לערנען. ער איז געווען דער פאָטער פון ר׳ ליפּמאַן זעלקאָוויטש, דער זיידע פון ר׳ מרדכי שמואלן.

דער רב, הרב שאול זילבערמאן זצ״ל

אונדזער רב, דער גאון הרב זילבערמאַן, איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה. ער איז געוואָרן געאַכטעט נישט בלויז דורך דער יידישער באַפעלקערונג. אויך קריסטן, איבערהויפּט די באַאַמטע פון צאַל־אַמט, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו טרעפן דעם רב, צוליב זיינע אָפטע נסיעות איבער דער גרענעץ, האָבן אים אַרויסגעוויזן גרויסן דרך־ארץ. ווו דער רב האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער באַגלייטונג פון חננאל דעם בית־דין שמש, האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויסן רושם.

הרב זילבערמאַן האָט אויך אָנגעפירט מיט דער באַקאַנטער „רבס ישיבה״, אין וועלכער עס זענען געזעסן על התורה, נישט בלויז בחורים פון ווייערושאָוו. עס האָבן

אין דער ישיבה געלערנט, פיל צוגערייזטע ישיבה־בחורים און ס'איז געווען אַ זכות, אַז מ'איז דאָרט אָנגעקומען לערנען.

די פרעמדע, צוגערייזטע ישיבה־בחורים, זענען געוואָרן וואַרעם אויפגענומען דורך דער יידישער באַפעלקערונג, באַזאָרגנדיק זיי מיט אַזוי־באַקאַנטע „טעג־עסן".

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער רב האָט דאָס געטאָן שלא על מנת לקבל פּרס. זיין גאַנצער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט, חוץ דער אָפיציעלער פונקציע אַלס רב פון שטעטל, האָט ער געטאָן לשם מצווה.

„מזרחי"

די טעטיקייט פון דער „מזרחי", וועלכע איז שוין געוואָרן, טיילווייז, געפירט עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, האָט נאָכן קריג, ביי לעגאַלע באַדינגונגען, באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג. פיל אָנגעזעענע יידישע כלל־טוער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער אָרגאַניזאַציע און געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט פאַרן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

אין יאָר 1925 האָבן מיר געדונגען צוויי צימערן, ביי קאַמינסקין, און דאָרט איינגעאָרדנט אַ „מזרחי"־שול, וואָס איז מיט דער צייט, געוואָרן באַזוכט דורך צאָלרייכע מתפללים.

מיר האָבן אויך געגרינדעט אַ „חברת־עולים", וועלכע האָט געהאָלפן אונדזערע חברים, עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

צוויי פון אונדזערע חברים, יעקב שלמה שולזינגער און יעקב לעווי, האָבן עולה געווען אויף די פולע קאָסטן פון דער חברה. (ליידער זענען זיי צוריקגעקומען און אומגעקומען בעת דער שואה).

בעל־קורא אין דער „מזרחי"־שול איז געווען מאיר יאָסקע יאַקובאָוויטש און בעל־תפילה אין די ימים־נוראים איז געווען משה דאַמב.

פון די אַקטיווע חברים אין „מזרחי", דאַרפן דערמאָנט ווערן: מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, אברהם אורבאַך, אברהם יהודה ניימאַן, דער שרייבער פון די שורות און פיל אַנדערע.

פרנסה־צווייגן אין שטעטל

אונדזער גרענעץ־שטעטל וויערושאָוו, האָט זיך עקאָנאָמיש אויסגעלעבט נישט בלויז מיט האַנטווערקעריי און אָרטיקן האַנדל, ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן, מיר האָבן אויך געפירט אַ פאַרצווייגטע האַנדלס־טעטיקייט מיט דייטשלאַנד, פון וועלכער, פיל יידישע משפחות האָבן זיך מפרנס געווען.

הונדערטער וואַגאָנען מיט קאַרטאָפל, גענדז, אייער, פּוטער, תבואה, רוי־לעדער און אַנדערע אַרטיקלען, זענען יעדן חודש געוואָרן עקספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד. דער אימפּאָרט פון דייטשלאַנד, אויך אין מאַסן־כאַראַקטער, איז באַשטאַנען פון זאַלץ, הערינג, שטיין־קוילן, עסיק און אַנדערע סחורות. דער מסחר איז געווען מוסטערהאַפט אָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיווער פאָרם, איינטיילנדיק דעם האַנדל לויט רעסאָרטן.

מיטן זאַלץ־מסחר האָט אָנגעפירט ר׳ אברהם מענדל אָרענבאַך, (שפּעטערדיקער רב פון שטעטל) און צווישן די אָנגעזעענסטע סוחרים האָבן זיך געפונען ישראלקע אויערבאַך, ישראל ענגעלמאַן און ישראל לעווי. אויך קריסטן זענען געווען מיט־שותפים צום מסחר, ווי ציבעק, דירעקטאָר פון דער אַלגעמיינער שולע און מאַטושעווסקי.



קופל ופעסה עזער שנפצעה ורגלה נקטעה בזמן היריות של הגרמנים על וירושוב, בשנת 1918.
קאפל און פעסא עזער וועלכע איז געווארן פארוואונדעט בעת דער דײטשישער באמבארדירונג אין יאָר 1918.


פון די גרויסע האַלץ־עקספּאָרטערן זענען געווען ר׳ שמואל יהודה און העניך גאָלדמאַן, אַליעזר לעוועק, אַנשל פאנטעל, הערש וואָלף לאַנגנאַס מיט זיינע זין און אַנדערע.

מיטן תבואה־האַנדל, האָבן זיך באַשעפטיקט: הערש משה פראָצעל, אליעזר גראַבאָווסקי און איטשע שפּירא.

מיטן עקספּאָרט פון גענדז און אייער (געוואָרן אָנגעפירט דורך אַ קריסט, דלוגאָ־שווסקי), האָבן זיך פאַרנומען: יעקל דאָמב, יעקב לייב שטשופּאַק, זיסמאַן געלבאַרט, יעדוואַב, משה דאָמב, יחיאל רינג, שלמה פּראַצעל, אברהם יהודה ניימאַן, וואָלף שמואל דאָמב, די ברידער דוד און מאיר לעווקאָוויטש, משה אהרן אייזנער ישראלקע אויערבאַך, פייוויש שמולעוויטש, הענעך אַראָנאָוויטש, משה שמואל און יאָסל פּראַצעל, אייזיק כתריאל און אַנדערע.

„האַלערטשיקעס"

נאָכן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס שטעטל אין יאָר 1919, ווען מיר זענען געוואָרן צוויי מאָל אכזריותדיק באַשאָסן דורך דער דייטשישער אַרטילעריע, האָט זיך, מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, באַוויזן אַ נייע פּלאָג, די סאָלדאַטן פון דער פּוילישער פאַרמאַציע, אָנגעפירט פון אַנטיסעמיטישן גענעראַל האַלער. עס זענען פאָרגעקומען, טאָג־טעגלעך, פּאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך נישט געהאַט צו שעמען פאַר דער רוסישער שוואַרץ־מאה.


Organizacja Sjonistyczna w Polsce
Oddz. w Wieruszowie
ul. Marsz. Piłsudskiego Nr. 48

הסתדרות הציונית בפולניה
סניף בווירושוב
רחוב פילסודסקי 48

w odpow. powoływać się na Nr. 759/38
בתשובה נא להזכיר

Wieruszów 5/III 38
ווירושוב

אישור לקלמן פרוצל על פעילותו בתנועה הציונית. 1938.
באשטעטיקונג פאר קלמן פראצעל פון זיין טעטיקייט אין דער ציוניסטישער באוועגונג יאָר 1938.

איך דערמאָן זיך, ווען כ׳בין געווען אונטערוועגנס, צווישן שעראַדז און זלאָטשעוו, האָב איך געטראָפן טוביה כתריאל, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל נישט פאָרן קיין ווירושאָוו, ווייל דאָרט גראַסירן די האַלער־באַנדעס, וועלכע פּאָגראָמירן און ראַבעווען די יידישע באַפעלקערונג. זייענדיק באַאומרואיקט צוליב מיינע אַלטע עלטערן, האָב איך זיך איינגעשטעלט און געלאָזט זיך שנעל אין דער ריכטונג פון ווירושאָוו. אָנקומענדיק אין שטעטל, וועלכעס ס׳איז נישט געווען צו דערקענען, האָב איך גענומען מיינע עלטערן, וועלכע זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין סטאָדאָלע פון שלמה רוסעק און ביי סכנות נפשות, זיי איבערגעפירט קיין זלאָטשעוו.

דער גאַנצער וועג איז געווען פול מיט וויערושאַווער פליטים, וועלכע האָבן זיך געוואַלט ראַטעווען אין די אַרומיקע שטעטלעך, וויעלון, לוטוטאָוו, זלאַטשעוו און אַנדערע.

די יידישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך האָבן ברודערלעך אויפגענומען אונדזערע פליטים, טיילנדיק זיך מיטן לעצטן ביסן.

בעת די פּאָליאַקן פירן אַדורך אַ מאָביליזאַציע צו דער מלחמה מיט רוסלאַנד, ווערן די יידישע סאָלדאַטן געשיקט אויפן סאַמע פייער און צווישן די פילצאָליקע געפאַלענע יידישע סאָלדאַטן, איז אויך געווען מיין ברודער בערל.

* * *

אין יאָר 1929, בין איך אַוועק קיין דאַנציק און דאָרט געוווינט ביזן אויסברוך פון קריג אין יאָר 1939. ממש אין די לעצטע שעהן, געלונגט מיר עולה צו זיין, אויף אַן אומלעגאַלן אופן, קיין ארץ־ישראל. צוזאַמען מיט מיר, איז געווען מיין בן־יחיד צבי הי״ד, וועלכער איז אומגעקומען, מיט אַ העלדישן טויט, אין דער באַפרייי־אונגס־מלחמה, בעתן אויפרייסן די בריק „גשר חוסיין" אין בית־שאָן.

מיין פרוי און טאָכטער, וועלכע זענען איבערגעבליבן אין פוילן, האָבן מיטגע־טיילט דעם גורל פון אַלע קדושים. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־אויוונס פון כעלמנאָ אין יאָר 1942.


השם ינקום דמם!

בערל שמולעוויטש
פראַנקרייך

יידישע ארבעטער־באוועגונג אין וויערושאוו

אונדזער שטעטל, מיט די, בערך, 5.000 יידישע נפשות, האָט ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, זיך אויסגעלעבט, ווי הונדערטער אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פוילן, מיט דער אַלטער דורותדיקער טראַדיציע.

דער מקור פון יידישער דערציאונג, איז געווען דער חדר און שפּעטער דער בית־המדרש. די יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט און שטרענג אָפּגעהיטן די יידישע געבאָטן און מנהגים. כאָטש אין אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט, האָט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט פאַרפלייצט די רוסישע אימפּעריע, אָנגערירט




קבוצה מ„השומר הצעיר".
גרופּע פון „השומר הצעיר"

אויך אונדזער שטעטל — האָט דאָס אָבער געטראָגן אַ דורכגייענדיקן, צייטווייליקן כאַראַקטער. דאָס שטעטל איז געבליבן, ווי אין די אַלטע צייטן און דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן אָנגעפירט דורך רבנים, דאַזאָרעס און אַנדערע רעליגיעזע פאָרשטייער.

אין מיטן פון וועלט־קריג, בערך אין יאָר 1916, קומט פאָר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין לעבנס־שטייגער פון יידישן ישוב. נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן איבער דער

יידישער קאָנצענטרירטקייט פון מזרח־אייראָפּע און אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער ווירושאָוו.

צו דער אַ צייט, מערקט זיך אַן אויפשוווּנג פונעם ציוניסטישן געדאַנק, וועלכער באַאיינפלוסט די יידישע באַפעלקערונג בכלל און די יוגנט בפרט, זייענדיק איבערצייגט, אַז נאָר די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין ארץ־ישראל וועט לעזן די אַזוי־שטאַרק אָנגעווייטיקטע יידישע פראַגע. איבער דעם איז אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך, אַז די געשאַפענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, האָט באַלדביים אָנהויב, געהאַט גרויסן דערפאָלג און האָט אַרומגענומען אַ גאָר גרויסן טייל פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.



קבוצות של תנועות הפועלים.
גרופן פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג

אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווערן אויך געשאַפן פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פון עקסטרעם־רעכטע, ווי „ביתר", ווי אויך אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט".

עס זענען אָבער געווען אַ געוויסער טייל אַרבעטער־יוגנט, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען, אַז דאָס יידן־פּראָבלעם דאַרף געלעזן ווערן נאָר אין ארץ־ישראל. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס זענען פאַראַן, ברענענדיקע, טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, וועלכע

מוזן דעצידירט ווערן אויפן אָרט. איבערהויפט ווען אין דער דאַמאָלטדיקער צייט, האָט דער ציוניזם אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע.

אויך דער אָ טייל יוגנט, באַשליסט זיך צו אָרגאַניזירן, בכדי געמיינזאַם צו פירן אַ טעטיקייט לטובת דעם יידישן אַרבעטס־מענטשן.

קולטור און דערציאונגס־טעטיקייט

פּאַראַלעל מיט דער טעטיקייט פאַרן אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, פאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, קעגן דער שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע מצד די אַרבעטס־געבער, האָט זיך גענויטיקט צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יונגע יידישע



קבוצה של תנועות הפועלים
גרופּע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג

אַרבעטער. צו דעם צוועק ווערט געשאַפן אַ יידישער קולטור־קרייז, וועלכער פאַרנעמט זיך, דער עיקר, מיטן איינאָרדענען אָוונט־קורסן פאַר דער יוגנט, ווו עס ווערט געלערנט שרייבן און לעזן.

די אָ אַרבעט איז געווען זייער וויכטיק פאַר דעם טייל יוגנט, וואָס אויסער עטלעכע יאָר חדר־לימדים, האָבן נישט באַזיצט די מינדעסטע בילדונג. דער קולטור־קרייז,

פאַרנעמט זיך אויך מיטן אָרגאַניזירן אַמאַטאָרישע טעאַטער־אויפטריטן, מיט וועלכע עס פירט אָן משה עזער און אַנדערע פריינט. אין דער ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט, דאַרף מען אויך אַריינרעכענען דעם ספאָרט־קלוב „מאַגנשטערן", ווו די יידישע אַרבעטער־יוגנט האָט באַקומען אַ ספאָרט־אויסשולונג.

זעט אויס, אַז די אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס מיר האָבן געפירט צווישן דעם האַרעפּאַשנעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז נישט געוועזן צום האַרצן פון דער פוילישער פּאָליציי און נאָך אַ קורצער צייט, אין יאָר 1924, ווערן מיר דערקלערט אַלס אומלעגאַל. נאָכן פאַרבאָטן אונדזער טעטיקייט, הויבן זיך אָן פּאָליציייִשע



קבוצה של תנועות הפועלים
גרופּע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג

רעפּרעסיעס און 12 פון אונדזערע אָנפירער, מענער און פרויען, ווערן אַרעסטירט און געשטעלט פאַר אַ משפט, פאַר פירן אַן אַנטי־רעגירונגס־טעטיקייט און ווערן פאַרמשפט צו צוויי און דריי יאָר תפיסה.

נישט קוקנדיק אויף די רעפּרעסיעס און הערשנדיקן טעראָר, ווערט געפירט, דורך די איבערגעבליבענע חברים, אונטער פאַרשידענע נעמען, אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אויף אַלע געביטן.

פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין

אַ וויכטיקן ביישטייער פאַרן אויסבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון יידישן אַרבעטס־מענטש, פאַרן אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און העכערן די לוינען, האָט פאַרנומען דער געשאַפענער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, וועלכער איז געוואָרן אַ פאַקטאָר, מיט וועלכן די אַרבעטס־געבער זענען געוואָרן געצוווּנגען זיך צו רעכענען. און נישט בלויז די ארבעטס־געבער. אויך די פּוילישע רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע איז געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן געוויסע אונדזערע פאָדערונגען.

דער קאָנפליקט מיט דער אַדמיניסטראַציע איז אויסגעבראָכן צוליבן פעלן פון אַ קראַנקן־קאַסע אין וויערושאָוו.

צו דעם צוועק זענען מיר געוואָרן דעלעגירט, הערשל אָלעשינסקי און דער שרייבער פון די שורות, קיין וויעלון צום קרייז־קאָמיסאַר. נאָך לאַנגע אונטער־האַנדלונגען און דראָאונגען פון אונדזער צד, איז דער קאָמיסאַר געווען געצוווּנגען נאָכצוגעבן און וויערושאָוו האָט באַקומען אַ קראַנקן־קאַסע, וווּ אַרבעטער האָבן באַקומען מעדיצינישע הילף.

אויסער דער פּראָפעסיאָנעלער און קולטורעלער טעטיקייט, ווערט אויך געשאַפן — צוזאַמען מיט פּוילישע אַרבעטער — אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אָן אומלעגאַלע, העפטיקע, פּאָליטישע טעטיקייט. די צאָל אַקטיווע מיטגלידער — אויסער סימפּאַטיקער — איז געווען ניינציק. פאַר אַזאַ שטעטל, ווי וויערושאָוו, און נאָך דערצו ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען, איז עס געווען נישט קיין קליינע צאָל.

ליבע אסתר וועלצמאַן — ספיר
ישראל

ווען יידיש ווילנע־שאוו האט געלעבט

כאָטש שוין אַ היפּשע צייט איז אָפּגעפלאָסן זינט כ'האָב פאַרלאָזט אונדזער היים־שטעטל, זע איך נאָך איצט פאַר מיינע אויגן, די גאַסן, די „באַראַקעס", די „גינטערוווקע", דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ מיטן „פּאָמניק" און דעם גרויסן מאַרק־גאָרטן, וועלכער האָט געדינט די אָרטיקע גויים צו פּראַווען דעם טראַדיציאָנעלן סילוועסטער־אָוונט, אַרומ־טאַנצנדיק אַרום דעם גאָרטן מיט אַן התלהבותדיקן „פּאָלאָנעז".

ס'איז מיר ביז איצט איינגעקריצט אין זכרון, דאָס יידישע טראַדיציאָנעלע לעבן און דער דראַנג נאָך וויסן ביי דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט. די אידיליע פון יידישע שבתים און יום־טובים און דער עקסטאַז פון יונגן יידישן דור, וועלכער האָט זיך געריסן מיט יוגנט־ענערגיע, מיט אימפּעט, צו נייע אידעען, נייע שטרעבונגען. דאָס אַלץ זע איך פאַר מיינע אויגן און עס גלויבט זיך נישט, אַז אַזאַ אימפּולסיוו יידיש לעבן איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן דורך באַרבאַרישע בלוט־זויגער, דורך אַ היטלערישן וועלט־תלין.

אין מיינע ווייטער־פאַרצייכנטע דערינערונגען, וועל איך דערמאָנען עטלעכע מאָמענטן, וועלכע וועלן וואַרפן אַ שיין ווי אַזוי ס'האָט געלעבט און געראַנגלט זיך אונדזער יידיש ווירושאָוו.

בילדונג

חוץ די חדרים, ווו יידישע קינדער האָבן געלערנט תורה פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט אויך עקזיסטירט אַ מאָדערן חדר ביי משה רינג, ווו מ'האָט אויך געלערנט לעזן און שרייבן פויליש.

אין דעם חדר האָבן אויך געלערנט מיידלעך, שפּעטער זענען אָנגעקומען לערערינס פון לאָדזש, וועלכע האָבן געלערנט אַלע דיסציפּלינען, לויטן פּראָגראַם פון וויעלונער גימנאַזיום. ס'איז אויך געווען אַ 4־קלאַסיקער פּאָר־גימנאַזיום מיט אַלע רעגירונגס־רעכטן, אָבער געציילטע יידישע מיידלעך האָבן דאָרט געלערנט, ווייל דאָרט איז די לערע פאָרגעקומען אויך שבת און אויף אַזאַ געוואַגטן שריט, האָט מען זיך דעמאָלט אין ווירושאָוו נישט דערלויבט. ווי איך דערמאָן זיך, האָט די פאַמיליע פּרוצעל (מיט דערצייט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע) יאָ געשיקט זייער טאָכטער זיך לערנען, מיטן תירוץ, אַז זי שרייבט נישט אין שבת.

אַ געוויסע צייט שפּעטער, איז געוואָרן רייף די פראַגע וועגן פאַרגרעסערן די פּאָר־גימנאַזיום אין אַן 8־קלאַסיקער מיטל־שולע. צו דעם צוועק איז געוואָרן דעלעגירט פון דער לאָדזשער שול־אָפּטיילונג אַ ספּעציעלער אינספּעקטאָר. ליידער האָט דער אינספּעקטאָר גאָרנישט ערלעדיקט, ווייל אָראָפּקומענדיק קיין ווירושאָוו, מיטן ציל אַדורכצורעדן דעם ענין מיטן דירעקטאָר וולאַדיסלאָוו קאָקאָווסקי און מיט דער לערערין

פון פראַנצויזיש, טערלעצקאַ, האָט ער זייביידן געטראָפן טויט־שיכור און ס׳איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. דער סוף איז געווען, אַז אויך די פּאַר־גימנאַזיום איז געוואָרן אויפגעלעזן און ס׳איז נאָר געבליבן די פאָלקס־שולע, ווו ס׳האָבן געלערנט אויך יידישע ייִנגלעך און מיידלעך. (אין דער פאָלקס־שולע איז נישט געוואָרן געלערנט אין שבת).

די שילער, וועלכע האָבן געוואָלט ווייטער לערנען, זענען געווען געצוווּנגען אַריבערצופאָרן אין אַנדערע שטעט און דאָרט פאָרזעצן די לערע. דער עיקר איז געוואָרן פאָרגעזעצט די לערע אין דער קעמפּנער גימנאַזיום. פון די ווירושאָווער יידישע קינדער, איז בלויז איין מיידל געוואָרן אַנגענומען אין קעמפּנער גימנאַזיום, צוליב די גוטע אויסצייכענונגען, דאָס איז געווען טאָבטשע זעלקאָוויטש, טאָכטער פון מרדכי שמואל און לאה. אויך אין קעמפּנע ענדיקט זי די שולע מיט די העכסטע אויסצייכענונגען. טאָבטשע געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג אין ליעזש און אַרבעט אין דאָרטיקן שפּיטאָל אַלס דאָקטאָרין. דעם דיפּלאָם האָט זי באַקומען אין ליעזשער אוניווערסיטעט.

ביבליאָטעקן

אין די 20־קער יאָרן, האָט די קולטור־דורשטיקע יוגנט זיך אַנגעטראָפן מיט גרויסע שוועריקייטן מצד די פרומע עלטערן, בכדי צו פאַרברענגען אין אַ קולטורעלער סביבה, צום ביישפּיל, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער אין דער פאַראַנענער ציוניסטישער ביבליאָטעק — האָט מען עס געמוזט אַדורכפירן געהיים, אויב נישט, זענען מיר געווען אויסגעשטעלט אויף רעפּרעסיעס. מיר, אַ גרופּע יידישע מיידלעך, האָבן זיך אויסגעבאָרגט, פאַרשידענע ביכער, אין דער פּוילישער ביבליאָטעק ביי דער פאָלקס־שולע. איינמאָל, אין אַ זונטיק, ווען מיר זענען געקומען בייטן די ביכער, האָבן מיר געטראָפן די ביבליאָטעק פאַרמאַכט און אויף דער טיר האָט זיך געפונען אַ מעלדונג, אַז ביכער ווערן אויסגעבאָרגט נאָר פאַר מיטגלידער פון קאַטוילישן פאַראיין. פאַרביטערטע זענען מיר אַוועק צום ביבליאָטעקאַר, פראַנעק מאגוטס אַ זון (דערנאָך געוואָרן אַ גלח) און אים אָפּגעגעבן די ביכער.

נאָך דעם פאַל האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע יידישע ביבליאָטעק. נאָך אַ באַראַטונג פון בערך 10 מיידלעך, ביי ר׳ יעקב מאיר רוסעק אין שטוב, האָבן מיר באַשלאָסן צו זאַמלען געלט, דורך אָרגאַניזירן אַ „פאַנטן־לאָטעריע״. מיר האָבן גלייך אָנגעשריבן אַ בקשה צום וויעלונער סטאַראָסטע, אונדז צו דערלויבן מאַכן אַ זאַמלונג צו קויפן שיך פאַר אָרעמע קינדער אויף ווינטער. (אַן אַנדערער מאָטיוו, איבערהויפּט וועגן אַ ביבליאָטעק, וואָלטן מיר זיכער באַקומען אַן אָפּזאָג).

באַקומענדיק די דערלויבעניש, האָבן מיר באַזוכט כמעט אַלע יידישע סוחרים און זאָגאַר נישט־יידישע, וועלכע האָבן געשפּענדעט געלט אָדער מתנות — („פאַנטן״).

די לאָטעריע איז פאָרגעקומען ביי ר׳ יעקב מאיר רוסעק אין דער סוכה (דאָרט איז געווען אַ יערלעכע סוכה) און די אַקציע איז געוואָרן געקרוינט מיט ערפאָלג. אַ טייל פון די צונויפגעזאַמלטע געלטער האָבן מיר איבערגעגעבן דער פרוי רוסעק

איינצוקויפן שיך פאַר אָרעמע קינדער און פון דער איבערגעבליבענער, היפּשער סומע, האָבן מיר איינגעקויפט אין קעמפּנאַ די ערשטע ביכער און אין דער זעלבער סוכה איז געשאַפן געוואָרן אונדזער ביבליאָטעק.

נאָך אַן אינטענסיווער, מיפולער אַרבעט, באַקומען מיר פיל סימפּאַטיקער, וועלכע העלפן אין דער אויסברייטערונג פון דער ביבליאָטעק. יעדן צווייטן חודש, זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין קעמפּנאַ און דאָרט איינגעקויפט נייע ביכער. דער לייענער־קאָלעקטיוו איז געוואָרן וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט. זאָגאַר פרומע מיידלעך פון דער „בית־יעקב", האָבן ביי אונדז אויסגעבאָרגט ביכער.



עסק:י אגודה הציונית עם המורה לעברית טוביה פושקר. יושב באמצע
טוער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מיטן עברית — לערער טוביה פושקאר. זיצט אינדערמיט.

אין דער לייטונג פון דער ביבליאָטעק, זענען געווען פאַרטרעטן: חנה פּונטש, פריידע פראַנצוז, איידל רוסעק, די שוועסטערן פּאָלאַ און גוטשע פּרוצעל, רינג און די שרייבערין פון די שורות. מיט דער אַרבעט האָבן מיר זיך איינגעטיילט אויף אַזאַ סדר, אַז יעדע וואָך איז אַ צווייטע געווען ביבליאָטעקאַרין. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך געניי באַקענט מיט די פאַראַנענע ביכער, בכדי צו וויסן, וועמען און וואָס אַרויסצובאָרגן.

נאָך אַ געוויסער צייט, האָט זיך מיט אונדזער ביבליאָטעק פאַראינטערעסירט די אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענע

ביבליאָטעק און מיר זענען געוואָרן איינגעלאַדן אויף אַ זיצונג, ווו מיר האָבן באַקומען אַ פאָרשלאַג פונעם פאָרזיצער בערל יעקוב, אַז מיר זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין אלגעמיינער ביבליאָטעק און אויך אַריינטרעטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן מסכים געווען און אָנגעהויבן פירן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט.

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

צו דער אַ צייט, ווערט געפירט אַן אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט אין שטעטל. ס'ווערן געשאַפן אָוונט־קורסן אויף לערנען העברעאיש, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך אַ ספּעציעל־געבראַכטן לערער פון מלאַווע, אַ געוויסער בלום און דערנאָך דורך אַ צווייטן לערער, פּושקאַר (לעבט היינט אין חיפה). אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער



החוג הדרמטי על־יד האגודה הציונית. 1931.
דראמ. קרייז ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. יאָר 1931.

אַרבעט פון די לערער, האָבן מיר שנעל באַהערשט די שפּראַך און אין די גאַסן פלעגט מען הערן ווי די יוגנט פאַרשטענדיקט זיך אין העברעאיש. ליידער ווערן די קורסן ליקווידירט צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן, נישט האָבנדיק קיין געלט־מיטלען אויסצוהאַלטן די לערער.

ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געפונען פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי: הנוער־הציוני, השומר־הצעיר, ביתר און אַנדערע ס'איז אויך

געווען טעטיק אַ ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא" מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער. פּאַראַלעל צו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זענען אויך געוואָרן איינגעאָרדנט פאַרשידענע פאַרוויילונגען און טאַנץ־אָוונטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אומפּאַרטייאישער יוגנט. אינהאַלטספול זענען געווען די צאָלרייכע אויספלוגן אויסער דער שטאָט, ווו די יוגנט האָט פריילעך פאַרברענגט מיט לידער און געזאַנג. אין די שבת־נאָכמיטאָגן פלעגן מיר זיך טרעפן אויף די גרינע פעלדער ביי אייזיק סקורקע, מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, אָדער ביי גינטערן אויף דער „גינטערוווקע". גינטער, אַליין אַ קריסט, אָבער אַ יידן־פריינד, האָט אונדז גוט אויפגענומען און מיט אונדז צוזאַמען פאַרברענגט.

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד, וואָס האָט געטראָפן ביים זעלבן גינטער, געווען איז עס אַ שבת־נאָכמיטאָג ווען מיר זענען געווען פאַרנומען ביי אַ געמיטלעכן שמועס, אין וועלכן ס'האָט אויך אָנטיילגענומען גינטער אַליין. דעמאָלט איז צו אונדז אַרויס־געקומען גינטערס אַ שכן, דער פאָטאָגראַפיסט שולץ, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט און אונדז אָנגעהויבן זידלען און געפּרוווט פאַריאָגן פונעם פעלד. ווען אהרן זעלקאָוויטש האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט ווייל גינטער איז נישט קעגן, האָט דער אַנטיסעמיט אַן אויפגעקאָכטער, אַרויסגעכאַפּט אַ ברעט פון פּלויט און אַ זעץ געטאָן זעלקאָוויטשן אין דער פּלייצע. עס האָט זיך פאַרפירט אַ פּראָצעס, אָבער אַזוי ווי דער אַדוואָקאַט גראַבאָווסקי, מיטן ריכטער זענען געווען שולצס חברים און צוזאַמען געשיכורט, איז ער געוואָרן באַפרייט. זעלקאָוויטש האָט אָבער נישט רעזיגנירט און אָפּגעגעבן אַן אַפּעלאַציע אין קרייז־געריכט אין קאַליש, ווו דער גוי איז געוואָרן פאַרמשפּט צו באַצאָלן הונדערט זלאָטעס שטראָף, ווי אויך די געריכטס־קאָסטן.

* * *

אין יאָר 1935 האָב איך פאַרלאָזט וויערושאָוו און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. זייער פיל חברים און חברות האָבן מיך באַגלייט ביז פּאַדזאַמצע, זינגענדיק אויפן וועג ציוניסטישע לידער. ביי אַלעמען איז געווען אַ הייסע האָפענונג און גרויסער פאַרלאַנג, אַז ס'זאָל שוין קומען דער טאָג, אַז אויך זיי זאָלן עולה זיין.

ליידער האָבן נאָר געציילטע זוכה געווען צו קומען. די איבערוויגנדע מערהייט איז בעסטיאַליש אומגעבראַכט געוואָרן אין די גרויזאַמע היטלער־טעג.

יהא זכרם ברוך.

אויסצוגן פון דער יידישער פּרעסע אין פוילן וועגן ווישעראָווע

צונויפגעזאַמלט דורך
יהושע אייבעשיץ

(איבערגעדריקט לויטן אַריגינאַל — אָן ענדערונגען)

וועגן דער אקציע פון שאפן א נחלה אין ארץ-ישראל — א פאלקס-מתנה פארן דעפּוטאט יצחק גרינבוים



שקל של ההסתדרות הציונית, ע"ש נחום יעקב
שקל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א. נ. פון נחום יעקב

דער יובל-קאָמיטעט אין ווערשאָווע האָט אַריינגעשיקט די ערשטע ליסטע מיט די געזאַמלטע און איינגעצאָהלטע דורך ב. יעקב געלדער: דוב יעקב — 5 זל. יצחק קארצוב — 1 זל. מרדכי זיידעל — 1 זל. גדליהו קרזאק — 1.50 זל. יהודה דזיאַלאָוו-סקי — 2 זל. משה ברקאָוויץ — 50 גר. חנה מלכה דאָמב — 1 זל. אידעל רוכמאַן — 50 גר. משה גלבארד — 1 זל. יהודה עזער — 1 זל. צבי דוד פּראָצעל — 1 זל. משה זאב עליעש — 1 זל. משה קאָהן — 1 זל. אברהם יודא — 2 זל. ישראל עהרליך —

1 זל.ביילע גראַבאָווסקאָ — 50 גר. ראובן פּאָסאָלסקי — 1 זל. חיים ניימאַן — 1 זל. משה קוז׳וך — 1.50 זל. שמשון כהן — 1 זל. שלמה איצקאָוויטש — 1 זל. דוד פינקעל — 5 זל. יוסף גאָטהיינער — 1 זל. שלמה ברון — 3 זל. זאב גאָטהיינער — 1 זל. אפרים לעווי — 2 זל. איסר יעקוב — 1 זל. שמואל יאַקובאָוויטש — 3 זל. יהודה זיידמאַן — 2 זל. י. מ. קעסריל — 1 זל. הענדעל עזער — 1 זל. קלמן רויזענבלום — 1 זל. יצחק קאסריל — 3 זל.

„היינט" 27.1.1930

וויערושאָוו.

פּאָריקע וואָך האָט ביי אונדז געווײלט דער אינסטרוקטאָר פון די „אגודה", ה׳ אלי שעראַדזקי מיטן צוועק אַדורכצופירן די „תרומת חבר אקציע".

די צעירי אגודות ישראל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן אָוונד אויף וועלכען דער ח׳ גאַסט איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ לענגערן רעפעראַט.

צומאַרגנס האָט ער אויך געהאַלטן אַ זעהר געלונגענעם רעפעראַט אין „בית־יעקב".

לעצטענס איז פאָרגעקומען וואַהלען צום „וועד הנהגה" פון צעירי אגודות ישראל אין וועלכען עס זענען אַריין פאָלגענדע חברים: פּרעזעס — שלמה קעניג, וויצע — שלמה ביינישׁ בראהן, מרדכי נתן רובנשטיין, יחיאל מאיר ב״ח, ארי׳ פּראַצעל, בעריל אייזנער, חיים שמולעוויטש, לייב לערנער, אפרים ראַגאָווסקי.

דער ועד האָט זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע צו רעאַליזירן די פאַרשידענע אַקציעס פון צעירי אגודת ישראל.

ישראל יהושע אייבעשיץ

„טאָגבלאַט" 3.8.1932

פון דער רשימה שטעט, באַטייליקטע אין דער קרן־קימת אַקציע.

וויערושאָוו פלאַנירט פאַרן יאָר תרפ״ב — 30.000

צוזאַמענגענומען אין די חדשים תשרי׳ — כסלו — 13.488

אין די חדשים טבת — אדר — 25.000

„היינט" 1922 5.5 — 20.1

ווירשאַוו.

לעצטענס איז ביי די היגע צא״י פאַרגעקומען וואַהלען פון אַ נייע פערוואַלטונג וועלכע האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגענדען אופן: 1) פרעזעס — ס. לעווענהאָף. 2) ווײצע — יעקב ראָקמאַן. 3) סעקרעטאַר — ח. גערשינאָוויטש. קאַסירער און ביבל־יאָטעקאַר — א. יאַסקאָוויטש. 5) סוכן הבית — הערש פראָצעל און ישראל יהושיע אייבעשיץ. די נאָר וואָס געוועהלטע פערוו. איז מיט באַנייטע כוחות צוגעטרעטן צו רעאַליזירן די פערשידענע פלענער וועלכע די צעירים צענטראַלע האָט אָנגעוויזען אויפן געביט פון השלמה־עצמיות און ארץ־ישראל.

פרגאַנגענעם לג׳ בעומר איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע לכבוד דעם 10־יעהריגען יובילעאום פון אונדזער אָרגאַניזאַציע אין וועלכער עס האָט זיך אויך באַטייליקט דער היגער רב וועלכער האָט גלייכצייטיק געהאַלטן אַ הדרן אויף סדר מועד. דאַן האָט געהאַלטען זיין רעפעראַט דער ספּעציעל איינגעלאַדענער גאַסט ח׳ משה אהרן תשבר פון ווילון אויף די טעמא: „וואָס דאַרפען זיין אונדזערע אויפגאַבען אין יעצטיגען מאָמענט?״.

עס איז אויך געוואָרן צוגעגרייט אַ ספּעציעלער כאָר אונטער דער לייטונג פון היגן חזן ר׳ קלמן מייזלער וועלכע האָבען אויסגעפירט פערשידענע קאָמפּאָזיציעס און ביי אַ געהויבענער שטימונג האָט דער פאָרזיץ. די אַקאַדעמיע געשלאָסען.

„טאָגבלאַט״ 9.6.1933

ווירשאַוו.

לעצטענס איז אין היגן „בית יעקב״ פאָרגעקומען דער עקזאַמען פון אַלע שול־קינדער. די פיעל אַנוועזענדע חשובע געסט זענען געווען פול מיט ענטציקונג פון די גלענצענדע תשובות וואָס די שילערינס האָבען געגעבען אויף אַלע געשטעלטע פראַגען. באַזונדערס גוט האָבען זיך אויסגעצייכענט די שילערין נ. מייראָוויטש ווי אויך די גאָר יונגע שילערין פעסאַ סקראָבאַק פון 1־טן קורס.

חמשה־עשר באב איז פאָרגעקומען אַן אַקאַדעמיע איינגעאָרדנט דורך די היגע בנות אגודות ישראל אין שטאָטישן זאַל. געעפנט די אַקאַדעמיע האָט די לערערין זשימנאָוואָדאַ פון וולאָצלאָוועק וועלכע האָט אין אַ לענגערען אָבער העכסט געלונגענעם רעפעראַט ארומגערעדט די היסטאָרישע בעדייטונג פון חמשה עשר באב פאַר דער אָרטאָדאָקסישער פרויען־יוגענד. נאָכהער האָט פ. לעווענהאָף געהאַלטען אַ רעפעראַט „וואָס דאַרפען זיין אונדזערע אויפגאָבען אין יעצטיגען מאָמענט?״. גאָר באַזונדערס האָט אַלעמען אימפּאָ־נירט די זעהר געלונגענער פאָרשטעלונג פון די יונגערע בת״י־גרופען וועלכע האָט זיך גלענצענד איינגעגעבען.

מרים פיערניקאַזש.

„טאָגבלאַט״ 28.8.1933

ווארשע.

חוהמ״פ איז דאָ געוואָרן געגרינדעט אַ פּועלי אגודת ישראל. עס איז געוועהלט געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די ח״ח יודעל ראַגאָווסקי, יעקב רובינשטיין און פנחס שולזינגער, וועלכע זענען תיכף צוגעטרעטן אַדורכצופירען אַ ווערבירונגס־אַקציע.

עס ווערט אויך געפּלאַנט צו גרינדען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה פון פועלי אגודת ישראל אין דעם שכנותדיקן יודישען גיט „גזשעשקא״.

„טאָגבלאַט״ 25.4.1934

ווארשע.

זונטאג ויגש האָט אונדזער שטאָט באַזוכט אַ דעלעגאַציע פון יח״ל, כדי אַדורכצופירן די כ״ב־אַקציע. רעדעס האָבען געהאַלטען הרב משה טעמקין פון פּיעטרקאָוו, דער יח״ל־תלמיד יעקב פּילצער און דער היגער אגודה־פּרעזעס ר׳ שלמה קעניג. די אַקציע איז געוואָרן אַדורכגעפירט מיט גרויס ערפאָלג, אַ דאַנק די עסקנים ר׳ מאָטיע בעהאגען ר׳ שלמה קעניג, משה פינקעלשטיין, מרדכי נחמן רובינשטיין און דער יח״ל מורשה הב׳ אברהם יאָסקאָוויטש.

אויך „בית יעקב״ האָט אַדורכגעפירט די אַקציע צווישן בנות. די לערערין ש. זשימנאָוואַדאַ האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגען דער וויכטיקייט פון יח״ל. הרב טעמקין האָט אויך געהאַלטן אַ רעדע ספּעציעל פאַר אגודה־טוער און זיי מעורר געווען צו גרינדען אין שטאָט אַ חדר יסודי התורה.

„טאָגבלאַט״ ט׳ טבת תרצ״ד

ווארשע.

זונטאָג אין לוי׳־טאָג פון לובלינער רב זצ״ל איז אין שוהל געהאַלטן געוואָרן אַ הספד דורכן היגן רב. עס האַלטן אויך הספדים ר׳ יחיאל מאיר אַלבערשטיין און ר׳ שלמה קעניג. אַ מלא רחמים מאַכט ר׳ קלמן שוב״, דערנאָך איז מספיד ה׳ יעקב ראָקמאַן. די הספדים האָבן איבערגעלאָזט אַן׳ערשיטערענדען איינדרוק.

א. ש. איצקאָוויטש

„טאָגבלאַט״ כ״ב כסלו תרצ״ד

שטייגער און דעראינערונגען

נח רוסעק
אַמעריקע

א שפּאַציר איבערן שטעטל

(נאָסטאַלגישע דערינערונגען)

„אין קיניגרייך פּוילן, האַרט ביי דער גרענעץ,
ליגט אַ שטעטל גרויס ווי אַ גענעץ".

י. ל. פּרץ

איך ווייס נישט, ווי גרויס ס'איז אַ גענעץ, אָבער דוכט זיך, אַז אונדזער שטעטל איז גרעסער נישט געווען. אין אַ גאַר־קורצער צייט, האָט מען געקאָנט אויסגיין גאַנץ ווערשאָוו; אין דער לענג און אין דער ברייט. אויב מ'האָט אָנגעהויבן פון טייך ביי דער שול און אַדורך די קאַזאַרמעס, פאַרבליבענע פון די רוסישע צייטן, זענען מיר שוין געווען ביים „צלם" מיטן יויזל ווו מ'האָט לייטיש אויסגעשפּיגן און פאַרבראַקט מיט אַ „שקץ תשקצנו" און — אויס שטעטל.

איך ווייס נישט, צי דער אַלטער חרובער שלאָס פון יענער זייט טייך, וואָס איז געווען מיסטעריעז באַהאַלטן זומער צווישן אַלטע גרינע נאָדל־בוימער און אין ווינטער אונטער אַ שניי־צודעק — האָט אויך געהערט צו „אונדז".

געווען איז איין הויפּט־גאַס, אַן אויסברוקירטע מיט שטיינער — די וואַרשעווער גאַס. אַלע איבעריקע געסלעך האָבן אפילו קיין נאָמען נישט געהאַט. ס'הייסט זיי האָבן יאָ געהאַט נעמען למשל: די גאַס פון לוטוטאָווער מלמד, אָדער דאָס געסל פון בערעלע מלמד. די גאַס ווי אַניולעק האָט די קאַוואַליע, אָבער דאָס געסל ווו חיים פּראַצעל (חיים סינעלעס) האָט געהאַט אַ גאָרטן מיט גרינצייג.

געווען אויך אַ גרויסער פּלאַץ אַרומגערינגלט מיט הייזער, דער מאַרק־פּלאַץ. אינמיטן איז געווען אַ גאָרטן מיט פּרוכט־בוימער, וועלכער האָט געהערט צום שטאָט־ראָט. אין די טאַרג־טעג איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער האַנדלס־אויסטויש מיט די אַרומיקע פּויערים און אויף אַ גרויס פעלד וואָס מ'האָט גערופן „דער פּאַסטערנאַק" איז געוואָרן געפירט אַ מסחר מיט בהמות און חזירים.

דאָס איז געווען דאָס פיזישע שטעטל. שטיינער, ציגל און האָלץ. דאָס איז געווען גשמיות. גוף. ס'איז אָבער אויך געווען „נשמה־יתרה" וואָס יידן האָבן אַריינגעגעבן. אַלץ איז געווען פאַרבינדן מיט יידישקייט: די וואַרשעווער גאַס האָט געדינט פאַר יידן צו גיין אין שול דאַוונען און צוריקגיין בנעימות מ'זאָל חלילה נישט מיינען, אַז זיי לויפן אַהיים צום עסן. דורך דער וואַרשעווער גאַס זענען אויך געוואָרן געפירט חתן־כלה, ווו זיי האָבן באַקומען חופה וקדושין אין הויף פון דער שול.

די אונטערגעסלעך האָבן געדינט פאַר די „קאַליעדיקע" בחורים, מיט שוין געקירצטע פּיאות, וועלכע האָבן אין געהיים געלעזן פאַרשידענע ביכער און געווען „אָנגעשטעקט" מיט אַ ביסל השכלה.

דער „פֿאַסטערנאַק" האָט געדינט פֿאַר די בית־המדרש בחורים, וועלכע זענען אין די הייסע זומער־טעג געגאַנגען שפּאַצירן, כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט און גלייכצייטיק זיך געמוטשט איבער שווערע ענינים פֿון דער גמרא און תוספות.

עס האָט אויסגעזען, אַז דער גאַנצער אַרום, האָט די השגחה געשאַפֿן פֿאַר יידן און יידישקייט. דער מאַרק — בכדי יידן זאָלן מאַכן פּרנסה אויף שבת. די פּרוכטן פֿון גאָרטן — אויף שבת־אויבס און אויף שיקן משלוח־מנות אין פּורים. דער טייך איז דאָך בלי ספק געווען יידן זאָלן גיין צו תשליך און די ביימעלעך ביים טייך — פֿאַר הושענות. דאָס גרינגס פֿון די בוימער — פֿאַר סכך צו די סוכות. אַפֿילו די בייסיקע שטעכערס, וועלכע זענען ווילד געוואַקסן אויף די פֿעלדער, האָבן אונדז גענוצט צו דערמאָנען די יידן, אַז ס'איז תשעה־באב און מ'דאַרף מיטווייינען מיטן חורבן.

אין די יומי־חול האָבן יידן זיך געראַנגלט מיטן אויסקומעניש. געווען פֿאַרהאָרעוועט. אָבער אין דעם מאָמענט ווען דער שול־שמש האָט מיט זיין האַלצערנעם האַמער אָנגעקלאַפּט אין די טירן, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פֿון שבת — האָט קדושה אַראָפּגענידערט איבערן שטעטל. פֿון אַלע יידישע שטובן מיט די אָנגעצונדענע שבת־ליכט, האָבן אַרויסגעקוקט אַנדערע, נישט טאָג־טעגלעכע, מיט פֿאַרזאָרגטע אויגן, יידן. דאָס האָט די נשמה יתרה אַריינגעדרינגען אין יידישע הייזער.

איך דערמאָן זיך:

ווען דער יאַדענאָווער רבי איז געקומען קיין ווייערושאָוו, אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל, האָט מיך דער פֿאָטער מיטגענומען ערב שבת צום רבין, ווו דער פֿאָטער איז געווען פֿאַרבעטן צום רבינס טיש. ווען ס'איז געקומען די צייט פֿון קבלת שבת און דער רבי האָט האַלב זאָגנדיק און האַלב זינגענדיק, אָנגעהויבן מיט התלהבות דעם שלום עליכם מלאכי השרות, מלאכי עליון — האָט אַ מיסטעריעזער ציטער אַרומגענומען דעם פֿאַרזאַמלטן עולם. מ'האָט כמעט געהערט דאָס פֿלאַטערן פֿון מלאכישע פֿליגלען און זייער ענטפֿערן: עליכם שלום, עליכם שלום.

מיר האָבן איינגעזאַפּט אין זיך צאַרט־יידישקייט, נישט נאָר פֿון חדר און בית־המדרש. דער גאַנצער אַרום־און־אַרום האָט אונדז באַווירקט. אויף די יוגנט, וועלכע איז געווען באַאיינפֿלוסט פֿון דער ציוניסטישער אידעע און זענען זיך צוזאַמענגעקומען נאָך די פֿאַרזאַמלונגען אונטערן שטאָט — האָבן אָנגעפֿילט דעם חלל מיט זייערע לידער. בענקענדיקע, פֿול מיט צער לידער, פֿאַרן לאַנגן יידישן גלות.

* * *

עס נאָגט ביים האַרצן אַ בענקשאַפֿט. ער טרויערן אַלע רמ"ח איברים נאָך אונדזער שטעטל מיט אירע אומגעקומענע יידן — אַלע לויטערע קדושים וטהורים.


יתגדל ויתקדש מיין אומגעבראַכט יידיש ווייערושאָוו.

יצחק אייזנער
חיפה, ישראל

פון אמאליקן לעבן

ביז צום ערשטן וועלט־קריג אין 1914, איז ווירושאַוו געווען אַ פּראָווינץ־שטעטל, וואָס דער רוב באַפעלקערונג האָט זיך פּאַרנומען מיט מסחר און קליינהאַנדל, און אַ קליינער טייל האָט געלעבט פון „לופט־געשעפטן".

קיין אַרבעטער עלעמענט איז צווישן יידן כמעט נישט געווען. נישט נאָר דערפאַר וואָס אין שטעטל האָט נישט עקזיסטירט קיין אינדוסטריע, אָבער אויך ווייל יידן האָבן זיך געשעמט צו זיין אַ בעל־מלאכה. דער רוב בחורים זענען געווען „לערנער", און




תעודת חבר של יצחק איזנר מ„פועלי־ציון" בבלגיה. 1935.
מיטגלידס — לעגיטימאַציע פון יצחק אייזנער, פון דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" אין בעלגיען. 1935

געוואָרט אויף אַ רייכן שווער מיט אַ גרויסן נדן. דאָך האָבן זיך געפונען אין שטעטל אַ ביסל בעל־מלאכהעס, ווי שניידער, שוסטער, שטעפּער, זייגער־מאַכער און פריזירער.

געווען עטלעכע גבירים וואָס האָבן זיך „איינגעקויפט" איידעמס בני־תורה, און זיי געבערענגט קיין ווירושאַוו, ווי למשל: ר' יאָסל מאַקשקי האָט זיך געבראַכט אַלס

איידעם — ר׳ אברהם מענדל אַרענבאַך (שפּעטער געווען רב אין שטעטל), שמואל יהודה גאָלדמאַן האָט זיך געברענגט פאַר אַן איידעם ר׳ יעקב שלמה קאָוואַלסקי (שפּעטער געווען דיין) און ר׳ אייזיק אלתר (אַ מקורב פון גערער „הויף״).

דאָס איינציקע „רעפאָרמירטע״ חדר איז געווען פון משה רינג, וועלכער האָט שפּעטער געבראַכט ,אין שטעטל זיינע שוועגערינס, וועלכע האָבן געלערנט מיט דערוואַקסענע בחורים שרייבן און לעזן די שפּראַכן: פּויליש, רוסיש, דייטש און אויך קורסן פון בוכהאַלטעריע. זיי זענען אָבער געוואָרן באַיקאָטירט דורך אַ טייל יידישער באַפעלקערונג. יידישע בחורים האָבן געלערנט ביי פּוילישע לערער און לערערינס, אָבער חס ושלום נישט ביי די רינגס.


Org. Sjonist. w POLSCE,
Oddział w WIERUSZOWIE.
Niniejszem mamy
zaszczyt zaprośić Sz. P.
na UROCZYSTOŚĆ
Poświęcenia
SZTANDARU
Org. Sjon. w Wieruszowie,
która odbędzie się 15 IV-30
w sali „STRAŻY OGN."
Początek punkt. o godz. 8-ej w.
ZARZĄD.

הסתדרות הציונית בפולניה
סניף בוירושוב.
בזה מתכבדים אנו להזמין את כבודו(ה)
לחגיגת
„הקדשת הדגל״
של הסתדרות הציונות
בוירושוב
אשר תתקים בעירנו
ביום א׳ דחוה״מ פסח (15 IV-30)
באולם מכבי האש.
ההתחלה בדיוק ב8 שעות בערב.
הועד

הזמנה לחגיגת הקדשת הדגל של ההסתדרות הציונית 15.4.1930
איינלאַדונג צו דער פאָן — אנטהילונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. 15.4.1930

איך פערזענלעך, זייענדיק פון אַ שטרענג פרומער היים, האָב מיטגעמאַכט דאָס גאַנצע אַרומרייסן זיך פון די עקסטרעם־פרומע מיט די „פאָרגעשריטענע״.

אין יאָר 1929 האָב איך עמיגרירט קיין בעלגיען און ווי איך האָב געלעבט ביז 1935 און דאַן עולה געווען קיין א״י. אַ סך יוגנט איז אַוועק פון וויערושאָוו צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. זיי האָבן פּשוט נישט געזען קיין שום צוקונפט אין שטעטל. קיין

בעלגיען זענען געקומען אַ סך וויערושאַווער.ליידער אַ טייל פון זיין זענען צוריק קיין פּוילן און דאָרט אומגעקומען.

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, איז אין וויערושאָוו געקומען צו אַ גייסטיקן איבערברוך, מער און מער האָבן זיך געפונען דרייסטע יינגלעך און מיידלעך וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַפּוטרופּסות פון זייערע פרומע עלטערן, און אָנגעהויבן גיין „מיטדער צייט״. זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק אין שטעטל, און דאַן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מיט דער צייט אויך געגרינדעט אַ פּרעבל־שולע וואָס די שפּראַך־אינטעריכט איז געווען עברית. די הויפּט־טעטיקייט האָט זיך געפירט אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט דער צייט האָט זיך געשאַפן אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער איז אויפגעטרעטן מיט געלונגענע פאַרשטעלונגען. אַלע הכנסות זענען געווען פאַרן קק״ל.

ביים אַנטשטיין פון פּוילן האָט שוין עקזיסטירט אַ שיינע „מזרחי״ אָרגאַניזאַציע. צווישן די, וואָס האָבן אַ סך געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, איז כדאי צו דערמאָנען משה און גיטל שוואַרץ. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ „ספּאָרט־קלוב״, אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען: מנשה ענגעלמאַן, אליהו מנחם עליאַש, אהרן יאָסעק רוסעק, דב עזער, ישראל ערליך, חיים שלמה שוואַרצבאַרט, גבריאל, נחמן, פּינטשע גליקסמאַן, מרדכי דאַווידאָוויטש, יהודה אריה וואַנטשאָווסקי און אַנדערע.

צווישן די אַקטיווע חברים אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך גערעכנט די חברים: יענקל און משה ברוין, וואָלף כוואַט, שלמה זאַנוויל רוסעק, אליה מנחם עליאַש, צבי סקורקאַ, משה וואָלף עליאַש, נח און לאה רוסעק, משה וועלצמאַן, רבקה פּראַצעל,ביילא עליאַש, לאה יעדוואַב, וועלגא און צביה עליאַש, בערל יעקוב, יצחק אייזנער, יצחק קאָזשוך, אברהם לייב פּראַצעל און אַנדערע.

צווישן די „מזרחי״ חברים זענען טעטיק געווען: מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, יחיאל מאיר קאַסריל, אברהם יהודה ניימאַן, אברהם אורבאַך, גדליה קזשאַק, יצחק פּאַנקאָווסקי, שמואל ענגעלמאַן, צדוק קעמפּנער, יעקב שלמה שולזינגער און אַנדערע.

עליזה דפני

אנטיסעמיטיזם אין וויערשאוו

כאָטש מיך האָט נישט געטראָפן די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע און חורבן פון פּוילישן און בתוכם אונדזער וויערשאָווער יידנטום, וואָס איז געוואָרן אַדורכגעפירט דורך נאַצישע באַנדיטן, ביי דער מיטהילף פון דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג — דאָך איז נאָך ביז היינט ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן דער זאָאָלאָגישער, אַנטי־יידישער העצע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געטראָפן אויף טריט און שריט, וועגן דער בלוט־דורשטיקער שנאה, וואָס איז געוואָרן געפלעגט דורך די פּוילישע מאַכט־האָבער ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון דער קאַטוילישער קירכע.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל, וואָס האָט פאַסירט אין דער פאָלקס־שול. דאָרט האָט זיך געפירט, אַז בשעת דער לעקציע פון רעליגיע, האָבן אַלע יידישע קינדער פאַרלאָזן די שולזן. איינמאָל איז דער גלח (דער לערער פון רעליגיע), געקומען פריער און ווען מיר האָבן זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דעם זאַל, האָט דער גלח נישט דערלויבט. דאַן האָט ער גענומען אַ מאַפּע פון ארץ־ישראל און געוויזן די תלמידים: „זעט — האָט ער געזאָגט — די יידן, וואָס געפינען זיך מיט אייך דאָ צוזאַמען, זיי האָבן באַפלעקט די הייליקע ערד מיטן בלוט פון יעזוס". נאָכן אויסהערן אַזאַ „לעקציע", וואָס איז געוואָרן באַגלייט מיט נאָך ענלעכע פּאָגראָם־דרשות, האָט אונדז אַלע ווי צוגעשמידט צום אָרט. זאָגאַר די דרייסטע, מיט אַ „געשליפן פּיסקל" — ווי מיר האָבן זי גערופן, אלא ניס, וועלכע האָט זיך שטענדיק אָפּגערעכנט מיט די שיקסעס — איז אויך געבליבן שטיל.

אַזוי האָט אויסגעזען די „דערציאונג" און אַזעלכע זענען געווען די „דערציער".

שוין שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, ווען היטלער ימ"ש איז געקומען צו דער מאַכט און עס איז געווען קלאָר, אַז אויך פּוילן איז אין געפאַר, האָט מען אונדז, בעת אַ לעקציע ווי אומצוגיין זיך מיט גאַז־מאַסקעס, באַזייטיקט פון דאָרט און די דערציער האָבן ציניש דערקלערט: איר יידן, וועט זיך זיכער אין דעם נישט נויטיקן".


אין אַ קורצער צייט, ווען איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון דער קאַשמאַרער פּוילישער ערד און עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן מיך מיינע חברות און באַקאַנטע באַגלייט מיט האַרץ־ווייטיק, וואָס זיי מוזן נאָך דאָרט פאַרבלייבן. ליידער האָבן זיך זייער ווייניק אָפּגעראַטעוועט פונעם טראַגישן גורל.

יוסף זעלקאָוויטש

ווייערושאווער בילדלעך

ווי אַזוי מיר האָבן „מסדר" געווען דעם פּאָליציאַנט פּילאַטשינסקי

איינע פון די גרעסטע פאַרגנוגנס פאַר אונדזערע יידן, איבערהויפט פאַרן יידישן קליינוואַרג, איז געווען דער אויפמאַרש פונעם ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבאַ". אין אַזאַ טאָג, ווען די ספּאָרטלער האָבן זיך באַוויזן אין גאַס אין זייערע איינהייטלעכע מונדירן, ריטמישן מאַרש מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער און פאָן, איז געווען אַן אמתער יום־טוב.



מראה מ־3 במאי. מתאספים לתהלוכה.
3 — טער מאי אין שטעטל. צונויפזאמלונג פארן פאראד.

איינמאָל, בעת אַזאַ אימפּרעזע, האָט זיך אין שפּיץ פונעם פּאַראַד געשטעלט דער, פּאָליציאַנט פּילאַטשינסקי און מיט דער בלאָנקער שווערד און ערנסטן פּרצוף, ווי ער וואָלט דאָ געווען דער גאַנצער בעל־הבית, האָט ער מאַרשירט פון פאָרנט און נאָך אים די ספּאָרטלער. פאַרשטייט זיך, אַז געשלאָסן דעם פּאַראַד, האָט דאָס קליינוואַרג, וועלכע האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ שמחה. דערווייל האָבן זיך די ספּאָרטלער אַריינ־געדרייט אין אַ געסל אויף רעכטסביי ראָזענבלומס הויז און פּילאַטשינסקי, ווי נישט אים מיינט מען, האָט זיך ווייטער מאַרשירט. ער, פון פאָרנט, מיט דער „בלאָנקער שווערד" און נאָך אים, אַ מחנה קליינוואָרג,

זעט אויס, אַז דעם פּאָליציאַנט איז עפּעס געוואָרן פאַרדעכטיקט דער גאַנצער ענין און ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס.

נאָך ביז היינט האָב איך אַ ביטער רחמנות אויף דעם „פאַרשטייער פון דער מאַכט", ווען ער האָט פאַר זיך דערזען די כאָפּטע קליינע ליצים וואָס זייער כאָכאָטשען האָט מען געהערט איבער גאַנצן שטעטל.

מיר צינדן אונטער די „קאָזע"

צווישן די חסידים און ציוניסטן זענען פאָרגעקומען אָפטע שטרייטן און די חסידישע בחורים מיט דער ציוניסטישער יוגנט האָבן צווישן זיך געפירט אומאויפהערלעכע „מלחמות". איין מאָל, ווען ס'האָט געזאָלט אַראָפּקומען אַ ציוניסטישער רעדנער, האָבן די בחורים באַשלאָסן, אַז ער זאָל זאָגאַר צום שטעטל נישט דערגיין און זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער באַן, באַזאָרגנדיק זיך מיט אַ היפּשן רעזערוו פון פאַרשטינקענע אייער, פאַרפוילטע פרוכטן און נאָך אַנדערע, ענלעכע „כלי־זיין".

וועגן דעם פּלאַן זענען מיר געוווּיר געוואָרן. (מיר האָבן דאָרט געהאָט אַן „אייגענעם" — אלחנן רובינשטיין, נתן דוד צוקערבעקערס זון), און מיר האָבן זיך אויך אַהין געלאָזט צו אַ „קאָנטר־אַטאַקע". אַזוי ווי מיר זענען געווען מער „קאָמפּס־פּעאיקע" און „סטראַטעגיקער", האָבן מיר זיך איינגעטיילט אין צוויי גרופּן. איינע, אונטער דער ערשטער בריק און די צווייטע גרופּע אונטער דער צווייטער בריק, וועלכע האָבן זיך געפונען איבער דער „פּראָסנאַ". אַריינגעמענדיק דעם „שונא" אין דער מיט, האָבן מיר אַנגעהויבן דערלאַנגען „פייער" — פּעטש מיט געשרייען. נאָך דער „פאַרשפּילטער מלחמה", האָבן מיך די בחורים פאַרמסרט פאַר דער פּאָליציי, אַז דאָס האָב איך אָנגעפירט מיטן געשלעג און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע, בין איך געוואָרן איינגעזעצט אין „קאָזע". זעענדיק, אַז ס'איז נישט קיין געשעפט צו זיצן, האָבן מיר צוזאַמענגענומען אַלע פּאַפּירן פון עסנוואַרג, געמאַכט אַ פייער און אַליאַרמירט די פּאָליציי, אַז די „קאָזע" ברענט.

די פּאָליציאַנטן, דערזעענדיק אַ רויך, זענען אָנגעקומען צו לויפן און שנעל מיט ציטערדיקע הענט, אויפגעמאַכט די טיר. מיר האָבן נאָר אויף דעם געוואַרט. אין עטלעכע סעקונדן האָבן אַלע געמאַכט פּליטה...

דער טייך „פּראָסנאַ" און די מקווה

נישט אַלע שטעטלעך האָבן געהאַט די זכיה צו האָבן אַזאַ פּרעכטיקן טייך, ווי די „פּראָסנאַ". חוץ דער שיינקייט, האָבן מיר פון טייך געהאַט גרויסע נוצן. ווינטער, ווען דער טייך איז געווען פאַרפרוירן, האָבן מיר געהאַט ווו זיך צו גליטשן. פון דער „פּראָסנאַ" האָט מען געשלעפּט וואַסער אין די שטובער, ווען די באַלעבאָסטע פלעגט האָבן אַ „גרויסע וועש". אָבער דער עיקר נחת האָבן מיר געהאַט זומער, ווען מ'האָט זיך דאָרט געבאָדן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז אונדזער פּליאַזשע נישט געווען קיין געמישטע. ס'איז געוואָרן שטרענג אָפּגעהיטן, אַז מענער און פרויען זאָלן זיך באָדן באַזונדער. בלויז איין פאַל געדענק איך, ווען אַ מאַנצפּאַרשוין האָט זיך געפונען אין דער פרויען־אָפּטיילונג. דאָס איז געווען, ווען רייזל דאַווידאָוויטש האָט זיך אין אַ פרייטיקדיקן טאָג אָנגעהויבן טרינקען

און יעקב יאַבלאָנסקי איז אָנגעקומען צו רייטן אויף אַ פערד, געוואָרפֿן זיך אין וואַסער און זי אָפּגעראַטעוועט.

קיין ספּעציעלע באָד־קאָסטיומען, איבערהויפּט קיין „ביקיני", האָט מען נישט געטראָגן. מענער האָבן זיך געבאָדן אין לאַנגע גאַטקעס און פֿרויען האָבן זיך אָנגעטאָן ברייטע הויזן, אַרויפֿגעצויגן אויף דעם שלאָף־ראָק און היידאַ, אין וואַסער אַריין.

געוווען אין שטעטל נאָך אַ „באָד־אַנשטאַלט" — די מקווה. זאָגאָר מיט וואַננעס פֿאַר די. וועלכע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן. סתם עמך האָט געהאַט צו דער דיספּאָזיציע האָלצענע שעפּעלעך און נאָכן אַרומוואַשן, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער מקווה טובל זיין. כ'זאָל זאָגן, אַז דאָרט אונטן האָט זיך געפֿילט עפּעס אַ ספּעציעלער ריח — פֿאַרקערט...

אליהו דער מקווהניק האָט שווער געהאָרעוועט ביים שלעפּן די עמערס וואַסער אָנצופֿילן די וואַננעס.

ווינטער צייט, פֿלעגן מיר זיך וואַרעמען ביים ברענענדיקן אויוון. איין מאָל, ביי אַזאַ וואַרעמען זיך, בין איך אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן גליענדיקן אויוון און מ'האָט מיך קוים מיט צרות אָפּגעראַטעוועט.

ביי די בעקער

אַ געלויף, אַ טומלעניש. מ'איילט זיך פֿרייטיק צום בעקער מיטן קוכן און ביי אַלע ווייבער איז דאָ איינאיינציקער באַגער — דער קוכן זאָל נאָר גוט אַרויסקומען. געוווען פֿאַלן, ווען אַ שבת איז געוואָרן צעשטערט צוליב אַ פֿאַרברענטן קוכן. דאָס איז געוווען ביז מיטאָג־צייט. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן טראָגן די טשולנטער, פֿאַרפּאַקט אין פּאַפּירן און ביי דער זייט, פֿאַרשידענע סימנים, מ'זאָל חלילה נישט פֿאַרבייטן מיט אַ שכן. צומאָרגנס, שבת, צוועלף אזייגער פֿאַרמיטאָג, האָבן שוין אַלע געוואַרט ווי דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן ביים בעקער און אַהיים גענומען די טעפּלעך. ווען ס'האָט יאָ פּאַסירט, אַז ס'איז פֿאַרטוישט געוואָרן אַ טשולט, איז דאָס ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען קיין אומגליק. דאָקעגן אין אַ שכנותדיקער שטאָט האָט פּאַסירט, אַז אַזאַ פֿאַרטוישט טשולנט איז אַריינגעפֿאַלן צו אַ גרויסן חסיד און דאָרט האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר פֿיסלעך פֿון אמתן בשר־קוויטש...

ביי אונדז האָבן חלילה אַזעלכע זאַכן נישט פּאַסירט.

חסידים און ציוניסטן

צו קיין גאָר גרויסע מחלוקת צווישן חסידישן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג מיטן ציוניסטישן, אָדער מאָדערנעם טייל, איז ביי אונדז — אין קעגנזאַץ צו אַ סך פּוילישע שטעטלעך, נישט דערגאַנגען. אָבער קלענערע שטרייטן און „מחלוקהלעך" — האָבן נישט געפֿעלט. אַזוי ווי מיין פֿאָטער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן, סיי אַלס גבאי אין דער שול, ווי אויך אַלס דאַזאַר אין דער קהילה, האָב איך געקאָנט, פֿון דער נאָענט, אָבסערווירן די שטרייטן און צוזאַמענשטויסן. איך דערמאָן זיך דעם סכסוך אַרום דער נאָמינירונג פֿון אַ שוחט. די גערער חסידים האָבן

דורכאויס געוואָלט, אַז אַלס שוחט זאָל ווערן באַשטימט ר׳ יחזקאל שוחט (ר׳ זיינוול שוחטס אײדעם) און אַזוי ווי די שטימע פון מיין פאָטער אין קהילה־ראָט, האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, זענען פאַרשטייער פון די גערער געקומען צו אונדז אין שטוב און געבעטן מיין פאָטער, עד זאָל שטימען פאַר זייער קאַנדידאַט.

מיין פאָטער, וועלכער האָט אין זיין ציבורישער אַרבעט אַרויסגעוויזן די העכסטע מאָס פון ערלעכקייט, האָט מכלומרשט מסכים געווען.



יוסף זלקוביץ בהכשרה בעיר בלכטוב בשנת 1934. יושב מימין.
יוסף זעלקאָוויטש אויף הכשרה אין בעלכאַטאָוו אין יאָר 1934. זיצט אויף רעכטס

נאָך זייער אַוועקגיין, האָט זיך מיין פאָטער זאָפאָרט פאַרשטענדיקט מיט זיין פראַקציע, ד. ה. מיט די ציוניסטן און בעלי־בתים און זיי אינפאָרמירט וועגן געבעט, אויף דער פראַקציע־באַראַטונג איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז אויף דער זיצונג אין דער קהילה, זאָל דער פאָטער דערציילן וועגן גאַנצן ענין. וכך הווה, דאַן, האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן גערער קאַנדידאַט. דער אינצידענט האָט געברענגט צו נאָך אַנדערע אומאַנגענעמלעכקייטן. אַבער מיט דער צייט האָט זיך איינגעשטילט.

א צווייטן פאַל געדענק איך, בעת אַ ציוניסטישן רעפעראַט אין דער שול. ווי באַקאַנט, איז די שול געווען אַ ציוניסטישע „פעסטונג" און אַלע רעדנער זענען דאָרט

אַרויסגעטרעטן. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז איין מאָל אין אַ שבת, ווען אַ ציוניסטישער רעדנער האָט זיך שוין געגרייט אָנצוהויבן זיין רעפעראַט, קומט אָן דער רב ר׳ אברהם מענדל אורענבאַך, אַרויף גלייך אויפן בעלעמער און קאַטעגאָריש געפסקנט, אַז היינט וועט מען דאָ נישט רעדן. מיין פאָטער, אַלס גבאי פון דער שול, האָט אַרויסגעוויזן נישט ווייניקער תקיפות און דער רב האָט געמוזט פאַרלאָזן די שול, אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט געדויערט דער רעפעראַט.

כאַראַקטעריסטיש, אַז צומאַרגנס, נאָך אַזאַ „ערנסטן״ אינצידענט, זענען די באַציאונגען פון מיין פאָטער מיטן רב, געווען זייער קאָרעקטע, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאַסירט.

נישט ווייניק אומאָנגענעמלעכקייטן זענען אויך געווען, ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די פרעבל־שולע, וווּ מיין עלסטע שוועסטער האָט אויך באַזוכט. אין אָנפאַנג האָט דער רב געוואָלט איבערצייגן מיין פאָטער, אַז דאָרט ווערן חלילה וחס די קינדער „קאַליע״. ווען אַזעלכע „אַרגומענטן״ האָבן אויף מיין פאָטער נישט געהאַט קיין ווירקונג, האָט זיך דער רב גענומען צו די זיידעס. און ווען אויך זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט פועלן, האָט מען מיין זיידע, ר׳ ליפּמאַן, נעבעך „אַרויסגעבעטן״ פון גערער שטיבל. פאַרן זיידע ר׳ יצחק מאיר, האָבן זיי מורא געהאַט, צוליבן גרויסן יחוס.

פנחס גאָלדמאַן

מיט יארן צוריק

מיין זיידע, דער באַקאַנטער גביר, ר׳ שמואל יהודה גאָלדמאַן ז״ל


פאַרן עלטערן דור, געבוירענע אין ווירשאָוו, איז בלויז דער נאָמען פון ר׳ שמואל יהודה געווען אַ שם־דבר. אויך דער יינגערער דור, צוהערנדיק צו די דערציילונגען פון זייערע טאַטעס און זיידעס, האָבן דערמאָנט דעם זיידע מיט יראת־הכבוד. ר׳ שמואל



פנחס גולדמן — טייס בצבא הגרמני. בשנת 1915
פנחס גאלדמאן אלס פליער אין דער דייטשער ארמיי

יהודה האָט געשמט אין דער גאַנצער פּיאָטרקאָווער גובערניע, אַלס איינער פון די רייכסטע ידן, האָבנדיק אין זיין באַזיץ אַ סך וועלדער און פעלדער, ווי אויך אַנדערע רייכטימער.

נישט געקוקט וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע ריזן־געשעפטן, האָט דער זיידע זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט לטובת הכלל און פיל געהאָלפן דעם ידישן ישוב אין וויערושאָוו. עס זענען געווען באַקאַנט זיינע גרויסע שפּענדונגען לטובת הציבור. ווען אין וויערושאָוו איז געוואָרן געשאַפן אַ יידישער בית־הקברות, האָט ער



פנחס גולדמן על יד המטוס בקאמברי — צרפת. 1915.
פנחס גאלדמאן ביים עראפלאן אין קאמברי — פראנקרייך. יאר 1915.

געשפּענדעט אַ גרויס שטיק ערד און דעם פּלויט האָט ער אויפגעשטעלט אויף זיינע אייגענע קאָסטן.


זיין לעבנס־ציל איז געווען, חתונה צו מאַכן זיינע פיר טעכטער מיט ידן תלמידי חכמים. דאָס האָט ער אַדורכגעפירט. זיינע פיר איידעמס, ר׳ יעקב שלמה קאָוואַלסקי דער מורה־הוראה, ר׳ אייזיק אַלטער, קרוב פון גערער הויף, ר׳ הענעך יאַנאָווער און ר׳ לייבל אונגער — זענען געווען באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין שטעטל.

איך דערמאַן זיך, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זייענדיק שוין אַ סאָלדאַט אין דער דייטשישער אַרמיי, נעמענדיק אַן אָנטייל אין קריגס־אָפּעראַציעס פון ערשטן

וועלט־קריג אויפן מערב־פראָנט — האָב איך דערהאַלטן אַ ידיעה פון דער היים, אַז דער גערער רבי זצ״ל, האָט אַהיימפאָרנדיק פון קאַרלסבאַד, באַזוכט וויערושאָוו און איז איינגעשטאַנען ביים זיידן. פאַרן זיידן איז עס געווען אַ גרויסער כבוד, אַז דער באַרימטער רבי, מיט די טויזנטער, אָנגעפאַרענע פון פיל שטעט און שטעטלעך חסידים, זאָלן באַזוכן זיין שטוב.

אין ערשטן וועלט־קריג

אַ געוויסע צייט נאָך דער פטירה פון פאָטער, יצחק מאיר ז״ל, (וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1909), זענען מיר אַריבער קיין דייטשלאַנד צום פעטער צאַדיק



איסר גולדמן בצבא הגרמני בשנת 1915
איסר גאלדמאַן אין דייטשן מיליטער. יאָר 1915

אַברהם, וועלכער האָט געוווינט אין בערלין. אין יאָר 1908, האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין אַ יידישע „גאָטן־באָר־שולע״, ווו כ׳האָב פאַרבראַכט ביזן יאָר 1914.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, האָב איך זיך פרייוויליק געמאָלדן צום מיליטער. נאָכן אַדורכגיין אַ קורס, ווער איך באַשטימט אַלס פליער. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז קאַמפּס־פליער זענען געוואָרן אויסגעקליבן פון די סאַמע

פעאיקסטע סאָלדאַטן. די אַוויאַ־איינהייט, צו וועלכער כ׳בין צוגעטיילט געוואָרן, האָט גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די קריגס־אָפּעראַציעס ביז דער ענדע פון קריג.

אויך מיין ברודער, איסר, איז געווען מאָביליזירט און געקעמפט אויפן מזרח־פראָנט. איך האָב זיך מיט אים אַ לענגערע צייט נישט געטראָפן. ערשט אין יאָר 1917, ווען די דייטשן האָבן אַריבערגעוואָרפן כוחות פון מזרח־פראָנט, האָב איך אים באַמערקט, ווען מיר האָבן זיך געפונען ביי דער באַן. ס׳האָט קוים געקלעקט צייט אויף צו באַגריסן זיך. שפּעטער האָבן מיר זיך אָפטער געטראָפן, בעת די קאַמפן.



האחים איסר ופּנחס גולדמן בפגישתם בחזית המערבית בשנת 1916.
די ברידער איסר און פנחס גאָלדמאַן טרעפן זיך אויפן מערב־פראנט. יאָר 1916

ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, זענען מיר צוזאַמען אַנגעקומען קיין קעמפּנאָ און פון דאָרט איז די גאַנצע פאַמיליע אַריבער קיין דייטשלאַנד, איינאָרדנענדיק זיך אין בערלין. אונדזער שטוב, אין וועלכער פיל איינוואַנדערער פון פוילן האָבן געפונען אַ וואָרעמע היים אין די ערשטע, שווערע טעג, איז געווען נאַציאָנאַל־ציוניסטיש געשטימט. אַלע האָבן געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל

אין דער באַוועגונג. אַ טייל פון אונדזער פאַמיליע האָט עולה געווען קיין אַרץ־ישראל אין יאָר 1923, נישט געקוקט וואָס די מאַטעריעלע לאַגע איז ביי אונדז געווען נישט קיין שלעכטע און אין ארץ־ישראל, האָט אויף זיי געוואַרט אַ שווערע, מיפולע, חלוצישע אַרבעט.

עס זענען דאָן אַוועקגעפאָרן די שוועסטערן: אסתר, רויזע, גיטל און דער ברודער וואָלף בער. מיר, די איבערגעבליבענע, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דייטשלאַנד ביז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די יידן־רדיפות אין יאָר 1934.

דאָ אין לאַנד איז געשטאָרבן אונדזער מוטער יהודית ע״ה, ווי אויך דער ברודער איסר, וועלכער האָט גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אין וויערושאָווער קאָמיטעט. לעצטנס זענען אויך געשטאָרבן די שוועסטערן אסתר און גיטל.



חוה ליטמאַן — ענברי
תל־אביב

זכרונות פון ווייטן אמאל

אויסער דער גרענעץ פון שטעטל

אונדזער יידיש וויערושאָוו, אונדזערע טייערע יידן, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מידות טובות, נישט נאָר אינערהאַלב דעם שטעטל. דער חוש פאָר געזעלשאַפט־לעכער און פילאַנטראָפּישער אַרבעט, נעמען אונדזערע וויערושאָווער מיט מיט זיך אויך קיין אויסלאַנד, ווזהין עס עמיגרירן פיל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איבער־הויפּט פון דער יוגנט. יעדע יידישע שטוב פון אַ וויערושאָווער אין אויסלאַנד, איז געווען אַן אָנשפּאַר פאַר די פרישע עמיגראַנטן, וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות זענען זיי געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פוילן.

אין דעם עפּיזאָד וועל איך שילדערן, ווי ס׳האָט אויסגעזען, וואָס פאַראַ ראָל עס האָט געשפּילט אונדזער שטוב אין ברעסלאַו.

פאַר די יידישע עמיגראַנטן פון פוילן, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט, צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע און צוליב אַנדערע סיבות, אין דער וועלט, זוכנדיק אַ נייע היים, איז ברעסלאַו געווען די ערשטע שטאָט, ווו זיי זענען אָנגעקומען. זייער פיל וויערושאָווער האָבן פון דאָרט עמיגרירט אין אַנדערע, אויך מעבר לים, לענדער. אַ געוויסער טייל איז געבליבן אויפן אָרט. צווישן אַנדערע, האָבן זיך באַזעצט אין ברעסלאַו מאנוש און הערשל קאָסריל, הערש שפּיראָ, הערשל סקורקאָ, נח רוסעק, איציק, אברהם און יעקב ברוין און יעקב שמולעוויטש.

מיין מוטער האָט געהאַט אין באַזיץ אַ רעסטאָראַן, ווו איך מיט מיין שוועסטער רחל לאה האָבן מיטגעהאָלפן ביי דער אַרבעט. אונדזער רעסטאָראַן איז געוואָרן באַוווּסט פאַר דער גרויסער צאָל עמיגראַנטן, וועלכע זענען טאָג־טעגלעך אָנגעקומען קיין ברעסלאַו. ביי אונדז האָבן זיי געפונען אַ היים און מיר האָבן געזאָרגט פאַר זייער ווייטערדיקן גורל.

דער רוב פון די אָנקומענדיקע זענען געווען אָן געלט־מיטלען און אַ גרויסער טייל האָבן נישט באַזיצט קיין פּאַספּאָרטן. מיר האָבן זיי באַזאָרגט, דורך באַקאַנטע אין די הויכע פענצטער, מיט די נויטיקע דאָקומענטן.

אין דער אַ וויכטיקער אַרבעט, האָבן גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל, די טוער פון דער גוט־אָרגאַניזירטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט, אַדוואָקאַט יאַקו־באָווסקי און רעגירונגס־ראַט ד״ר מאַרקוס.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל, אַהיימקומענדיק פון קינאָ, האָב איך דערזען, אַז דער רעסטאָראַן איז ליידיק און מיין מוטער דערציילט מיר, מיט אַ טרויעריק פּנים, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פאַרפאָרן צום רעסטאָראַן אַ גרויסע פּאָליציי־אויטאָ און אַלע אַנוועזנדע אַרעסטירט. וויסנדיק, אַז צווישן די אַרעסטירטע, געפונען זיך פיל יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון פוילן, אויסמיידנדיק דעם מיליטער־דינסט און אין פאַל

פון דעפּאָרטאַציע, דראָט זיי טויט־שטראָף — בין איך זאָפאָרט געגאַנגען צום אַדוואָקאָט יאָקובסאָן, וועלכער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן פּאָליציי־שעף און פאַר אַ היפּשע סומע, זענען אַלע באַפרייט געוואָרן.

מיר האָבן אויך געשאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר אַן הכשרה־פּונקט, צוגרייטנדיק עולים פאַר ארץ־ישראל.

פאַר מיין אַקטיוו̈ער ציוניסטישער טעטיקייט, בין איך דעלעגירט געוואָרן, אַלס איינע פון די דייטשישע דעלעגאַטן, צום 14־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925.


XIV. Zionisten-Kongress in Wien
AUGUST 1925

Kongress-Legitimation

Das Bureau des XIV. Zionisten-Kongresses bestätigt hiemit zwecks Ermässigung der Visagebühren, dass

~~Herr~~ Frau Eva Littmann

aus Breslau

Land Deutschland

am XIV. Zionisten-Kongress teilnimmt.

Stempel und Unterschrift des Kongressbureaus:

Es wird bestätigt, dass Inhaber dieser Legitimation Mitglied der zionistischen Weltorganisation ist.

Stempel und Unterschrift der Zion. Landesorganisation:

תעודת השתתפות לקונגרס הציוני ה־14. 1925.

קאָנגרעס־לעגיטימאַציע פון חוה ליטמאַן. 14 — טער ציוניסטישער קאָנגרעס 1925.

אין יאָר 1933, ווען עס הויבן זיך אָן די אַנטי־יידישע רעפּרעסיעס אין דייטשלאַנד, ווערט מיין מאַן צוריקגעשיקט קיין פּוילן. נאָך אַ קורצער צייט, פאַראייניק איך זיך מיט מיין מאַן און מיר געפינען זיך אין לאָדזש, ווי אויך אין אונדזער געבורט־שטעטל, ביז אין חודש סעפּטעמבער, ווי נאָך גרויסע שוועריקייט, געלונגט אונדז עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

וויערושאָוו אין יאָר 1919

ווי באַוווּסט, איז יעדן מיטוואָך געווען אין שטעטל דער „מאַרק־טאָג״ און דער האַנדל־אויסטויש צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג מיט די פויערים פון דער סביבה איז געווען זייער אַ לעבהאַפטער.

דער אַ מיטוואָך, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן, איז געווען אַ ספּעציעלער, ווייל די זעלבע וואָך איז געוואָרן צוגעגנבעט דורך פּאָליאַקן, זעקס פערד, וועלכע האָבן געהערט צום דייטשן מיליטער און די מיליטערישע מאַכט האָט געשיקט אַן אולטימאַטום, אַז אויב ביז מיטוואָך, 12 אַזייגער בייטאָג, וועלן די פערד נישט ווערן צוריקגעשטעלט, וועט דאָס שטעטל ווערן באַשאָסן דורך האַרמאַטן. זייער פיל פון דער יידישער



קבוצת פליטים מווירושוב והסביבה במסיבה שנערכה בבית הקפה של פרימט ליטמן. ברעסלאוו 1928.
גרופּע פּליטים פון וויערושאוו און אומגעגנט אין קאפע־הויז פון פרימעט ליטמאַן. ברעסלאוו 1928.

באַפעלקערונג האָבן נישט געגלויבט, אַז די דייטשן וועלן די דראָאונג אַדורכפירן. ווען ס׳איז אָנגעקומען די שעה, דאָס הייסט 12 אַזייגער, איז יאָסל מאָזעס געשטאַנען אין מיטן מאַרק, מיטן זייגער אין דער האַנט און געזאָגט: „איר זעט, ס׳איז שוין 12 אַזייגער און מ׳שיסט נישט״ — אין דעם מאָמענט, האָט ער באַקומען אַ שראַפּנעל אין האַנט אַריין.

די אַרטילערישע באָמבאַרדירונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אינטענסיווער און די פּאַניק — אומבאַשרייבלעך. ס׳זענען אויך געפאַלן קרבנות. צווישן די אומגעקומענע

איז געווען אַ געוויסער שלעזינגער, ווי אויך אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַנדלט אַ הון.

איך בין דעם טאָג נישט געווען אין שטעטל, ווייל צוליב דער מוטערס קרענק, האָב איך ערלעדיקט פאַרשידענע געשעפטלעכע ענינים.

אַהיימפאָרנדיק, האָב איך געטראָפן אויף די וועגן מאַסן יידישע פליטים מיט פעקלעך אין די הענט, וועלכע האָבן מיר געראָטן, נישט אַהיים צו פאָרן, ווייל וויערושאָוו ווערט באַשאָסן. זייענדיק באַאומרואיקט צוליב גורל פון מיין פאַמיליע, קוק איך נישט אויף דער גרויסער סכנה און קום אָן אין שטעטל וואָס זעט אויס, ווי אויסגעשטאָרבן. כאָטש צו דער צייט איז די שיסעריי געוואָרן אָפגעשטעלט, איז די גאַנצע באַפעלקערונג געווען באַהאַלטן אין די דערנעבנדיקע דערפער.

ערשט צומאָרגנס האָבן זיך די איינוווינער צוריקגעקערט און אָנגעהויבן נאָרמאַ־ליזירן דאָס לעבן.

די ערשטע ביבליאָטעק

דער דראַנג פאָרן קולטורעלן אויסלעבן זיך, דערגרייכט אונדזער שטעטל שוין ביים סאָמע אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דורך פאַרשידענע וועגן, קומען אָן ביכער פון יידישע קלאַסיקער, ווי אויך פון אַנדערע נישט־יידישע שרייבער, וועלכע ווערן אויפגענומען דורך דער יידישער יוגנט מיט התלהבות.

בכדי צו דערמעגלעכן, אַז דאָס געדרוקטע וואָרט זאָל זיין צוגענגלעך פאַר אַלע שיכטן פון דער יוגנט, האָבן מיר, אַ גרופע מיידלעך, אָרגאַניזירט, אין קליינעם פאַרנעם, די ערשטע ביבליאָטעק. מיר האָבן צוזאַמענגענומען פון יידישע יוגנטלעכע צו אַ האַלבן רובל און איינגעקויפט ביכער פון פרץ, שלום עליכם, מענדעלע, ווי אויך פון אַנדערע שרייבער און פאַר די אַריינגעפלאָסענע געלטער, וואָס מיר האָבן באַקומען אַלס מיט־גליד־אָפצאָל, האָבן מיר כסדר צוגעקויפט פרישע ביכער. אונדזער קליינע ביבליאָטעק, האָט זיך געפונען ביי ייטקע קאַסריל.

אין דער שפּעטערדיקער צייט, ווען עס שאַפט זיך די ציוניסטישע ביבליאָטעק דורך משה וועלטסמאַן, יעקב ברוין, דוד גאַד, יהושע זיינוול רוסעק און אַנדערע, קומען מיר צו אַ הסכם, וועגן אַ פאַראייניקונג און אונדזער ביבליאָטעק גייט איבער אין רשות פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער ביבליאָטעק.

חוץ דעם ביבליאָטעקאַרער טעטיקייט, ווערט אויך געפירט אַ לעבהאַפטע קולטורעלע אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. עס ווערן איינגעאָרדנט פאַרשידענע אימפּרעזעס, פאָרלעזונגען, ליטעראַרישע שמועסן און אַנדער פאַראַנשטאַלטונגען.

מיר טרעפן זיך אויך אָן אויף געוויסע שוועריקייטן און שטערונגען מצד דעם עלטערן דור, די עלטערן, וועלכע קאָנען נישט שלום מאַכן מיט געדאַנק, אַז יידישע קינדער זאָלן לעזן ביכער, זאָלן זיך צוזאַמענקומען אויף פאַרזאַמלונגען. אונדזער ביבליאָטעק, וועלכע ווערט אָנגערופן דורך די עלטערע יידן „דאָס טמאה׳לע" („טימעלע"), איז אויסגעשטעלט אויף געוויסע שיקאַנעס. ביי פיל מיטגלידער, ווערן די ביכער צעריסן דורך די עלטערן און צו דער ביבליאָטעק, זענען מיר געצוווּנגען צו גיין דורך פעלדער.

מיט דער צייט האָבן זיך די עלטערן צוגעוווינט צו דער דערשיינונג און די ביבליאָטעק איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער יידישער יוגנט.

אַ שריפה אין שטעטל

כאָטש שריפות זענען פאָרגעקומען אין די זומערס, איבערגענוג, איז אָבער דער ווייטער פאַרצייכנטער פאַל, געווען אַ ספּעציעל ערנסטער, ווייל ס'האָט געדראָט, אַז יידן זאָלן האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב.

געווען איז עס אַ ביינאַכט, ערב שבועות, ווען אין יידישע הייזער האָט מען זיך פיבערהאַפט צוגעגרייט צום יום־טוב. פלוצים איז ביי די יאַטקעס אויסגעבראָכן אַ שריפה. דאָס פאַרלעשן דאָס פייער, איז פאָרגעקומען ווי שטענדיק; אויף דער גאַנצער וואַרשעווער גאַס זענען געווען אויסגעשטעלט מענטשן מיט עמערס אָזש ביז דעם „פּראָסנאַ"־טייך און פון דאָרט איבערגעגעבן איינער צום צווייטן די מיט וואַסער אָנגעפילטע עמערס.

די יידישע פרויען, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן די יום־טובדיקע קוכנס, האָבן אויך געהאָלפן ביים לעשן דאָס פייער, אַוועקשטעלנדיק אַלע רויע געבעקסן אויף דער גאַס.

זעענדיק, אַז עס דראָט אַ „סכנה", אַז יידישע הייזער זאָלן בלייבן יום־טוב אָן פרישע, היימישע קוכנס, האָט דער פעלדשער פון שטעטל, הערש משה זולטא, צוזאַמענגענומען ס'גאַנצע געבעקס און אַוועקגעטראָגן צו מאיר בעקער.

נאָך דער שריפה, האָט הערש משה געלאָזט אויסרופן, צו דער צופרידנהייט פון אַלע יידן, איבערהויפּט פון ד יידישע פרויען, אַז יעדער קאָן געפונען זיין קוכן, שוין אָן אָפּגעבאַקענעם, ביים בעקער.

מיין זיידע, ר' יוסף קולטונאָווסקי ז"ל

פאַרן עלטערן דור פון יידישן ישוב אין וויערושאָוו, איז מיין זיידע, ר' יוסף, געווען אָפּגעריסן פון די היימען, לאַנגע, שווערע יאָרן. עס האָט אים געקאָסט שווערע די גרענעצן פון שטעטל. אין דער צייט, ווען ער איז געווען דאָזאָר, האָט ער נישט דערלאָזט, אַז יידישע בחורים זאָלן דינען אין דער צאַרישער אַרמיי, ווו זיי זענען געוואָן אָפּגעריסן פון די היימען, לאַנגע, שווערע יאָרן. עס האָט אים געקאָסט שווערע געלטער דאָס באַפרייען יידישע יונגעלייט פונעם מיליטער־דינסט.


איין מאָל איז מען געקומען צו אים, ביינכאָט, מיט געוויינען, אַז אַ יידישער בחור איז צוגענומען געוואָרן צום מיליטער און אַז מ'דאַרף אים דרינגענד אָפּראַטעווען. דער זיידע האָט זאָפאָרט גענומען אַ פערד און וואָגן און זיך געלאָזט אין דער „גובערניע", קיין וויעלון. נישט האָבנדיק ביי זיך געגוג געלט, נויטיק פאַרן שוחד, האָט ער אַוועקגעגעבן אַלס משכן זיין פעלץ און אַהיימגעפאָרן, ביי אַ שניידיקן פראָסט, אָן אויבערמאַנטל.

ער איז אויך געווען איינער פון די בעסטע שווימער אין שטעטל. מיין מוטער האָט מיר דערציילט, אַז איינמאָל, אַ פרייטיק, האָט דער זיידע באַמערקט, ווי צוויי

גויים טרינקען זיך אין דער „פּראָסנאַ״. די אַנוועזנדע רוסישע באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך געפינען אויף דער בריק פון פּאָדזאַמצע, זענען געווען אומבאַהאָלפן. נישט טראַכטנדיק קיין סך איז דער זיידע אַריין אין וואַסער און מיט שווערע מי און אָנשטרענגונגען,ביידע אָפּגעראַטעוועט. פאַר דעם טאַט, האָט ער באַקומען פון דער רוסישער מאַכט, אַ דערלויבעניש צו פירן תבואה קיין דייטשלאַנד.

אַלט זייענדיק אַבציק יאָר, איז ער געווען פול מיט ענערגיע און זיין גאַנצער לעבנס-אינהאַלט איז געווען טאָן טובות און מעשים טובים.

איין מאָל, בעת עס זענען אָנגעפאָרן אָרעמע לייט, האָבן זיי מיטגעבראַכט די אָנשטעקנדיקע קרענק, דעם פלעק-טיפוס. קיינער פון שטעטל האָט נישט געוואָלט אַרויפגיין אין „הקדש״-שטיבל, ווו די קראַנקע האָבן זיך געפונען. מיין זיידע האָט נישט געקוקט אויף דער געפאַר, ער האָט די קראַנקע געוואַשן און געגעבן עסן.ליידער, האָט זיך די עפּידעמיע פאַרשפּרייט און פון די ערשטע קרבנות איז געווען מיין זיידע ר׳ יוסף ז״ל.



יהושע אייבעשיץ
ישראל

א מארד אין וואלד

(עפּיזאָד)

דער חודש אב תרפ״ט (אויגוסט 1929) איז געווען אַ שטאַרק הייסער און די שטימונג אַ געדריקטע — אַ פּועל יוצא פון די איוב־בשורות, וואָס זענען אָנגעקומען פון ארץ ישראל וועגן די אַראַבישע אָנפאַלן און פּאָגראָמען.

אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן איז אַריינגעקומען אַן אַלטע פויערטע צו געצל פּאַרטעק. די פויערטע האָט זיך איבערגעצלמט און זיך פאַרכליפּעט אין אַ היסטעריש געוויין. ר׳ געצל האָט אין אָנפאַנג נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר געוויין — „זיכער איבערגעכאַפּט אַן איבעריק גלעזל אויפן ניכטערן מאָגן" — האָט ער ביי זיך געטראַכט. ווען די פויערטע האָט זיך באַרואיקט, האָט זי דערציילט אַ שוידערלעכע זאַך, אַז גייענדיק אין וואַלד קלויבן שוואָמען, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דערמאָרדעטן ייד, וועלכער ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט, אַרומגעוויקלט מיטן תלית און תפילין אין פאַרטשיצער וואַלד.

בליץ־שנעל האָט זיך די ידיעה פאַרשפּרייט אין שטעטל און עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק, ווייל אַ סך וויערושאָווער יידן האָבן זיך מפרנס געווען אַלס דאָרפס־גייער. גרויל־קלאַנגען האָבן ארומגענומען דאָס שטעטל, ס׳האָט זיך גערעדט וועגן מאַסן־רציחות, ווייל געווי האָט מען נישט געוווסט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

דער שתדלן פון שטעטל, דער לאַווניק ר׳ מאָטיע בעהאָגן, צו ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, איז שנעל אַוועק צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט, אורבאַניאַק, און פאַרלאַנגט פון אים אָנצונעמען תיכפדיקע שריט. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק — ווייס איך וואָס — האָט ער געטענהט — עפּעס אַ שיכורטע פאַרציילט מעשיות. אָבער אין צווישן האָט זיך אורבאַניאַק איבערצייגט, אַז נישט נאָר ס׳איז פאַרגעקומען אַ שרעקלעכער מאָרד, נאָר אַז אויך דער מערדער איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט.

אָט ווי ס׳איז פאַרגעקומען דער לויף פון דער געשעעניש :

דעם זעלבן טאָג, געווען איז עס אין אַ דינסטיק, איז אַריינגעקומען אין קאָנפעקציע־געשעפט פון יאָסל כהן (ר׳ הלל כהנס זון), און ראובן אַלעקסאַנדראָוויטש, אַ יונגער שגץ פון פאַרטשיץ און געהייסן זיך ווייזן אַן אַנצוג. ראובן אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים באַדינט און יאָסל האָט פון דער זייט אָבסערווירט דעם שגץ. פאַר יאָסלען איז דער ענין געווען פאַרדעכטיקט. ערשטנס, ווי קומט עס, אַז אַ שגץ זאָל קומען קויפן אין אַ פשוטן דינסטיק (נישט קיין מאַרק־טאָג), און צווייטנס, ווי איז געהערט געוואָרן, אַז אַ גוי זאָל זיך לגמרי נישט דינגען אויפן פּרייז. יאָסל האָט געגעבן אַ „ווונק" צו ראובנען, אַז ער זאָל דעם שגץ נעמען אויפן „צימבל". ראובן האָט באַלד פאַר־שטאַנען דעם פאַרדאַכט און בכדי צו געווונען צייט, האָט ער, במחילה, געהייסן דעם

שגץ אראָפּציִען די הויזן, בכדי בעסער צוצופּאַסן דעם אָנצוג לויט דער „פּיגור". דער גוי, נישט האָבנדיק קיין גרויס חשק דערצו, לאָזט זיך אָבער צורעדן, אָבער שנעל — ווי אין עפּעס זיך דערמאָנט — צוריק אַרויפגעצויגן די הויזן. אָבער ס'איז גענוג געווען, אַז אין דעם אויגנבליק, האָט ראובן באַמערקט בלוט־פלעקן אויף די גאַטקעס פון שגץ. פאַר יאָסלען מיט ראובנען איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן פאַר זיך דעם מערדער. דער שגץ האָט אַפּנים אויך באַמערקט, אַז מ'איז אים חושד, האָט ער „געמאַכט פּיס", פּשוט „דער אָנצוג געפעלט אים נישט". יאָסל האָט גענומען אַ געזעלן און אים נאָכגעשיקט, בכדי נישט אַראָפּלאָזן דעם שגץ „פון אויג" און אין דער זעלבער צייט איז ראובן אַוועק אין דער פּאָליציי און געמאָלדן וועגן זיין פאַר־דאַכט. אורבאַניאַק האָט זאָפאָרט אַרויסגעשיקט אַ פּאָליציאַנט אויפזוכן דעם מערדער. דער לעצטער, פילנדיק, אַז מ'שפּיאָנירט אים נאָך, האָט זיך געלאָזט לויפן צווישן די „באַראַקן". מעגלעך, אַז ס'וואָלט אים געלונגען נעלם צו ווערן, אָבער אַ פּאָר געזונטע יידישע בחורים האָבן אים געכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון פּאָליציאַנט. מיט גרויס „פּאַראַד" האָט מען אים געפירט אויפן פּאָליציי־פּאָסטערונעק.

אויפן ערשטן „קבלת־פּנים", האָט אורבאַניאַק אַראָפּגעלאָזט דעם מערדער צוויי פייערדיקע פּעטש. ממה נפשך — האָט געטענהט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט — איז דאָס דער מערדער, טאָ קומט עס אים דאָך ביושר, איז ער נישט שולדיק, מילא, וועט ער עס האַלטן „אויף אַ קאָנטאָ".

צו אַלעמענס איבעראַשונג, האָט דער מערדער באַלד זיך איינגעבראָכן און אין אַלעם זיך מודה געווען. מיט אַ ציניש שמייכל, האָט ער פאַרציילט דעם גאַנצן פאַרלויף. אָט ווי ער האָט עס געשילדערט:

„נעכטן פאַרטאָג, (מאָנטיק אינדערפרי), גייענדיק קיין טשאַסטאַר, בין איך אַדורך דעם וואַלד. פּלוצים האָב איך דערזען אַ „זשיד" „מאָדליעט" זיך. דער זשיד איז געווען איינגעהילט אין ווייסן טוך און איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט געשלאָפן. (וואַרשיינלעך געשטאַנען „שמונה־עשרה"). נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָב איך אים דערלאַנגט מיט דער האַק איבערן קאָפּ, מיט דער גאַנצער קראַפט. דער ייד איז אַ באַגאָסענער מיט בלוט, אומגעפאַלן, אָבער ער האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן. דאַן האָב איך אים דערלאַנגט נאָך עטלעכע קלעפּ, ביז כ'האָב זיך איבערצייגט, אַז ער איז פולקאָם טויט. איך האָב פון אים אַראָפּגעצויגן דעם טוך (דעם טלית) און אין זיינע קעשענעס האָב איך געפונען 780 זלאָטעס. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צום דערנעבנדיקן טייכל, זיך אַרומגעוואַשן פונעם בלוט און אַוועק קיין טשאַסטאַר. אין שענק „מאַכן אַ לעבן".

די מהומה אין שטעטל איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט גרעסער און פיינלעכער. דערווייל האָט מען נישט געוווסט, ווער ס'איז דער הרוג. אַ סך יוגנטלעכע האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק אָפּצוזוכן דעם הרוג, אָבער ס'איז נישט געווען נויטיק, ווייל דער רוצח — אונטער פּאָליצייאישער באַגלייטונג — האָט צוגעפירט דעם גאַנצן עולם צום אָרט פונעם מאָרד אין פאַרטשיצער וואַלד, ווי דער קרבן איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע פאַרגליווערט בלוט. צוקוקנדיק זיך צו דעם שוידערלעכן בילד, האָבן אַלע

אַנוועזנדע, אויך קריסטן, אויסגעבראַכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און דער מערדער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, זאָגאָר צוגעשמייכלט. עטלעכע יידישע בחורים האָבן זיך אויף אים געוואָרפן און ווען נישט די אינטערווענץ פון דער אַנוועזנדער פּאָליציי, וואָלט ער זיכער געוואָרן דערלעדיקט אויפן אָרט.

דער הרוג איז געווען יעקב קאָפּל ראָטבאַרד פון קשעפּיץ, ישראל דוד שטערנס אַ שטיף־איידעם, אַ שטילער איידעלער מענטש, נישט געטשעפּעט קיין פליג. אין קשעפּיץ איז ער געווען אַ תבואה־סוחר און אין וויערושאָוו נישט האָבנדיק מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין, איז ער געוואָרן אַ „דאָרפס־גייער". קיינמאָל נישט מתרעם געווען און אַלץ אָנגענומען מיט אהבה.

היות די פּאָליציי האָט נישט דערלויבט תיכף קובר צו זיין דעם הרוג, ביז ער וועט נישט אַדורכגיין דורך אַ פּאַטאָלאָגישער מעדיצינישער סעקציע, זענען אַ פּאָר צענדליק בחורים געבליבן אויפן אָרט און געזאָגט תהילים, ביז צומאָרגנס פּאַרמיטאָג.

צומאָרגנס, מיטוואָך, בעת ס'איז געוואָרן אַדורכגעפירט די מעדיצינישע סעקציע דורכן פּאָוויאַטאָוון דאָקטאָר, איז כמעט גאַנץ וויערושאָוו געווען אויפן פלאַץ. טראָץ דעם, וואָס ס'איז געווען אַ מאַרק־טאָג. קיינער האָט נישט געהאָט קיין געדולד צו זיין אין שטעטל, קינד און קייט, זענען אַרויס אין וואַלד, צום אָרט פון דער רציחה.

אין דער לוויה האָט זיך באַטייליקט ס'גאַנצע שטעטל. די געוואַלדן און יללות זענען געגאַנגען עד לב השמים. דער רב און אַנדערע מספּדים האָבן זיך פאַרכליפּעט און געוויינט, ווי קליינע קינדער.

דער מערדער האָט באַקומען סך הכל אַכט יאָר תפיסה. ער האָט געטענהט, באשר דער נרצח האָט אים פאַרטשעפּעט — טראָץ דעם, וואָס אין דער פּאָליציי האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז אים באַפאַלן בשעת דער ייד איז געשטאַנען „שמונה־עשרה".

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָט די פרוי פונעם הרוג געבוירן אַ ייִנגעלע, וואָס האָט באַקומען דעם פאָטערס נאָמען, יעקב קאָפּל ראָטבאַרד

יהושע אייבעשיץ

א פאמעשאף — וואס האט כמעט דערפירט צו א פאגראם

(עפּיזאָד)

אין יאָר 1930, נאָכן טויט פון געריכט־קאָמאָרניק, קיעפּורסקי, איז אויף זיין אָרט אָנגעקומען אַ יונגער, עלעגאַנטער גוי, אַ קאַוואַליר, מיטן נאָמען קאַזשימיערסקי. ער האָט געוווינט ביי רפאל ערליך. מיט יידן האָט ער אָנגעהאַלטן אָנשטענדיקע, קאָרעקטע באַציאונגען.

קאַזשימיערסקי איז נישט געווען קיין שטאַרק גלויביקער קריסט, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער גיין אין די זונטיקן אין קירכע, ערשטנס, צוליב זיין געזעלשאַפט־

לעכער שטעלונג, זייענדיק אַ רעגירונגס־באַאַמטער. חוץ דעם, זוכנדיק פאַר זיך אַ פּאַסיקן שידוך, האָט ער נישט געוואָלט אָנגיין אַלס אַטעאיסט.

אין אַ שיינעם, פראָסטיקן זונטיק, האָט זיך דער יונגער קאָמאַרניק אויסגעפּוצט אין זיין נייעם פּעלץ און זיך געקליבן אין קירכע אַריין. און דאָ האָט פּאַסירט פּאַלגנדע, אומאָנגענעמער פאַרפאַל, וואָס האָט כמעט דערפירט צו אַ פּאָגראָם אין שטעטל.

אין זעלבן הויז, ביי רפאל ערליך, האָט געוווינט, אין אַ דאַך־שטיבל, די מוטער פון יצחק מרדכי דאַווידאָוויטש. ווי באַקאַנט, איז אין וויערושאָוו קיין סאַניטאַרע אינסטאַלאַציע לייטונג נישט געווען. אַ „פּאַמעשאַף" האָט מען געדאַרפט אַראָפּטראָגן אויפן הויף. אָבער ס'איז דאַך ווינטער און דער פראָסט איז גרויס און די אַלטע פרוי איז נעבעך קראַנק אויך, אַז פשוט די פיס טראָגן נישט— האָט זי, נישט קלערנדיק, אַ נעם געטאָן דאָס טעפּל מיטן „אוצר" און עס אַראָפּגעגאָסן גלייך — — — אויפן קאָפּ פון קאָמאַרניק.

דער יונגער קאַזשימיערסקי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, נישט באַגרייפנדיק וואָס דאָ האָט פּאַסירט. באַלד האָט זיך געמאַכט אַ צוזאַמענלויף, סיי פון יידן־שכנים, ווי לייביש שפּיראָ,זיין שוואָגער לייב זיידמאַן, יחיאל מאיר קאַסריל, ישראל שלום פּראַצעל, פּייוול ניימאַן, ווי אויך קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן תיכף אָנגעהויבן פירן אַ העצע קעגן דער יידישער „חוצפּה". דער ערשטער פון די יידן, וואָס האָט זיך אָריענטירט, אַז דער ענין איז ערנסט און קאָן האָבן ערנסטע נאָכפאָלגן — איז געווען ישראל שלום פּראַצעל. ער האָט אָנגענומען דעם צעטומלטן קאָמאַרניק, אים אַרויפגעפירט צו זיך אין צימער, אַרומגעוואַשן און אויסגעפּוצט. (שפּעטער האָט זיך ישראל שלום געוויצלט, אַז דאָס איז ביי אים דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט געמאַכט „טהרה" ביי אַ לעבעדיקן, דערצו נאָך, ביי אַ גוי...).

די צונויפגעזאַמלטע יידן, מורא האָבנדיק פאַר גאָר נישט־אָנגענעמע רעזולטאַטן, צוליב דעם אַנטיסעמיטישן גלח, וועלכער האָט נאָר געוואַרט אויף אַזעלכע געשעענישן, בכדי צו פירן זיין יידן־פרעסערישער העצע, האָבן תיכף אָנגענומען ווייטערדיקע שריט צו ליקווידירן דעם אינצידענט. לייב זיידמאַן האָט גענומען פון געשעפט אַ בייכיקע פלאַש „באַטשעווסקי"־ליקער און אַרויף צום קאָמאָרניק. דער גוי, דערזעענדיק די פלאַש, האָט זיך אמתדיק דערפרייט, ווייל אַ כוסה האָט ער באמת נישט פיינט געהאַט. נאָך אַ היפּשע צאָל גלעזלעך, זייענדיק כמעט „בגילופין", גיט לייב אַ זאָג: „כ'מיין, דו האָסט געהאַט בדעה צו גיין אין קירכע ?" „וואָס זאָרגסטו עפּעס פאַר מיין קריסט־לעכער נשמה, פּאַניע זיידמאַן ?" — פדעגט אים דער קאָמאָרניק. „נישט פאַר דיין נשמה, נאָר פאַר אונדזערע יידישע קערפּער זאָרג איך" — ענטפערט אים לייב. דער גוי, פאַרשטייענדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט זיך שנעל אויסגעפּוצט און אַוועק אין קירכע. זיין דערשיינען דאַרט, האָט אויסגעמיטן אַ גרויס אומגליק אין שטעטל.

אין בין השמשות, צווישן מנחה־ומעריב, האָבן זיך אַלטע יידן געשושקעט אין האַלב־פינצטערן בית־המדרש: אַבי מ'זאָגט, אַז נישטאָ קיין ניסים, כ'לעבן, ס'שטעטל דאַרף גומל בענטשן.

מאַנוש כתריאל

זכרונות פון באליבטן געבורט־שטעטל

אַ דרייסטער טאַט

פאַסירט האָט דער עפּיזאָד אין די באָוווסטע בלוטיקע יאָרן פון טויזנט ניין הונדערט פינף, ווען צוזאַמען מיט אַ סך פעלקער, פאַריאָכטע אונטערן צאַרישן זעלבסטהערשערישן רעזשים, האָבן אויך יידישע פאָלקס־מאַסן רעוואָלטירט קעגן דער מאַכט. עטוואָס שפּעטער, ווען די צאַרישע מאַכט פירט אַדורך מאַסן־אַרעסטן, פאַלן די ערשטע קרבנות יידישע אַרבעטער, וואָס פיל פון זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין שייכות צו דער „אחדות״־באַוועגונג.

איינמאָל ווערט אַרעסטירט אַ ייד, אַ פאָטער פון קינדער, וועמען די פאָליציי איז חושד אין אַנגעהעריקייט צו דער „אחדות״, און לויט די קלאַנגען, איז דער ייד געוואָרן שטאַרק צעשלאָגן אין דער פאָליציי.

די קלאַנגען דערגייען צו חיים עליאַש, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן „דער הויכער חיים״, וועלכער האָט באַשלאָסן נישט צו פאַרשווייגן דעם ענין.

צומאָרגנס אין דער פרי, איז חיים אַריין צום רוסישן קאָמענדאַנט, מיט דער טענה, פאַרוואָס ער שלאָגט אַן אומשולדיקן ייד און ער האָט געבעטן צו באַפרייען דעם אַרעסטירטן, ווייל ער איז אַ טאַטע פון קינדער און ער דאַרף זאָרגן וועגן פרנסה.

דער קאָמענדאַנט, אַ טיפּישער צאַרישער טשינאָווניק, נישט זייענדיק צוגעוווינט צו אַזעלכע דרייסטע יידן, באַפעלט אים זאָפאָרט צו פאַרלאָזן דעם קאָמיסאַריאַט, כל־זמן ער אַליין האָט נישט אַריינגעכאַפּט ס׳זייניקע. אונדזער חיים, ווערנדיק אַרויס־געפירט פון גלייכגעוויכט, צוליבן קאָמענדאַנטס דראָאונגען, כאַפּט אַרויס בליץ־שנעל ביים קאָמענדאַנט די שווערד, צעברעכט זי אויף פּיצלעך, דערלאַנגט אים, אַלס צוגאָב, עטלעכע גוטע קלעפּ און נעמענדיק די שליסלען, באַפרייט ער דעם אַרעסטירטן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם פאַל, האָט דאָס שטעטל געלעבט אין פּחד, מורא האָבנדיק פאַר ערנסטע קאָנסעקווענצן. חיים ווערט אַרומגעזוכט דורך דער פאָליציי און דורך דער צייט, דערגייט די ידיעה איבער שטעט און שטעטלעך אַזש ביז וואַרשע.

בכדי צו פאַרטושן דעם גאַנצן ענין, האָבן זיך אַריינגעמישט יידישע און זאָגאַר נישט־יידישע קערפּערשאַפטן.

צום משפּט זענען אַנגאַזשירט געוואָרן די בעסטע אַדוואָקאַטן און אַ דאַנק דעם זעלבן קאָמענדאַנט, וועלכער האָט דערקלערט, פאַר אַ היפּשע סומע שוחד, אַז ער איז געווען שיכור און אַז ער האָט פאַקטיש געשלאָגן דעם יידן, קומט חיים אָפּ מיט אַ קליינע געלט־שטראָף.

הילף פאַרן אָפּגעברענטן שטעטל

בשעת ווירושאָוו איז געוואָרן באַשאָסן דורך די דייטשן אין יאָר 1919, איז אַ גרויסער טייל פון שטעטל חרוב געוואָרן און פילצאָליקע יידישע משפּחות זענען געבליבן אָן פרנסה.

בכדי צוריקצושטעלן דעם נאָרמאַלן לעבן פון די געליטענע ידן איז געווען נויטיק דרינגענדיקע הילף.

צו דער אַ צייט איז פאָרגעקומען אַ ציוניסטישער קאָנגרעס אין וואַרשע, צו וועלכן איך און הערשל בערקאָוויטש פון לוטאָטאָוו זענען געוואָרן דעלעגירט אַלס פאָרשטייער פון וויעלונער קרייז.

זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע וועגן, בכדי צו ברענגען הילף פאַר די ויערושאָווער ייִדן.

אַ דאַנק אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם אייגנטימער פון דער פאַפיר־פאַבריק, נאַטאַנסאָן, צו ד״ר באַגען, סעקרעטאַר פון דער הילפס־קאָמיסיע, ווי אויך ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון סיים־דעפּוטאַט פון „מזרחי״ — הערשל פאַרבשטיין, ווערט צונויפגערופן אַ ברייטערע פרעסע־קאָנפערענץ ביי דער באַטייליקונג פון דער ספּעציעל־געקומענער פון אַמעריקע דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון גענעראַל דזשאַרווין און דעם פאַטער פון געוו. פינאַנס־מיניסטער פון אַמעריקע, מאָרגענטאַו.

מיין באריכט פאַר דער פרעסע־קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ויערושאָוו, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און די הילפס־קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט זאָפאָרט אַרויסצושיקן אַ גרעסערן טראַנספּאָרט מיט לעבנסמיטל און קליידונג, ווי אויך אַ גרעסערע געלט־סומע.

אַהיימקומענדיק, האָב איך געשאַפן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט, חוץ מיר, ישראל ענגעלמאַן, יעקב מאיר רוסעק, שלמה גראָסבערג, גבריאל כהן און טוביה כתריאל, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעטיילט די אָנגעקומענע הילף, פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

די „פּני״ אין שטעטל

פון די גייסטיקע פירער, פאַרנעמט דעם אויבן־אָן, דער באַליבטער רב ר׳ שאול זילבערמאַן זצ״ל, וואָס חוץ דער באַרימטער ישיבה, גרינדעט ער אויך אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי הכנסת־כלה און ביקור־חולים. דער רב שאַפט אויך אַ באַראַטונגס־גרופּע פון 18 („חי״) אָנגעזעענע איינוווינער, וועלכע דעצידירן וועגן וויכטיקע, קהלישע ענינים.

זייער פיל האָבן אויפגעטאָן פאַרן וווּל פון ייִדישן ויערושאָוו, דער אַלטער מוקשקי, גרינדער פון גרויסן זאַלץ־מאָנאָפּאָל און זיינע שותפים, יעקב דוד כהן און דער אַלטער מאָזעס.

אין די יאָרן 1914 — 1900, זענען געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק די דאָזאָרעס: יעקב מאיר רוסעק, ווילהעלם ראָזעלבלום און דערנאָך אויך דודטשע ווייסבראָט.

פון די גבאים זענען באַקאַנט: שלמה פּרוצעל און משה אהרן ראָזענבלום — פון דער שול און מרדכי יומע רינג — פון בית־המדרש.

זייער וויכטיקע הילף פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, דערטיילן די נאָמינירטע לאָווניקעס גבריאל כהן און נחמן לאַנדאַו. אין יאָר 1915, ווען די דייטשן האָבן געהערשט

אין שטעטל, האָבן זיך ידין באַטייליקט, צוזאַמען מיט קריסטן, אַלס ראַטגעבער ביים שטאָט־בירגערמייסטער. פון די יידישע פאַרשטייער זענען געווען: אברהם הלל כתריאל — פון די הויז־באַזיצער, גבריאל כהן און מאָטיע בעהאַגען — פון די יידישע געשעפטס־לייט און נתן לאַנדאָו — פון די סוחרים.

יהודה אריה וואָנטשקאָווסקי
ישראל

מארק־פארער

אַ גרויסער טייל וויערושאָווער יידן, האָבן זיך מפרנס געווען פון קליין־האַנדל, פון פאָרן אויף מערק און יאַרידים. נישט לייכט איז געווען די אַ פרנסה, איבערהויפּט די לעצטע יאָרן, ווען ס׳האָבן גראַסירט די אַזוי־גערופענע „פּיקעטניקעס", אַנגעפירט דורך דער פוילישע רעאַקציע, ביי דער אונטערשטיצונג פון דער אָפיציעלער מאַכט.

אָנהויבנדיק פון מוצאי־שבת און אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג, איז געוואָרן צוגעגרייט צו דער נסיעה, געקויפט אַ ביסל סחורה, צוגעגרייט די בויד, אַלץ פאַרפּאַקט און זונטיק ביינאַכט, זיך אָוועקגעלאָזט איבער שטעטלעך, אויף מערק און יאַרידים, ווי מ׳האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע וואָך, זומער אין די ברענענדיקע היצן, ווינטער ביי שנייען, זאַווייערוכעס און שניידנדיקע פרעסט, ביז פרייטיק. אַהיימגעקומען זענען די הענדלער ערשט צו ליכט־צינדן.

כאָטש שווער און ביטער איז אָנגעקומען דאָס שטיקל ברויט, האָבן זיך אונדזערע יידן באַגנוגנט און נישט געהאַט קיין תרעומות. זיי זענען געווען צופרידן, אַז זיי האָבן אַהיימגעבראַכט אויף פרנסה און שכר־לימוד פאַר די קינדער. אונדזערע טייערע יידן, האָבן אויך נישט פאַרגעסן, זייענדיק אונטערוועגנס, וועגן עבודת הבורא. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף אַן אָרט, איז דער ערשטער גאַנג זייערער געווען אין שול אָדער אין בית־המדרש, „אַריינצוכאַפּן" אַ שחרית אָדער קדיש.

די לעצטע יאָרן, האָט זיך דער צווייג פון יידישע פרנסה פיל פאַרערגערט, צוליב דער בושעווענדיקער, אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע, וועלכע האָט זיך געפירט אין פוילן. עס איז געווען אַ שרעק צו פאָרן אויף די מערק, זייענדיק אויסגעשטעלט באַרויבט צו ווערן, באַקומענדיק דערצו נאָך קלעפּ. יידן זענען געוואָרן שאַנטאַזשירט דורך די כוליגאַנעס, ביי דער פולער אונטערשטיצונג פון דער פּאָליציי און זאָגאַר פון געריכטס־ווען, ווייל ווען אַ ייד האָט זיך געמשפּט מיט אַ גוי, איז דער פּסק־דין געווען באַקאַנט פון פריער, פאַרשטייט זיך, אַז לטובת דעם קריסט.

דער האַנדל איז אויך געוואָרן אומדערטרעגלעך, צוליב דעם סיסטעם פון שוחד. יעדער פּאָליציאַנט אָדער מלוכה־באַאַמטער, האָט געמוזט באַקומען ס׳זייניקע און בכדי אויסצומיידן פאַרשידענע שיקאַנעס, האָט מען געמוזט אַוועקגעבן די לעצטע גראָשנס.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון יידישן קליינהענדלער ערב דעם קריג.

וואָלף גאָלדמאַן

מיין עליה קיין ארץ ישראל אין יאר 1923

מיטן אַנטיסעמיטיזם האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין מיין פריערסטער קינדהייט. ווען כ׳בין געווען אַ שילער אין די ערשטע קלאַסן, האָט מיר דער לערער פון מאַטעמאַטיק אויפגעגעבן פאָלגנדן מאַטעמאַטישן אויסרעכענונג: „וויפל פאַרדינט דער ידישער סוחר, וועלכער קויפט אַ זאַק קאַרטאָפל ביים פויער, וועלכער אַרבעט דערויף שווער און דער ייד גיט נאָך אַ קוועטש ביי דער וואָג, עס זאָל ווערן ווייניקער מיט עטלעכע קילאָ?" נאָך אַזאַ „מאַטעמאַטישער" אויפגאַבע, האָב איך זיך געזעגנט מיט דער שולע און מיטן „געבילדעטן" לערער.

איך באַשליס זיך לערנען גערטנעריי. קומענדיק אָבער צום שטאַטישן גערטנער מיט מיין בקשה, אַז ער זאָל מיך צונעמען צו דער לער, האָט זיך דער גוי צעלאַכט: „וואָס? אַ ייד וויל ווערן אַ גערטנער? ס׳איז דאָך אַן אוממעגלעכע זאַך!"

בלית ברירה, בין איך אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַריינגעטרעטן אין אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכע שולע. צוזאַמען מיט מיר, האָבן זיך דאָרט געלערנט נאָך צוויי וויערושאַווער בחורים, די ברידער שמעון און יוסף רוסעק. נאָך אַ געוויסער צייט, האָב איך געענדיקט די שולע מיט אויסצייכענונגען און אָנגעהויבן אַרבעטן ביי גרויסע פירמעס.

אין די יאָרן 22 — 1921, האָב איך געאַרבעט אין דרעזדען און די פירמע האָט באַקומען אַ גרויסע באַשטעלונג איינצואָרדענען אַ בוימער־פלאַנצונג שולע אין אַרגענטינע. די פירמע האָט מיך געוואָלט שיקן אויף זייערע קאָסטן, צוזאָגנדיק מיר גאָר גוטע באַדינגונגען. ווען איך האָב דערציילט מיין מוטער וועגן דעם פאָרשלאָג, האָט זי מיך אָפּגערעדט, דיין פּלאַץ — האָט זי מיר געזאָגט — איז ארץ־ישראל. אין דער זעלבער צייט, איז פון דייטשלאַנד אָפּגעפאָרן אַ גרופּע יידן קיין ארץ־ישראל. אין דער שפּיץ פון דער גרופּע איז געווען ד״ר יעקובוס (היינט פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט). איך האָב זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע און אין יאָר 1923, בין איך אָנגעקומען אין לאַנד, קיין פתח־תקוה, ווו איך האָב זיך באַטייליקט ביים גרינדן פאַרשידענע ידישע ישובים.

* * *

נאָך פיל יאָרן, איז מיר אויסגעקומען צו זיין נאָכאַמאָל אין פּוילן און בתוכם אין אונדזער געבורט־שטעטל. דאָס מאָל ביי גאַנץ אַנדערע אומשטענדן און גאָר־וויכטיקע, פאַרן ארץ־ישראל ישוב, אויפגאַבן. געווען איז עס קורץ פאַרן קריגס־אויסברוך. בערך צוויי מאָנאַטן פאַרן קריג. איך בין געשיקט געוואָרן קיין פּוילן, בכדי צו ברענגען אומלעגאַל עולים קיין ארץ־ישראל.

באַזוכנדיק וויערושאָוו, ווייזט מיר הערשל גליקסמאַן, וואָס סאָראַ פּרעכטיקע, צווישטאָקיקע געביידע, ער בויט פאַר זיך. איך האָב אים גלייך געזאָגט: הערשל, ס'איז אַן עבירה דיין גאַנצע מי, דער דייטש וועט דאָ זיין און אַלץ צונעמען. אָבער ער האָט אין דעם נישט געגלויבט. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף דעם זעלבן שטריך. יידן האָבן נישט געגלויבט, אַז דער דײַטש וועט אַזוי שנעל פאַרנעמען פוילן. זיי האָבן נאַיוו געגלויבט אין דער באַרימערישער פּראָפּאַגאַנדע פון די פוילישע מאַכטהאָבער, אַז די פוילישע באַוואָפנטע קרעפטן זענען „ריזיק־שטאַרק”. אויך אין לאָדזש, ווען כ'האָב געראָטן מיין פעטער, אַז ער זאָל זען דאָס פאַרמעגן אַריבערצופירן קיין ארץ־ישראל, און דער עיקר, זיי זאָלן זיך ראַטעווען ס'לעבן, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג: „איז עס מעגלעך, אַז דער דייטש וועט דערגיין אַזש ביז לאָדזש?”

די יידן אין פוילן האָבן אויך נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער דייטש וועט מיט זיך מיטברענגען טאָטאַלע אויסראָטונג. ביי פיל איז נאָך געווען אין זכרון, דער דייטש פון ערשטן וועלט־קריג. די אַ שטימונגען, האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַ גרויסער טייל פון פוילישן יידנטום, וואָס האָט זיך נאָך געקאָנט אַפּראַטעווען, האָבן עס נישט געטאָן. עס זענען זאָגאָר געווען יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך דעצידירט עולה צו זיין און האָבן אין די לעצטע מינוטן דערפון רעזיגנירט.

מיט גרויס ווייטיק, האָב איך, עטלעכע טעג פאַרן קריג, פאַרלאָזט די פוילישע ערד און צוריקגעקומען אין לאַנד אַריין.

אקופאציע, אומקום און ווידערשטאנד

א. ל. באַרנשטיין

ווען יידיש לעבן איז געווען הפקר...

(ערשטע טעג פון נאַצישן רשעות אין וויערושאַוו)

אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך בין איך געווען פון די געציילטע פאַמיליעס, וועלכע זענען געבליבן אין וויערושאַוו. פרייטיק און שבת, האָבן מיר זיך געפונען אין קעלער פון הויז פון רב און מורא געהאַט אַרויסצוּווייזן די קעפּ אין גאַס אַרויס, ווי עס האָט שוין געבושעוועט די „נייע אָרדנונג” פון מאָרד און רויב.

שבת אינדערפרי, האָבן מיר איינגעאָרדנט אין אונדזער באַהעלטעניש — נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר — אַ „מנין”. פלוצלינג, ווען מיר האָבן געהאַלטן אידערמיט לייענען די תורה, האָבן מיר דערהערט שרעקלעכע קלעפּ פון ביקסן־קאָלבעס אין פאַרשלאָסענעם טויער. ווען מיר האָבן דערהערט די היסטערישע געשרייען: „אויפ־מאַכען, אַלעס ראַוס!” — איז דאָס בלוט געוואָרן פאַרגליווערט. יעדער האָט ביי זיך געקלערט, אַז איצט איז דער סוף. צוויי פון אונדז, איך און מיין שוועגערין (די ־פרוי פון ר' חיים שלמה האָראָוויטש), האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין. ווען מיר האָבן געעפנט ס'טויער האָבן מיר געזען פאַר זיך דייטשע סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע אויף אונדז מאַשין־געווערן, וועלכע האָבן אונדז געפרעגט ווו עס געפינט זיך די יידישע, וואָס רעדט אַ פּרעפעקטן דייטש, ווייל דער גענעראַל וויל מיט איר רעדן (דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען מ'האָט געפרעגט פלעווינסקין דעם בעקער, ווער ס'רעדט אַ גוטן דייטש, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער שוועגערין). צוקומענדיק צום עק גאַס, האָבן מיר דאָרט געזען אַ דייטשן גענעראַל און די ערשטע פראַגע איז געווען: ווער ס'האָט אויפגעריסן די בריק און ווען דאָס איז פאַרגעקומען? די שוועגערין האָט געענטפערט, אַז מיר זענען באַהאַלטן פון סאַמע אָנהויב קריגס־אָפּעראַציעס, אַזוי אַז מיר האָבן נישט קיין אַנונג דערוועגן. דערנאָך האָט ער געפרעגט פאַרוואָס די געוועלבער זענען פאַרמאַכט און באַקומענדיק אַן ענטפער, אַז דאָס איז צוליב דער מלחמה — האָט ער באַפוילן זאָפאָרט צו עפענען אַלע געוועלבער.

שבת פאַרנאַכט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שטאָט. די סיבה איז געווען — ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן — וואָס דער זון פון אורבאַנסקי דער מילנער, וואָס האָט געדינט אין דער פוילישער אַרמיי אַלס פליער, האָט נאָכן צוזאַמענברוך פון דער פוילישער אַרמיי געוואָלט אַדורכפירן אַ „פּריוואַטע־נקמה” און ער האָט זיך געלאָזן אין איינעם פון די געציילטע פוילישע קאַמפס־עראָפּלאַנען איבער וויערושאַוו און מיט די באָמבעס דערהרגעט 23 דייטשישע סאָלדאַטן. דער אַקט האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע מהומה, וועלכע האָט דערפירט די דייטשן צו וואַנזיניקייט און צוזאַמען מיט די מערדערייען האָבן זיי אונטערגעצונדן וויערושאַוו און נישט געלאָזט לעשן די שריפה.

מיר זענען צוריק אַריין אין קעלער ביז צומאָרגנס אינדערפרי.

אינדערפרי, ווען דאָס פייער איז צוגעקומען צו אונדזער הויז און דער רויך איז אַריינגעדרונגען, זייענדיק באַדראָט דערשטיקט צו ווערן, האָט דער רב, ר׳ אליעזר אורנבאך הי״ד, געזאָגט: מילא, מיר האָבן סיי ווי נישט וואָס צו פאַרלירן, לאָמיר אַרויסגיין און זאָל זיין, וואָס איז באַשערט. מיר זענען אַלע אַרויס מיט אויפגעהויבענע הענט און אַ דייטשער סאָלדאַט האָט אונדז באַפוילן צו גיין צו דער ריכטונג פונעם טייך (נישט צום מאַרק־פּלאַץ). דאָס איז געווען אונדזער מזל, ווייל די יעניקע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין גאַס, זענען געוואָרן אויפן אָרט דערשאָסן. צווישן די דערמאָרדעטע אין דעם טאָג, 17 קדושים, האָט זיך געפונען די פאַמיליע לוי און אַנדערע אַנגעזעענע יידן. וועגן די רוצחישע דערשיסונגען זענען מיר ערשט געוווּר געוואָרן אין פּאַדזאַמצע, ווו מיר זענען געבראַכט געוואָרן צום אַלגעמיינעם זאַמל־פּונקט.

* * *

ביזן אָנקומען צום זאַמל־פּונקט זענען מיר אַדורכגעגאַנגען אכזריותדיקע פּייניקונגען און אין רעזולטאַט, זענען געפאַלן צוויי קרבנות. איינער פון זיי איז געווען דער בחור חיימל פּיערניקאַזש, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציִשע באַנדיטן בעת דער בהלה. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּאַדזאַמצע, האָבן די דייטשע וואַנדאַלן איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ „פאַרווייילונג" — זיי האָבן צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל תלתים, תפילין און ספרים און פאַרברענט. אין דער זעלבער צייט, זענען געוואָרן אַרויסגענומען פון די רייען 19 יידן, צווישן זיי מיין שוואָגער, ר׳ חיים שלמה האָראָוויטש, און זיי זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. עטלעכע שעה זענען מיר געווען באַזאָרגט וועגן זייער גורל. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן מיר פאַר זיך געזען מענטשן אויף אַזוי ווייט דערשיטערטע, אַז זיי האָבן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ערשט נאָך עטלעכע טעג, האָבן זיי אונדז דערציילט וועגן דעם גרויזאַמען קאָשמאַר, וואָס זיי זענען אַדורכגעגאַנגען. זיי האָבן געבראַכט צו קבורה די טראַגיש־אומגעקומענע און די קברים זענען זיי געווען געצווונגען צו גראָבן מיט די הענט, ביי דער באַגלייטונג פון מערדערלעכע קלעפּ.

נאָכן אַדורכגיין פאַרשידנאַרטיקע באַליידיקונגען, ווערן מיר, 82 מענער, אַרויסגענומען און פאַרלאָדנט אין לאַסט־אויטאָס. איידער מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין, ווערן מיר פאָטאָגראַפירט און אין עטלעכע טעג האָט אונדזער בילד זיך באַוויזן אין די דייטשישע צייטונגען מיט דער אונטערשריפט: „די דאָזיקע יידן האָבן געשאָסן אין אונדזערע סאָלדאַטן".

פאַרנאַכט ווערט אונדזער גרופּע אַריינגעפירט אין דער קעמפּנער טורמע. צומאָרגנס, ווען מיר ווערן אַרויסגעפירט, בכדי פאַרצוזעצן דעם ווייטערדיקן וועג, אָרדענען די דייטשן איין אַ „בראַנפּויער" — מיר מוזן אַדורכלויפן דורך אַ שפּאַלער ווו פון ביידע זייטן שטייען דייטשע סאָלדאַטן און שלאָגן אויף רעכטס און לינקס. ספּעציעל איז

געוואָרן שרעקלעך צעשלאָגן דער שוחט, ר׳ יחזקאל שטשעקאַטש, ועמען ס׳איז נישט געווען צו דערקענען. ער איז געווען איין בלוטיקע מאַסע.

מיר ווערן געפירט קיין נירנבערג.

* * *

אויפן וועג קיין נירנבערג, ווערט אונדזער גרופּע פאַרגרעסערט מיט נאָך יידן פון אַנדערע ערטער. ביזן אָנקומען אויפן אָרט, גייען מיר אַדורך די שבעי מדורי גהינם. ספּעציעל האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער טראַגישער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין האַנסדאָרף — אויבער־שלעזיען. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער הייסער טאָג און מיר, זייענדיק אין אָפענעם פעלד, זענען געווען זייער דורשטיק און קיין וואַסער האָט מען אונדז נישט דערלויבט צו באַקומען (פאַרשטייער פון „רויטן־קרייץ" האָבן געטיילט וואַסער און אַנדערע געטראַנקען פאַר די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען). נאָך מער, די דייטשע סאַדיסטן האָבן אויסגעגאָסן דאָס פאַראַנענע וואַסער אין דער ערד אַריין און מיר שוין פאַרחלשטע פון דורשט, האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, בכדי צו שטילן דעם נאַגנדיקן דראַנג נאָך אַ טראָפּן וואַסער. אויף דעם זעלבן אָרט האָט אויך פּאַסירט אַן אומגליק מיט צוויי פון אונדזערע וויערושאָווער יידן. דער באַגאַבטער בחור חיים מאיר וואַקסמאַן, האָט פאַר שוואַכקייט געחלשט. מיר האָבן געבעטן הילף אָבער קיינער האָט נישט געהערט און נישט געהאָלפן. אַזוי איז ער אָפּגעשטאָרבן פאַר אונדזערע אויגן און מיר זענען געווען געצוווּנגען אים איבערצולאָזן אין אָפענעם פעלד. דערנאָך זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז די דאָרטיקע קהילה האָט אים געבראַכט צו קבר־ישראל). דער צווייטער אומגליק איז געווען מיט ר׳ ישראל יאַסקאָוויטש („טשיטשעלאָווער"), ער האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און נישט באַקומענדיק די נויטיקע הילף, איז ער נפטר געוואָרן אויפן אָרט.

אין נירנבערג זענען מיר געוואָרן איינלאָקירט אין אַן עס־עס־לאַגער. אויך דאָרט האָבן מיר אויסצושטיין פאַרשידענע צרות און נידערטרעכטיקע סאַדיסטישע שפּיצלעך מצד די נאַציס. געווען אַ פאַל, אַז זיי האָבן אַרויסגענומען צוויי וויערושאָווער יידן און אויסגעריסן פון זיי די פּיאות צוזאַמען מיט דער הויט.

פאַר די „ימים הנוראים", האָט יחיאל מאירל אַלבערשטיין זיך איינגעשאַפּן שטיקלעך פּאַפּיר און דאָרט פאַרשריבן, פון זכרון, דעם רוב תפילות און פּיוטים און די „מחזורים" זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

ראש־השנה, אין מיטן „מוסף", זענען מיר געוואָרן אַוועקגעפירט צו רייניקן דעם לאַגער.

אין טאָג פון יום כיפור זענען מיר געוואָרן געשטעלט פאַר אַן ערנסט פּראָבלעם וואָס צו טאָן מיט געקעכטס, וואָס מיר האָבן באַקומען?

אויסגיסן — וואָלט געהייסן סאַבאָטאַזש. עסן — דאָס איז נישט געוואָרן גענומען אין באַטראַכט, ווייל פון אַלע וויערושאָווער, וועלכע האָבן איצט געציילט 80 מאַן, האָבן 79 געפאַסט, בלויז איין בחור, באַראַן (דוכט זי דאָ בעקער), זייער אַ שוואַכער,

האָט זיך קוים געלאָזט איבערצייגן, אַז ער טאָר נישט פאַסטן. צום סוף האָבן מיר געפונען אַן אויסוועג. ס'איז אונדז געלונגען צו בייטן די זופּ פאַר ברויט מיט די פּאַרהאַלטענע פּאַליאַקן.

גערדאַווונט פאַרן עמוד האָט ר' קלמן שוחט. מיט זיין דונערדיקע און טיפע שטימע האָט ער געמאַכט ציטערן אונדזערע הערצער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די מלאכי־מעלה האָבן אַראָפּגענידערט און אָנטיילגענומען אין אונדזער תפילה און אין די צרות פון עם ישראל. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די וועכטער פון „ווערמאַכט", האָבן אונדז רעספּעקטירט און נישט דערלאָזט, אַז די פּאַליאַקן זאָלן אונדז שטערן.

אין נירענבערג זענען מיר געווען ביז סוכות.

* * *

מיר ווערן געפירט צו דער ריכטונג פון פּשעמישל, די נייע גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד און פון דאָרטן, צוליב פאַר אונדז אומבאַקאַנטע סיבות, ווערן מיר צוריקגעפירט קיין יאַראָסלאַוו. דאָ באַקומען מיר, נאָך עטלעכע טעג הונגער און דורשט, אַ סוכאַרע און אַ ביסל וואַסער. אויך די יידן פון יאַראָסלאַוו, האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט ברויט און ווען די באַן האָט שוין געררירט פון אָרט, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן די נאָך הייסע ברויטלעך. זייענדיק אויסגעהונגערט, וואַרפן מיר זיך אויפן הייסן ברויט און אין רעזולטאַט ווערן אַ סך קראַנק. אויסגעהונגערטע און קראַנקע מיט ווונדן אויף די קערפּערס צוליבן פעלן פון די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, קומען מיר אָן קיין קראָקע. די דאָרטיקע יידן טוען אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך אונדז אַרויסצוהעלפן אויפן געביט פון באַשפייזונג און סאַניטאַרע מאַסמיטלען.

נאָך אַ קורצער צייט, אָבער נאָך גרויסע צרות, קומען מיר צוריק, איינצלווייז, קיין ווערושאָוו.

די לאַגע אין ווערושאָוו איז געווען די זעלבע, וואָס אין אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן געשמאַכטעט אונטערן נאַציישן שטיוול. אויך ביי אונדז האָבן יידן געלעבט אין אייביקער שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

איך דערמאָן זיך צוויי פאַלן, וועלכע האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, און וועלכע כאַראַקטעריזירן אויף ווי וווייט יידיש לעבן איז געווען הפקר.

דער ערשטער פאַל איז געווען דעם ערשטן ווינטער. דאַמאָלט זענען יידן געוואָרן געכאַפּט צו דער אַרבעט טאָג־איין טאָג־אויס. איינמאָל האָבן זיי געפונען אין אַ באָ־העלטעניש דעם חסידישן יונגנמאַן, פּינטשע אייזיקס, ישראל יאָסלס, (אַן איידעם פון גערער חסיד אברהם דזשיאַלאָווסקי), וועלכער האָט נאָך געטראָגן באָרד און פּיאות. זיי האָבן אים צוגעבונדן צו אַ לויפנדיקן פערד און אים אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון שטעטל.

אַ צווייטער פאַל האָט פּאַסירט אויף דער נאַכט פון הושענא רבה פון יאָר תש"א (1940). מיר זענען געזעסן אין סוכה ביי אונדז אויפן הויף און פּלוצלינג זענען אָנגעפאַלן אויף דער געטאָ פאָלקסדייטשן פון ווערושאָוו און אומגעגנט. איך מיט מיין שוואָגער,

חיים שלמה האַראָוויטש, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אַן אַלטער ייד, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, איז געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן. אויף אַ צווייט אָרט, האָבן זיי אין דער זעלבער נאַכט, אַריינגעוואָרפן אַ ייד אין דער „פּראָסנע", נאָך אַ נס, וואָס דער ייד איז געווען אַ גוטער שווימער, און ער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויך גענומען אַ ייד און אים אויפגעהאָנגען און תיכף אַראָפּגענומען פון דער תליה. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָך דער קאָשמאַרער נאַכט, איז צו אונדז אַריינגעקומען איינער פון די אָנטיילנעמער — אַ באַקאַנטער פּאָלקס־דייטש פון קעמפּנאָ, און געפּאָדערט אויסלייז־געלט, ווייל ער האָט „געזאָרגט", אַז ס'זאָל אונדז גאָרנישט פּאַסירן...

נישט געקוקט אויף אַלע געפאַרן און לויערנדיקע סכנות — זענען יידן געזעסן און געלערנט תורה, און דעם אמת געזאָגט — איז דאָס געווען דער איינציקער פאַרגעניגן. ווינטער פון יאָר תש"א, זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אַכט מאַן (צווישן זיי: לייבל פינקלשטיין, יאָסל רינג און אַנדערע) און געלערנט פון 3 פאַרטאָג ביז 6 אַזייגער. די אָנטיילנעמער זענען זיך צוזאַמענגעקומען דורך די הייף, ווייל ביינאַכט איז נישט געווען דערלויבט פאַר יידן, זיך צו באַוועגן.

זייער פיל יידן פון וויערושאָוו האָבן אויסגענוצט יעדע מעגלעכע פרייע מינוט פאַר דעם הייליקן צוועק.

אברהם קאַלושינער

כעלמנא

אַ קליין פריציש הייפל, נישט קיין גאַנצע דריי העקטאַר פון אַ פרעכטיקן פּאַרק, באַשאָטנט פון מאַיעסטעטישע סאָסנע־בוימער, אַ קליינער אידילישער ישוב אין נאָרמאַלע צייטן, איז כעלמנאָ, אין קריגס־צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער עקספּע־רימענטאַלער סטאַציע פאַר מאַסן־פאַרניכטונג פון ייִדן, ווו ס׳איז אויסגעפּרוּווט און אָנגעהויבן געוואָרן די רעאַליזירונג פון דער אַזוי־גערופענער ענדגילטיקער לעזונג פון דער ייִדן־פראַגע".

דאָרט, אין כעלמנאָ, וואָס איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אינעם טראַגישן גורל פונעם אייראָפּעאישן ייִדנטום, דאָרט, אינעם עמק־הבכא, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס פון אונדזער פאָלק, דאָרטן זענען, מיט דער הילף פון דער נייער מאַסן־מאָרד טעכניק, צוזאַמען מיט ייִדן, קדושים וטהורים פון אַ ריי אַנדערע ייִדישע ישובים, אויך בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן, די קדושים פון וויערושאָוו.

דאָס פאַרברעכן ווערט אַנטדעקט

די ערשטע ידיעות וועגן דעם גרויזאַמען טויטן־לאַגער, ווערן באַקאַנט אין אָנהויב 1942, דורך איינעם פון די קברנים פון כעלמנאָ, ועמען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן פונעם שטרענג־באַוואַכטן לאַגער און אָנקומענדיק קיין וואַרשע, דערציילט ער דאָס שרעקלעכע נייעס פאַר די מיטגלידער פון „עונג־שבת" (געהיימער געטאָ־אַרכיוו). ענלעכע באַריכטן קומען אויך אָן פון אַ ייִד מיטן נאָמען וואַלקאָוויטש, וואָס איז אָנגעקומען קיין וואַרשע פון גראַבאָוו, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט דריי ייִדן, אויך אַנטלאָפענע פון לאַגער, ווי אויך פון אַ ייִד מיטן נאָמען אשר טאַובע פון קלאָדאָווע, נאָענט פון כעלמנאָ. (פאַרעפנטלעכט אין „ידיעות" פון בית לוחמי הגיטאות נומער 2—1 כ"ד ניסן תשי"ז, זייט 18).

נאָך אין גאַנג פון קריג, תיכף נאָכן באַפרייען די געגנט פון כעלמנאָ, ווערט אונטערגענומען אַ פיבערהאַפטע אויספאָרשונג, דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון „פּוילישן קאָמיטעט צו פאָרשן די נאַצי־פאַרברעכנס", ווי אויך פון „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע" און אויפן יסוד פון גביית עדות פון די אַרעסטירטע לאַגער־באַאַמטע, ווי אויך פון דער אַרומיקער ציווילער באַפעלקערונג, ווערט קלאָר און גענוי רעקאָנסטרואירט די פאַרברעכערישע טעטיקייט פונעם דערמאָנטן לאַגער.

* * *

שוין דעם 16־טן יולי 1941, שרייבט דער שטורמבאַנפירער העפּנער צום אַרכי־תליין אייכמאַן :

„ס׳איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז היינטיקן ווינטער, וועט מען נישט קאָנען באַשפּייזן אַלע ייִדן. מ׳דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן, צי וואָלט נישט געווען

די הומאַניטאַרסטע לייזונג, אַז מ׳זאָל די ייִדן, אויב זיי זענען נישט פּעאיק צו דער אַרבעט, אויסענדיקן מיט עפּעס אַ שנעל־ווירקנדיקן מיטל״. (ציטירט פון א. באַדאַן, „פאָלקסשטימע״, וואַרשע, 22 דעצעמבער 1965).

אין 5 חדשים אַרום, האָבן טאַקע די „הומאַניטאַרע״ דייטשן אָנגעהויבן באַנוצן דאָס „שנעל־ווירקנדיקע — הומאַניטאַרע״ מיטל און דעם 8־טן דעצעמבער 1941, ווערט די ערשטע גרופּע ייִדן דערמאָרדעט אין די באַוועגלעכע גאַז־קאַמערן אין כעלמנאָ.

די טויט־טעכניק

פון דער דאַטע, הויבט זיך אָן די אַקטיווע „טעטיקייט״ פון טויט־לאַגער, וואָס ציט זיך ביז דעצעמבער 1944, מיט אַן איבעררייס פון אַ יאָר, צווישן די יאָרן 43 — 1942, אין פאַרלויף פון דער צייט פלעגן אָנקומען, טאָג־טעגלעך, טראַנספּאָרטן מיט ייִדן. די לעצטע פלעגן ווערן פאַרהאַלטן אויף אַ קליינער סטאַציע אין קאָלאָ און פון דאָרט ווערן די קרבנות איבערגעפירט אין דער אָרטיקער שול — דער לעצטער פּונקט פון טרויעריקן עטאַפּ.

טראָץ דער סודותפולקייט און ליגנערישע פאַרזיכערונגען פון די נאַציס, אַז ייִדן ווערן געשיקט אויף אַרבעט, אויף זיכערע ערטער, ביי גוטע באַדינגונגען און דער־נערונג — ווערט דער סוד שנעל אויפגעדעקט.

די ידיעות, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון אַנטלאָפענע ייִדן פון לאַגער, זענען אויך אָנגעקומען אין לאָדזשער געטאָ, ווו ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, וואָס ס׳איז אַזוינס כעלמנאָ. אַלס עדות קען דינען אַן אויפשריפט אויף דער וואַנט אין שול — „ייִדן, וואַרט נישט! דאָ וועט איר זיין אַ טאָג, דערנאָך גייט איר אין אויוון אַריין. 13־טער טראַנספּאָרט״.

צומאַרגנס אינדערפרי פלעגן אָנקומען אויטאָמאָבילן, אין וועלכע די דייטשן פלעגן אָוועקפירן צו 150 מענטשן אויף אַ מאָל. דער וועג האָט געדויערט קנאַפּע 10 מינוט. ביים אַלטן פּאַרק פלעגן זיי באַגעגענען אַן ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז זיי ווערן געשיקט אויף אַרבעט אין די מזרח־געביטן, אין מענטשלעכע באַדינגונגען — אָבער איידער זיי וועלן פאָרן אין ווייטערדיקן וועג, מוזן זיי גיין אין באָד אַריין און די קליידער מוזן דעזינפיצירט ווערן.

אויפן ערשטן שטאָק, ווו ס׳געפינט זיך שוין אַ באַנדע דייטשן, ווערן די מענטשן אויפגעפאָדערט זיך גיך אויסצוטאָן און באַלד ווערן זיי אַריינגעטריבן אין „באָד״ אַריין. ביים טויער וואַרט שוין אַ צווייטע אויטאָ — אַ גרויסער האָלץ־קאַסטן פון אינעווייניק באַדעקט מיט בלעך, הערמעטיש פאַרמאַכט. אינעם דאָזיקן קאָסטן ווערט די גאַנצע גרופּע פון 150 פּערזאָן אַריינגעשטופּט. נאָכדעם ווי די טיר איז געוואָרן פאַרמאַכט און דאָס ליכט פאַרלאָשן, האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן אַרבעטן. באַלד האָט זיך געהערט אַ שטיקעניש, אַ הוסטעניש, גסיסה־קולות, לעצטע קאָנוווּלסיעס — ביז ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל.

אין עטלעכע מינוט אַרום רירט דער אויטאָ אין דער ריכטונג פון 77־טן רעוויר פון

זשעליכאָווער וואַלד, ווו ס'זענען שוין געגרייט מאַסן־קברים. אין אַ געוויסע צייט שפּעטער, ווערן די קערפּערס פאַרברענט — צו פאַרווישן די שפּורן.

אַזוי פונקציאָנירט דער מאָרד־אַפּאַראַט, טאָג־איין טאָג־אויס, מיט דער מאַקסי־מאַלסטער פּעדאַנטישקייט און פּרעציזיע, ווייל די „מוסטערהאַפטע" אַרבעט מוז ווערן קאָפּירט פאַר אַנדערע טויט־לאַגערן, ווי אוישוויץ, בעלזשעץ, טרעבלינקע, סאָביבאָר און אַנדערע —אַלע וועלן איבערנעמען די אויסגעפּרוּווטע „מעטאָדן" פון כעלמנאָ.

אַט וואָס ס'דערציילט וועגן דעם שוידערלעכן פאַרברעכן, דער דייטשער וואַלד־אויפזעער ה. מאַי, וואָס האָט צוגעשטעלט האָלץ צום פאַרברענען די קערפּערס:


בשמונה בבוקר הגיע האוטומוביל הראשון מחלמנו. בה...
ילתותיו. פרץ עשן חיוור־כחלה. נמסר עלינו אותה שעה להתקרב
אל האוטומוביל. אך לא להביט לעבר הדלתות הנפתחות. אך
השגחתי, כי עם פתיחת הדלתות, הסתלקו הגרמנים מהר מן
האוטומוביל. קשה לי לקבוע סיבם של הגאזים שפרצו מתוך
האוטומוביל, עומדים היינו במרחק די ניכר. והריחות לא הגיעו
לאפנו. במסכות־גאז לא השתמשנו. כעבור שלוש־ארבע דק"ת
עלו אל המכונית שלושה יהודים והשליכו מתוכו את הגוויות.
בפנים האוטומוביל היו המומתים מוטלים. זה על גבי זה בערבוביה
ומילאו כחצי חללו. מהם — מחזיקים בזרועותיהם את הנפשות
היקרות להם, מהם — עדיין יש בהם רוח חיים. ואנשי הס"ס.



אבן זכרון בחלמנו
אַנדענק־שטיין אין כעלמנאָ.

„...צו מיר איז געקומען דער אַנפירער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע, ס.ס.־שטורמבאַנפירער באָטמאַן. איך זע, אַז באָטמאַן טראָגט אַ קרייץ פון ערשטן קלאַס פאַר מיליטערישע פאַרדינסטן. איך פאָר מיט אים אין רעוויר 77 און ווער אויפגעשוידערט. צוערשט זע איך אַ קבר פון 200 מעטער די לענג, 5 מעטער די ברייט, דערנעבן נאָך אַ קבר, 50 מעטער די לענג. נישט ווייט פון דעם אָרט, אַן ערך פון 50 מ. נאָך אַ קבר, 150 מ. די לענג. עס קומט אָן דער פאַרמאַכטער אויטאָ און פאָרט צו הינטערוויילעכטס ביז צום ראַנד פון קבר. מען עפנט דעם אויטאָ און אַ מאַסע נאַקעטע קערפּערס פאַלן גלייך אין קבר אַריין".

אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס מ׳האָט געפונען ביי די מאַסן־קברים, האָט איינער פון די לעצטע לאַגער־קרבנות געשריבן: „...מ׳האָט אונדז גענומען זקנים און זויג־קינדער, צווישן דעם שטעטל קאָלאָ און דעמבאָ. מ׳האָט אונדז גענומען אין וואַלד אַריין, דאָרט פאַרגאַזט, דערשאָסן, פאַרברענט. מיר בעטן, אַז אונדזערע קומענדיקע ברידער (אומליינבאַרע ווערטער — — — אונדזערע דייטשע מערדער. די עדות פון אונדזערע פייניקונגען, וועלכע ווינען אין דער דאָזיקער געגנט, בעטן מיר דערציילן וועגן דאָזיקן מאָרד אין דער גאַנצער וועלט און אין יעדער רעדאַקציע. געשריבן האָבן דאָס די לעצטע יידן. (אומלייענבאַר) מיר האָבן געלעבט ביז צום 24־טן דעצעמבער 1944״. (ציטירט פון דער „פאָלקסשטימע״, וואַרשע, פון 22־טן דעצעמבער 1965).



מכתב על נקמה ורשימת היהודים האחרונים שעבדו בחלמנו.
לעצטער בריוו פון אומגעבראַכטע יידן אין כעלמנאָ.

כעלמנאָ — די שאַפונג פון דייטשן דעמאָנען־פאָלק, אַנטקעגן וועלכן סדום איז געווען די ווייסע אומשולד, אין דאָזיקן ערדישן גהינם, האָבן אונדזערע טייערע אומשולדיקע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער, אין זייערע לעצטע טויט־אויסגעשרייען איבערגעלאָזט אַ הייליקע צוואה: נישט פאַרגעסן! נישט מוחל זיין ביזן סוף פון אַלע דורות!!!

אברהם קאַלושינער

אין יאמער־טאל

כ'בין אין כעלמנאָ געווען,
אויף קבר־אבות,
געזען דורך גרינע בוימער־צווייגן,
שטיקער הימל־בלויען.

ניין, ס'איז נישט הימל־בלוי,
ס'איז אויגן־בלוי,
קינדערישער אויגן־בלוי,
פון גסיסה־אַנגסטן —
ליפּן־בלוי.

כ'האָב ביים ראַנד פון קבר
צוויי בלומען געזען,
צוזאַמענגעוואַקסענע,
אַרומגעאַרעמטע.

ניין, ס'איז נישט קיין בלומען,
ס'איז מאַמע מיט קינד
אין קראַמפּן
צוגעטוליעטע.

אויפן האָריזאָנט, האָב איך
רויך געזען.
ס'איז נישט רויך
פון פרידלעכער כאַטע, פויערישער
פון שמעקענדיק, פריש ברויט,
געבאַקענעם,

ס'איז רויך
פון מאַמע —
פון ברענענדיקע מאַמעס.

געהערט איך האָב
קינדעריש געשריי,

ס'איז נישט שטיפעריי,
קינדעריש זאָרגלאָז געפילדעריי,

ס'איז געשריי פון יידיש קינד
אין פאַרמאַכטן אויטאָ,
ווען טויט קומט
צו זיין ריי.

כ'בין אַנטלאָפן
איבער קאָנטינענטן און ימים —
טויזנטער קילאָמעטער ווייט.

אָן אויפהער הער איך
יידיש קינד
מ—אַ—מ—ע
שרייט.

יוסף זעלקאָוויטש
בת־ים

קריג, געטא און טויט־לאַגערן

כאָטש עס זענען שוין אַדורך אַ היפּש ביסל יאָרן זייט עס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די ברענענדיקע אויוונס פון די צענדליקער טויט־לאַגערן, כאָטש שוין אַ צייט פאַרביי פון יענע שוידער־טעג, ווען דער גאַנצער חלל איז געווען אָנגעפּילט מיט לעצטע וויי־געשרייען פון מיליאָנען ידישע טאַטעס און מאַמעס, זקנים און זויג־קינדער — ווערן עס מיר, דורך אַ נס אָפּגעראַטעוועטע פונעם גרויזאַמען גהינום־קאַשמאַר, קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווייל נישט יאָרן וועלן פאַרדעקן דעם אומגליק. אַפילו טויזנטער זונען וועלן נישט אויסטרוקענען דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט. טויזנטער דונערן וועלן נישט שטיל מאַכן דעם געשריי, וואָס וועט מיטגיין מיט אונדז ביזן סוף פון אַלע דורות. זאָלן די בלוט־און־טרערן זכרונות, פאַרצייכנטע דורך אָפּגעראַטעוועטע, אויסגעטרוקנטע ביינער, געוועזענע „מוזולמענער" פון די צאָלרייכע טויט־פאַבריקן, דינען פאַר דער וועלט, פאַר דער געשיכטע, פאַר די צוקונפטיקע דורות, ווי אַ באַשול־דיקונגס־אַקט קעגן דער מענטשן־פרעסערישער וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע אין האַרצן פון „ציוויליזירטן" אייראָפּע, אינדערמיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זאָלן די ווערטער אויפדעקן די חרפּה, וואָס האָט געהייסן „נאַצישער רעזשים" — אַ קאַניבאַל־אָרדנונג, וואָס די געשיכטע האָט אַזעלכעס קיינמאָל נישט געוווּסט. זאָלן די ווערטער זיין ווי אַן אָנגעצונדן ליכט, ווי אַ מצבה, פאַר די ריינע נשמות, אומגעבראַכטע אין יענע קאַשמאַרע טעג.

1

פוילן אין יאָר 1939

די פוילישע הערשער, צו וועלכע ס'איז דערגאַנגען דאָס יובלען פון האַקנקרייץ אין דייטשלאַנד און וועלכער האָט באַדראָט דעם עצם עקזיסטענץ פון דער פוילישער מדינה, האָט געפונען אַ וויכטיקערן פאַר זיי שונא, וועלכן זיי האָבן געהאַסט מיט אַ זאָאָלאָגישער, דורות־איינגעפרעסענער שנאה. דער „שונא" איז געווען דער יידישער טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכער האָט אין דער טויזנט־יאָריקער פוילישער געשיכטע, געהאָלפן מיט פלייס און ענערגיע, מיטשאַפן אין דער אָפּגעשטאַנענער אַגראַר־מדינה אַן אינדוסטריע און אַ האַנדלס־טעטיקייט. די אָפענע אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון דער רעגירונג, האָבן געפונען אַן „אָפּזאַץ־מאַרק" ביים פוילישן פאָלק

מיט דער טראַדיציאָנעלער ידן־שנאה. ביי אַלע דורכפאַלן און נישט־געלונגענער פּירונג, האָבן זיי געפונען אין דעם ייד, דעם אייביק־שולדיקן, דעם שעיר־לעזאזל.

ביי אַזאַ לאַגע, האָט די יידישע באַפעלקערונג זיך געפילט אויסזיכטלאָז. איבער־הויפּט איז געווען גרויס די פאַרביטערונג ביי דער יידישער יוגנט, וועלכע איז געווען אָן פּערספּעקטיוון אויף פירן אַ נאָרמאַל לעבן. צוליב דער אַ סיבה, איז פאָרגעקומען אַן אויסוואַנדערונג, אַן אַנטלויפן, ווו עמיץ האָט נאָר געהאַט מעגלעכקייטן.

פאַר מיר באַקומענדיק אַ ציוניסטישע דערציאונג און זייענדיק אַקטיוו אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַ טרוים, ביי די דאַמאָלטדיקע סערטי־פיקאַטן־שוועריקייטן מצד דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

צוליב דעם ציל, האָב איך זיך געוואָנדן צו מיין פעטער הערש דוד גאַד, וועלכער האָט געווינט אין בעלגיען, וועגן מיך דאָרט אַריבערנעמען, ווייל לויט פאַרשידענע ידיעות, איז אין בעלגיען געווען לייכטער צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט.

דער פעטער האָט מיר געענטפערט, אַז ס׳זענען פאַראַן שוועריקייטן צוליב דעם, ווייל כ׳בין מיליטער־פליכטינג און מ׳וועט מיך דאָרט נישט איינמעלדן.

וועלנדיק וואָס שנעלער אַרויס פון פוילן, האָב איך זיך געמאָלדן פרייוויליק אין דער פוילישער אַרמיי. מיין ביטע איז געוואָרן אָנגענומען און אין מערץ חודש פון יאָר 1938, בין איך געוואָרן מאָביליזירט אין 7־טן פולק פעלד־אַרטילעריע, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין סטראַדאָם, ביי טשענסטאָכאָוו. צוזאַמען מיט מיר זענען דאָרט געווען נאָך עטלעכע יונגעלייט פון ווירושאָוו. צווישן זיי, שמשה שעראַדזקי. די יידישע סאָלדאַטן האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַרשידענע שיקאַנעס מצד דער פולק־קאָמאַנדע. אַפילו אויף פסח, ווו אַנדערשווו פלעגט מען אָפּלאָזן יידישע זעלנער, בכדי צו פראַווען דעם סדר, איז ביי אונדז נישט געווען אָנגענומען. אין די שבתים און יום־טובים, זענען מיר געוואָרן פאַרטיילט צו פאַרשידענע שמוציקע אַרבעטן. אין יאָר 1939, ערב דעם קריג, ווען ס׳איז שוין געווען קלאָר, אַז מיר שטייען פאַר גרויסע געשעענישן, האָט אַלץ אָנגעהאַלטן די דיסקרימינאַציע לגבי יידישע סאָלדאָטן. איך דערמאָן זיך, אַז קעגנאיבער דעם טויער פון די קאָשאַרן, האָט זיך געפונען אַ גרויסער פלאַקאַט, אין וועלכן מ׳האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער שונא נומער 1 — זענען די יידן און דער שונא נומער 2 — די דייטשן. איך האָב זיך געטראַכט: פאַר וועמען דאַרף איך עס מקריב זיין ס׳לעבן ?. אָבער מיליטער איז מיליטער און פאַר נישט אויספירן באַפעלן — איבערהויפּט פאַר אַ יידישן סאָלדאַט — האָבן געוואָרט זייער נישט קיין אָנגענעמע רעזולטאַטן.

אין אויגוסט 1939, ווערן מיר באַקליידעט און באַוואָפנט און אַריבערגעשיקט צום גרענעץ־פונקט ביי לובליניעץ, נישט ווייט פון טשענסטאָכאָוו, דאָרט האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט און געוואָרט אויפן שונא.

2

קריג

1־טער סעפטעמבער, 4.45 פאַרטאָג

דייטשע טרופן זענען אַריבער דעם גרענעץ־פונקט. מיר באַקומען אַ באַפעל צו עפענען אַ פייער אויף די אַנגרייפנדיקע דייטשן. דער פייער־אויסטויש האַלט אָן ביז 10.30. נאָך אַ „באַזוך" פון דייטשע אויסשפיר־עראָפלאַנען, ווערן מיר העפטיק באַשאָסן פון עטלעכע זייטן. מיר זענען זיכער, אַז פון דעם גהינום, וועלן מיר שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען דאָס דייטשע פייער ווערט געריכטעט צו אונדזער אָבסערוואַציע־פונקט, אויפן קלויסטער־טורעם, הייבן מיר זיך אָן צוריקצוציען.

שבת, 2־טער סעפטעמבער

מיר געפינען זיך, נאָך אַ צוריקמאַרש אַ גאַנצן טאָג און נאַכט, אין טשענסטאָכאָוו. די שטאָט מיט די גרויסע אַמוניציע־פאַבריקן זענען אין פלאַמען. פון אומעטום באַמערקן זיך אָפטרעטנדיקע מיליטער־טיילן. דער כאַאָס איז גרויס. אַ גאַנצע נאַכט, ציען מיר זיך צוריק אין דער ריכטונג פון די יאַנאָווער וועלדער.

זונטיק, 3־טער סעפטעמבער

מיר טרעפן זיך מיט די איבעריקע טיילן פון אונדזער דיוויזיע. מ'האָפט, אַז אַזאַ כוח וועט זיין אומשטאַנד צו שטעלן אַן עפעקטיוון ווידערשטאַנד. נאָכן צוגרייטן פאָזיציעס, ווערן מיר אַנדרימלט פאַר מידקייט. נאָך אַ גאָר־קורצער צייט, הערן מיר געשרייען, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט דורך דייטשן. ס'ווערט אַ כאַאָטיש געלויף מיט אַרטילעריע, איינגעשפאַנטע אין פערד, דורך אויפגעאַקערטע פעלדער. מיר זענען אַריין אין אַ צווייטן וואַלד. דאָרט זענען געווען אויסגעמישט מיליטער מיט ציווילע. פויערישע וועגענער מיט האָב און גוטס מיט מיליטערישע אויסשטאַטונג. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט געווען קיין רייד וועגן אַ ווידערשטאַנד. די דייטשן באַשיסן אָן אויפהער, מיט מאַשין־געווער און עס פאַלן אַ סך קרבנות. עס קומט נישט פאַר קיין צוריקטריט נאָר אַ לויפעניש. אין אָנפאַנג נעמען מיר מיט די האַרמאַטן, אָבער צוליב דער באַרגיקער געגנט, קומט אָן אַ באַפעל איבערצולאָזן די האַרמאַטן און לויפן. דער כאַאָס איז אַזוי גרויס, אַז אויך פוילישע אָפטיילונגען שיסן איינער אויפן צווייטן, מיינענדיק, אַז דאָס זענען דייטשן. אַ גאַנצע נאַכט מאַרשירן מיר, אויסמיידנדיק דערפער, וועלכע זענען שוין פאַרנומען דורכן דייטש.

מאָנטיק, 4־טער סעפטעמבער

באַלד אינדערפרי קומען מיר אָן קיין זאַוויערטשע. אין שטעטל איז נאָך נישט באַוווסט, אַז דער חורבן קומט אָן. אויפן מאַרק־פלאַץ, דרייען זיך אַרום יידן און

קריסטן, קאָמענטירנדיק די געשעענישן. אין זאַוויערטשע האָב איך באַגעגנט אַ ייד, אַ קרוב פון לייזער איצעק גערשענאָוויטש. ער פאַרבעט מיך אין שטוב אַריין. ביים ייד איז אויך געווען זיין מוטער, וועלכע האָט גוט געקאַנט מיין באָבע בלומטשע.

אונטערן שטעטל, האָב איך געזען אַ באַן מיט עוואַקואירטע. נישט טראַכטנדיק, כאַפּ איך זיך אַריין אין אַן אָפענעם לאַסט־וואַגאָן. ליידער איז נישט אויסגעקומען ווייט צו פאָרן, ווייל נאָך עטלעכע קילאָמעטער, האָט די דייטשע אַוויאַציע מערדערלעך באָמבאַרדירט דעם צוג און ס׳זענען געפאַלן זייער פיל קרבנות. מיר זאַמלען זיך צונויף אַ גרופּע סאָלדאַטן און מיטנעמענדיק עטלעכע פאַרוווּנדעטע, גייען מיר אין דער ריכטונג צו קעלץ. ווען מיר האָבן זיך געפינען, מידע און הונגעריקע אין אַ וואַלד, האָב איך באַמערקט פונדערווייטנס אַ מיליטערישע פעלד־קוך אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאַפּיטאַן. איך בין צוגעגאַנגען און געבעטן עפּעס עסן. דער אָפיציר האָט מיך געגעבן אַ באַטראַכט און זאָפאָרט ארויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און געשריגן צו מיר מיט חיהשער שנאה: „טראָג זיך אָפּ, דו ידישער הינטישער זון, אויב נישט — באַקומסטו באַלד אַ קויל״. טאַקע געווען אַ נס. דער „העלדישער״ פּוילישער אָפיציר, האָט אויף אַן אמת דאָס געקענט באַווייזן. אַזוי גייען מיר אַ גאַנצע נאַכט, צעשמעטערטע רעשטן פון פאַרשידענע פאָרמאַציעס. ביי פיל איז קיין געווער נישט פאַראַן.

דינסטיק, 5־טער סעפּטעמבער

ווען מיר קומען אַן, אינדערפרי, קיין קעלץ, ווערן מיר פאַרהאַלטן דורך אַ קאַפּיטאַן, וועלכער פירט אונדז אַלע אַריין אין אַ קלויסטער. דאָרט געפינען זיך שוין אַ סך צעשלאָגענע רעשטן פון פאַרשידענע איינהייטן. נאָכן אויסשטעלן זיך אין מיליטערישער אָרדנונג, ווערט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעפעראַט און דערנאָך באַקומען מיר אַן אויפגאַבע צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף דער קעלצער ראַגאַטקע. דער ציל איז, נישט אַריינצולאָזן די דייטשן קיין קעלץ. נאָך די אַדורכגעלעבטע עטלעכע טעג און נאָכן באַקענען זיך מיטן דייטשן מיליטערישן כוח, זעט עס אויס זייער טרויעריק. מיר פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף אַ באַרג. איך, אַלס אַרטילעריסט, געפין זיך עטוואָס ווייטער און באַשיס די דייטשן מיט מינעס. אַזוי האַלט אַן די קעגנזייטיקע שיסעריי עטלעכע שעה. מיטאָג־צייט האָבן די דייטשע אָפּטיילונגען געשטורעמט דעם באַרג און אים פאַרנומען, באַשיסנדיק פון דער הויך מיט מאַשין־געווער די אַנטלויפנדיקע פּוילישע סאָלדאַטן. מיר געפינען זיך ווי אין אַ גהינם. סאָלדאַטן פאַלן ווי פליגן. בכדי אָנצוקומען צו די געמויערטע הייזער, מוז מען אַריבערשפּרונגען אַ הויכן פּלויט און צוקומענדיק צום פּלויט, ווערן מיר פאַרהאַלטן דורך אַ העפטיק פייער. מיר געלונגט אַריבערצוּוואַרפן זיך איבערן פּלויט און באַהאַלט זיך אונטער אַ מויער. איך באַטאַפּ זיך אין אַלע זייטן, צי כ׳בין נישט געטראָפן געוואָרן. נאָכן אַדורכגיין דעם בראַנד, הויב איך אַן גלויבן, אַז כ׳וועל דעם קריג איבערלעבן.

נאָכן איבערלויפן פון הויז צו הויז, קום איך אַן אין אַ וואַלד און געוויר ווערנדיק, ווו עס געפינט זיך דער וועג קיין וואַרשע, הויב איך אָן גיין צו דער ריכטונג.

אויפן שאָסיי געפינען זיך אַ סך פּוילישע איינהייטן, וועלכע ווייסן גאָרנישט ווי

עס זעט אויס די לאַגע. זיי רעדן מיט ענטוזיאַזם, ווי אַזוי זיי וועלן די דייטשן „ווייזן" וואָס עס איז אַזוינס אַ פּוילישער סאָלדאַט. איך געפֿין עפּעס צום עסן און אַ מידער פֿאַל איך אַריין אין אַ באַרג היי און כאַפּ זיך אויף ערשט פֿאַרטאָג.

מיטוואָך, 6־טער סעפּטעמבער

פֿאַרטאָג. עס שאַריעט קוים אויף טאָג. אין דרויסן ווערט די בהלה וואָס אַמאָל שטאַרקער. עס לויפֿן די נעכטיקע „ענטוזיאַסטן" צוזאַמען מיט די אָפֿיצירן, וועלכע זענען גאַרנישט ענלעך צו דער איינגערעדטן, פֿול מיט גאווה, אָפֿיצערנטום. אין דער פֿויערישער כאַלופּע, ווו כ'האָב זיך געפֿונען, קומט אַריין אַ פּאַטראָל, וועלכער קאָנטראָלירט מײַן ביקס מיט די קוילן צי ס'איז נישט קיין דייטש געווער (געוועזן פֿאַלן, ווען דייטשע פּאַראַשוטיסטן, איבערגעטוענע אַלס פּוילישע סאָלדאַטן, האָבן געשאָסן אויף פּוילישע אָפּטיילונגען). ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, האָבן זיי מיך געהייסן זאָפּאַרט צו פֿאַרלאָזן ס'אָרט, ווייל דער דייטש געפֿינט זיך שוין גאָר נאָענט. אַרויסקומענדיק אויפֿן שאָסיי, וועלכער פֿירט קיין וואַרשע, האָב איך מאַרשירט צוזאַמען מיט אַ ייִדישן דאָקטאָר פֿון ראַדאָם, העלפֿנדיק אים טראָגן זײַן וואַליזע. אָפּגייענדיק עטלעכע קילאָמעטער, ווער איך פֿאַרהאַלטן דורך דער פֿעלד־זשאַנדאַרמעריע און ווער אַרייַנגעפֿירט אין דערנעבנדיק דאָרף, ווו ס'האָט זיך ביסלעכ־ווייז צוזאַמענגענומען סאָלדאַטן פֿון פֿאַרשידענע פֿאָרמאַציעס. לויט דער דערקלערונג פֿון אָפֿיציר, איז אונדזער אויפֿגאַבע, וואָס שנעלער זיך אַריבערצוקריגן איבער דער ווייסל און דאָרט רעאָרגאַניזירן די צעשמעטערטע דיוויזיע. לויטן פּלאַן, דאַרפֿן מיר מאַרשירן בײַנאַכט און בייטאָג רוען אין די וועלדער.

דאָנערשטיק, 7־טער סעפּטעמבער

צו דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן, פֿעלן אויך נישט קיין קאָמישע מאָמענטן. אָנשטאָט צו רוען בייטאָג, בכדי צו האָבן כּוח צו די נאַכט־מאַרשן, קומט אַ באַפֿעל, אַז מיר זאָלן מאַכן „מושטרע", דאָס זעלבע וואָס ס'מאַכט אַדורך אַ רעקרוט אין זײַנע ערשטע טעג אין די קאַשאַרן. אָנשטאָט אויסרוען די מידע ביינער, מוזן מיר אויספֿירן באַפֿעלן: לינקס! רעכטס! אויסשטעלן זיך צו צווייען! צוליב די נישט־נויטיקע קאַפּריזן, שלעפּן מיר קוים די פֿיס און מיר זעען אויס בעת די מאַרשן, ווי אַ צעלאָזענע סטאַדע.

מיר מאַרשירן אין זאַמדיקע און אין וואַלד־וועגן. דער הויפּט־שאָסיי איז פֿאַרנומען דורכן דייטשן מיליטער און יעדע אונדזערע באַוועגונג, ווערט דורך זיי אָבסערווירט.

פֿרײַטיק, 8־טער סעפּטעמבער

נאָך אַ קורצן דרעמל אין וואַלד, ווערן מיר אויפֿגעוועקט און מען דערקלערט אונדז, אַז צו דער ווייסל איז אינגאַנצן צוויי קילאָמעטער, נאָר אַזוי ווי די דייטשן געפֿינען זיך שוין פֿאַר אונדז, דאָס הייסט, אַז מיר זענען פֿולשטענדיק אַרומגערינגלט, מוזן מיר זיך אַדורכרייסן מיט כּוח.

נעבן וואַלד האָט זיך געפונען אַ שטיק פעלד און בכדי אונדז אַרויסנאַרן פון וואַלד, באַווייזט זיך דאָרט אַ דייטשער טאַנק. די פוילישע סאָלדאַטן מאַכן אַן אָנגריף און זיי געלונגט צו פאַרברענען דעם טאַנק. זייענדיק באַגייסטערט פון דער געלונגענער אַקציע, לאָזן זיך די סאָלדאַטן אַהינצו, צום אָפענעם פעלד. אויף דעם האָבן די דייטשן געוואַרט און אין איין אויגנבליק ווערט געעפנט אַ געוואַלדיק פייער פון אַלע זייטן. פון דעם פייער פאַלן כמעט אַלע. איך בין נישט געווען פון די ערשטע „הוראַ"־לויפער און געבליבן הינטערשטעליק, אָבסערווירנדיק די גאַנצע בלוטיקע מאַסאַקרע.

נאָך עטלעכע מינוט, הער איך אַ געשריי אויף דייטש: הענדע האָך!.

איך לייג אַוועק דאָס געווער און פון דעם מאָמענט, האָט זיך פאַר מיר די מלחמה געענדיקט.

3

אַלס קריגס־געפאנגענער אין סטאַלאַג 17 A

יאָ, דער קריג האָט זיך פאַר מיר געענדיקט. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט דער דייטשער אָפיציר פון דער ווערמאַכט, וועלכער האָט אויפגענומען אַלע געפאַנגענע, אָבער ווער ווייסט, וועלכעליידן און צרות עס דערוואַרטן מיך? סוף כל סוף בין איך אַ ייד און דער דייטש האָט דאָך ספּעציעלע חשבונות מיטן יידישן פאָלק. אָבער צי קאָן איך דען מאַכן אַנדערש, ווי עס וויל דער גורל? איך מוז שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז כ'בין איצט אַ קריגס־געפאַנגענער.

מיר ווערן אַרויסגעפירט צום שאָסיי. לויט אַ באַפעל, דאַרפן מיר זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי און האַלטן זיך אונטערן אָרעם. מיר באַקומען אַ וואָרנונג, אַז אויב עמיץ פון פינפטל וועט אַנטלויפן, ווערן די איבעריקע זאָפאָרט דערשאָסן. בשעתן מאַרשירן האָט אויך פּאַסירט, אַז ס'האָט זיך סתם־אַזוי פאַרגלוסט אַ דייטשן סאָלדאַט אַריינצושיסן אין דער קאָלאָנע. די פאַרווונדעטע האָבן מיר אונטערגעהאַלטן און ווייטער געגאַנגען.

מיר ווערן אַריינגעפירט קיין אילזשע, אַ שטעטעלע ביי ליפּסק, וווּ מיר נעכטיקן אויפן מאַרק־פּלאַץ, אַרומגערינגלט דורך סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער. אינדערפרי ווערן מיר איבערגעפירט אין אָרטיקן קלויסטער ביז צומאָרגנס. פון אילזשע ווערן מיר געפירט קיין קעלץ אין דער טורמע. ווען מיר קומען אָן קיין קעלץ, דערזע איך דאָס ערשטע מאָל, וואָס עס דערוואַרט די יידן אין פוילן.. עס־עס־לייט צוזאַמען מיט פאָלקס־דייטשן, האָבן געפייניקט, געשלאָגן און באַראַבעוועט די קעלצער יידישע באַפעלקערונג. נאָכן אָפּזיין אַ מעת־לעת אין קעלץ, ווערן מיר אַוועקגעפירט נאָך קייזער־שטיינברוך און פון דאָרט קיין נירנבערג.

ווען מ'האָט אונדז געפירט איבער די נירנבערגער גאַסן (מיר זענען געווען דער ערשטער טראַנספּאָרט קריגס־געפאַנגענע), האָבן די דייטשע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט ידיעות וועגן זייערע אומגעקומענע מענער און זין אויפן פוילישן פראָנט, אונדז געזידלט און באַשפּיגן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע.

אין לאַגער, וועלכער איז געוואָרן אָנגעפירט דורך דער ווערמאַכט, האָט זיך נישט באַמערקט קיין ספּעציעלע דיסקרימינאַציע. אַלע זענען געוואָרן באַהאַנדלט גלייך. איך בין דאָרטן געווען באַשעפטיקט, צוליב באַהערשן די דייטשע שפּראַך, ביים אַדורכפירן אַן עווידענץ פון אַלע קריגס־געפאַנגענע אין לאַגער, וועלכע זענען דערגאַנגען צו דער צאָל פון דריי טויזנט מאַן, פּאָליאַקן, יידן און אוקראַינער.

נאָכן אָפּזיין 7 וואָכן אין לאַגער, האָב איך דערהאַלטן, דורכן רויטן־קרייץ, דאָס ערשטע פּאָסט־קאַרטל פון מיין מוטער. די מוטער האָט מיר געשריבן, אַז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך לעב. וועגן פאָטער, האָט זי מיר מיטגעטיילט, אַז ער איז געוואָרן געשיקט קיין ראַדאָגאָשטש, ביי לאָדזש. איין ביטע האָב איך צו גאָט — ענדיקט מיין מוטער איר בריוו — אַז כ'זאָל אייך אַלע זען לעבעדיק און גאַנץ. אויך פון בעלגיען האָב איך באַקומען פּאָסט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אָנגעהויבן נעמען צו פאַרשידענע אַרבעטן. יידישע געפאַנגענע האָט מען נישט גענומען. מיר זענען געווען בערך 400 יידן. איינמאָל האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר ווערן צוריקגעשיקט קיין פוילן, אָבער נאָר די יעניקע, וועלכע וווינען אין פּראָטעקטאָראַט. צו דעם צוועק ווערן מיר איינגעטיילט אין דריי גרופּן, וועלכע דאַרפן ווערן געשיקט אין דריי ריכטונגען: קיין קעלץ, קראָקע און לובלין.

אונדזער גרופּע ווערט געשיקט קיין לובלין. אונטער אַ וואַך פון אונטער־אָפיצירן, קומען מיר אָן קיין לובלין און ווערן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער עס־עס, וועלכע ווייזן אַרויס, באַלד אין ערשטן מאָמענט זייער פּרצוף. אויך די אוקראַינער, וועלכע האָבן אונדז געהיטן, זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון זייערע האַרן.

דורך אַ צופאַל געלונגט מיר אַרויסצוגיין פון לאַגער און אַ ייד, אַ געוויסער וואַקסמאַן, באַרגט מיר אַרויס געלט אויף אַ באַן־בילעט קיין קראָקע, ווייל לויט באַקומענע ידיעות, איז מיין פאָטער געוואָרן איבערגעשיקט פון ראַדאָגאָשטש קיין קראָקע.

אין קראָקע האָב איך געטראָפן מיין פאָטער ביי אונדזערן אַ באַקאַנטן סוחר, אַ געוויסער יאַקובאָוויטש פון טאַרנאָוו. אונדזער באַגעגעניש, קען מען מיט קיין פעדער נישט שילדערן. די פרייד פון אונדזער צוזאַמענטרעף איז נישט צו באַשרייבן.

צוזאַמען מיטן פאָטער, פּלאַנירן מיר, וואָס שנעלער אַהיימצופאָרן צו דער מוטער און צו דער איבעריקער משפּחה.

4

צוריק אין שטעטל

מערץ 1940.

מיר געפינען זיך אין דער היים. דאָס שטעטל איז נישט צום דערקענען. פון דער גרעסטער טייל הייזער, זענען געבליבן חורבות. דער נייער רעזשים, דער נאַצישער שטיוול — פילט זיך גאָר שטאַרק. אַזוי ווי אַלע יידן, טראָג איך דעם יידישן קען־צייכן — די געלע לאַטע. מיט עסן גיבן מיר זיך אַן עצה, ווייל מיר האָבן אייגענעם באַדן, וואָס איז דורך אונדז געוואָרן פאַראַקערט און פאַרזייט. אויך ביים הויף האָבן מיר אַ גרויסן גאָרטן, אַזוי, אַז מיר באַזיצן אַ געוויסן זאַפּאַס פון לעבנסמיטל.

נאָך אַ קורצער צייט האָט ביי אונדז אין שטוב פּאַסירט אַ גרויס אומגליק. דאָס איז געווען אין אַפּריל חודש 1940. אונדזער מוטער, נאָכן אויפנעמען אונדז מיט פרייד און מיט דאַנקבאַרקייט, וואָס אירע תפילות צו גאָט זענען מקוים געוואָרן — איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און נישט קאָנענדיק באַקומען, צו דער דעמאָלטדיקער צייט, די נויטיקע מעדיצינישע באַהאַנדלונג, איז זי נאָך אַ קורצע צייט דעם 20־טן אַפּריל 1940, געשטאָרבן אין עלטער פון 40 יאָר.

איך געדענק דעם שבת אינדערפרי. די מוטער איז געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען און געגנוג מונטער. עס איז געווען אין שטוב, אויסער אונדזער פאַמיליע, אַ חברטע פון מיין שוועסטער, הינדע שיליט. די מוטער האָט אונדז צוגערופן צום בעט און געזאָגט: — קינדער, איך גיי פון דער וועלט, אָבער איך ווייס, אַז איר זייט שוין דערוואַקסן, זעט אייך צו געפינען אייער וועג. און דו, הינדע, — האָט די מוטער געבעטן דער שוועסטערס חברטע — גיב זיך אָפּ מיט דער שוועסטער, ווייל ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיך מיט איר פאַרנעמען.

ס'איז געוואָרן פוסט אין שטוב און טרויעריק אויף דער נשמה.

דערווייל קומען אָן יעדן טאָג נייע באַפעלן און פרישע שיקאַנעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ „כאַפּן" יידן צו שוואַרצער אַרבעט ביים אויפרוימען די חורבות, ווי אויך צו אַרבעטן אין די דערפער. אַ גרעסערע גרופּע יידן האָט געאַרבעט ביים צעוואַרפן די איבערגעבליבענע ווענט פון דער שול, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעטער די דיק. די יידישע באַפעלקערונג ווערט אויך געפייניקט מיט דער קאָנטריבוציע־פּלאָג. יעדער איז געצוווּנגען אָוועקצוגעבן דאָס לעצטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. נאָך דער אויסגע־פּרעסטער קאָנטריבוציע, ווערן אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין יידישע שטובן. דערהויפּט ביי פאַרמעגלעכע יידן פון פאַרן קריג. די רעוויזיעס ווערן אָנגעפירט דורכן דייטשן פּאָליציי־מייסטער, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון לוטאָטאָוו אַלס „שטראָף", ווייל ער האָט דאָרט דערשאָסן צוויי אומשולדיקע יידן. נאָכן צונעמען די געפונענע ווערטפולע זאַכן, זענען די אייגנטימער מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן.

די אַרויסגאַנגס־צייט פאַר יידן איז געווען ביז 4 אַזייגער. אויף אונדזער גאַס, אויף דער פּיסקאַרסקע, ווו ס'האָבן געוווינט אַ סך יידן, האָבן מיר אָוועקגעריסן די

פלויטן פון די גערטנער און אַזוי אַרום זיך צוזאַמענגעקומען און איבערגערעדט די טאָג־געשעענישן.

בראש פון יידישן קאָמיטעט איז געשטאַנען יאָסל יעדוואַב. מיין פאָטער, וועלכן מ׳האָט פאַרגעלייגט צו פאַרנעמען דעם אַמט — האָט זיך אָפּגעזאָגט.

5

די רעוויזיע ביי אייזיק סקורקע

מיט אייזיקן האָבן מיר געוווינט בשכנות. דער ייד איז געווען פאַרן קריג, פון די פאַרמעגלעכע אין שטעטל. ער האָט אויך באַקומען געלט פון זיינע קינדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אויסלאַנד. איינמאָל זענען צו אונדז אַריינגעקומען דייטשע זשאַנדאַרמען, באַגלייט דורך יידישע פּאָליציאַנטן און אונדז דערקלערט, אַז היות ס׳וועט ווערן דורכגעפירט ביי אייזיקן אין אַ קעלער אַ גרונטלעכע רעוויזיע און ס׳פאָדערן זיך אַרבעטער צום גראָבן, מוזן מיר מיט זיי מיטגיין. געוווּסט האָב איך, אַז אין די טעג



הבית של הגרמני אוטו כאן היתה המפקדה הגרמנית ובמרתף עונו הרבה יהודים.
דאָס הויז פון דייטש אָטאָ, ווו ס׳האָט זיך געפונען די דייטשע קאָמענדאַטור.
אין קעלער זענען פיל יידן געוואָרן פאַרפייניקט.

ווען מיר זענען נישט געווען אין דער היים, האָט די מוטער ע"ה איבערגעגעבן אייזיקן אַ ביסל צירונג, בכדי ער זאָל עס באַהאַלטן. ביים טויער פון סקורקען האָט שוין געוואַרט אַ פערד און וואָגן אָנגעלאָדנט מיט פּאָלטנס, פוטערס און אַנדערע ווערטפולע זאַכן צוגענומענע ביי אייזיקן. אונטער דער אויפזיכט פון אַ דייטשן זשאַנדאַרם, ווערט דער קעלער אַדורכגעגראָבן אַ מעטער די טיף. אויף איין אָרט ווערט געפונען אַ מעטאַלענע רער פון אַ באַק־אויוון, ווו ס'איז געווען באַהאַלטן ווערטפולע זאַכן. דער דייטש האָט געשאַלט פון פרייד. נאָכן צונעמען די געפונענע זאַכן און נאָכן צעשלאָגן סקורקען ביז בלוט, פאַרלייגט דער דייטש אַ שלאָס אויפן קעלער און ער באַפעלט צו קומען מאָרגן, פאַרזעצן די זוכונגען. עטוואָס שפּעטער, אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז סקורקע אַריינגעקומען צו אונדז און געבעטן מ'זאָל אים העלפן, ווייל אין קעלער זענען נאָך באַגראָבן אַ היפּש ביסל זאַכן. איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וועגן די פּאָטאָלע פאָלגן, וואָס עס דערוואַרטן מיך פאַר אַזאַ טאָט און צוגעזאָגט אייזיקן, אַז כ'וועל זיך דערמיט פאַרנעמען. נישט וואַרטנדיק ביז ביינאַכט, צוליב דער סכנה פון באַמערקט ווערן, נאָר טאָקע זאָפאָרט, האָב איך גענומען אַ לאָפּאָטע, אַריינגעריסן זיך אין קעלער דורכן דאַך, בכדי נישט צו טשעפּען דעם שלאָס און אויסגעגראָבן אַלץ וואָס ס'האָט זיך דאָרט געפונען.

אויף דער נאַכט האָב איך גענומען דאָס פּעקל זאַכן, מיטנעמענדיק אויך אונדזערע זאָכן, וועלכע זענען געווען איינגעגראָבן אין אונדזער קעלער, און אַרויס צו אונדזערע פעלדער, באַהאַלטנדיק אַלע ווערטפולע זאַכן אין זיכערע ערטער.

צומאָרגנס איז דער זעלבער זשאַנדאַרם געקומען צו אונדז און אַדורכגעפירט אַ רעוויזיע, אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען. איצט — האָט דער זשאַנדאַרם באַפוילן — קום אין קעלער, ענדיקן די אַרבעט. ווען דער דייטש האָט פּרובירט די ערד מיט אַן אייזערנעם שפּיז, האָט ער באַמערקט, אַז אויף געוויסע ערטער איז די ערד ווייכער. דער זשאַנדאַרם איז געוואָרן פול מיט רציחה און גענומען צו מיר שרייען: דו האָסט געגראָבן! זאָג שוין זאָפאָרט, ווו דו האָסט אַלץ באַהאַלטן! איך האָב געלייקנט שטיין און ביין און געטענהט, אַז כ'האָב נישט קיין אַנונג. ער איז אַוועקגעגאַנגען און באַפוילן, אַז איך מיטן פאָטער, זאָלן זיך צושטעלן מאָרגן אין דער פרי אין דער פּאָליציי.

אָנקומענדיק באַלד אין דער פרי אין פּאָליציי־פּאָסטן, איז ביים טיש געזעסן דער זשאַנדאַרם און אַרום אים אַ צען געהילפן. ווען ער באַקומט פון מיר אַן ענטפער, אַז איך ווייס נישט וועגן גראָבן אין קעלער, זענען מיך באַפאַלן די פּאָליציי־לייט מיט שטעקנס און אייזנס און מיך צעשלאָגן ביז כ'בין געוואָרן אַ צעבלוטיקטע מאַסע. דערנאָך האָבן זיי מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קליין קעמערל, ווו ס'איז נאָר געווען אָרט צום שטיין.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי מיך געלאָזט אַהיים און קוים שלעפּנדיק דעם צעבלוטיקטן קערפּער, בין איך אָנגעקומען אין שטוב.

דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים. ער איז געוואָרן צוליב דער זעלבער סיבה אַרעסטירט.

צומאָרגנס אין דער פרי האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע פּראָצעדור,

פון אַן אויבערשטן שטאָק האָב איך געהערט שרעקלעכע געוואַלדן. דאָרט איז געוואָרן געשלאָגן מיין פאָטער, אַז ער זאָל אויסגעבן, ווער ס'האָט געגראָבן.

אין צווייטן טאָג, ווען כ'בין אַרויס פון פּאָליציי־פּאָסטן, האָט דער פאָטער אויף מיר געוואָרט (ס'האָט געקאָסט דער קהילה אַ סך מתנות בכדי אָפּצוקויפן די זשאַנדאַרמען) און מיך געפרעגט ווי כ'פיל זיך. די ערשטע לעקציע, האָב איך אויסגעהאַלטן — האָב איך געענטפערט — אָבער ס'צווייטע מאָל, ווער ווייסט, צי איך וועל עס איבערהאַלטן.

6

לאַגערן

בוכווערדער — פּורסט

ס'איז שוין ווינטער פון יאָר 1941. די לאַגע ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. מיר זענען פולשטענדיק הפקר. ביי יעדן די איינציקע פראַגע: וואָס ווייטער? ווען וועלן זיך ענדיקן די צרות?

פון שטעטל איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ טראַנספּאָרט אין די אַרבעטס־לאַגערן. איך בין דערווייל געבליבן אין דער היים, צוהעלפנדיק מיט וואָס כ'האָב נאָר געקאָנט.

איין מאָל, בעת מיין פאָטער האָט נישט געלאָזט אַ שנץ רייסן פון די פאַרזייטע פעלדער, איז צו אים צו אַ דייטש און געשלאָגן. איך האָב פאַרגעפּילט, אַז כ'וועל אַרויס פון געדולד און אַז מיין רעאַגירן וועט נאָר ברענגען צרות נישט בלויז מיר און מיין פאַמיליע, נאָר אויך דעם גאַנצן ידישן ישוב. איך באַשליס אַוועקצופאָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן פריוויליק און ווער אַוועקגעשיקט קיין בוכווערדער־פּורסט. מיט מיר זענען געווען: די ברידער אברהמטשע און ישראלטשע שפּיראָ, אברהם שפּירא, אפרים רובינאָוויטש און אַנדערע.

דער אַרבעטס־לאַגער, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען אויפצובויען אַן אויטאָ־סטראַדע בערלין — ליצמאַנשטאַט (לאָדזש), האָט באַשעפטיקט פאַרשיקטע ידן פון פיל שטעט און שטעטלעך. מיר זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע שוואַרצע אַרבעטן, צוגרייטנדיק דעם באָדן צו דער פּלאַנירטער אויטאָסטראַדע. צו דער צייט, באַקומען מיר נאָך פון דער היים פּעקלעך עסנוואַרג און דאָס פאַרלייכטערט אַ ביסל אונדזער לעבן.

פון דעם לאַגער איז מיר געבליבן אין זכרון אַ ספּעציעלער פאַל, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט. מיר האָבן דאַמאָלט געאַרבעט ביי דרענאַזש־אַרבעטן. אין מיטן דער אַרבעט האָט אונדז דער פאַרמייסטער געמאָלדן, אַז היינט וועלן מיר אַ היים גיין פריער מיט 2 שעה. נישט 4 אַזייגער, נאָר 2 אַזייגער. די סיבה איז געווען, ווייל אין דעם טאָג

ווערן געהאָנגען צוויי ייִדן אין לאַגער און מיר אַלע מוזן זיין אָנוועזנד בעת דער עקזעקוציע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער, זענען שוין די תליות געווען גרייט און אַ גאַנצע באַנדע עס־עס־לייט האָבן געוואַרט. עטוואָס שפּעטער איז אָנגעקומען דער שוואַרצער אויטאָ מיט די צוויי ייִדן, וועלכע זענען געוואָרן באַשולדיקט אין מאַכן אַ פּרווו צו אַנטלויפן. איינער איז געווען אַ ייִנגל פון 16—15 יאָר פון זדונסקעוואָליע.

נאָכן הענגען, האָבן מיר געמוזט אַדורכגיין די תליות, אַרויפקוקן צו די געהאָנגענע און שמייכלען. ווער ס׳האָט דאָס נישט געטאָן, איז געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן.

אין דעם דאָזיקן לאַגער זענען מיר געבליבן נאָך עטלעכע חדשים. דערנאָך זענען מיר געוואָרן פאַרשיקט קיין „לאַוטאַווערק־זיד״.

לאַוטאַווערק־זיד, ביי פראַנקפורט אויף דער אָדער.

דאָרט האָב איך געאַרבעט אין אַן אַלומיניום־פאַבריק — „אַלומיניום־ווערקע״. צווישן אַנדערע האָבן זיך דאָרט אויך געפונען פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע. די לאַגע איז דאָרט געווען פאַרהעלטנישמעסיק לייכטער. דער לאַגער־פירער, אַ דייטש פון אַלטן שניט, האָט אויסגעזען נישט צו זיין אַזוי פאַרדאַרבן, מיט אַ ביסל מענטש־לעכקייט. אָבער די צרות זענען דאָ אָנגעקומען פון אייגענע, ייִדישע פאַרשיקטע. עס איז דאָרט געווען אַ גרופּע ייִדן פון לאָדזש (מיט נישט קיין ספּעציעלן יחוס...), וועלכע האָבן קאָנטראָלירט די באַקומענע פּעקלעך, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון צייט צו צייט פון דער היים, און צוגענומען פאַר זיך, וואָס ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט. איך האָב זיך מיט זיי געקאָנט און געווען אין גוטע באַציאונגען. עטלעכע וויערושאָווער, וועלכע זענען געוואָרן בעוולט, וויסנדיק, אַז איך קאָן זיך מיט דער גרופּע, האָבן מיך געבעטן צו אינטערווינירן. עטלעכע מאָל האָב איך איבערגערעדט מיט דער גרופּע, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאַן האָב איך מיך דעצידירט און אָנגעשריבן אַ בריוו צום לאַגער־פירער וועגן דער אומנאָרמאַלער לאַגע, וועלכע הערשט אין לאַגער. איך האָב זיך אונטערגעשריבן און אויפגעגעבן עטלעכע עדות, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן מיין אָנקלאָגע.

אין עטלעכע טעג שפּעטער, האָט מען מיך אַריינגערופן אין לאַגער־„שטובע״. דאָרט האָבן זיך שוין געפונען אַלע פירער, ווי אויך די ייִדישע עלטסטע.

ביים טיש, באַדעקט מיט אַ גרין טוך, ווי אין געריכט, איז געזעסן דער לאַגער־פירער און פאָרגעלייענט מיין בריוו. נאָך אַ גרויסער רעדע, אַז ביי אים אין לאַגער מוז זיין אָרדנונג, האָט ער אַלס שטראָף, פון זיי צוגענומען די פּאָסט און איבערגעגעבן די פונקציע דעם לאַגער־דאָקטאָר (אויך אַ ייִד). צו מיר האָט ער געזאָגט, אַז מיין גליק איז, וואָס כ׳האָב זיך אונטערגעשריבן. ווייל פאַר אַנאָנימע אָנקלאַגעס, האָט מען אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זיי האָבן זיך דערוווּסט ווער ס׳איז דער מחבר. ער האָט מיר אויך באַמערקט, אַז ער זעט, אַז איך האָב אַ טיף געפיל פאַר גערעכטיקייט און אין בונטעווען מענטשן און דאָס איז נישט געווונטשן. דעריבער וועל איך זיין אונטער זיין אויפזיכט.

מער קיין אינצידענטן זענען נישט פֿאָרגעקומען. נאָך אַ קורצער צייט ווערן מיר פֿאַרשיקט קיין קרייזינג.

קראַפּיר־לאַגער קרייזינג

אַ לאַגער, אין וועלכן ס׳זענען פֿאַראַן אַלע באַדינגונגען, אַז וואָס מער מענטשן זאָלן אָוועקשטאַרבן. דאָ ברענט נישט דער קרעמאַטאָריום. ס׳זענען פֿאַראַן אַנדערע סיבות פֿון דער קאָלאָסאַלער שטערבלעכקייט.

חוץ הונגער און קעלט, קלעפּ און דערשיסונגען — בושעווען פֿון צייט צו צייט עפּידעמישע קראַנקהייטן, וועלכע רייסן אַוועק גרויסע טיילן פֿון דער קוים־לעבעדיקער שקלאַפֿן־מאַסע.

גרויזאַם איז געווען די מגיפֿה פֿון בויך־טיפֿוס, פֿון וועלכן ס׳זענען אומגעקומען מאַסן פֿאַרשיקטע.

אויך איך בין אַנגעשטעקט געוואָרן מיט דער קרענק און בין געווען פֿון די געציילטע, וואָס זענען אַרויס לעבעדיקע. די גרעסטע מערהייט קראַנקע, נישט האָבנדיק די מינימאַלסטע מעדיצינישע הילף, זענען אומגעקומען.

זייער פּאָפּולער איז אין קרייזינג געווען דער סיסטעם פֿון עפֿנטלעכע עקזעקוציעס. פֿאַר דער לאַגער־אַנפֿירערשאַפֿט איז אַזאַ אַקציע געווען אַן אמתער יום־טוב.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פֿאַל פֿון אַן עפֿנטלעכע תליה.

געווען איז עס אין אַ נאָכמיטאָג פֿון דעצעמבער 1942. ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין לאַגער זענען שוין געווען צוגעגרייט 4 תליות. צום הענגען זענען געבראַכט געוואָרן 6 מאַן און נאָך אַ זיבעטן האָבן זיי געברענגט פֿון אַרעסט־הויז. זיין חטא איז געווען אין גנבֿענען אַ קאַרטאָפֿל. אַלע, אָן אויסנאַם, זענען געווען פֿאַרזאַמלט אויפֿן פּלאַץ און געמוזט זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע. דער סאַמער טראַגישער מאָמענט איז געווען, דאָס וואַרטן פֿון די אַנדערע דריי אויף די תליות, וועלכע זענען פֿאַרנומען געווען דורך די ערשטע פֿיר געהאָנגענע.

אין קרייזינג האָב איך דערהאַלטן דאָס לעצטע פּאָסט־קאַרטל פֿון מיין פֿאָטער, דאָס איז געווען אין אויגוסט 1942, ווען די יידישע באַפֿעלקערונג אין וויערושאָוו איז געווען קאָשאַרירט אין קלויסטער, ערב דעם טראַגישן פֿינאַל פֿון דער גרויסער דראַמע, ערב דעם חורבן פֿון יידישן שטעטל. מיין פֿאָטער האָט מיר אין זיינע לעצטע ווערטער געשריבן, אַז ער געזעגנט זיך מיט מיר, און אַז כ׳זאָל זיך באַמיען אַרויסצוקומען לעבעדיק פֿונעם גהינם, בכדי צו דערציילן פֿאַר דורות וועגן אָפּגעטועטעם פֿאַרברעכן.

אוישוויץ

אויגוסט 1943. מיר זענען אָנגעקומען אין דער גרויסער טויטן־פֿאַבריק, וואָס אַלע אַדורכגעגאַנגענע שבע מדורי גהינם זענען ווי אַ קינדער־שפּיל, לגבי דעם סאַדיזם, וואָס הערשט דאָ. וויפֿל טויטן עס האָט אויסגעקלערט דער פּאַטאָלאָגיש־קראַנקער מוח פֿון דער נאַצי־בעסטיע — האָט ער עס געלאָזט אין גאַנג אין אוישוויץ.

ס׳קומען אָן אומאויפהערלעך טראַנספּאָרטן מיט פרישע קרבנות, ווייל דער ברענענדיקער מולך ווערט נישט זאַט. קרעמאַטאָריום פלאַקערט אָן איבעררייס. דער גרעסטער טייל אָנגעקומענע, ווערט גלייך געפירט צום פאַרברענען.

פון די איבערגעבליבענע, איבערגעלאָזטע צייטווייליק ביים לעבן, פאַלן אַ סך ביים אויספירן פאַרשידענע קאַטאַרזשנע אַרבעטן. ס׳פעלן אויך נישט קיין פאַלן פון דערשיסונגען מיטן תירוץ: „דערשאָסן ביים אַנטלויפן״, אָדער פאַר „פּרווון שטעלן אַ ווידערשטאַנד״.

איך האָב נאָר איין און איינציקע אויסזיכט צו בלייבן ביים לעבן — צו ווערן אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדער לאַגער, אין איינעם פון די טראַנספּאָרטן, וועלכע גייען אָפּ פון צייט צו צייט.

דערווייל בין איך אין אוישוויץ, אין דריטן בלאָק.

דאָרט, אין דריטן בלאָק, געפין איך אַן אח לצרה, מיט וועלכן איך צעשייד זיך נישט ביזן סוף.

דאָס איז געווען אַן אויף דער נאַכט, ווען מיין פּריטשע איז געווען צעבראָכן און כ׳בין געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט האָבנדיק וווּ אַוועקצולייגן די מידע ביינער. אין דעם הער איך ווי איינער פון די אויבערשטע פּריטשעס שעפּטשעט צו מיר:

— אַ ייד? קום אַרויף צו מיר.

צונויפגעקוועטשטע אויף די ברעטער, האָבן מיר זיך דערציילט וועגן די אָדורכגעגאַנגענע צרות. נאָכן אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, האָבן מיר זיך געגעבן די הענט, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען אויף וויפל דאָס וועט זיך ווענדן אין אונדז.

דאָס איז געווען מיין שוואָגער יהושע דאַנציקער פון זדונסקעוואָליע. מיר זענען טאַקע געבליבן צוזאַמען די גאַנצע צייט.

צו אונדזער מזל, זענען מיר געוואָרן צוגעטיילט צו איין טראַנספּאָרט. עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געפונען אין אַ ספּעציעלן בלאָק, וואַרטנדיק אויפן אָפּגיין פון טראַנספּאָרט. דורך די עטלעכע טעג האָט מען אונדז אָן איבעררייס „דערמאָנט״, אַז מיר געפינען זיך אין דער אַרכי־מערדערישער רעזידענץ אין אוישוויץ.

נאָך 6 וואָכן זיין אין אוישוויץ, ווערן מיר געשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט קיין פינף־טייכן ביי ברעסלאַו.

פינף־טייכן

דער לאַגער האָט זיך געפונען 3—4 קילאָמעטער פון קרופּס גרויסע קריגס־אונטערנעמונגען. מיר האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן 12 שעה אין מעת־לעת און צורעכנדיק דעם וועג פון לאַגער אין פאַבריק אַריין, האָבן מיר געהאַט ווייניק צייט אויף אָפּרו. אין אָנפאַנג איז די באַציאונג צו אונדז, מצד דער אַדמיניסטראַציע, ווי אויך פון די ציווילע אַרבעטער, געווען אַ שלעכטע, ווייל מיר, אַלס קאַצעטלער, מיט אַ שטראָף פון לעבנסלענגלעכע טורמע, זענען געווען ביי זיי אין די אויגן, ווי שרעקלעכע פאַרברעכער, מערדער. מיט דער צייט האָט זיך די באַציאונג געענדערט. זאָגאַר די דייטשע אָנפירער פון דער פאַבריק, וווּ מיר האָבן געאַרבעט, האָבן זיך באַצויגן צו

אונדז, ווי צו מענטשן. איבערהויפּט האָט אונדז אַרויסגעהאָלפֿן, אונדזער פֿאַראַרבעטער גראומאַן, אַ דייטש, וועלכער איז געווען ווייט פֿון דער נאַציִשער, סאַדיסטישער אידעאָלאָגיע.

דאָרט זענען מיר געווען ביזן ענדע יאַנואַר 1945.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוסישע אָפֿענסיווע און די אָנגרייפֿנדיקע כוחות האָבן זיך דערנענטערט, האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע.

אין די לעצטע שעהן פֿאַרן פֿאַנאַנדערלאָזן דעם לאַגער, האָט מיר דער דערמאָנטער פֿאַראַרבעטער גראומאַן געזאָגט, אַז ער ווייסט פֿון זיכערע קוועלן, אַז די עס־עס האָט פֿאַר אַ ציל אונדז אַלע אומצוברענגען און דעריבער דאַרפֿן מיר אַנטלויפֿן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

דערווייל וועלן מיר צוזאַמענגענומען און געטריבן אין אַנדערע לאַגערן, נישט וויסנדיק, וואָס עס וועט ברענגען די נאָענטע שעה.

גראָס־ראָזען

דער וועג קיין גראָס־ראָזען, האָט געדויערט 5—4 טעג. מיר זענען געגאַנגען אָן איבעררייס, טאָג און נאַכט. אַרויסגייענדיק פֿון לאַגער האָבן מיר באַקומען ברויט און אַ פּושקע פֿלייש און דאָס האָט געמוזט קלעקן אויף דער גאַנצער צייט. די שרעקלעכע יאַנואַר־פֿרעסט האָבן זיך איינגעפֿרעסן אין אונדזערע מידע ביינער. אויפֿן וועג זענען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אַ גרויסע צאָל. איך געדענק, נאָך איינער אַזאַ נאַכט, נאָכן רוען עטלעכע שעה אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד, זענען געבליבן ליגן עטלעכע דרייסיק צום טויט פֿאַרפֿרוירענע.

ענדלעך קומען מיר אָן קיין גראָס־ראָזען, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען זייער פֿיל אַרעסטאַנטן פֿון אַנדערע לאַגערן, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען זיך צו עוואַקויִרן, צוליבן בהלהדיקן אַנטלויפֿן פֿון דער דייטשער אַרמיי.

קוים צען טעג זענען מיר דאָרט געווען און שוין ווערן מיר פֿאַרפּאַקט אין אַ לאַסט־צוג, איבער הונדערט מאַן אין אַ וואַגאָן, שטרענג באַוואָפֿנט דורך עס־עס־לייט און מיר פֿאָרן ווייטער. אויך אין דער אָ נסיעה גיבן מיר אַוועק נישט ווייניק קרבנות, דורך הונגער, דורשט און דערשיסונגען. ס׳איז געווען אַ חלום צו באַקומען אַ שלוק וואַסער. מענטשן האָבן צעריסן די העמדער, מאַכנדיק דערפֿון שטריק און מיט אַ טעפּל, איינגעשעפּט זיך אַ ביסל שניי.

די עס־עס־לייט פֿלעגן „סתם־אַזוי" אַריינשיסן אין די וואַגאָנען און יעדן אינדערפֿרי, פֿלעגט זיך די באַן פֿאַרהאַלטן און אַלע טויטע זענען געוואָרן אַריבערגעפֿירט אין ספּעציעלן וואַגאָן, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעטביים סוף פֿון צוג. די מענטשן וואָס האָבן איבערגעפֿירט די טויטע, זענען שוין נישט צוריקגעקומען — זיי זענען דאָרט, אין טויט־וואַגאָן, דערשאָסן געוואָרן.

דער פֿיינפֿולער וועג האָט געדויערט ביזן אָנהויב מערץ 1945, ביז אונדזער אָנקומען אין טרויעריק־באַרימטן טויטן־לאַגער, מאַטהאַוזען.

מאַטהאַוזען

דער לאַגער מאַטהאַוזען איז באַקאַנט אַלס איינער פון די „מאָדערנע" טויט־לאַגערן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט. מאַטהאַוזען מיט דער „פּראָדוקטיווער" קרעמאַ־טאָריום, האָט זיך נישט געהאַט צו „שעמען" פאַר אַנדערע טויט־לאַגערן, ווי: אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע און אַנדערע. אויך איצט האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. פאַר מאַטהאַוזען איז איצט נישט מערץ 1945. מאַטהאַוזען הערט נישט די דונערדיקע אָפּקלאַנגען פון אַרטילערישע דועלן, וועלכע דערנענטערן זיך מיט שנעלע טריט. מאַטהאַוזען פילט נישט די לעצטע אַגאָניע־קרעמפּן פון „הערן־פאָלק", וואָס ווערט געיאָגט פון אַלע זייטן צו זיין שלאַנגען־נעסט, בכדי דאָרט צו באַקומען דעם לעצטן טויט־קלאַפּ. מאַטהאַוזען וויל נאָך איצט פאַרטיליקן די לעצטע צווייגן, וועלכע האָבן זיך דורך אַ נס אָפּגעהיטן פונעם גרויסן פאַרניכטעטן שטאָם.

מיר ווערן אַריינגעפּאַקט אין אַ שטוב, ווו ס'איז פאַראַן אָרט פאַר 15 — 10 מאַן — עטלעכע הונדערט. ביינאַכט ווערן מיר געפירט אין באָד און די לאַגער־אָנפירער נוצן אויס דעם אַלטן תירוץ, אַז מ'האָט זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, און פירן אַדורך עקזעקוציעס. די מאָרדן קומען דאָ פאָר, כאָטש דער גאַנצער אַרום ווערט אָן איבעררייס באַוואָרפן מיט אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. מיר ווערן געשיקט ברענגען אין אָרדנונג די צעשטערטע באַן־ליניעס, וועלכע ווערן זאָפאָרט נאָכן צורעכט־מאַכן, ווידער אויפגעריסן.

אַ געוויסע צייט זענען מיר געווען באַשעפטיקט ביים רעמאָנטירן די ליניעס אין לאַגער וועלס, ווי אויך אין אמשטעטן.

נאָכן אָפּזיין דאָרט עטלעכע וואָכן, ווערן מיר איבערגעשיקט, דעם 12־טן אַפּריל 1945 אין אַ פרישן לאַגער, עבענזעע.

7

אונדזער אנטלויפן אויפן וועג קיין עבענזעע

דער באַשלוס וועגן אַנטלויפן, וועגן וועלכן מיר האָבן די גאַנצע צייט געטראַכט, איז איצט געוואָרן רייף. מיר זענען אַ גרופּע פון 4 מאַן: איך, יהושע דאַנציקער, פּנחס פּייוולאָוויטש (איצט אין חיפה) און נחמיה זשימבאָווסקי. מיר באַשליסן, אַז אויב מיר וועלן ווערן געפירט ביינאַכט — אַנטלויפן מיר. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיך צוגעגרייט צו דעם מאָמענט. מיר האָבן זיך איינגעשאַפּן ציווילע קליידער, כדי נאָכן אַנטלויפן נישט אַנטדעקט צו ווערן דורך אונדזערע געפּאַסעוועטע לאַגער־מלבושים.

12 אַפּריל

מיר ווערן אויפגעלאָדנט אַ טראַנספּאָרט פון 1.600 מאַן, צו 120 אין אַ וואַגאָן. די וואַגאָנען זענען אָפענע. פון בײדע זײַטן — באַוואָפנטע עס־עס־לײַט, מיר פאַרנעמען ערטער נישט אינדערמיט, נאָר בײַ דער וואַנט פון וואַגאָן.

די נאַכט איז אַ שטאָק־פינצטערע און עס פאַלט אַ לײַכטער רעגן. פון מאַנאַטאָנעם רעדער־קלאַפּערײַ, כאַפּן אונדזערע היטער אַ לײַכטן דרימל. מיר נוצן אויס דעם מאָמענט און דורך אַ באַשטימטן סימן, הויבן מיר אָן צו שפּרונגען. צוערשט יהושע, דערנאָך איך און דער לעצטער פּיוולאָוויטש. דער פערטער זשימבאָווסקי, ציט זיך צוריק אין לעצטן מאָמענט. נאָכן אַראָפּשפּרינגען, נעמען מיר דעם וועג אויף צוריק, בכדי זיך צוזאַמענטרעפן. זעט אויס, אַז מיר זענען נישט געווען די אײנציקע אַנטלויפער, ווײַל מיר האָבן געהערט פונדערווײַטנס, אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און די דײַטשן האָבן געעפנט אַ כאַאָטיש שיסערײַ. אָבער די נאַכט־פינצטערניש האָט אומשעדלעך געמאַכט זײער העפטיק פײַער. נאָכן צוריקגײן אַ שטיקל וועג, טרעפן מיר זיך בשלום, בלויז יהושע האָט געהאַט מזל, וואָס ער איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ קאָץ, ווײַל ער איז אַרויף אויף אַ שטיק אײַזן. ווו מיר געפינען זיך, האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז מיר זענען אין עסטרײַך.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן מיר באַמערקט סילועטן פון געבײַדעס. צוקומענדיק נאָענט, האָבן מיר געזען אַ סטאַדאָלע מיטן אַן אָפענער טיר פון אײן זײַט. מיר האָבן זאָפאָרט אַרויפגעקלעטערט אויף דער קופּע שטרוי, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די הילצערנע שיך, צוגעדעקט זיך מיט די דעקן און געשמאַק אײַנגעשלאָפן.

13 אַפּריל

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי נײַ־געבוירענע, אָן געשרײַען און קלעפּ, אָן עס־עס־לײַט און אויסדרעסירטע הינט. וויפל האָבן מיר געגאַרט נאָך דעם טאָג, נאָך דער פרײַער זון, נאָך דער ליכטיקער וועלט ? מיר זענען פרײַ — אָבער אויף ווי לאַנג ? עס איז דאָך דערווײַל נאָכנישט געענדיקט. דערווײַל דאַרפן מיר זאָרגן וועגן עסן.

דורך די שפּאַרעס האָבן מיר באַמערקט, אַז נישט ווײַט פון אונדז געפינט זיך אַ גרעסערער ישוב: מיר האָבן געזען אַ סך הײַזער, ווי אויך אַ קירכע. פון אונדזער גרופּע, לאָזט זיך פּיוולאָוויטש זוכן עפּעס עסן. נאָך אַ 15 — 10 מינוט, קומט ער צוריק מיט גאַנצע דרײַ ברויט און אַ ביסל ציבעלעס. מיר עסן זיך אָן צו דער זעט און קריכן אַראָפּ פון באַהעלטעניש. די אָרטיקע באַפעלקערונג לײגט נישט קײן אַכט אויף אונדז, ווײַל אַזעלכע „וואַנדערער", איז פאַר זײ נישט קײן נײַעס.

מיר האָבן זיך געפונען אין שוואַנענשטאַט.

בכדי אויסצומײַדן פּאָליצײַאישע אויגן, האָבן מיר אויסגעמיטן דער שטאָט. מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די דערפער און דאַרט זיך באַזאָרגט מיט עסן. בײַם אײַנשאַפן זיך פּראָוויאַנט, האָבן מיר זיך אײַנגעטײלט. איך מיט פּיוולאָוויטשן זענען געגאַנגען אין די דערפער און דאַנציקער איז געבליבן אין סטאַדאָלע היטן אונדזערע זאַכן.

איינמאָל, דאָס איז געווען דעם 15־טן אַפּריל, זייענדיק אין אַ דאָרף, האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט, נישט וויסנדיק דעם וועג צוריק. דער קירכע־טורעם, וועלכער האָט אונדזע נעדינט ווי אַ סימן, איז אויך עפּעס ווי פאַרשוווּנדן. פאַרצווייפלטע זענען מיר אָנגעקומען אין אַ וואַלד און געבעטן ביים וואַלד־וועכטער עפּעס עסן. דער וועכטער, אַן עלטערער קריסט, אַ וועטעראַן פון ערשטן וועלט־קריג, האָט אונדז גוט אויפגענומען. פון וואַלד זענען מיר אַרויף אויף אַ הויכן באַרג און פון דאָרט האָבן מיר דערקענט אונדזער סטאָדאָלע.

צוריקקומענדיק שפּעט ביינאַכט, טרעפן מיר אַ פּריש רעטעניש — דאַנציקער איז נישטאָ. מיר האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג, אָבער גיין זוכן ביינאַכט, האָט נישט געהאַט קיין זין. מיר וואַרטן און יעדע מינוט איז ווי אַן אייביקייט. נאָך אַ שעה צייט איז יהושע צוריקגעקומען און ער האָט אונדז דערציילט, אַז זיצנדיק אין שטרוי, האָבן קינדער בשעתן שפּילן, זיך באַהאַלטן אין סטאָדאָלע און דערזעענדיק אַ מענטש, האָבן זיי אַליאַרמירט די עלטערן, מיינענדיק, אַז אַ גנבֿ האָט זיך אַריינגעכאַפּט. דער בעל־הבית האָט אַרויסגערופן פּאָליציי, וועלכע האָבן אים פאַרהאַלטן און צוגעפירט צו דער באַן־סטאַציע, בכדי ער זאָל פאָרן ווייטער, ווייל אויך פאַר דער אָרטיקער פּאָליציי איז נישט געווען קיין נייעס דאָס אַרומוואַנדערן פון לאַגערניקעס אין יענע טעג. ווען די פּאָליציי־לייט זענען אַוועקגעגאַנגען, איז אויך יהושע אַוועק פון דאָרט און צוריקגעקומען צו אונדז.

פון דעם פאַל, האָבן מיר געמאַכט דעם אויספיר, אַז מיר מוזן בייטן דאָס אָרט, מיר באַשליסן, אַז באַלד אינדערפרי, זאָלן מיר אַוועק צום וואַלד־וועכטער, מעגלעך, אַז ער וועט אונדז אויסבאַהאַלטן.

אין מיטן דער נאַכט, הערן מיר, אַז עמיץ גייט אַריין צו אונדז. מיר וואַכן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. פּלוצים האָט האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון אַ טאַשן־לאָמפּ און אַ זשאַנדאַרם האָט אונדז באַמערקט, צוליב די האַלצערנע שיך, וועלכע זענען געווען שלעכט באַהאַלטן. מיר ווערן פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אויפן פּאָליציי־פּאָסטן. בעת דער אויספאָרשונג האָבן מיר געטענהט, אַז מיר זענען פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין אמשטעטן און נאָך דער באָמבאַרדירונג, זענען מיר נאַקעט און באָרוועס קוים אַוועק מיטן לעבן און איבער דעם האָבן מיר נישט קיין דאָקומענטן. די באַציִונג צו אונדז מצד דער פּאָליציי — עלטערע מענטשן וואָס האָבן אַליין מורא געהאַט פאַר דער עס־עס — איז געווען אַ גענוג קאָרעקטע. די זעלבע צייט זענען מיר געוואָרן אַרומגעזוכט איבער אַלע פּאָליציי־פּאָסטנס. צוזאַמען זענען געווען 28 אַנטלאָפענע פון טראַנספּאָרט. וועגן אונדזער אַרעסט איז געוואָרן מיטגעטיילט דער עבענזעער לאַגער.

דעם 16־טן אַפּריל האָט די זשאַנדאַרמעריע באַקומען אַ באַפעל פון לאַגער, אַז מ׳זאָל ביי אונדז זוכן אויסטאַטויִרטע נומערן. ביים קאָנטראָלירן מיינע הענט, האָב איך אַזוי מאַנעווּרירט, אַז דער נומער איז נישט געוואָרן באַמערקט. דאָס זעלבע איז געווען ביי פּיוולאַוויטשן. ווען די ריי איז געקומען צו יהושע דאַנציקער, איז זיין נומער געוואָרן אַנטדעקט. ווייל ער האָט געהאַט אויסטאַטויִרט דעם נומער נישט אויף אַ זייט, נאָר אינמיטן דער האַנט. מיר ווערן נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט און מ׳געפינט ביי

אונדז די אויסטאַטואירטע נומערן. די זשאַנדאַרמעריע האָט זאָפאָרט מיטגעטיילט וועגן דעם פאַל צו דער לאַגער־פירונג.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי ס׳איז אָנגעקומען אַ שוואַרצע עס־עס־אויטאָ מיט אַ צעיושעטע באַנדע, וועלכע האָבן זיך אויף אונדז געוואָרפן מיט מערדערלעכע קלעפּ. זייענדיק שוין לייטיש צעשלאָגן, זענען מיר געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ און אָנגעהויבן פאָרן. ליגנדיק אין אויטאָ, האָבן מיר באַמערקט, אַז אויפן דעק געפינען זיך פאַרשידענע גראָב־מכשירים, ווי לאָפּאַטעס, זעגן און אַנדערע כלים. מיר זענען געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועלן מיר אָנקומען צו אַ וועלדל און דאָרט וועלן מיר זיין געצוווּנגען אויסצוגראָבן פאַר זיך קברים. זעט אָבער אויס, אַז דער גורל האָט געוואָלט אַנדערש, ווייל נאָך 2 שעה פאָרן האָט מען אונדז געבראַכט קיין עבענזעע.

8

אין עבענזעע

אָנגעקומען אין לאַגער זענען מיר ווי פאַרמשפּטע צום טויט. מ׳האָט אויף אונדז אָנגעוויזן אַז דאָס זענען דריי ידן, וואָס מ׳וועט הענגען צוליבן אַנטלויפן פון טראַנס־פּאָרט. מ׳האָט אונדז אַריינגעפּאַקט אין אַ בונקער, צווי מעטער די גרויס, מיט איין בעט. עטוואָס שפּעטער, איז צו אונדז צוגעקומען נאָך איינער, אַ פּאָליאַק, אויך אַן אַנטלאָפענער.

21 אַפּריל. מוצאי שבת.

דעם 20־טן איז געווען דער יאָרטאָג פון דער מוטערס טויט. טרויעריקע מחשבות פּרעסן דאָס האַרץ. מחשבות פון אַ צום טויט פאַראורטיילטן, וואָס וואַרט, אַז אין געציילטע שעהן, אָדער גאָר מינוטן, וועט ער דאָס לעצטע מאָל אָנקוקן די ליכטיקע וועלט. יעדער שאָרך אין קאָרידאָר מאַכט אויפציטערן אַלע געבליטן. יעדער אָפּקלאַנג פון טריט אין געבראַזגערייַ פון שליסלען, מאַכן אויפשוידערן דאָס לייב.

די טיר ווערט געעפנט און דאַנציקער ווערט אַוועקגעפירט. מיר וואַרטן. יעדע מינוט איז אַן אייביקייט. נאָך 20 מינוט ווערט פּיוולאַוויטש אַוועקגעפירט און נאָך אַ קורצער צייט האָט מען מיך גענומען.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין אַ שטוב פון ערשטן בלאָק, האָב איך דערזען ביידע ליגן צעשלאָגענע און פאַרחלשטע. אויך מיך האָבן די רוצחים גענומען אין דער אַרבעט. געכאַפּט מיר דעם קאָפּ צווישן די פיס און אַריינגעציילט מערדערלעכע שמיץ. איך האָב זיך מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן. דערנאָך האָט דער בלאָקן־עלטסטער געהאַלטן אַ רעדע, אַז מיר ״שווייַנען־יודען״ האָבן אַ גרויס גליק, וואָס מיר הענגען נישט איצט,

נאָר מיר זענען אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט. פון איצט אָן, וועלן מיר ביי אים אַרבעטן. מיר גלויבן נישט, אַז דאָס איז אמת. אפשר גאָר אַ נידערטרעכטיקע קאָמבינאַציע פון דער עס־עס ? אפשר איז עס סאַדיסטיש פיינונגען איבער אַ טויט־פאַראורטיילטן ?

צומאָרגנס. זונטיק אינדערפרי.

ס'האָט מיר אָפּגעגליקט. מעגלעך, אַז אין זכות פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענער מוטער, האָב איך אויסגעמיטן די תליה שוין געציילטע טעג פאַר דער באַפרייאונג.

מיר ווערן געשיקט אוי ףאַרבעט אין די באַרג־טונעלן, ווו ס'איז געוואָרן אויסגעבויט גאַנצע שטעט און ריזן־פאַבריקן פאַר דער פראָדוצירונג פון די פאַו־ראַקעטן. איך מיט יהושען זענען אַריינגעפאַלן אין אַ בריגאַדע, ווו דער פאָראַרבעטער איז געווען אַ ציגיינער, אַן אויסוווּרף, וועלכער האָט אונדז שרעקלעך געפּייניקט. דערנאָך האָט ער דאַנציקערן איבערגעשיקט אין אַ שטראָף־קאָלאָננע און מיך, האָט ער גוזאָגט, וועט ער אויפן אָרט ענדיקן. איינמאָל, ווען כ'בין געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט מיר יהושע איבערגעגעבן, אַז כ'זאָל זיך באַמיען אַריבערצוגיין אַרבעטן אין דער שטראָף־קאָלאָננע, ווייל דאָרט איז פיל לייכטער. נאָך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, בין איך דאָרט איבער־געשיקט געוואָרן. דער פאָראַרבעטער, אַ פאַרשיקטער דייטשער קאָמוניסט, האָט זיך באַצויגן צו אונדז גוט. מעגלעך, אַז דער נאָענטער סוף פון נאַצי־רעזשים, האָט מיט־געווירקט צו דער גוטער באַציאונג. ער האָט אונדז אָוועקגעפירט אין אַזעלכע ערטער, ווו קיינער זעט נישט און געהייסן אונדז רוען. ער האָט אויך געהאָלפן מיט עסן און אונדז דערציילט, די לעצטע ידיעות פון די קריגס־אָפּעראַציעס.

די אַלגעמיינע לאַגע אין עבענזעע איז געווען אַ שוידערלעכע. מענטשן זענען מאַסנווייז אָוועקגעשטאָרבן פון הונגער. געווען אויך פאַלן, ווען אויסגעהונגערטע לאַגערניקעס זענען געוואָרן באַהערשט פון וואַנזין. איך בין אַליין אַן עדות, ווי רוסישע געפאַנגענע האָבן זיך געוואָרפן אויף טויטע קערפּערס און געגעסן זייער פלייש. די צאָל קראַנקע און אַזוי־גערופענע „מוזולמענער" איז געווען אַ קאָלאָסאַלע.

פרייטיק, 4־טער מאַי 1945.

עס פילט זיך אין דער לופט די נאָענטע באַפרייאונג. אויך די לאַגער־פירער, וועלכע זענען געווען גרויסע „העלדן" קעגן דער אויסגעמאַטערטער קאַצעטלער־מאַסע, זעען איצט אויס ווי מייז געפאַנגענע אין דער פּולאַפּקע. צו דער אַרבעט פירט מען שוין נישט. אַלע געפינען זיך אין די בלאָקן. דער עקזיסטירנדיקער אונטערגרונט גיט צו וויסן, אַז די עס־עס האָבן אַ טייוולאָנישן פּלאַן אונדז צו ליקווידירן אין די סאַמע לעצטע שעהן, דורך אַריינפירן אַלע אין די טונעלן און דאָרט אונדז אויפרייסן. מיר ווערן געוואָרנט נישט צו גיין אַהין.

אינדערפרי ווערן צוזאַמענגענומען אַלע 20 טויזנט קאַצעטלער און דער לאַגער־פירער האַלט אַ גרויסע „הומאַניטאָרע" רעדע, אַז אַזוי ווי די אַמעריקאַנער קומען אָן, דאַרפן מיר זיין „באַשיצט". דעריבער זאָלן מיר אַלע אַריין אין די טונעלן. אַלע האָבן מיט איין קול אויסגעשריגן: ניין! מיר גייען נישט!

קיין כוח האָט ער שוין נישט געהאַט, ווייל דער רוב עס־עס לייט זענען זיך צעלאָפן אין פּאַניק. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט ער אונדז איבערגעלאָזט און אַליין געמאַכט פּליטה.

צומאָרגנס אינדערפרי, זענען צו אונדז אַריין די ערשטע אַמעריקאַנער טאַנקען.

9

באַפרייאונג

דער לאַגער יובלט. אויף די דעכער באַווייזן זיך צענדליקער פענער פון פאַרשפּאַרטע פעלקער. די איבערגעבליבענע לאַגער־פירער ווערן אַרעסטירט און געטויט דורך די קאַצעטלער. דאָס „הערן־פאָלק" באַהאַלט זיך אין אַלע לעכער, אָבער מיר געפינען זיי אומעטום. עס אַרבעט די האַנט פון נקמה. די געוועזענע לאַגערניקעס געפינען זיך אויפן פּלאַץ. ס׳איז שוין נישט דער פּלאַץ פון אַפּעלן און מאָרדן, פון היסטערישע געוואַלדן און עקזעקוציעס. מען וויינט פאַר פרייד.

מיר זענען פריי! פריי!

ליידער זענען פאַראַן טויזנטער קראַנקע, וועלכע קאָנען נישט פאַרלאָזן די באַראַקן.

דעם שבתדיקן טאָג זענען מיר דאָרט פאַרבליבן און איינגעשאַפן זיך אַ ביסל פּראָוויאַנט פון די דעראָבערטע סקלאַדעס. זונטיק מאַכן מיר אַ פּלאַן אַוועקצוגיין פֿון דאָרט. אָבער וווּהין? עס פעלט אונדז איין אַ געדאַנק, צוריקצוגיין קיין שוואַנענשטאַט, צום וואַלד־וועכטער, דאָרט זיך אַ ביסל אויפהאַלטן, קומען צו די כוחות און דערנאָך פּלאַנירן דעם ווייטערדיקן וועג.

דער אַרויסגאַנג פון דער שטאָט עבענזעע איז געווען דורך אַ בריק. ווען מיר זענען דאָרט צוגעקומען, האָבן אַמעריקאַנער פּאַטראָלן נישט דערלויבט ווייטער גיין, ווייל צו דער צייט זענען פאָרגעקומען רויבערייען. עס זענען אויך געווען פאַלן, אַז קאַצעטלער זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דייטשן, דעריבער האָט דאָס אַמעריקאַנער מיליטער נישט דערלויבט צו פאַרלאָזן דער שטאָט. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט אַרטיקע איינוווינער, צי עס איז פאַראַן אַ צווייטער, אַלטערנאַטיווער וועג. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ וועג דורך די אַלפּן. אַ שווערער וועג, מיט וועלכן ס׳באַנוצן זיך אַלפּן־גייער. מיר, האָבנדיק פאַר אַ ציל וואָס שנעלער אַוועקצוגיין פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט, האָבן זיך געלאָזט אויף דעם ריזיקאַלישן וועג.

נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן, זענען מיר ענדלעך אַדורך די אַלפּן און אָנגעקומען צום וואַלד־וועכטער אין שוואַנענשטאַט. דער וועכטער מיט דער פרוי, האָבן אונדז גוט אויפגענומען און מיר האָבן זיי דערציילט ווער מיר זענען. זיי האָבן פאַר אונדז

געקאָכט עסן פון די באַקומענע אַמעריקאַנער פּראָדוקטן און צו ביסלעך זענען מיר געקומען צו די כּוחות.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אין אונדזערע אַלטע היימען זען, צי ס'איז נאָך עמיץ פאַרבליבן. מיר האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון לינץ, דאָרט זענען געווען די אַמעריקאַנער און אויף דער צווייטער זייט האָבן זיך געפונען די רוסן. מיר האָבן געמאָלדן, אַז מיר זענען פון דער רוסישער זייט און זענען איבערגעשיקט געוואָרן צו דער צווייטער זייט. נאָך אַ קורצער צייט זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט אין אַ פּוילישן לאַגער, וועלכער האָט קאָנצענטרירט ביי זיך געוועזענע קאַצעטלער פון פּוילן און זיין אויפגאַבע איז געווען איבערצושיקן אַלע צו זייערע היימען.

נאָך אַ געוויסער צייט, האָט מען אונדז פאַרלאָדנט אין אַ צוג און נאָך אַ זעקס־וואָכדיקער רייזע, דורך אונגאַרן און טשעכיען, זענען מיר אָנגעקומען קיין קראָקע.

די פּאָליאַקן אין קראָקע, האָבן אונדז „מקנה" געווען. „מען טראָגט דאָך אייך פּשוט אויף די הענט" — האָבן זיי מיט ביטערע שנאה געזאָגט. דער אמת איז אָבער געווען, אַז מיט גרויסע שוועריקייטן און סקאַנדאַלן, האָבן מיר דאָרט קוים באַקומען אַ ברויט.

דורך פאַרשידענע וועגן, פאָרנדיק אין די באַנען אָן בילעטן, זענען מיר, אין צווייען, איך מיט דאַנציקערן (פּיוולאַוויטש האָט זיך פון אונדז אָפּגעטיילט אין אונגאַרן), אָנגעקומען קיין ווירשאַוו.

10

צוריק אין שטעטל


יולי 1945.

כ'בין אָנגעקומען אין חרובן ווירשאַוו ווי אויף אַ בית־הקברות. די אָרטיקע פּאָליאַקן קוקן אויף אונדז, מיט בלוט־דורשטיקע שנאה, ווי אויף נישט־דערשאָכטענע גלגולים. פּוילישע באַנדעס באַמיען זיך צו פאַרענדיקן די „אַרבעט", וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו טאָן. מאָרדנדיק די געציילטע, אָפּגעראַטעוועטע יידן, וועלכע באַווייזן זיך פון פאַרשידענע לאַגערן און וועלדער. מיר שטייען פאַר דער האַרבער פראַגע: וואָס ווייטער? וווּ זוכן אַן אָנשפּאַר?

יהושע איז צוריקגעפאָרן קיין זדונסקעוואָליע אָפּזוכן זיינע נאָענטע און איך בין דערווייל געבליבן אין ווירשאַוו, אַרבעטנדיק ביי אַ באַקאַנטן פורמאַן פון פאַרן קריג. איך טו אַלץ. כ'פיר מיסט, פאַרנעם זיך מיט די פערד, אַרבעט אין שטאַל. דערפאַר באַקום איך עסן. נאָך עטלעכע טעג איז יהושע צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז ער האָט אָפּגעפונען זיין פרוי, ווי אויך זיינע שוועגערינס. מיר זענען שוין צוזאַמען אַריבערגעפאָרן



בית־העיריה והגימנסיה
הויז פון שטאט־ראט און גימנאזיע



קבוצת ניצולים אוספת שרידי מצבות בבית־הקברות המחולל. 1945.
אַ גרופּע אָפּגעראַטעוועטע ביים צונויפזאַמלען רעשטן פון פאַרשוועכטע מצבות. יאָר 1945.

קיין זדונסקעוואָליע. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט יהושעס שוועגערין און מיר האָבן חתונה געהאַט.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך פאַרשטענדיקט, טעלעגראַפיש, מיט מיין פאַמיליע אין בעלגיען און פון דאָרט דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מיינע צוויי שוועסטערן זענען געבליבן ביים לעבן.



בית־הקברות המחולל וההרוס
דער פארשוועכטער בית־עלמין.

איינמאָל, זייענדיק אין ווארשאָוו, האָב איך דערהערט די ידיעה, אַז די צען אַפּגעראַטעוועטע יידן פון באָלעסלאַוועצ, זענען געוואָרן ביינאַכט אויסגעשאָכטן דורך פוילישע באַנדעס. כ׳בין געבליבן נעכטיקן אין ווארשאָוו ביי אַ קריסט און בכדי פאַרזיכערן מיין לעבן, האָט ער אריינגעשטעלט אין פענצטער אַ צלם.

באַלד אינדערפרי, בין איך צוריק קיין זדונסקעוואָליע און מיר אַלע באַשליסן וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די מיט־בלוט־איינגעזאַפּטע פוילישע ערד.

11

מיט דער אומלעגאלער עליה קיין ארץ־ישראל

צו דער אַ צייט, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצונעמען אָפּגעראַטעוועטע רעשטן פון אויסגעמאָרדעטן פוילישן יידנטום, ווען אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך באַוויזן געציילטע ניצול־געוואָרענע, בכדי געוויר צו ווערן וועגן טראַגישן גורל פון זייערע נאָענטע — האָבן זיך אָרגאַניזירט מערערע גרופּן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, אַז אויף אַלע וועגן, לעגאַלע און נישט לעגאַלע, עולה צו זיין אין אייגענעם לאַנד און פּטור ווערן פון דער אַפּיטרופּסות פון פוילישן אַנטיסעמיטן־פאָלק.

מיט איינער אַזאַ גרופּע, זענען מיר אַוועק צו דער גרענעץ, קיין גערליץ און פון דאָרט געשמוגלט דעם טייך אָדער. צו מיין שלימזל, בין איך געוואָרן געכאַפּט און צוריקגעשיקט קיין גערליץ, זייענדיק צעטיילט מיט דער פרוי. נאָך אַ קורצער צייט בין איך מיט אַ צווייטע גרופּע, פון אַ קיבוץ, אַריבער קיין דייטשלאַנד און דאָרט זיך צוריק פאַראייניקט מיט דער פרוי און מיט דער איבעריקער פאַמיליע. פון ברוינשווייג, דייטשלאַנד, זענען מיר אַוועק קיין בערגען־בעלזען אין אַ קיבוץ „נוחם חרות״. דאָרט האָבן מיר פאַרבראַכט ביז נאָוועמבער 1946, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט ווייטער צו פאָרן. בעת אַ פּרווו זיך צו שמוגלען די בעלגישע גרענעץ, זענען מיר געוואָרן געכאַפּט און צוריקגעשיקט געוואָרן. אַ געוויסע צייט שפּעטער, האָבן מיר געשמוגלט די איטאַליענישע גרענעץ. דאָס איז פאָרגעקומען ביינאַכט, דורך די אַלפּן.


די ערשטע טעג האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין מילאַנאָ און נאָכהער אין „אונרראַ״־לאַגער ריבולי, ביי טאָרינאָ. פון דאָרט זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט קיין דרום־איטאַליען. נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ האַלב יאָר, ווערן מיר איבערגעפירט קיין באַרי אין אַ לאַגער, ווו די אָנפירער פון דער עליה ב׳ האָבן אונדז געלערנט די עלעמענטאַרסטע כללים פון פירן שיפן, בויען בריקן און אַנדערע פּרטים, נויטיקע פאַר אַן אומלעגאַלער נסיעה אויפן ים. נאָך אַ געוויסער צייט, איז אָנגעקומען די שיף „מורדי הגיטאות״ און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אויפן וועג האָבן מיר איבערגענומען פון דער איטאַליענישער מאַנשאַפט די שיפס־פירונג.

* * *

אין יולי 1947 זענען מיר אָנגעקומען צו די ברעגן נעבן חיפה. מיר זענען געווען זיכער, אַז די ענגלענדער האָבן אונדז נישט באַמערקט. אין דער לעצטער מינוט זענען מיר געוואָרן אַנטדעקט דורך ענגלישע סאָלדאַטן און מיר זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין ציפּערן, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אין 55־טן לאַגער, ביז יאַנואַר 1949.


דערנאָך זענען מיר אָנגעקומען, לעגאַל, אין דער פרייער, פון דורות־אויסגעבענקטער, מדינת ישראל.











הקיבוץ „נחם" בדרכו לישראל 49־1946

אויפן וועג קיין ישראל 49 — 1946

אפריש רובינאָוויטש
תל־אביב

זכרונות פון נאַצי־גהינם

ווי פיל אַנטלויפנדע ביים אויסברוך פון קריג, האָב איך זיך געפינען אין דער פוילישער הויפּט־שטאָט וואַרשע. דאָרט, אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט, וועט דאָס פוילישע מיליטער, צוריקשטרויסן די דייטשישע מיליטערישע קרעפטן. שוין אויפן וועג צו דער הויפּט־שטאָט, האָבן מיר געזען די בלוטיקע רעזולטאַטן פון דער באַרבאַרישער באַשיסונג און באָמבאַרדירונג. וואָס עס האָבן אַדורכגעפירט די דייטשע אַוויאַציע. גאַנצע שטעט און שטעטלעך, זענען געשטאַנען אין פלאַמען און די וועגן זענען געווען צעזייט מיט אומגעקומענע און שווער־פאַרווונדעטע, וועלכע האָבן געבעטן הילף און נישט באַקומען.

גאָר שרעקלעך איז געווען די לאַגע, איבערהויפּט פאַר דער קאָלאָסאַלער פּליטים־מאַסע אין דער ברענענדיקער שטאָט. עטלעכע מאָל אין טאָג האָבן זיך באַוויזן דייטשע באָמבן־טרעגער, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט טויט און פאַרניכטונג. דאָ האָבן מיר דערפילט די גרוילן פון דער אַרומגערינגלטער שטאָט; נישט געווען קיין שפּייז, ס׳איז געוואָרן באָמבאַרדירט די וואָסער־לייטונג, נישט געווען קיין באַלויכטונג.

שרעקלעך האָבן אויסגעזען די יידישע קוואַרטאַלן, אויף וועלכע עס זענען געפאַלן, טאָג און נאַכט, אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. מיר זענען געלאָפן פון איין ברענענדיק הויז צו אַ צווייטן ביז אויך דאָרט האָט אונדז דאָס פייער דערגרייכט.

דאָרט, אין דער גוססדיקער, פוילישער הויפּט־שטאָט, האָב איך פאַרבראַכט ביזן אונטערגעבן זיך דער דייטשישער מאַכט.

* * *

עס פלאָגן אומרואיקע געדאַנקען וועגן גורל פון אונדזער שטעטל, פון אונדזערע יידן, פון אונדזערע משפחות. דורך פאַרשידענע, פול מיט ריזיקע, וועגן און אומוועגן, קום איך אַהיים און דערזע דעם גרויסן חורבן. נישט צו דערקענען אונדזער געבורט־שטעטל. מער ווי אַ העלפט הייזער, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רואינען און אונדזערע יידן זענען געצוווּנגען אויפצוראַמען די חורבות. יאוש און פאַרצווייפלונג האָבן באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג. ביי יעדן די איינציקע פראַגע: וואָס ווייטער ?

זעענדיק די אויסזיכטלאָזע לאַגע, אַנטלויף איך צו אַ באַקאַנטן פויער אין אַ דער־נעבנדיק דאָרף, ווו איך אַרבעט ביי שניידעריי. אַפזייענדיק דאָרט קוים צוויי טעג, קומט אָן אַ ספּעציעלער שליח, געשיקט דורך מיינע עלטערן, אַז כ׳זאָל זאָפאַרט צוריקקומען, ווייל עס דראָט, אַז צוליב מיין אָפוועזנהייט, וועלן צען יידן ווערן דערשאָסן. איך בין טאַקע צוזאַמען מיטן שליח אַהיים געגאַנגען און צומאַרגנס אינדערפרי, בין איך, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרעסערער גרופּע יידן, געוואָרן געשיקט אויף אַרבעט. נאָך דער

אַרבעט, זענען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט דורך דייטשע סאָלדאַטן און אונדזערע היימישע פֿאָלקס־דייטשן און מיר זענען געוואָרן איבערגעפֿירט קיין ווײַעלון.

שווער זענען געווען די געמיטער, ווען מיר האָבן אַדורכמאַרשירט איבערן שטעטל, אויפֿן וועג צו דער באַן־סטאַציע. מיר זענען געוואָרן באַגלייט פֿון אומרואיקע, פֿאַר־ווייִנטע בליקן פֿון די איבערגעבליבענע יידן און פֿון דער צווייטער זייט — שמייכלענדיקע פּנימער פֿון אונדזערע פּוילישע שכנים, וועלכע האָבן זיך אויך געוואָרעמט בײַ דער שׂריפֿה.

פֿון ווײַעלון, ווו ס'האָט זיך געפֿונען דער זאַמל־פּונקט, בין איך געוואָרן פֿאַרשיקט אין לאַגער בוכווערדער — פֿאַרסט, בײַ פּויזן. דאָרט זענען שוין געווען פֿול יידן פֿון לאָדזש און אומגעגנט. די קאַטאָרזשנע, שווערע, אַרבעט ביים בויען אַן אויטאָסטראַדע אין די הונגער־באַדינגונגען, באַגלייט מיט אַ היהשער באַציאונג מצד דער דייטשער אַדמיניסטראַציע — האָבן געבראַכט דערצו, אַז פֿיל זענען קראַנק געוואָרן און אָוועקגעשטאָרבן. אויב אין דער ערשטער צײַט איז אונדזער לאַגע געווען עטוואָס לייכטער, צוליב די פּעקלעך, וואָס מיר פֿלעגן באַקומען פֿון דער היים, איז אין דער שפּעטערדיקער צײַט, די לאַגע געוואָרן אומדערטרעגלעך.

נאָכן אָפּזיין אין דעם לאַגער ניין מאָנאַטן, ווער איך געשיקט קיין גרונוואַלד און פֿון דאָרט קיין דייטשלאַנד אין לאַגער לאַוטאָווערק.

אין לאַוטאָווערק, ווו איך בין געווען באַשעפֿטיקט אין איינער פֿון די צאָלרייכע מיליטערישע פֿאַבריקן, איז די לאַגע געווען עטוואָס מילדער. דער אָנפֿירער פֿון לאַגער, אַ רייכס־דייטש, האָט זיך באַצויגן צו די לאַגערניקעס אַ ביסל מענטשלעכער, ווי עס איז געווען די באַציאונג מצד די יונגע עס־עס־לייט און פֿאָלקס־דייטשן. זייער פֿיל האָבן אונדז אַרויסגעהאָלפֿן די פֿראַנצויזישע קריגס־געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפֿונען. זיי האָבן אונדז אויסגעלערנט די אַרבעט, געהאָלפֿן מיט עסנוואַרג און מיטגעטיילט די טעגלעכע נייעס, וואָס איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. פֿאַרמעל האָט געהייסן, אַז מיר באַקומען פֿאַר דער אַרבעט אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט, אָבער באַקומען האָבן מיר בלויז צען מאַרק אַ חודש, דאָס איבעריקע געלט, האָט מען אונדז געזאָגט, ווערט געשיקט אין דער לאָדזשער געטאָ.

נאָכן אָפּזיין אין דעם לאַגער ניין מאָנאַטן, ווער איך איבערגעשיקט נאָכאַמאָל אין פּויזנער געגנט אין דעם טרויעריק־באַרימטן „קראַפּירונגס־לאַגער" — קרייסינג.

* * *

אין קרייסינג זענען פֿאַראַן אַלע מעטאָדן פֿון אַ טויטן־לאַגער. דער לאַגערניק איז פֿולשטענדיק הפֿקר. די אויפֿזעער, געוועזענע קרימינעלע פֿאַרברעכער און סאַדיסטן, געפֿינען אויס פֿאַרשידענע מיטלען, ווי אַזוי צו פֿאַרפּייניקן די אויסגעמוטשעטע, אומ־גליקלעכע מענטשן. דער קראַנקן־בלאָק, וועלכער איז איבערפֿולט מיט שוואַכע און געשוואָלענע פֿון הונגער, ליפֿערט אַן איבעררייס קרבנות פֿאַרן טויטן־בלאָק. אויך פֿיל ווײַרושאָווער קומען אום אין דעם לאַגער.

מיין מזל איז געווען, וואָס נאָך אַ קורצער צייט, ווער איך צוגעטיילט צום שניידער־וואַרשטאַט און נייענדיק פאַרשידענע מלבושים פאַרן לאַגער־אַנפירער און זיינע מיט־העלפער, האָב איך געהאַט לייכטערע באַדינגונגען פון אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף די בוי־שטעלעס.

צו דער צייט, דערגייען צו אונדז אָפגעריסענע ידיעות וועגן אוישוויץ. פאַראַן פּערזאָנען, וועלכע ברענגען די נייעסן אונטערגעהערטע פון דער ענגלישער ראַדיאָ־סטאַנציע. ווען מען מעלדעט אונדז, אַז דער לאַגער ווערט אויפגעלעזן און מיר וועלן פאַרשיקט ווערן קיין אוישוויץ, ווערט די פּאַניק זייער גרויס און פאַראַן גרופּן, וועלכע פּרוּוון צו אַנטלויפן און ליידער, צום באַדויערן, ווערן זיי געכאַפּט און אויפגעהאַנגען.

אַזוי לעבן מיר אין שרעק און אין אומרו, ביז עס קומט אָן די צייט פון פאַרשיקונג.

* * *

ביי דער באַגלייטונג פון ביקסן־קאָלבעס, אייזערנע שטעקנס און ווילדע, היסטערישע געשרייען, ווערן מיר פאַרלאָדנט אין לאַסט־וואַגאָנען, צו 80 און נאָך מער פּערזאָן אין אַ וואַגאָן, ווו עס איז פאַראַן אָרט פאַר מאַקסימום 40 מאָן. זייענדיק די גאַנצע צייט פון דער רייזע אָן וואַסער און כמעט אָן לופט צום אָטעמען, פאַלן זייער פיל פון דערשטיקונג. אָנקומענדיק קיין בירקנהאָו, ווערן מיר געיאָגט פון די וואַגאָנען און ווער עס באַווייזט נישט גענוג שנעל צו לויפן, צוליב דער שוואַכקייט — באַקומט אַ קויל אין קאָפּ אויפן אָרט.

מאַרשירנדיק אין רייען, ווערנדיק געהיטן דורך באַוואָפנטע עס־עס־לייט און אויסדרעסירטע הינט, קומען מיר אַריין אין די טויערן פון אוישוויץ־גהינם, ווו אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער רויכנדיקער קרעמאַטאָריום.

באַלד ביים אָנקומען, ווערן מיר פאַרטיילט אין צוויי גרופּן. רעכטע און לינקע, דאָס משפּט דער טרויעריק־באַוווּסטער ד״ר מענגעלע ימ״ש, ווער עס דאַרף גיין גלייך אין ברען־אויוון און פון וועמען מ׳דאַרף נאָך אַרויסנעמען די לעצטע כוחות.

איך, אַלס יונגער, אַרבעטס־פעאיקער, ווער באַשטימט צו דער גרופּע, וואָס האָט נאָך, דערווייל, רעכט צום לעבן. מיר ווערן אויסגעטון נאַקעט און מיר באַקומען די לאַגער־קליידונג. פון דעם מאָמענט, הער איך אויף צו זיין אַ מענטש מיט אַ נאָמען. איך בין נומער 143556.

נישטאָ קיין ווערטער, וועלכע זאָלן אויסדרוקן די שרעקלעכע טאָרטורן, די מורא־דיקע פּייניקונגען, וועלכע האָבן זיך פּראַקטיצירט אין דעם בלוטיקן אוישוויץ־פּלאַנעט. אויף יעדן טריט און שריט, האָט געלויערט דער טויט. ווען עס קומט אָן אַ מעלדונג ווער עס וויל פרייוויליק אַוועק אויף אַרבעט, מעלדע איך זיך פון די ערשטע, כאָטש טויזנטער שוואַכע און קראַנקע ווערן געבראַכט פון די פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן, גלייך אין קרעמאַטאָריום אַריין. פון 1500 פאַרשיקטע, ווערן אויסגעקליבן 500 מאָן, די סאַמע געזונטע, און מיר ווערן געשיקט אין אַרבעטס־לאַגער קיין יאַוואָרזשנע.

* * *

די באַדינגונגען אין יאַוואָרזשנע, כאָטש זיי זענען נישט געווען צו פאַרגלייכן צו אוישוויץ, זענען געווען גענוג שווערע. מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות נישט בלויז פון די דייטשע אויפזעער, נאָר אויך פון פוילישע און אוקראַינישע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געפונען ביים ייד דעם שעיר לעזאזל. אַ ביסל לייכטער איז געוואָרן די לאַגע, ווען מיר האָבן געאַרבעט אין דער קוילן־גרובן, ווייל ווען מיר האָבן זיך געפונען אין די גרובנס, האָבן מיר געהאַט ווייניקער באַזוכער פון דער עס־עס און זייערע מיט־העלפער און דאָס האָט געהייסן, ווייניקער קלעפּ.

אין אָנפאַנג פון יאָר 1945, ווען די דייטשן זענען געצוווּנגען צו עוואַקואירן דעם לאַגער, צוליב די נאָענטע קריגס־אָפּעראַציעס, הויבן מיר אָן דעם באַקאַנטן „טויטן־מאַרש" און נאָך עטלעכע טעג, קומען מיר אָן, נאָכן איבערלאָזן אויף די וועגן טויזנטער טויטע, אין לאַגער בלעכהאַמער.

די נאַצישע גיפטיקע שלאַנג, וואָרפנדיק זיך אין די לעצטע קאַנוווּלסיעס, זוכט נאָך אַלץ מיטלען, ווי אַזוי אונדז שנעלער צו ליקווידירן, בכדי עס זאָל נישט בלייבן קיין לעבעדיקער עדות. נאָכן אָפּזיין אַ גאָר קורצע צייט אין די לאַגערן שיינבערג, גראָס־ראָזען און אַנדערע, באַשליסן די דייטשן אונדז איבערצופירן אין די טיראָלער בערג און דאָרט מיט אונדז מאַכן אַ סוף. אָבער אויפן וועג, ביי מינכען, ווערן מיר באַפרייט דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

נאָך דער באַפרייאונג בין איך אַוועק אין פליטים־לאַגער אין פעלדאַפינג, ווו איך האָב זיך געפונען ביזן עולה זיין קיין ישראל אין יאָר 1947.

אריה כתריאל

דורכן פיינפולן יסורים־וועג

1

ערב דעם קריג־אויסברוך

ביזן יאָר 1933 האָט זיך אין אונדזער שטעטל געפירט אַ נאָרמאַל לעבן. די יידישע פּרנסה־צווייגן, איבערהויפּט דער מסחר, האָבן מער־ווייניקער פּראָספּערירט. אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט זיך די אַנטי־סעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אַריבערגעטראָגן צו אונדז און מיר האָבן זאָפאָרט אָנגעהויבן פילן, אויף אייגענע פּלייצעס, די רעזולטאַטן פון דער נאַציש־אַנטיסעמיטישער טעטיקייט. דער האַנדל איז געוואָרן כמעט פּאַראַליזירט און דורך דעם האָט זיך געפילט אַ גרויסע ירידה פון עקאָנאָמישן מצב ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

די יידישע יוגנט, זעענדיק, אַז די לאַגע ווערט פון טאָג־צו־טאָג שווערער, האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען פאַכן, מיטן ציל עולה צו זיין, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, קיין ארץ־ישראל.

איך האָב זיך געלערנט אַלס שלאָסער, כאָטש דאָס פאַך האָט נישט געהערט צו די ספּעציפיש־יידישע פאַכן. מיין פאָטער איז אין אָנהויב נישט געווען שטאַרק באַגייס־טערט פון שלאָסעריי, אָבער אַ דאַנק אהרן יאָסעק רוסעק ז״ל, וועלכער האָט צוגערעדט מיין פאָטער, האָט ער מסכים געווען, אַז כ׳זאָל לערנען דאָס פאַך און דערנאָך פאָרן אויף הכשרה און עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

געלערנט האָב איך דריי יאָר און ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אין דער דעמאָלט־דיקער צייט האָב איך געמוזט אויספירן אַנדערע אַרבעטן, ווי אויסקערן די גאַס, ברענגען וואַסער און אַנדערע „צוגאָב“־אַרבעטן.

נאָכן ענדיקן די לער און נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו געפינען אַרבעט אין ווישעראָוו, בין איך אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש און דאָרט אין דער גרויסער אינדוסטריי־שטאָט, האָב איך געאַרבעט אין אַ גרויסן שלאָסער־וואַרשטאַט.

דריי מאָנאַטן פאַרן אויסברוך פונעם קריג, קום איך צוריק קיין ווישעראָוו, ווו כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן זעלבסטשטענדיק.

2

נאַצישע הערשאַפט

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, אינדערפרי, פּילט זיך עפּעס נישט־קלאָרס. די באַפעלקערונג לאָזט זיך אין מאַרק אַריין, בכדי דאָרט צו באַקומען אַ ידיעה וועגן דער לאַגע. דאָס ערשטע, וואָס מיר באַמערקן, איז די פּאַניק ביי די פּאָליציי־לייט, וועלכע פּאַקן זיך צום אַנטלויפן. איידער מיר אָריענטירן זיך, קומט אָן אַ שראַפּנעל, וועלכער רייסט אויף נישט ווייט פון אונדזער הויז.

איך מיט עטלעכע חברים, זעענדיק, אַז די לאַגע איז ערנסט, האָבן גענומען לויפן אין דער ריכטונג צו לוטוטאָוו און פון דאָרט, קיין וואַרשע. צוקומענדיק צו אַ דאָרף נישט ווייט פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט, זענען מיר געבליבן ביי אַ פּויער עטלעכע טעג און דערנאָך באַשלאָסן אַהיימצוגיין.

נאָך אַ פּיינפולן צוריקמאַרש קיין וויערושאָוו, דערזעען מיר דאָס שטעטל מיט די צעשמעטערטע הייזער. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז געבליבן דאַכלאָז און יעדער האָט זיך באַמיט, ווו עס איז, צו באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויך מיינע עלטערן זענען צוריקגעקומען און צוזאַמען האָבן מיר, מיט גרויסע אַנשטרענגונגען, אויפסניי, מער־ווייניקער זיך איינגעאָרדנט.

די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל, איז באַלד אין די ערשטע טעג פון דער דייטשישער הערשאַפט, געוואָרן אומדערטרעגלעך. דאָס כאַפּן אויף שווערער, קאַטאָרזשנער אַרבעט, איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אויך פרויען האָבן נישט אויסגעמיטן דעם גורל.

מיין שוועסטער, הענדל, האָט ביי דער שווערער אַרבעט, ביים רייניקן ציגל פון די צעשמעטערטע הייזער, באַקומען אייטערדיקע ווונדן. איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און נאָר אַ דאַנק מיין שוועסטער און שוואָגער, וועלכע האָבן איבערגעקויפט אַ קראַנקן־שוועסטער מיט עטלעכע גאָלדענע פינגערלעך, בין איך געבליבן ביים לעבן.

אין ווינטער 1941, אַהיימקומענדיק פון שפּיטאָל, האָב איך זאָפאָרט געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

דעם ערשטן טאָג פסח פון יאָר 1941, האָט מען אונדז געשיקט קיין וויעלון, צום זאַמל־פּונקט און פון דאָרט, קיין פּויזן אין די אַרבעטס־לאַגערן.

די לאַגע אין „אַנטאָנינהאָף"־לאַגער, ווו איך בין געוואָרן געשיקט, איז געווען אַ שרעקלעכע. די באַציאונג צו די יידישע פאַרשיקטע מצד די דייטשע אויפזעער, ווי אויך פון די פּאַראַנענע דאָרט פּאָליאַקן, איז געווען אַ גרוילעכע. מיר פּערזענלעך איז געווען עטוואָס לייכטער, ווייל כ'האָב געאַרבעט ביים פאַך און נישט געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרשידענע סאַדיסטישע קאַפּריזן.

אין סעפּטעמבער 1943, ווערן אַלע פּויזנער לאַגערן ליקווידירט און צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, ווער איך פאַרשיקט קיין אוישוויץ.

אַנקומענדיק אין דעם טרויעריק־באַקאַנטן גהינם, הויבט זיך זאָפאָרט אָן די „לינקס־רעכטס"־פּראָצעדור. מיין מזל איז געווען, וואָס כ'בין געוואָרן אויסגעטיילט אויף „רעכטס" און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם גאַז־אויוון. אין דעם זעלבן טאָג, האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, באַקומען דאָס געשטרייפטע אָנטועכץ מיט הילצערנע שיך און אַלס צולאָג — אויסטאַטואירטע נומערן. מיר זענען געוואָרן אמתע קאַצעטלער.

די ערשטע פיר טעג, זענען מיר אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעי מדורי גהינם. זעט אויס, אַז די לאַגער־אָנפירערשאַפט, האָט אונדז געוואָלט באַקאַנען וואָס עס איז אַזוינס אוישוויץ.

נאָך 4 טעג, האָט מען אונדז, אַ גרעסערע גרופּע, אַוועקגעשיקט אין אַ קוילן־גרובן קיין „פירסטנגרובע". אויך דאָרט האָט מיר אָפּגעגליקט, ווייל כ'האָב געאַרבעטביים פאַך ביי דער פירמע „האַמבאָלד". אין זעלבן לאַגער האָבן זיך אויך געפונען פּאָליטישע אַרעסטירטע פון דייטשלאַנד, ווי אויך אַ גרופּע פּוילישע אָפיצירן.

דאָרט האָב איך פאַרבראַכט ביזן 18־טן יאַנואַר 1945.

3

די נאַצישע שלאַנג בעת איר גסיסה

דאָס „זיגרייכע הערן־פאָלק" לויפט אין פּאַניק. פון אַלע זייטן גרייפן אָן באַוואָפנטע אַנטי־נאַצישע כוחות, וועלכע יאָגן די צעקלאַפּטע רעשטן פון דער דייטשישער אַרמיי. פאַר אונדז, קאַצעטלער, וועלכע וואַרטן אויפן מאָמענט פון דער באַפרייאונג, הויבן זיך אָן שרעקלעכע, קאַשמאַרע טעג. די נאַציס, פאַראויסזעענדיק זייער נאָענטן סוף, וואַרפן זיך אויף די אומגליקלעכע מענטשן־שאָטנס, ווי שווער־פאַרוווּנדעטע, צע־ווילדעוועטע חיות.

דעם 18־טן יאַנואַר 1945, ווערן מיר אַרויסגעשיקט אין דעם טראַגיש־באַרימטן טויטן־מאַרש, פון וועלכן זייער ווייניק זענען געבליבן ביים לעבן.

נאָך אַ טאָג מאַרשירן, הונגעריקע און באָרוועסע, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף „מיקאָלייעוו". דאָרט האָבן מיר גענעכטיקט אין אַ סטאַדאָלע פול מיט שטרוי. אינדערפרי, נאָכן אַדורכגעפירטן „אַפּעל", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פיל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שטרוי, וועלנדיק אַזוי אַרום אָפּוואַרטן די רוסישע אַרמיי, וועלכע האָט זיך דערנענטערט. די עס־עס־לייט, האָבן זיך נישט באַמיט אָפּצוזוכן די אָפּוועזנדע, נאָר זאָפאָרט אויסגעשטעלט אַרום דער סטאַדאָלע מאַשין־געווערן און אונטערגעצונדן די סטאַדאָלע. אַלע אויסבאַהאַלטענע זענען געוואָרן פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

פון דאָרט זענען מיר געוואָרן געפירט נאָך גלייוויץ, ווו מיר זענען געוואָרן פאַרלאָדנט אין אָפענע לאַסט־וואַגאָנען, צונויפגעפּרעסטע ווי הערינג. מיר זענען

געפאָרן צוויי וואָכן, באַקומענדיק דורך דער צייט, געציילטע מאָל, עפּעס עסן. אויך די מיזערנע ביסנס זענען געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין די וואַגאָנען און ווער ס'האָט געכאַפּט, האָט עטוואָס געשטילט דעם הונגער. ווען מיר זענען אַדורכגעפאָרן דורך טשעכיען, האָבן מיר באַקומען אַ ביסל עסן פון די ציווילע טשעכישע בירגער, וועלכע האָבן אַריינגעוואָרפן צו אונדז עסנוואַרג. נאָך צוויי וואָכן, זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער „דאַראַ". נאָכן באַקומען עפּעס עסן, האָבן מיר געאַרבעט עטלעכע טעג, ביים אויפרוימען די וואַגאָנען פון דער קאָלאָסאַלער צאָל אומגעקומענע דורך הונגער, דערשטיקונג און דערשיסונגען.

פון „דאַראַ" זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט אין אַ פרישן לאַגער, „טאַרמאַלין", דאָרט איז געווען אַ שטיין־גרובן און ביז אינמיטן מערץ 1945 ווערן מיר דאָרט באַשעפטיקט.

איינע פון די גרעסטע פאַרברעכנס, האָבן די עס־עס־לייט אַדורכגעפירט אין „מאַגדעבורג", וווּ מיר זענען אָנגעקומען נאָכן פאַרלאָזן „טאַרמאַלין". געווען איז עס אין אָוונט. מיר זענען געוואָרן אַריינגעפירט אין אַ גרויסן פּלאַץ פון אַ האָלץ־סקלאַד! דאָרט האָבן די דייטשן פאַרטיילט קאַפּע. די קאַצעטלער, מיינענדיק, אַז אין די קעסלען געפינט זיך אויך עסן, האָבן זיך געוואָרפן אויף די קעסלען, בכדי שטילן דעם הונגער. די עס־עס־לייט זענען געוואָרן זייער אויפגעבראַכט און באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך זעצן אויף דער ערד און יעדן אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ.

ווען די עס־עס־לייט האָבן אָנגעהויבן שיסן, האָב איך מיך אַנידערגעוואָרפן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון אַ דערהרגטן. ווען ס'איז געוואָרן רואיק, בין איך פאַר מידקייט איינגעשלאָפן צווישן די טויטע. ווען כ'האָב זיך פאַרטאָג איבערגעוועקט, האָב איך געזען אַרום זיך הונדערטער דערשאָסענע.

די איבערגעבליבענע ביים לעבן, זענען דערנאָך געוואָרן איבערגעפירט צום טייך עלבע און אונדז אַרויפגעפירט אויף צוויי שיפן. נאָך עטלעכע טעג, זענען מיר אָנגעקומען קיין „טראַוועמינדע".

דעם 28־טן אַפּריל 1945 איז פאַרפאָרן אַן אויטאָ פון רויטן קרייץ און דער לאַגער־עלטסטער האָט באַפוילן, אַז אַלע יידן, אָפּשטאַמיקע פון בעלגיע, פראַנקרייך, האָלאַנד און גריכנלאַנד, זאָלן אַרויסטרעטן, בכדי זיי איבערצושיקן קיין שוועדן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס בירגער פון די דערמאָנטע לענדער און אַלע האָבן אָנגעהויבן לויפן צו דער אויטאָ. ליידער, זענען די מענטשן געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ס'איז זיי געוווען אוממעגלעך זיך אַרויפצודראַפּען. נישט קיין גרויסע צאָל זענען דאָך געוואָרן איבערגעפירט. צווישן זיי האָט זיך געפונען מיין חבר, מיט וועלכן כ'האָב די גאַנצע צייט געטיילט דעם ביטערן גורל, שמואל יהודה יאַבלאָנסקי (איצט אין ישראל).

דעם 2־טן מאַי, הערן מיר אַ געשריי פון לאַגער־פירער: „אַללעס אנטרעטן!". „מיר מאַרשירן!". מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר מאַרשירט אַ גאַנצע נאַכט און אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען קיין נוישטאַט. די דייטשן האָבן אונדז מיט קליינע שיפלעך צוגעפירט צו אַ גרויסע פּאַסאַזשיר־שיף. ס'האָט געהייסן, אַז מ'וועט אונדז

איבערפירן קיין שוועדן. ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער שיף, האָט זיך אויפן דעק באַוויזן אַן עס־עס־מאַן און געפרעגט צי מיר האָבן פאַר־שיינען. באַקומענדיק אַ נעגאַטיוון ענטפער, האָט ער זיך צעשריגן: „צוריק מיט דער שייסע! היער איזט קיין פלאַץ פאַר אייך!". נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, זענען מיר געוואָרן צוריקגעפירט צום ברעג.

נאָך עטלעכע שעה, קומט אָן אַ נייער באַפעל. אונדז אָנצולאָדענען אויף אַ גרויסע שיף מיטן נאָמען „קאַפּ. אַרקאָנאַ".

די שיף איז פאַקטיש געווען אַ לאַגער פון פיל טויזנטער קאַצעטלער, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען און איצט זענען דאָרט אָנגעשטופּט געוואָרן נאָך קאַצעטלער. דער ציל פון די דייטשן איז געווען אַ קלאָרער: אַרויספירן אויף דער שיף, וועלכע איז שוין נישט געווען פעאיק צום שווימען, וואָס מער קאַצעטלער און דערנאָך זיין אומברענגען.

דער אַרויפגאַנג איז געווען נישט דורך שטיגן, נאָר דורך אַ הענגל־לייטער. נישט האָבנדיק גענוג כוח בכדי זיך אַרויפצוכאַפּן, בין איך, פולשטענדיק אַ רעזיגנירטער, געבליבן אין שיפל. אין די אַנדערע שיפלעך זענען אויך געבליבן מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט אַרויפגעקריגן אויף דער שיף. מיר אַלע איבערגעבליבענע, ווערן צונויפגענומען און אַרויפגעפירט אין אַ צווייטע שיף „אַטען". געפינענדיק זיך אונטערן דעק, זיצנדיק טיילווייז אין וואַסער, האָבן מיר געוואַרט אויפן ווייטערדיקן גורל.

דעם 3־טן מאַי, 11 אַזייגער פאַרמיטאָג, זענען אָנגעקומען ענגלישע עראָפּלאַנען און געגעבן צייכנס די שיפן, זיי זאָלן זיך דערנענטערן צום ברעג. אונדזער שיף האָט אויסגעפירט דעם באַפעל און אָנגעהויבן זיך באַוועגן צו דער ריכטונג פון ברעג. די צווייטע שיף „קאַפּ. אַרקאָנאַ", האָט געעפנט אַ פייער און אַלס ענטפער איז די שיף געוואָרן באַמבאַרדירט מיט צינד־באָמבעס. דאָס בילד איז געווען גרויזאַם. פון דער שיף איז געוואָרן אַ ברענענדיקער פאַקעל. מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אין וואַסער און אויך דאָרט אומגעקומען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פון די 8.000 קאַצעטלער, זענען געבליבן לעבן בלויז 112.

אונדזער שיף „אַטען", איז צוגעשווימען צום ברעג און דאָ האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מיר זענען באַפרייט.

4

דער טרויעריקער סך־הכל און מיין ווייטערדיקער וועג

יאָ, מיר זענען פרייע מענטשן! עס גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז וואָר. צוזאַמען מיט דער גרויסער פרייד, קומען אָן טרויעריקע מחשבות וועגן גורל פון מיינע נאָענטע. ווער פון זיי לעבט? צי איז נאָך עמיץ געבליבן פון מיין פאַמיליע און באַקאַנטע?

דערווייל געפין איך זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער „אונרראַ“, וועלכע זאָרגט, אַז מיר זאָלן קומען צו זיך, ווייל בשעת דער באַפרייאונג, האָב איך געוואויגן עטלעכע און דרייסיק קילאָ און בין געווען זייער אָפגעשוואַכט.

אַ מאָנאַט נאָך דער באַפרייאונג, ווערנדיק געוויר, אַז מיין שוועסטער העגדל מיטן מאַן לעבן און געפינען זיך אין בערגן־בעלזען, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין זיי אויפצוזוכן.

אונדזער באַגעגעניש, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. שווער צו באַשרייבן די פרייד און טרערן ביים אָפגעפינען די איינציקע שוועסטער, וואָס איז געבליבן ביים לעבן נאָך אַזוי פיל גרוילן.

וועגן טראַגישן גורל פון מיין פאַמיליע, האָב איך זיך דערוווּסט פאָלגנדעס: אונדזער עלטסטער ברודער קלמן, איז צוזאַמען מיטן יונגסטן ברודער אברהם הלל, אומגעקומען אין וואַרשע, בעת דער מלחמה. קלמנס פרוי מיט אַ זון, זענען דערנאָך אומגעקומען. די שוועסטער זיסל, וועלכע האָט געוווינט אין וויעלון מיט איר מאַן אברהם בער שאיא און צוויי קינדערלעך, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע — זענען אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ. די שוועסטער פריידע מיט צוויי קינדער, זענען געוואָרן געשיקט קיין וויעלון און פון דאָרט קיין כעלמנאָ, אויף פאַרניכטונג. איר מאַן יצחק גליקסמאַן, איז בשעת דער אויסזידלונג, געשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ און פון דאָרט קיין טשענסטאָכאָוו, פון וואַנען ער איז מער נישט צוריקגעקומען. מיינע עלטערן, אדם און נעכע, זענען געווען אין וויערושאָוו ביז צו דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ און בעת דער סעלעקציע, געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַלע, קיין כעלמנאָ.

מיט אַ צעווייטיקט געמיט, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ווייטערדיקן וועג אין לעבן און אַזוי ווי מיין איינציקער ציל איז געווען אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין „ביתר“ און געלאָזט זיך אין וועג אַריין מיט דער „עליה ב׳“. נישט לייכט זענען געווען די וואַנדערונגען. אויף טריט און שריט זענען מיר געוואָרן געהיטן דורך די ענגלענדער.

ווינטער 1946, זענען מיר אָפגעפאָרן, דורך עסטרייך, קיין איטאַליע, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט 9 מאָנאַטן. צוערשט אין אַ די־פּי־לאַגער ריבולי, ביי טאָרינאָ, צפון־איטאַלען און דערנאָך אין עליה־פונקט ארונא־מיינא. אָנפאַנג מאַי פון יאָר 1948, זענען מיר געוואָרן פאַרלאָדנט אויף דער שיף „התקווה“ און דעם 18־טן מאַי האָבן מיר דערגרייכט די ברעגן פון לאַנד. אונדזער פרייד איז אָבער געוואָרן צעשטערט. די ענגלענדער האָבן אונדז אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין ציפערן.

ערשט אין יאַנואַר 1949, האָבן די ענגלענדער ליקווידירט די לאַגערן אין ציפערן און אַלע פאַרהאַלטענע איבערגעשיקט אין דער שוין־באַפרייטער מדינת ישראל, ווו איך מאָביליזיר זיך אין דער ישראל־אַרמיי.

אין יאָר 1952 האָב איך געהייראַט און אויפגעשטעלט אַן אייגענע פאַמיליע אין אייגענעם לאַנד.

אברהם קאַלושינער

מאַטהאַוזען

...מאַרשירט אַ קאַלאָנע, אויסגעהונגערטע, האַלב־טויטע, שלעפּנדיקע קוים די פיס. ביי די זייטן — באַוואָפנטע עס־עס־באַנדיטן מיט געווער גרייט צום שיסן. ביים סוף — אַ גרופּע אונטער־אָפיצירן מיט אויסדרעסירטע הינט, וועלכע וואַרפן זיך אויף די אָפּשטייענדיקע. פון צייט צו צייט, דערהערט זיך אַ שאָס — דאָס ווערן ליקווידירט די פאַרחלשטע. די קאָלאָנע מאַרשירט פאַראויס, אויסמיידנדיק די טויטע, מיט וועלכע דער גאַנצער וועג איז צעזייט.

כאַפּנדיק אַ בליק אין דעם אַרום, דערזעט מען: ביי די זייטן — אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט מיט בערגלעך און בליענדע גרינע ביימער. אין דער נידער — דער בלויער דונאַי. אויפן האָריזאָנט — זילבערנע באַרג־שפּיצן — די אַלפּן. די קאָלאָנע דערגייט צום אָרט.

דראָט־פאַרצוימונג, שטאַרק באַוואָפנטע וואַך מיט אויטאָמאַטיש געווער. איבערן טויער — אַ דייטשער אָדלער, מיט אַ גרויסן, פון אייזן־אויסגעגאָסענעם האַקנקרייץ. אינעווייניק — טויזנטער מענטשן־שאָטנס מיט געפּאַסעוועטע קליידער, שלעפּן שווערע שטיינער, ברעכן זיך אונטער דער שווערער לאַסט, פול פאַרבלוטיקטע פון באַקומענע שמיץ. עטלעכע מעטער פון די עלעקטריזירטע דראָט־פאַרצוימונג, אויף אַ ספּעציעל־אויפגעשטעלטן סלופּ, הענגט אַ מענטש, מיטן קאָפּ פאַרבויגן אין אַ זייט. פון דער ווייטנס, אויפן האָריזאָנט, אַ הויכער קוימען, פון וועלכן עס קנוילט, אָן סוף, רויך מיט פלאַמען־צונגען. —

ד אָ א י ז מ אַ ט ה א ו ז ע ן.

* * *

עס שאַריעט קוים אויף טאָג. מיט ווילדע געשרייען און נאַהייקעס־קלעפּ, ווערט אַ גרויסע גרופּע אָוועקגעפירט צו דער שטיינערהאַקעריי, וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פון לאַגער. די שטיינער ווערן צוגעפירט צו טרעפּ אויסגעאַרבעטע אין די פעלזן. 186 טרעפּ, וואָס בלויז קוקנדיק אַרויף — שווינדלט פאַר די אויגן. דער הויפּט־קאַפּאָ, זאַרעמבאַ, אַ סאַדיסט פון שלעזיען, באַפעלט צו נעמען אויף די פלייצעס, גרויסע, שווערע, נישט־דערטרעגלעכע שטיינער און אויפהויבן זיך צו דער סאַמער הויך. נישט דערגייענדיק צום סוף — פאַלן די שטיינער אויף צוריק, מיטשלעפּנדיק מיט זיך צענדליקער מענטשן, וועלכע געפינען דעם טויט אויף די שפּיציקע שטיינער.

* * *

אַ ספּעציעלע גרופּע, פון עטלעכע הונדערט מענטשן, פון 6־טן בלאָק, באַקומט אַ ספּעציעלע ראַציע פון עסן. עטלעכע לעפל קאַשע אַ טאָג, אָן ברויט און אָן זאַלץ.

דאָס ווילן די דייטשע „וויסנשאַפטלער״ פעסטשטעלן, ווי לאַנג ס׳איז דער אויסדויער ביי מענטשן, ביי דער פולשטענדיקער אַפּוועזנהייט פון וויטאַמינען און זאַלץ.

דייטשע „מעדיצינער״ זענען טעטיק אומעטום. אין לאַגער־לאַזאַרעט, אין פינפטן בלאָק, פּראַקטיצירט דער דייטשער דאָקטער קרעבסבאַך, וועלכער איז שטאַרק פאַר־נומען מיט זיינע „וויסנשאַפטלעכע״ פאָרשונגען. קראַנקע, שוואַכע און צעקאַליעטשעטע אין די שטיין־גרובנס, באַקומען איינשפּריצונגען פון נאַפט, בענזין אָדער כלאָר און דער „וויסנשאַפטלער״ אַבסערווירט מיט אַ סעקונדע־זייגער אין האַנט, ווי לאַנג עס דויערט דער טויט־אַנקום. אויב דויערט עס צו לאַנג, און עס ווערט אים לאַנגווייליק, שיקט ער אַפּ דעם קרבן אין קרעמאַטאָריום אַ לעבעדיקן. דאָרט געפינען זיך שוין „באַרמהאַרציקע״ עס־עס־לייט, וועלכע פאַרענדיקן די אַרבעט.

* * *

ס׳דערהערט זיך אַ שיסעריי פון אויטאָמאַטיש געווער. אַ נייער אויפטו פון לאַגער־קאָמענדאַנט, עס־עס־שטאַנדאַרטפירער, פראַנץ ציראייס. דאָס יאָגט מען אַ גרופּע צו דער פאַרבאַטענער זאָנע, אַ שמאָלער פּאַס פאַר די דראָט־פאַרצוימונגען. עטלעכע מעטער פון דאָרט, געפינען זיך באַוואָפנטע סאָלדאַטן. מיט קלעפּ פון נאַהייקעס און ביקסן־קאָלבעס, ווערן די מענטשן געיאָגט צו דער „טויטער זאָנע״, ווו זיי ווערן געטראָפן דורך קוילן. מאָמענטאַל דערהערט זיך אַ קלאַפּן פון פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. אין עטלעכע טעג וועלן זיך באַווייזן פאָטאָגראַפיעס מיטן ציניש־ן צושריפט — „דערשאָסן ביים אַנטלויפן״.

פאַר ידישע אַרעסטאַנטן איז דאָ אַ ספּעציעל אָרט אויף אָדורכצופירן די מאָרדן. דאָס איז די „פאַראַשוטיסטן־וואַנט״ — אַ גרויס גרוב ביי דער שטיינהאַקעריי און אין דעם תהום ווערן אַריינגעוואָרפן די קרבנות.

* * *

פאַרשידענע טויטן זענען פאַראַן אין מאַטהאַוזען. יעדער סאַדיסט האָט זיך זיינע קאַפּריזן. דער געהילף פון לאַגער־קאָמענדאַנט, באַכמייער, רייצט אָן זיין הונט, וועלכער צערייסט אַ מענטש צום טויט. דער באַנדיט — עס־עס־מאַן אַדאָלף שטומפף — דער־טרינקט זיין קרבן אין אַ פאַס וואַסער. דער עס־עסאָוויעץ שיינהאָלץ, מאַכט טויט מיט איין קלאַפּ פון זיינע שטיוול אין גאָרגל אַריין.

פאַראַן אויך „נאָרמאַלע״ דערשיסונגען, אַפילו מיט אַ דאָקטער בעת דער עקזע־קוציע און מיט אַן אונטערגעשריבענעם פּראָטאָקאָל. אַלץ לויט די אומשטענדן.

אויב עמיץ ווערט פאַרמשפּט צו אַ „נאָרמאַלן״ טויט — ווערט עס געמאַכט זייער „צערעמאָניאַל״. צום עקזעקוציע־פּלאַץ מאַרשירט פאַראויס דער לאַגער־אָרקעסטער, וועלכער באַשטייט פון באַרימטע מוזיקער פון גאָר דער וועלט. דערנאָך ווערט געפירט דער פאַרמשפּטער אין אַ וואָגן. עס ווערט אין אַזאַ פאַל, אָפּגעהיטן די יורידישע זייט.

אויב מען ווערט פֿאַרמשפּט צום דערשיסן — קאָן עס נישט ווערן פֿאַרביטן מיט תליה. דער אַנוועזנדער דאָקטאָר, מוז אויך אונטערשרייבן דעם טויט־שיין.

* * *

...פֿריש־אָנגעקומענע גרופּן ווערן אַריינגעפֿירט אין הויפּט־טויער. מ'פֿירט זיי אין באָד אַריין. יעדער באַקומט אַ שטיקל זייף און זיי הויבן זיך אָן וואַשן. פּלוצים הערט אויף דער וואַסער־שטראָם און דורך די קליינע לעכעלעך הויבט אָן אַריינצוגיין דער טויטן־גאַז „ציקלאָן B". דער הענקער אָבסערווירט דורך אַ קליין פֿענצטערל — אַזוי־גערופֿענעם „אויג". לעצטע גסיסה קאָנוולסיעס. מ'פֿירט אַרויס די טויטע מיט אויסגעריסענע האָר, אָפּגעביסענע צינגער.

די לאָגערניקעס ווייסן ווען מ'ברענט. פֿאַראַן דערצו סימנים. אויב גייט פֿון קרעמאַטאָריום אַ רויך באַגלייט מיט פֿונקן — דאָס ברענט מען אַלטע לאַגערניקעס — הויט און ביינער. אויב באַווייזט זיך פֿון קוימען שוואַרץ־רויטע פֿייער־צונגען — דאָס זענען פֿריש־אָנגעקומענע, מיט נאָך פֿלייש אויף זיך.

פֿון די פֿריש־אָנגעקומענע ווערן אויך געשאַפֿן גרופּן אויף צו רייסן יאַגדעס און בלומען. נישט ווייט פֿון דער טויטן־זאָנע וואַקסן קוסטעס מיט מאַלינעס און בלומען. זיי באַקומען עמערס און אַנדערע געשירן ווו אַריינצולייגן די מאַלינעס. אַזוי ווי זיי קומען נאָר אָן צו סאָרט, ווערן זיי אויפֿגענומען מיט אַ העפֿטיק שיסעריי פֿון ביקסן און אויך דאָס הייסט „דערשאָסן ביים אַנטלויפֿן".

* * *

האַרטהיים.

נישט ווייט פֿון לאַגער ווערן אויפֿגעבויט ספּעציעלע איינריכטונגען צו פֿאַרניכטן די לאַזאַרעט־קראַנקע. צוויי גאַז־קאַמערן. אַ גרויסע קרעמאַטאָריע און עטלעכע צימערן ווו די פֿאַראורטיילטע גייען צוערשט אַדורך אַ „מעדיצינישע אָבסערוואַציע". מיט דעם אָרט, האַרטהיים, פֿירט אָן אַ ספּעציעלע, אייביק שכורע באַנדע עס־עס. אַהער ווערן אַלע איבערגעפֿירט אין ספּעציעלע פֿאַרמאַכטע אויטאָס.

ווען די דייטשן פֿילן שוין דעם אָנקומענדיקן סוף, פֿאַרניכטן זיי דאָס אָרט און די לאַגערניקעס, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט — ווערן פֿאַרניכטעט.

אָנהויב דעצעמבער 1944, קומט אָן אַ שטרענג־געהיימער באַפֿעל פֿון פֿירער־קאַנצעלאַריע אין בערלין, אַדרעסירט צום לאַגער־קאָמענדאַנט ציראייס, וועלכער לויטעט:

„אַלע אויפֿגעשטעלטע איינריכטונגען אין האַרטהיים, זאָפֿאָרט ליקווידירן. דער קרייז מענטשן, וועלכע ס'איז באַקאַנט די דאָרטיקע טעטיקייט — זאָפֿאָרט ליקווידירן" (פֿון די עס־עס־אַרכיוון. פֿאַרעפֿנטלעכט: סאַכאַראָוו, „אין מאַטהאַוזען קאַזאַמאַט", מאָסקווע 1962, זייט 113).

* * *

די בוך־פירונג אין מאַטהאַוזען, ווערט געפירט מיט דער גאַנצער דייטשישער פּעדאַנטישקייט. יעדער אַרויסגעריסענער גאָלדענער צאָן, מוז זיך געפינען אין בילאַנס. אַפילו דאָס אַש פון פאַרברענטן קערפּער, אַלס אַ ווערט־זאַך — ווערט אויך פאַר־פיקסירט.

אַט וואָס עס לויטעט אַ בוכהאַלטעריע־דאָקומענט, געפונען אין די עס־עס־אַרכיוון, (דאַרט. זייט 125).

אויסרעכענונג פון רענטאַבלן אויסהאַלט פון אַרעסטירטע

טעגלעכער פאַרדינסט	6 מאַרק
הוצאות פאַרן אויסהאַלטן	06 מאַרק
דורכשניטלעכער לעבנס־דויער פון אַרעסטאַנט	9 חדשים
הוצאות פאַר קליידונג	01 מאַרק

צוזאַמען :

9 חדשים = 270 טעג × 5.3 מאַרק = 1.431 מאַרק

איינקונפטן פון ראַציאָנאַלן אויסנוץ פון קערפּער, ווי : גאָלדענע ציין, קליידונג, ווערט־זאַכן א. א. וו.	202 מאַרק
הוצאות ביים פאַרברענען	2 מאַרק
אַלגעמיינער איינקונפט :	200 + 1.431 = 1.631 מאַרק.

נאַטשאַלניק פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג
ביים עס־עס־מיליטער
(—) אסוואלד פאל
ס.ס.־אָבערגרופּנפירער

* * *

אַנגרייפנדיקע אַמעריקאַנער טאַנקן מאַכן אַ סוף צום גהינם. עס פאַלן נאָך טויזנטער שוין נאָך דער באַפרייאונג פון דערשעפּטקייט און קרענק.

צווישן די אָפּגעראַטעוועטע, קוים לעבעדיקע מענטשן־שאָטנס, געפינען זיך אויך געציילטע ווארשעווער לאַנדסלייט.

זאָלן די געציילטע שורות דינען ווי אַ זכר פאַר די קומענדע דורות און אַ קללה, אַן אייביקע קללה פאַרן נאַצי־דייטשלאַנד.

אברהם קאַלושינער

אויפן בית־עולם

די דערמאָרדעטע קינדערלעך,
קליינע קדושים —
אַ מצבה.

ליגט מאַמע מיט קינד,
אויף קאַלטן מצבה־שטיין,
נאַס און דורכגעווייקט
פון טרערן און געוויין.

טוליעט זיך קינד,
צו מאַמענס קלייד,
קאָנוווּלסיוו, מיט ציטער
נאָר נישט זיין צעשיידט.

— ווו איז דער טאַטע? —
פרעגט קינד מיט געוויין,
און מיין קליין גוט שוועסטערל,
ווו איז זי אַצינד אַליין?

שעפטשעט מאַמע מיט שטילן צער,
מיט אויגן — אויסגעלאָשענע, מאַטע —
פאַרפייניקט צום טויט דיין שוועסטער,
אויף אייביק פאַרשטומט דער טאַטע.

רוק זיך נאָענטער צו מיר, מיין שוואַלב,
דו, מיין לעצטער, זיי איצט שטיל,
שוין דערהער איך פון דערווייטנס,
חיה'יש רוצחיש געבריל.

באַווייזט זיך מעפיסטאָ,
מיט שכורן גאַנג,
שלייכט זיך צווישן מצבות,
ווי גיפטיקע שלאַנג.

רעוועט טייוול,
מיט בלוטיקן שוים,
בלוט און מאָרדן,
דאָס איז מיין טרוים.

דאָ, בין איך דער הערשער,
דער שטאַרקער, דער טיגער,
איבער קערפּער פאַרפּייניקטע
דער אייביקער זיגער!

עס דערהערט זיך ווילד געשריי,
ס'באַווייזן זיך פייער־בליצן,
צעיושעט ווילדקייט,
קנאַלעריי פון ביקסן.

* * *

וואַקלט זיך מיט ביר־אָנגעזויפּענער טייוול
מיט בלוטיקע אויגן ער לאַכט —
כאַ, כאַ, כאַ, נאָך אַ קליינעם ייד,
צוזאַמען מיט דער מוטער, פערטיק געמאַכט.

* * *

ליגט מאַמע מיט קינד,
צוגעטוליעט צו דער ברוסט,
ליגט קינד מיט אויגן פאַרמאַכט,
ווי אַ רויז, אָפּגעריסן פון קוסט.

אברהם קאַלושינער

ווי ס׳וואלט ערשט איצט פאסירט...

פינף און צוואַנציק יאָר
נאָכן גרויסן אומגליק
.1942 — 1967

כאָטש יאָרן אַזוי פיל פאַרביי,
מיט שפּראָצנדע פרילינגס,
קאַלעמוטנע, האַרבסטיקע
בלעטער־פאַלן
און ווינטער־ווינטן
וואָיענדיקע —
קומען זיי צו מיר
אין מיינע שבעה־יאָרן,
געשטאַלטן צעקאַליעטשעטע
צעבלוטיקטע און פאַיאָמערטע.

נאָך איצט האָב איך באַקן נאַס
פון מאַמעס טרערן באַגאָסענע,
ווען באַקומען כ׳האָב
איר לעצטן טוליע,
האַרציקן צודרוק, אָן ווערטער,
מיט אויגן פאַרשלאָסענע.

כ׳בין אַוועק אין ווייטע־ווייטן
אין געווירבל פון שטורעמס און געוויטער,
ביי דער באַגלייט,
פון מאַמעס קרעכץ,
מאַמעס ציטער.

ס׳לעצטע מאָל האָב איך מיין טאַטען געזען
מיט באָרד־אויסגעריסענעם,
האַלב־געשאָכטענעם.
דאַמאָלט האָט ער מיר, מיט פאַרקלאָגטע אויגן,
לעצטן באַפעל געגעבן :

אַנטלויפן פון אומגליק!
ווער אַנטרונען אין מרחקים!
גיי אַוועק פון קאַשמאַר
און נעם מיט זיך
אונדזערע טרערן
אונדזער בליק!

איבער שליאַכן אין־סוף׳קע
וואַנזיניק געוואַנדערט —
געפרוווט שאַפן גליק.
אומעטום, געטראָפן מיך האָט
יאָמערדיק אומרו, שלאָפלאָזע נעכט
און מאַמענס־טאַטנס בליק.

אין פינפאונצוואַנציקסטן שבעה־יאָר,
זע איך דיך מאַמע,
מיטן אויסגעדאַרטן פאַרמעט־פּנים,
מיט שוין טרערן־לאָזע אויגן.
כ׳זע דיין לעצטן צאַפּל,
לעצטן קוק —
אויף דיינע שוואַלבן,
אַנטלאָפענע פון דער שריפה,
אַנטרונענע פון דער מוראדיקער מגיפה.

כ׳זע דיך טאַטע,
אין די לעצטע קאַנוווּלסיעס,
ביים סוף פון יסורים־וועג,
מיט ברענענדיקע אויגן,
וועלכע שרייען צו מיר —
אייביק לעב!
שטענדיק קלאָג!
מעכטיקע שנאה,
ביזן סוף־דורות האַס
אין האַרצן טראָג!

רייצע ליבער קרלינסקי

לעבן און אומקום פון יידישן ווישראווע

1

זכרונות פון ווייטן אמאל

נאָכן בלוטיקן סך־הכל, ווען פון אונדזער יידיש שטעטל זענען געבליבן אַזוי ווייניק אָפּגעראַטעוועטע פון דער שרעקלעכער נאַצי־מגיפה — טויכן אויף בענקענדיקע, נאָגנדיקע זכרונות, וועגן אַמאָליקן ברויזנדיקן לעבן, וועגן דער פול־מיט־אינהאַלט געזעלשאַפטלעכער, יידישער טעטיקייט און וועגן אונדזערע חשובע עסקנים און סתם־יידן, וועלכע זענען אַזוי טראַגיש געוואָרן אָוועקגעריסן. מיינע זכרונות, וואָנדערן צוריק, צו מיין פריערסטער יוגנט.

איך דערמאָן זיך:

אַלס קינד, האָב איך דורכגעמאַכט דעם ערשטן „קורס" פון לערנען „אַלף־בית", ביי הענעכל לעווענהאַף (צוליב זיין קורצער האַנט, האָט מען אים גערופן „ראַנטשקעלע"). דערנאָך האָב איך געלערנט אין „בית־יעקב"־שולע, ביי די לערערינס פּערל זיידמאַן פון לוטוטאָוו און ביי לייבל אונגערס טאָכטער. דאָרט האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין גאָרטן פון אברהם יהודה ניימאַן. שפּעטער האָב איך באַזוכט די אַלגעמיינע פאָלקס־שולע, וווּ מיר, יידישע קינדער, זענען געוואָרן באַפרייט — אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון מורה־הוראה ר' יעקב שלמה קאָוואַלסקי — יעדן פרייטיק, פריער פון אַנדערע, נישט־יידישע קינדער, ווי אויך אין די טעג פון חול־המועד.

זייענדיק אין דער פינפטער קלאַס, ווער איך אַ מיטגליד אין „השומר־הלאומי". פאַרשטייט זיך, אָן דעם וויסן פון די עלטערן.

מיינע שוועסטערן האָבן שוין צו יענער צייט געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער ראש־הקן איז געווען בעריש ליבער.

מיין פאָטער איז געווען איינער פון די גבאים אין בית־המדרש און די עלטערן האָבן זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט צדקה־ענינים.

איך געדענק, אַז ווען די פרוי פון יאָסל גאָלדמאַן (דער איינבינדער) איז קראַנק געוואָרן און מ'האָט געדאַרפט אַמפּוטירןביידע פיס, האָבן מיינע עלטערן אָרגאַניזירט אַ זאַמל־אַקציע און זי איז אַרויס בשלום נאָך דער אָדורכגעפירטער אָפּעראַציע אין פּויזנער שפּיטאָל. (בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע, איז די פרוי געוואָרן דערשאָסן).

מיין פאָטער האָט געפירט אַ שטעפּער־וואַרשטאַט, ווו ס'האָבן זיך געלערנט ס'פאַך: שמואל נתן לעווקאָוויטש, אברהם עלקאָן, ישעיהו מאיר וועלצמאַן, אברהם דוד דאָמב, בעריש און נתן אבא ליבער. חוץ דעם, האָבן דאָרט געאַרבעט סטאַבילע געזעלן.

אויך מיין מוטער האָט צוגעהאָלפן צו דער פּרנסה, פירנדיק אַ „פּראַצאָווניע" פון וועש־נייעריי, ווו חוץ אונדז, קינדער, וועלכע האָבן געהאָלפן דער מוטער, האָבן זיך געלערנט נייעריי פיל מיידלעך, צווישן אַנדערע: לאה ליסנער, נאכע מייעראָוויטש, לוטי וואָלף, לאה דאָברעצקי און שרה טראָפּ.

אַ ספּעציעלער יום־טוב איז געווען אין אונדזער „פּראַצאָווניע", ווען מיר האָבן אויפגענייט די פענער פאַרן ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא", פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שפּעטער, פאַרן „הנוער־הציוני".

די צייכענונגען פאַר די פענער, זענען געמאַכט געוואָרן דורכן וויערושאָווער קונסט־מאָלער דוד עזער, וועלכער איז צוריקגעקומען אין שטעטל, נאָכן ענדיקן די לערע אין ארץ־ישראל, אין דער „בצלאל"־שולע.

די פאָנען־באַנייאונגען זענען פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד און אַדורכגעפירטע באַנקעטן. די „כיבודים", ביים אַריינקלאַפּן די טשוועקעס, זענען פאַרטיילט געוואָרן אויפן פאָלגנדן אופן: דעם ערשטע טשוואָק האָט אַריינגעקלאַפּט דער פּאַרדינסטפולער ד"ר מילבאור, דעם צווייטן — הערמאַן ראט (ווילהעלם ראָזענבלומס איידעם) און דערנאָך די אַלע, וועלכע האָבן געשפּענדעט גרעסערע און קלענערע סומען. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע הכנסות זענען געוואָרן באַשטימט פאַר די ציוניסטישע קרנות.

אַ ספּעציעלע התלהבות און איניציאַטיוו, האָט די וויערושאָווער יוגנט אַרויס־געוויזן בעת די זאַמלונגען פאַרן קרן־קימת. פאַרשידענע אופנים זענען באַנוצט געוואָרן בכדי די זאַמלונגען זאָלן זיין עפעקטיווע. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גאָרטן פון גרינוואָרג, וואָס איז דורך אונדז געוואָרן פאַרקויפט אין די שטובן און די הכנסות זענען געווען פאַרן קרן־קימת. מיר האָבן אויך פאַרטיילט טעלעגראַמעס אויף חתונות און פאַר פּסח געאַרבעט ביים באַקן מצות. אַ טייל פון די פאַרדינטע געלטער, האָבן מיר געשפּענדעט פאַרן ספּאָרט־קלוב, בכדי איינצוקויפן די נויטיקע ספּאָרט־מכשירים, ווייל פּאַראַלעל מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט, האָט די יוגנט אַקטיוו זיך באַטיי־ליקט אין דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע. ספּאָרט־אינסטרוקטאָר און לערער פון עברית איז צו יענער צייט געווען טוביה פּושקאַר (לעבט היינט אין חיפה), שפּעטער איז אויף זיין אָרט געקומען מרדכי דאַווידאָוויטש.

עס איז אויך פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער ספּאָרט־אָוונט אין פייערלעשער־זאַל. דאָס איז געווען, אין די דעמאָלטדיקע טעג, אַן „איבערקערעניש", אַז ייִנגלעך און מיידלעך זאָלן אַדורכפירן צוזאַמען ספּאָרט־איבונגען.

פון די אַקטיווע און מוסטערהאַפטע חברים איז כדאי צו דערמאָנען: שרה רבקה זעלקאָוויטש, (די טאָכטער פון הערשל זעלקאָוויטש), הינדע יעקוב, אברהם לייב פּראַצעל, מיין שוועסטער פרימעט, יצחק קאָזשוך, מרדכי דאַווידאָוויטש, יעדוואָב און ישעיהו מאיר וועלצמאַן.

פון דער יוגנט האָבן זיך אויסגעצייכנט: די דריי שוועסטערן יעקוב, שרה ערליך, די טעכטער פון גדליה קרושאַק (פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע), ליבע און גאָלדע, ליבע שולזינגער, שלמה שמולעוויטש, וואָלף איצעק, וואָלף גראַבאָווסקי, שלמה קאָרן, שמואל מאָשקאָוויטש, זיינוול איצקאָוויטש און אַנדערע.

מיטן ציל עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, זענען אויסגעפארן אויף „הכשרה״: נחום יעקוב, חיה שרה קיאק, בראנקע ענגעלמאן, די עלטסטע טאכטער פון גדליה קרושאק און אנדערע. פון אלע האבן זוכה געווען עולה צו זיין פאר דער מלחמה, נחום יעקוב און חיה שרה קיאק.

זייער אימפאזאנט און פייערלעך איז געווארן געפראוועט יעדער ל״ג־בעומר. מיר האבן מארשירט אין מיליטעריש־סקויטישער ארדנונג אין וואלד פון ידישן גיט „גזשעשקי״ און דארט איינגעארדנט שמועסן און רעפעראטן.

אויך די יארצייט פון ד״ר הערצל, כ׳ תמוז, האבן מיר אפגעצייכנט מיט גרויס אקטיוויטעט, פירנדיק אן אקטיווע אויפקלערונגס־ארבעט ביי דער ידישער באפעל־קערונג בכלל און דער יוגנט בפרט.

עס דערמאנען זיך נאך פיל געשעענישן, וועלכע האבן איבערגעלאזט, אויף א לאנגע צייט, א גרויסן רושם.

אונדזער שטעטל האט יארן לאנג געלעבט אונטערן איינדרוק פון דער אימפאַ־זאנטער חתונה, ווען ר׳ אייזיק אלטער (קרוב פון גערער הויף) האט חתונה געמאכט זיין איינציקע טאכטער פייגעלע. צו דער חתונה איז ספעציעל געקומען דער אלטער גערער רבי זצ״ל און דאס שטעטל איז באזוכט געווארן דורך טויזנטער חסידים, אנגעקומענע פון נאענט און ווייט. די פאליציי, וועלכע האט געהאלטן ארדנונג, איז געווען געצוואונגען צו בעטן הילף ביי דער פאליציי אין וויעלון.

2

מ ל ח מ ה

די נערוועזע מלחמה־שטימונג, האט אנגעשטעקט אויך אונדזער שטעטל. אלץ האט דיסקוטירט, יא מלחמה, נישט מלחמה. די עטלעכע ראדיא־אפאראטן, וואס האבן זיך געפונען אין שטעטל (ביים אפטייקער און עלעקטראווניע־אייגנטימער), האבן געהאט גרויס דערפאלג. אבער קיינער האט נישט געוווסט, וואס דער מארגן וועט ברענגען.

פרייטיק, דעם 1־טן סעפטעמבער 1939, אין די סאמע פרימארגן־שעהן, זענען מיר אלע, ממש פארטויבט געווארן פון כמארעס באמבארדיר־עראפלאנען, וועלכע האבן זיך געריכטעט צו וויעלון. די רעזולטאט זענען געווען שרעקלעכע. עס זענען געפאלן הונדערטער קרבנות, הויפטזעכלעך ידן. וויעלון איז כמעט אפגעמעקט געווארן, דערונטער דער שפיטאל.

די פוילישע מאכט־ארגאנען פון וויערושאוו, האבן אינדערפרי ארויסגעגעבן א באַ־פעל, אז די באפעלקערונג, וועלכע וווינט ביי דער בריק, זאל פארלאזן די דירות. קורץ נאכדעם, איז די בריק אויפגעריסן געווארן און מ׳האט אונדז געהייסן אנטלויפן

פון שטאָט. מיין משפּחה איז געלאָפן קיין זלאָטשעוו. ס׳איז געווען אַ גרויליק בילד, קוקנדיק אויף דער מאַסע פּליטים.

שבת אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען נאָך זלאָטשעוו, ווו מיר האָבן שוין געטראָפן עטלעכע וויערושאָווער פאַמיליעס, ווי: מיכאל זלמן כהן, משה מאָזעס און אַנדערע. מיר באַשליסן ווייטער צו לויפן און מיר לאָזן זיך צום שאָסיי זלאָטשעוו — שעראַדז — זדונסקעוואָליע, וועלכער איז אויך פול מיט אַנטלויפנדע.

ווי מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן, האָבן די דייטשן אַריינגעטריבן אַלע איבערגעבליבענע יידן אין זלאָטשעוו, אין דער שול אַריין און זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט, אינאיינעם מיט דער שול. אויף די פּאַליאַקן האָבן זיך „אויסגעצייכנט" מיטן ראַבירן יידישע געשעפטן.

אָנקומענדיק קיין זדונסקעוואָליע, נישט האָבנדיק ווו צו גיין, זענען מיר געבליבן אויפן יידישן בית־הקברות. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גרויסער בעטאָן־בונקער, וועלכער איז געוואָרן פאַרכאַפּט דורך פּאַליאַקן און קיין יידן דאָרט נישט אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אונדזער מזל, ווייל אין אַ קורצע ווײַלע זענען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען און געוואָרפן אַ באָמבע אויפן בונקער. אַלע אַנוועזנדע דאָרט פּאַליאַקן, זענען אומגעקומען.

דערנאָך זענען מיר אַריין צו ר׳ בעריש ליפּמאַן, געוועזענער וויערושאָווער מורה־הוראה, דאָרט איבערגענעכטיקט און אינדערפרי זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן, פיינלעכן וועג, צו דער ריכטונג קיין לאָדזש.

דעם צווייטן פרייטיק, קומען מיר נאָך לאָדזש און מיר האַלטן זיך אויף ביי אונדזער מומע אסתר ראַצע בערגמאַן.

דעם 9־טן סעפּטעמבער מאַרשירן די דייטשן אַריין, מיט גרויס פּאַראַד, קיין לאָדזש.

נישט קוקנדיק אויפן טעראָר, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, און טראָץ דער שטרענגער פאַראָרדנונג, אַז מער ווי צוויי יידן טאָרן זיך נישט צוזאַמענקומען, (פאַר עובר זיין, האָט געדראָט טויט־שטראָף), האָט זיך אין לאָדזש אָרגאַניזירט — אין געהיים — מנינים בכדי צו דאַווענען אין ראש־השנה. אויך ביי אונדז אין קעלער, האָבן יידן געדאַוונט און געבלאָזן שופר.


נאָך ראש־השנה האָבן מיר זיך געלאָזן צופוס, אויפן צוריקוועג קיין וויערושאָוו. אויפן וועג איז דער פאָטער געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן דורך די דייטשן (די פּאַליאַקן האָבן אויף אים אָנגעוויזן "איין יודע") און מיר האָבן אים צוריקגעפירט קיין לאָדזש.

פאַר יום־כיפור, זענען מיר אָנגעקומען קיין וויערושאָוו.

שווער געווען צו דערקענען אונדזער שטעטל. פון רוב הייזער זענען געבליבן חורבות. די יידישע באַפעלקערונג איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון דער שרעקלעכער שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט ביי די משפּחות ישראל און יצחק לעווי. ערשט ערב סוכות, האָבן די דייטשן דערלויבט קובר צו זיין די קדושים. דורך דער צייט זענען אויך דערשאָסן געוואָרן דער מלמד עזעל שוואַרץ מיט דער גאַנצער פאַמיליע (בתוכם זיין שוואַנגערע טאָכטער), יהושע טרויבע מיט דער

פאַמיליע, כּאראַש מיט דער פרוי, ר׳ העניעך גאַד און פרוי, ר׳ זלמן אייזנער און נאָך אַנדערע.

אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק־פּלאַץ. די וועלכע וועלן זיך נישט צושטעלן — האָט זיך געזאָגט אין באַפעל — וועלן דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. די פאַרזאַמלטע יידן זענען געטריבן געוואָרן קיין פּאַדזאַמצע און דאָרט איז געוואָרן אַדורכגעפירט אַ סעלעקציע. עטלעכע הונדערט יידישע מענער זענען געוואָרן אַוועקגעפירט קיין נירנבערג און פון דאָרט, איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אַנגעשטאָפּטע אין לאַסט־וואַגאָנען



אליהו הרש גליקסמן ובנו של הרשל גליקסמן ולייבל דומב עם מגן־דוד הצהוב.
אליהו הערש גליקסמאַן מיטן זון פון הערשל גליקסמאַן און לײבל דאַמב מיט געלן מגן־דוד.

ווי בהמות, הונגעריקע און שמוציקע, בכדי צו ווייזן דעם דייטשן „הערן־פאָלק״, די יידישע „מלחמה־פאַרברעכער״, די „וועלט־אונטערצינדער״.

אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען אין פּאַדזאַמצע, האָבן די עס־עס־לייט אונטערגעצונדן די פאַרבליבענע יידישע הייזער. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, האָבן מיר געטראָפן אַלץ אין רויך און אין פלאַמען. דער גאַנצער מאַרק און טיילווייז די וואַרשעווער גאַס, זענען אַוועק מיטן פייער. כ׳דערמאָן זיך דעם אָנגעזעענעם יצחק פּאַנקאָווסקי (וועמען די דייטשן האָבן פאַרגעשלאָגן צו נאָמינירן אַלס „עלטעסטער

דער יודען" און ער האָט דעם פאָרשלאָג מיט אָפּשיי צוריקגעוויזן). וועמענס ביסל האָב און גוטס, זיין געשעפט, איז אַוועק מיטן פייער און ער איז געבליבן אָן אַ פּרוטה אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט. ער איז באַלד אַוועק קיין ווילון מיט דער פרוי, ווו זיי האָבן געלעבט ביז צו דער ליקווידאַציע פון דער ווילונער קהילה.

דערווייל קומען אָן, איינער נאָך דער אַנדערער, נאַציִשע גזירות קעגן יידישן ישוב. צוערשט האָבן מיר געמוזט טראָגן אויף דער האַנט אַ ווייסן באַנד מיט אַ מגן־דוד. דערנאָך איז עס פאַרטוישט געוואָרן אויף דער באַרימטער געלער לאַטע. יידן האָבן זיך געמעגט באַוועגן נאָר אין די שעהן צווישן 6 אינדערפרי ביז 5 נאָכמיטאָג. זונטיק — בלויז אין די מאָרגן־שעהן. אויפן טראָטואַר איז געווען פאַרבאָטן צו גיין. פאַר יעדן דייטש, האָבן יידן געמוזט אַראָפּנעמען ס'היטל, זאָגאָר פאַר דייטשע קינדער. די פאַרבליבענע געשעפטן זענען געוואָרן איבערגעגעבן אין פּוילישע הענט, ווייל יידן האָבן נישט געטאָרט האַנדלען. פאַר נישט אויספירן יעדע איינע פון די דייטשע פאַרשריפטן, איז געווען נאָר איין שטראָף: טויט־שטראָף. מיט גרויס סכנות נפשות, זענען זיך יידן צוזאַמענגעקומען אין דער גרעסטער קאָנספּיראַציע בכדי צו דאַווענען מיט מנין.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, יונג און אַלט, מענער און פרויען, זענען געטריבן געוואָרן אויף אַרבעט ביים אַפּרוימען די חורבות און אין דער זעלבער צייט זענען פאָרגעקומען, טאָג־טעגלעך, רעוויזיעס אין יידישע שטובן און די דייטשן האָבן צוגענומען וואָס נאָר זיי האָט זיך פאַרגלוסט.

אין יאָר 1941 זענען דער רוב יוגנט געוואָרן געשיקט אין די פּויזנער אַרבעטס־לאַגערן און אין די געשאַפענע לאַגערן אין סאָקאָלניק און גאַלעוויץ, האָבן הויפּטזעכלעך געאַרבעט יידישע מיידלעך פון ווירושאָוו.

3

ג ע ט א

צו דער ביטערער לאַגע פון יידישן ישוב, צום הונגער און נויט, רעפּרעסיעס און מערדערייען, איז צוגעקומען נאָך אַ גזירה. ס'ווערט געשאַפן די אַזוי גערופענע געטאָ. אויף אַ קליינעם שטח, ווו ס'האָבן פריער געוווינט 50 פאַמיליעס, האָט מען צוזאַמענ־געטריבן אַ פּאָר הונדערט משפחות. דאָס געטאָ איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט און ביים אַריינגאַנג איז געהאַנגען אַ גרויסער פּלאַקאַט, וועלכער האָט געוואָרנט, אַז אויב אַ ייד וועט פאַרלאָזן דעם שטח, אָן דערלויבעניש, וועט ער דערשאָסן ווערן. צו האַלטן די אָרדנונג, ווערט געשאַפן די יידישע פּאָליציי. ס'ווערט אויך אָרגאַניזירט אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע, צו וועלכער ס'האָבן געהערט: יעקב לעווקאָוויטש, משה לוי

(דער זון פון קדוש ר׳ ישראל הי״ד), בראַניאַ עזער און איך. די סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט פון צייט צו צייט, ארויסגעהאָלפן יידן פון וויערושאָוו און אַנדערע מקומות.

כ׳דערמאָן זיך: קורץ פאַר דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ, פירנדיק אַ קראַנקן קיין פּאַדזאַמצע, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ הונגעריק יידיש ייִנגל, וועלכער איז



רחוב זאמקובה
זאַמקאָווע גאַס

אַנטלאָפן פון איינעם פון די פּויזנער לאַגערן. מיט גרויס מי האָב איך דעם ייִנגל „אַריינגעגנבעט" אין אונדזער געטאָ און דורך פאַרשידענע וועגן אים אַהיימגעשיקט אין זיין געבורט־שטאָט. מיר האָבן אויך דערמעגלעכט, דורך פאַרשידענע קאָמבי־

נאַציעס, אַז אונדזערע שטעטלדיקע ייִדן, זאָל זיך טיילווייז באַזאָרגן מיט שפּייז, אויסער דער געטאָ.

אין שפּיץ פונעם געטאָ איז געשטאַנען דער „פּרעזעס" יאָסל יעדוואָב. נישט לייכט איז געווען זיין אַרבעט. איינמאָל האָבן די דייטשן אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל צושטעלן אַ צאָל יונגע מענטשן צו דער אַרבעט. נישט וועלנדיק אָוועקשיקן די לעצטע יונגע כוחות, האָט יעדוואָב געלאָזט וויסן — פאַרשטייט זיך, אַז שטרענג געהיים — אַז ס'זאָלן זיך צושטעלן נאָר אַלטע מענטשן. ווען די דייטשן האָבן געזען די אַלטע מענער און פרויען, זענען זיי געוואָרן פאַרהאַלטן אויף אַ נאַכט אין ספּאָרט־קלוב „סאָקול" און אינדערפרי זיי באַפרייט.

לײדער, איז דאָס געווען אַן איינציק מאָל, וואָס יעדוואָבן האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרמיידן דאָס אָוועקשיקן אויף אַרבעט.

בכדי צו כאַראַקטעריזירן די באַציאונגען פון די דייטשן מיט די ייִדן און בתוכם מיטן פּרעזעס יעדוואָב, איז כדאי צו דערמאָנען פאָלגנדן פאַקט. דעם דייטשן בירגער־מייסטער האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן אַ טעניס־טיש, האָט ער פון יעדוואָבן פאַרלאַנגט, ער זאָל אים באַזאָרגן אַ נעץ. צו דעם צוועק האָט דער בירגערמייסטער באַזאָרגט אַ קנויל שטריק. אַזוי ווי ביי אונדז אין שטוב האָט מען געפירט אַ קונסט־שטריקעריי, האָ טיעדוואָב פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל די נעץ פלעכטן. ווען די אַרבעט איז גוט אַרויסגעקומען, האָט זיך יעדוואָב דערפרייט, אפשר מיט דעם וועט ער פאַרשטופּן דעם מויל פון צורר ישראל. מיר האָבן שיין פאַרפּאַקט די מתנה און אין דרייען — איך, יעדוואָב און דער פּאָליציאַנט נחמן גליקסמאַן, זענען מיר אַרויף צום בירגער־מייסטער. די מתנה האָט אים שטאַרק געפעלן, דאַן האָט ער געפרעגט צי ס'איז געבליבן אַ ביסל שטריק. איך האָב אים זאָפאַרט דערלאַנגט וואָס ס'איז איבערגעבליבן. האַלטנדיק דעם פאַרבליבענעם שטריק, פרעגט ער מיט אַ סאַדיסטיש געלעכטער: „זאָג מיר, יודע, ווירד די שטריק רייכען אויפצוהענגען אַללע יודען?"

אַזוי איז געווען די באַציאונג. דאָס איז געווען דער דאַנק פאַר דער מתנה.

דאָס לעבן אין געטאָ, ווערט פון טאָג צו טאָג שווערער און אומדערטרעגלעכער. דאָס ייִדישע לעבן איז פולשטענדיק הפקר און יעדער דייטש מעג טאָן וואָס אים געפעלט.

קורץ פאַר דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ, זענען אַראָפּגעקומען פון ווײעלון אַ באַנדע עס־עס־לייט. געהייסן האָט עס, אַז זיי וועלן אַדורכפירן אַ רשימה פון די פאַרבליבענע ייִדן. דערווייל האָבן זיי סאַדיסטיש געפּייניקט ס'ביסל איבערגעבליבענע ייִדן. איינער פון די עס־עס־לייט האָט אויפגעפאָדערט, אַז מאַניאַ פּיאַטראָווסקאַ (וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין געטאָ, נאָכן אַנטלויפן פון אַן אַרבעטס־לאַגער), זאָל פאַר אים דערשיינען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט דער עס־עס־מאַן צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר גאָרנישט טאָן. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט זיך מאַניאַ צוגעשטעלט.

ער האָט איר טאַקע „גאָרנישט געטאָן" — בלויז זי מערדערלעך צעשלאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ „גוטסקייט", האָבן מיר אים באַשאָטן מיט מתנות.

4

טראגישער סוף פון יידישן וויערושאוו

די לעצטע רעגיסטראַציע איז פאָרגעקומען אין אב תש"ב (אויגוסט 1942). אַלע האָבן זיך געמוזט צושטעלן, יונג און אַלט, געזונטע און קראַנקע. באַגלייט מיט מערדערלעכע קלעפּ, זענען מיר געוואָרן געטריבן אין קלויסטער אַריין.

ביינאַכט האָט אַ דייטשער זשאַנדאַרם אַרויסגענומען די סאַניטאַרע קאָמיסיע און מיר האָבן צונויפגענומען פון דער יידישער בעקעריי יעדעס ברעקל פון עסנוואַרג און עס פאַרטיילט צווישן די הונגעריקע אין קלויסטער.

צוויי טעג שפּעטער, האָט מען אונדז ווידער גענומען אין געטאָ, וווּ מיר האָבן זיך מטפּל געווען מיט די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט באַוועגן. דאָן איז דערשינען די „ראָלל־קאָמאַנדע", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן ליקווידירן פונעם געטאָ און אויפן אָרט דערשאָסן עטלעכע שווער־קראַנקע. צווישן אַנדערע: רודאַ לאַקיעטש, אברהם יצחק גראַבינער און אַנדערע. דערנאָך האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַלע קראַנקע און שוואַכע, קאָנצענטרירט זיי אין דער מקווה און דאָרט אַלע דערשאָסן. בסך הכל האָבן זיי אויסגעמאָרדעט העכער אַכציק יידן. אויך צו דער מוראדיקער שחיטה, האָבן די נאַציס אויסגעקליבן צוואַנציק קרעפטיקע יידישע בחורים, בכדי זיי זאָלן בייהילפיק זיין אין דער „אַרבעט". דער גאַנצער וועג, פון דער מקווה ביז צום בית־הקברות, איז געווען פול מיט בלוט־קאַלוזשעס. אויך די צוואַנציק יידישע בחורים, האָבן געטיילט דעם גורל. אַזוי ווי זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס קובר זיין — זענען זיי געוואָרן אויפן אָרט דערשאָסן.

פון קלויסטער, זענען געוואָרן אויסגעקליבן צוויי קליינע גרופּן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ. אַלע איבעריקע זענען געוואָרן געפירט אין טרויערינק־באַרימטן כעלמנאָ. דאָרט זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן אין די גאַז־אויטאָס.

חנה איצעק — מאַרקאָוויטש
פראַנקרייך

אין אוישוויץ

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, זענען מיר, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, אַנטלאָפן פון שטעטל. מיר האָבן גענומען די סאַמע נויטיקע זאַכן, פאַרלאָדנט אויף אונדזער פערד־און וואָגן און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג צו פּיאָטרקאָוו־טריבונאַלסק, מיטן ציל, ווייטער צו פאָרן, צו דער רוסישער גרענעץ. אין פּיאָטרקאָוו האָבן די דייטשן אונדז פאַרהאַלטן און צוריקגעשיקט צו אונדזער וווין־אָרט. צו אונדזער מזל, איז די וווינונג אין וויערושאָוו געבליבן נישט־באַשעדיקט און מיר האָבן, ביים צוריקקומען, געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די ערשטע צייט, האָבן מיר געאַרבעט, צוזאַמען מיט אַלע, ביים אויפרוימען די חורבות. נאָך אַ קורצער צייט, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָוועקשיקן די מענער אין די פּויזנער אַרבעטס־לאַגערן און אונדז, פרויען און מיידלעך, געשיקט אויף אַרבעט אין די אַרבעטס־לאַגערן נאָענט פונעם שטעטל. איך מיט נאָך אַ גרופּע פרויען פון וויערושאָוו אין באַלעסלאַווצע, האָבן זיך געפינען אין אַרבעטס־לאַגער אין דאָרף גאַלעוויצע. מיר האָבן געאַרבעט ביי שאָסיי־אַרבעטן און ביים אָפּרייניקן דעם שניי.

ענדע 1941, האָבן די דייטשן געשאַפן דאָס געטאָ. מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער אַרבעט ביזן אָנפאַנג 1942, ביז מיר זענען געוואָרן פאַרשיקט קיין פּויזן אויף אַרבעט.

פון גאַלעוויצע, זענען מיר געוואָרן געשיקט, בערך הונדערט מיידלעך פון וויערושאָוו, באַלעסלאַווצע, לוטוטאָוו, וויעלון און פּראַשקע. אין פּויזן זענען מיר געוואָרן פאַרטיילט אין פאַרשידענע לאַגערן.

חוץ דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, זענען אין די לאַגערן פאָרגעקומען סעלעקציעס. די שוואַכע און קראַנקע זענען געוואָרן אַוועקגעפירט, מכלומרשט אויף „ערהאָלונג". אָבער אַלע האָבן געוווּסט דעם סוד, ווייל קיינער פון די אָוועקגעשיקטע, האָט זיך נישט צוריקגעקערט, אַלע זענען געוואָרן דערשאָסן.

פון אונדזערע וויערושאָווער, האָבן זיך דאָרט געפונען: הענדל פּראַצעל, צוויי טעכטער פון גדליה קדזשאַק, נאַטשע איצעק, פערל רבקה פּראַצעל, פייגע און מינדל איצעק, מיין שוועסטער גאָלדע, מאַכלע און שפרה קיאַק, אסתר שולזינגער, (געוואָרן דערשאָסן אין לאַגער), טשאַרנע קאַרנווייזער, ציפּע קאַלינאָווסקי און אַנדערע.

אָנפאַנג 1943 זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

* * *

נאָך אַ שטרענגער סעלעקציע, ווערן אַלע שוואַכע און די, וועלכע האָבן סתם נישט נושא־חן געווען ביים צורר מענגעלע ימ"ש, אָפּגעטיילט אין דער לינקער זייט. זיי ווערן אָפּגעשיקט אין קרעמאַטאָריום, וועלכער ברענט טאָג און נאַכט. איך בלייב אויף דער רעכטער זייט. נאָכן אָפּשערן די האָר, באַקומען מיר אויסטאַטואירטע קאַצעט־נומערן און אַ ביסל שמאַטעס פון די דערמאָרדעטע. איך הויב אָן מיין אוישוויץ־לעבן אין 13־טן

בלאָק, וועלכער איז באַשעפטיקט מיט אַרבעט אויסערן לאַגער. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין איבערשלעפּן שווערע שטיינער פון איין אָרט צום צווייטן און דערנאָך צוריק.

אין גאַנג פון דער קאַשמאַרער, סאַדיסטישער אַרבעט, זענען פיל מיידלעך געוואָרן דערשאָסן, מיטן תירוץ, אַז זיי האָבן געפּרוּווט צו אַנטלויפן. נאָך עטלעכע טעג, איז אונדזער גרופּע געוואָרן שיטערער. דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען. נאָך אַ קורצער צייט, בין איך געוואָרן צוגעטיילט צו דער גרופּע „קאַנאַדע", וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען, סאָרטירן אַלע זאַכן פון די אומגעקומענע. מיר זענען געוואָרן איינקוואַרטירט נישט ווייט פון קרעמאַטאָריום און געפינען אין אַבסאָלוטער איזאָלאַציע. מיט באַשפּייזונג איז ביי אונדז געווען בעסער און מיר האָבן זיך באַמיט, שטרענג געהיים, אַרויסצוהעלפן אַנדערע אַרעסטירטע, אַריבערוואַרפנדיק פון צייט צו צייט, עפּעס עסן, אָדער אַ שטיק דעק פאַר די הונגעריקע און נאַקעטע.

איינמאָל, בעת ס'איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון לאָדזש, מיט רומקאָווסקין אין דער שפּיץ, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז ס'געפינען זיך דאָרט עטלעכע ווירושאַווער מיידלעך, צווישן זיי ראַצע ליבער און אַנדערע. אַזוי ווי מיר האָבן געאַרבעט ביינאַכט, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַקציע און מיר האָבן אַריבערגעוואָרפן פאַר די מיידלעך אַ ביסל עסן און אַנטועכץ. איינער פון די עס־עס־לייט האָט עס באַמערקט און דער אורטייל איז גלייך אויפן אָרט געוואָרן באַשטימט: טויט. צומאָרגנס, האָבן אַלע באַדאַרפן גיין אין קרעמאַטאָריום. אונדזער בלאָק־פירערין, אַ יידישע פרוי פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע, האָט מיט געוויין און געבעטן אויסגעפּועלט, אַז דאָס מאָל, זאָל מען אונדז שענקען ס'לעבן און מיר זענען אָפּגעקומען מיט קלעפּ און מיטן זיצן אויף די קני מיט די הענט אין דער הויך אַ גאַנצן טאָג.

אַזוי בין איך אָפּגעווען אין אוישוויץ 18 מאָנאַטן, ביז אָנפאַנג 1945, ווען דער לאַגער איז געוואָרן ליקווידירט און מיר האָבן אייגנהענטיק אונטערגעצונדן די באַראַקן.

נאָך דער ליקווידאַציע, זענען מיר אָנגעקומען, נאָך אַ בלוטיקן טויטן־מאַרש, קיין ראַווענסבריק און דערנאָך קיין מאַלהאָף.

דעם 3־טן מאַי 1954 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך רוסישע סאָלדאַטן.

* * *

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך באַזוכט אונדזער שטעטל. מיט ווייטיק האָב איך זיך צוגעקוקט, וואָס ס'איז געוואָרן פון אונדזער יידישן ווירושאָוו. די אָרטיקע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך אויך אַנגעוואָרעמט אין דער שריפה, האָבן מיט שנאה געקוקט אויף מיר. איך בין געוואויר געוואָרן וועגן בלוטיקן אַנטייל פון די פּאָליאַקן אין דער יידישער אויסראָטונג.

שוין נאָך דער באַפרייאונג, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן געציילטע אָפּגע־ראַטעוועטע, האָבן די פּאָליאַקן דערגענצט די דייטשע אַרבעט. אין באָלעסלאַוועצע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּאָליאַקן צען יידן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם נאַצי־גהינום. איך פאַרלאָז די מיט־בלוט־אָנגעזאָפּטע פּוילישע ערד און עמיגריר קיין פראַנקרייך.

יצחק אבא וואַקסמאַן
ירושלים

בלוטיקע יארן

ערשטער סעפּטעמבער 1939. פרייטיק אינדערפרי.

די מהומה אין שטעטל איז קאָלאָסאַל, עס גלויבט זיך נישט, אַז דאָס שרעקלעכע, דאָס מוראדיקע, די מלחמה, איז אויסגעבראָכן. עס הויבט זיך אָן אַ פּאַניש געלויף פון שטעטל, וועלכעס געפינט זיך אויף דער סאָמער גרענעץ. דער שאָסיי, וועלכער פירט צו לוטוטאָוו און וויעלון, איז פול מיט פּליטים, וועלכע מיינען אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן. מיין פאַמיליע, באַשליסט צו בלייבן אויפן אָרט. שוין אין די ערשטע שעהן פון קריג, ווען באָמבאַרדיר־עסקאַדרען האָבן זיך געטראָגן איבער די הימלען, זייענדיק טויט און פאַרניכטונג, האָבן מיר געזען דאָס שוואַכקייט און דעם כאָאָס פון די מכלומרשט שטאַרקע באַוואָפנטע קרעפטן פון פוילישן מיליטער, מיט וועלכע די פאָליאַקן האָבן זיך שטאַרק גערימט.

בעת איינעם אַזאַ אָנפלי האָט דער פאָליציאַנט סטויאַק, אַרויפגעשאָסן פון אַ ביקס, פון לעוויס הויז, צו די אָנגרייפנדע עראָפּלאַנען און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זונטיק אינדערפרי, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך שוין געפינען אין וויערושאָוו, האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די גאַנצע פאַמיליע לעווי און עטלעכע דערשאָסן ביי דער בריק. די ערשטע דערשאָסענע זענען געווען, ישראל לעווי און זיין זון יעקב. ווען די טאָכטער ליפקע האָט דערזען, אַז דער פאָטער פאַלט אַוועק אַ דערשאָסענער, האָט זי זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ יאָמערדיק געוויין. דער דערנעבן שטייענדיקער דייטש רייסט זי אַוועק און שיסט איר אַריין אַ קויל אין מויל אַריין.

ביים אָנפאַנג פון קריג, פרייטיק אינדערפרי, ווען מיר האָבן געהערט, אַז די שיסערייען פאַרשטאַרקן זיך, האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין קעלער, ווו עס האָט געוווינט דער בלעכער בריטשמאַן. (ער איז אַנטלאָפן עטלעכע שעה פריער). עס זענען מיט אונדז געווען נאָך עטלעכע פאַמיליעס, צווישן אַנדערע האָבן זיך געפונען אין קעלער, דער בלאָשקער מלמד שוואַרצבאַרט מיט זיין פרוי און דער מלמד פּיערניקאַזש מיט זיין פאַמיליע. פרייטיק אין אָוונט, האָבן מיר שוין געהערט, אָפּקלאַנגען פון מאַרשירנדע דייטשישע סאָלדאַטן.

שבת אינדערפרי האָבן מיר געדאַוונט און מיט שרעק און געוויין, געוואַרט וואָס ס׳וועט ברענגען דער ווייטערדיקער טאָג.

זונטיק אינדערפרי, זענען דייטשע סאָלדאַטן און אָרטיקע פאָלקס־דייטשן, צו־געקומען צום קעלער, זיך אַריינגעריסן און מיט קלעפּ און ווילדע געשרייען אונדז אַרויסגעיאָגט, צו דער ריכטונג פון די יאָטקעס. אין דער צייט פון לויפן, שיסן צו אונדז די דייטשן אַלס ספּאָרט־פאַרווײלונג און אין רעזולטאַט, פאַלט דער זון פון פּיערניקאַזשן, חיים, אַ געטראָפענער פון אַ קויל.

צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע, זענען מיר געוואָרן געיאָגט, ביז דעם געריכט, וואָס

האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט. פון דאָרט, האָבן זיי אונדז געפירט קיין פּאַדזאַמצע, ווו עס זענען געווען קאָנצענטרירט אַלע יידן, וועלכע זענען נישט אַנטלאָפן.

פאַרבייגייענדיק דעם מאַרק, האָבן מיר געזען ווי די דייטשן צונדן אונטער די הייזער, אַריינוואַרפנדיקן ספּעציעלן ברען־שטאָף און ס'גאַנצע שטעטל איז געשטאַנען אין פלאַמען.

אין פּאַדזאַמצע, האָבן די דייטשן אויסגעקליבן אַ גרעסערע צאָל מענער, פאַרלאָדנט אין אויטאָס און אַוועקגעשיקט קיין נירנבערג. דער איבעריקער טייל איז געוואָרן געפירט אויפן פּאַסטערנאַק צום שווייגער שווירץ, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט. די נאַכט איז געווען פאַר אונדז אַ קאַשמאַרפולע, ווייל יעדע ווייל זענען אַריינגעקומען דייטשע סאָלדאַטן, אַרויסגעשלעפּט יונגע פרויען און זיי פאַרגוואַלדיקט.

אינדערפרי האָבן מיר באַקומען דערלויבעניש זיך צו פאַנאַנדערגיין. קומענדיק צוריק, האָבן מיר געטראָפן זייער ווייניק הייזער, וועלכע האָבן נישט געליטן פון דער שריפה. מיר זענען אַריין צו דער פרוי לעווי, וועלכע איז אַן איינציקע געבליבן לעבן, דערנאָך זענען מיר אַריבער צו ר' הענעך אַראַנאָוויטש.

זייענדיק צוריק אין שטעטל, ווערן מיר געוווּיר, אַז חוץ די פאַמיליע לעווי, און חיים פּיערניקאַזש, זענען אויך אומגעקומען זלמן אייזנער, עזעל שוואַרץ דער מלמד מיט אַ זון און אַ שוואַנגערע טאָכטער, יהושע טרויבע און זיין פרוי און נאָך אַנדערע.

פון מיין משפחה האָבן די דייטשן פאַרשיקט קיין נירנבערג, מיין פאָטער און דריי ברידער. דער פאָטער איז געוואָרן באַפרייט און זיך באַלד צוריקגעקערט. אויפן וועג קיין נירנבערג, זענען די יידן געוואָרן מערדערלעך געשלאָגן און אין רעזולטאַט פון די באַקומענע טויט־קלעפּ זענען אומגעקומען מיין ברודער חיים מאיר און יאַסקאָ־וויטש (דער טשעטשעלאָווער), וועלכע ווערן געבראַכט צו קבר ישראל אין האַנסדאָרף־זאאגן, דייטשלאַנד, ווו עס האָט נאָך צו יענער צייט עקזיסטירט אַ יידישע קהילה.

ווען די ידיעה דערגייט צו מיין פאָטער, ווערט ער פאַר צער קראַנק און אין אַ גאָר קורצער צייט איז ער נפטר געוואָרן.

* * *

טייל פון די, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין אַנפאַנג קריג, האָבן זיך צוריקגעקערט און עס ווערט געשאַפן אַ „יודען־ראַט" מיט יאָסל יעדוואַב אין דער שפּיץ. די באַדינגונגען זענען געווען אומדערטרעגלעכע. דער הונגער האָט געבושעוועט און דערצו זענען מיר געוואָרן געכאַפּט צו פאַרשידענע שווערע אַרבעטן באַגלייט מיט קלעפּ און היסטעריש־ווילדע געשרייען. מיין פאַמיליע, וואָס האָט זיך פאַרנומען פאַרן קריג מיט דער שיך־בראַנזשע, האָבן מיר געאַרבעט אין געהיים, פאַר פאָלקס־דייטשן, וועלכע האָבן אונדז געבראַנגט לעדער, אויף פרעמדע נעמען. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות.

ווען מיר זענען געוווּיר געוואָרן, אַז עס גרייט זיך אַן אַבלאַווע, האָבן מיר געפונען פאַרשידענע באַהעלטענישן, בכדי אויסצומיידן דאָס געכאַפּט ווערן אויף

פאַרשיקונג. דערנאָך האָבן מיר געמאַכט אַ בונקער, ווו מיר האָבן זיך געפונען ביז דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ.

פון דער געטאָ האָבן איינצלנע געפרוווט צו אַנטלויפן, מיינענדיק, אַז זיי וועלן זיך אויסבעסערן. מיין ברודער העניך איז צוזאַמען מיט אברהם כהן אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון טשענסטאָכאָוו. אויפן וועג איז אברהם כהן געוואָרן דערשאָסן. מיין ברודער איז יאָ אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו, אָבער ער איז דאָרט אומגעקומען אין אַ קורצער צייט.

מיין ברודער וואָלף לייב, וועלכער האָט פאַרן קריג געוווינט אין זאַלאָשין אוןביים אויסברוך פון קריג, נאָכדעם ווי זאַלאָשין איז אָפּגעברענט געוואָרן, געקומען קיין וויערושאָוו, איז צוזאַמען מיט נאָך אַכציק יידן, געוואָרן דערשאָסן ביי דער לעצטער אויסזידלונג. מיין יונגסטער ברודער הערשקע, איז אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיט דער מוטער, אין טרויעריק־באַקאַנטן טויטן־לאַגער כעלמנאָ.

✶ ✶ ✶

נאָך דער בלוטיקער סעלעקציע, זענען בערך הונדערט יידן און ביזכם איך מיט מיין ברודער שלום מענדל, געשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ. צווישן אַנדערע האָבן זיך מיט אונדז געפינען, לייבל סאַט מיט דער פאַמיליע, ישראל באַראַן, ליבע שעראַדזקאַ, מאַניע שמולעוויטש מיט איר ברודער חיים, אַ טאָכטער פון גדליה קרזשאַק, הערשל שוסטער, יעקב וואָלף שטערן, משה סקרובאַק און נאָך פיל. לייבל סאַט מיט ישראל באַראַן, האָבן געפירט אַ שוסטער־וואַרשטאַט, ווו זיי האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן און זאַנדער־פּאָליציי און זיי האָבן געהאָלפן פיל וויערושאָווער אויף אַלע געביטן. איך האָב געאַרבעט אין קיך.

קורץ פאַר דער לעצטער אויסזידלונג, זענען מיר געוואָרן פאַרשיקט אין דער באַקאַנטער טויטן־פאַבריק אוישוויץ, ווו מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן פון שרעק־לעכע פייניקונגען, הונגער און דערשיסונגען. נאָך אַ קורצער צייט, זענען מיר געוואָרן פאַרשיקט קיין בראַונשווייג, ווו מיר, איך מיט מיין ברודער, ווי אויך אברהם אפרים ראַגאָווסקי און אַנשל דאָמב, האָבן געאַרבעט ביים מאָנטירן אויטאָס. דאָרט זענען מיר געווען ביז דער עוואַקואַציע פון לאַגער.

✶ ✶ ✶

נישטאָ קיין ווערטער, וועלכע זאָלן שילדערן די לעצטע טעג, ווען די נאַצישע חיה האָט שוין געפילט איר סוף. שרעקלעך האָבן אויסגעזען די וועגן, דורך וועלכע עס זענען אַדורכגעגאַנגען די עוואַקואירטע פון פאַרשידענע לאַגערן. טויזנטער טויטע און פאַרוווּנדעטע האָבן באַדעקט די שאָסייען. די דייטשן, זעענדיק, אַז זייער מאָרד־רעזשים, האַלט זיך ביים פאַנאַנדערפאַלן, האָבן געשאָסן אויף לינקס און רעכטס. מיר, קוים־לעבעדיקע, זענען אָנגעקומען קיין ראַוונסברוק און פון דאָרט, ווייל ס'איז

נישט געווען קיין פלאַץ פאַר אונדז, זענען מיר געשיקט געוואָרן קיין לודוויגסלוסט. דאָ אין לאַגער זענען אַ סך אומגעקומען פון הונגער, ווייל קיין עסן איז נישט געגעבן געוואָרן. עס זענען אויך געפאַלן מענטשן פון דער אַמעריקאַנער אַוויאַציע, וועלכע האָט באָמבאַרדירט די געגנט.

דעם 1־טן מאַי פון יאָר 1945, האָבן די דייטשן אונדז פאַרלאָדנט אין וואַגאָנען, צו 140 פערזאָן אין אַ וואַגאָן און צוקומענדיק צו אַ וואַלד, איז געקומען אַ באַפעל אויסצושטייגן. ווען די דייטשן באַפעלן אונדז צו גיין אין וואַלד, כלומרשט ווייל די רוסן דאַרפן אָנקומען און זיי וועלן באָמבאַרדירן דעם לאַגער, פירן מיר נישט אויס דעם באַפעל. דאָס ראַטעוועט אונדז אָפּ, שוין עטלעכע, געציילטע שעהן פאַרן ענדע קריג, פון אַ זיכערן טויט.

צומאָרגנס, דעם צווייטן מאַי, ווערן מיר באַפרייט דורך אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

* * *

נאָך פיינפולע וואַנדערונגען, פיזיש און גייסטיק צעבראָכן, קום איך צוריק אין מיין חרוב־געוואָרן שטעטל. נישטאָ מער אונדזער יידיש ווערושאָוו, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע, יידישע קהילות, איז חרוב ונחרב געוואָרן אן עיר ואם בישראל. איך באַשליס וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די טמא׳דיקע ערד, ווו ס׳האָט זיך נאָך געררוי־כערט פון דער גרויזאַמער שריפה. דורך אומלעגאַלע וועגן און נאָכן אָפּזיצן אַ יאָר אין ציפּערן, ווערנדיק פאַרהאַלטן דורך די ענגלענדער, קום איך קיין ישראל אין יאָר 1948 און מאָביליזיר זיך תיכף אין דער אַרמיי, נעמענדיק אָנטייל אין די קאַמפן פאַר באַפרייען דאָס לאַנד.

די ווירושאווער יידישע יוגנט אונטערן האקן־קרייץ

(שמועס מיט אָפּרעראַטעוועטע)

פראַגע: מיט וואָס האָט זיך די יידישע יוגנט באַשעפטיקט אין דער פרייער, פון דער צוואַנגס־אַרבעט, צייט, אויב ס'איז בכלל געווען עטוואָס צייט דערצו?

יצחק גראַבאָווסקי:

ביזן אַריינגיין אין געטאָ, האָט אונדזער פאַמיליע געוווינט אין הויז פון אברהם יצחק ניימאַן. יעדער מאָמענט, וואָס איז געווען פריי פון דער צוואַנגס־אַרבעט, האָב איך אויסגענוצט אויף אויסברייטערן מיין בילדונג. עברית האָב איך געלערנט גרינטלעך צוזאַמען מיט מיין חבר אברהם פאַנקאָווסקי. אויך ענגליש האָב איך געלערנט אויף אַן אויטאָ־דידאַקטישן אופן, צוזאַמען מיט מאיר אַראָנאָוויטש הי"ד. די אַלע ידיעות וואָס כ'האָב אין די דערמאָנטע שפּראַכן — שטאַמען פון דער דעמאָלטדיקער לערע. מאיר אַראָנאָוויטש האָט צו דער צייט זיך געלערנט נאָך אַנדערע שפּראַכן, ווי פּאָרטוגעזיש, גריכיש און אַנדערע. געווען אויך יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אויסגענוצט די צייט צו לערנען זיך פאַכן. מיין שוועסטער האָט זיך געלערנט נייעריי ביי ח. ש. שוואַרצבאַרט.

אבא (יצחק) וואַקסמאַן:

געווען פיל, וועלכע האָבן געווידמעט די פרייע צייט צו לערנען תורה. מיין ברודער, וואָלף לייב הי"ד, האָט עוסק געווען אין לערנען טאָג און נאַכט. אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, פלעגט ער זיצן ביי דער גמרא ביים שיין פון אַ ברענענדיקער קנויט איינגעטונקען אין אייל. מיר, קינדער און יוגנטלעכע האָבן געזאָגט תהילים פון אויסנווייניק. חסידים און אַנדערע אָנגעזעענע פּער־זענלעכקייטן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סגולה צו דערגרייכן די ישועה, אָנווייזנדיק אויפן פסוק אין תהילים „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז". איך דערמאָן זיך, אַז יחזקאל פינקעלשטיין הי"ד און אויך איך האָבן געקאָנט גאַנץ תהילים פון אויסנווייניק. אויך בעת דער אַרבעט פלעגן מיר מורמלען קאַפּיטלעך תהילים.

רייצע ליבער:

קיין שולן פאַר יידישע קינדער אין ווירושאָוו האָבן ביים נאַציישן רעזשים נישט עקזיסטירט. געווען עטלעכע מלמדים, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און אויפגעהאַלטן, געהיים, עטלעכע חדרים. צווישן די מלמדים זענען געווען: לייב דזשאַלאָווסקי, משה הערש זעלמאַן, חיים שלמה שולזינגער און אַנדערע. בכדי אויסצומיידן שווערע אומאַנגענעמלעכקייטן, — ווייל געבן בילדונג

יידישע קינדער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן — פלעגט ביי דער טיר שטיין א „וואַך״, וועלכע האָט אָנגעזאָגט אַן אָנקומענדע געפאַר.

קיין קולטורעלע טעטיקייט איז נישט געפירט געוואָרן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך די יוגנט צוזאַמענקומען אין קלענערע גרופּן און שמועסן וועגן אַ בעסערע צוקונפט. קיין ביבליאָטעקן האָבן נישט עקזיסטירט. אַלע ביכער זענען געוואָרן דורך די דייטשן פאַרברענט.

כ׳דערמאָן זיך: איינמאָל אין אַ ווינטער־שבת, איז אַריינגעקומען צו אונדז אין דער דאָך־שטוב ביי באַדינסקין, ווו מיר האָבן געוווינט, דער דייטשישער פּאָליציאַנט מיללער און געהייסן אַראָפּקוקן צום „פּאָסטערנאָק״. פון דאָרט האָבן זיך געטראָגן פלאַמען פון די ברענענדיקע ביכער. דער פּאָליציאַנט האָט מיט אַ ציניש־שמייכעלע באַמערקט: „איר זעט, די גאַנצע יידישע קולטור גייט אַוועק אין פלאַמען״. עס זענען אָבער געבליבן ביי געציילטע, וועלכע האָבן זיך איינגע־שטעלט, ביכער און ספרים, וועלכע זענען אויך געוואָרן אַריינגעשמוגלט אין געטאָ און איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט.

יצחק פּאַנקאָווסקי:

מיר פלעגן הערן ראַדיאָ. פאַרשטייט זיך, אַז שטרענג־געהיים. די הויפּט־קוועלע פון דעם איז געווען וואָלף ניימאַן, דער זון פון אברהם יהודהן. מיר האָבן אויך דורך פאַרשידענע וועגן איינגעשאַפט זיך דייטשע צייטונגען. צווישן זיך האָבן מיר געפירט שמועסן און דיסקוסיעס וועגן די טאָג־געשעענישן און וואָס עס וואַרט אויף אונדז דער מאָרגן.

צו אונדז פלעגן אַריינקומען אַ צאָל יוגנטלעכע, צווישן זיי: חיים שמולעוויטש, חיימל גערשאָנאָוויטש, פנחס פאַרזשענטשעווסקי און נאָך אַנדערע, מיט וועלכע מיר פלעגן שמועסן וועגן אַלע טאָג־געשעענישן.

פראַגע: ווי האָט אויסגעזען די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו זייערע יידישע שכנים אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע?

יצחק גראַבאָווסקי:

מיין זיידע, ר׳ רפאל, האָט געוווינט אין אַ באַקוועמע דירה פון עטלעכע צימערן אין הויז פון וואָלף שמואל דאַמב. ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט זיך דער קריסטלעכער שכן, פראַנקאָווסקי, אַריינגעריסן אין דער וווינונג און ביי דער מיט הילף פון נאָך עטלעכע „גוטע פּאָליאַקן״, האָבן זיי געראַבעוועט און צוגענומען אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך געפונען. מיט דעם האָט זיך דער גוי נישט באַגנוגנט. ער האָט צוגענומען די וווינונג פון זיידע און זיך דאָרט באַזעצט. דער זיידע מיט דער באָבען זענען געווען געצוווּנגען אַריינצוציען זיך אין אַ קאַמער. דער זעלבער פּאָליאַק האָט כסדר נאָכגעקוקט אַלע באַוועגונגען פון

זיידן נאָך ערב דער קריג. ווען דער זיידע האָט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איינגעגראָבן אויפן הויף אַ ביסל צירונג בכדי עס זאָל זיין אַ געוויסער רעזערוו פאַר אַ שוואַרצער שעה, האָט עס דער גוי באַמערקט און צוגענומען און ווען דער זיידע האָט עס געוואָלט נעמען אויסצובייטן אויף אַ ביסל עסנוואַרג — האָט ער געפונען אַ ליידיק אָרט.

אבא (יצחק) וואַקסמאַן:

אין אַלגעמיין האָבן זיך די פּאָליאַקן אויפגעפירט ווי אויסגעשפּראָכענע פאַרעטער. מיר, דאָס הייסט, אונדזער משפחה, האָבן געפונען, אין געוויסע פאַרמען, אַ בשותפותדיקע שפּראַך דווקא מיטן פאָלקס־דייטש פּאַסטושאַק (דער לאַמער). ער האָט אונדז זאַגאַר באַהאַלטן, איינשטעלנדיק זיך זעלבסט, בשעת פאַרשידענע אַקציעס.

פראַגע: מיט וואָס האָבן זיך יידן מפרנס געווען אין דער תקופה ?

ישראל ליפשיץ:

טייל האָבן געאַרבעט ביי געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן (צוואַנגס־אַרבעטן) פאַר די דייטשן. דער פאַרדינסט איז געווען אַ מינימאַלער. סך הכל האָבן מיר פאַרדינט אַ האַלבן מאַרק אַ טאָג, אָבער אויך די אויסגאַבן זענען געווען מינימאַלע. געווען אויך פאַכלייט, ווי: שניידער, טישלער, זייגערמאַכער, שוסטער א. ד. גל., וועלכע האָבן פאַרדינט נישט שלעכט. דער עיקר פון דער באַפעלקערונג האָבן ממש געהונגערט און אויסגעגאַנגען פון נישט־דערעסנקייט.

יצחק פּאַנקאָווסקי:

ווען מיר זענען געגאַנגען אַרבעטן אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור אין פּאַדזאַמצע, האָבן מיר אויפן וועג געקויפט אין אַ דייטש געוועלב אייל און אַנדערע פּראָדוקטן, פון וועלכן ס'איז געבליבן נאָכן פאַרקויפן, אַ געוויסער פאַרדינסט. מיר האָבן אויך געהאַט פאַרבינדונגען מיט דייטשן (רייכס־דייטשן) וועגן אַריינפירן געוויסע סחורות פון דייטשלאַנד. דער עיקר האָט זיך מיט דעם פאַרנומען שמואל קלמן כהן, אַ געוועזענער איינוווינער פון ברעסלאַו. די אַריינגעבראַכטע סחורה, איז איבערגעשיקט געוואָרן איבער פּוילן.

אבא (יצחק) וואַקסמאַן:

ס'איז ריכטיק, וואָס ישראל האָט דאָ באַצייכנט, אַז אויך די אויסגאַבן זענען געווען מינימאַלע. איך געדענק, ווען מ'האָט געפּאַרבט פּשוטע זעק און געמאַכט דערפון הויזן. מענטשן האָבן פון זיך פאַרקויפט דאָס לעצטע ביסל אַנטועכץ פאַרן פרייז פון אַ ביסל קאַרטאָפל. די צייט האָט געבראַכט דערצו, אַז מענטשן

זאָלן געפונען פאַרשידענע „פּאַטענטן", ווי אויסאַרבעטן קאַרביד־לאָמפּן און אַנ־
דערע „אויסאַרבעטונגען". מיר האָבן אויסגעאַרבעט פאַר פּאַסטושקאָן הילצערנע
שיך.

רייצע ליבער:

ייִדן האָבן נאָך, טיילווייז, געאַרבעט ביי פאַרשידענע פאַכן, ווי בעקער,
טישלער, נייטאַרינס, שניידער און אַנדערע פאַר די דייטשן. די איבעריקע האָבן
פון זיך אַראָפּפאַרקויפט דאָס לעצטע ביסל האָ באון גוטס, בכדי זיך אויסצו־
האַלטן.

יצחק גראַבאָווסקי:

מיין זיידן, ר' רפאל, איז געלונגען אַפּצוראַטעווען עטלעכע פעקלעך פּאַדעם
און דאָס איבערגעוויקלט אין קלענערע שפּולקעס און ביי דער מיטהילף פון
יצחק וואַלפן עס פאַרקויפט צו די דייטשן.

משה לייב יצחקי (איצעק)
חיפה

עפיזאדן פון דער היטלער־צייט

נאַצי־מערדער און זייערע פוילישע מיטהעלפער

בעתן אויסברוך פון קריג אין יאָר 1939, איז די בהלה געווען נישט צו דערשאַצן. פון אַלע שטעט און שטעטלעך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צילאַז, פּאַניש געלויף. צוזאַמען מיט נאָך יידן, פאַרלאָז איך ס׳שטעטל, צו דער ריכטונג פון וואַרשע, ווייל לויט די פאַרשפּרייטע קלאַנגען, האָט אין וואַרשע זיך פּלאַנירט אַן אינטענסיווע פאַרטיידיקונג. פרויען און קינדער, אין דעם אויך מיין פרוי מיט אַ יאָריק קינד, זענען איבערגעבליבן, ווייל „קיין פרויען און קינדער, וועלן זיי נישט טשעפּען". — האָבן זיך יידן באַרואיקט. צוקומענדיק נאָענט צו וואַרשע, וועלכע איז שוין געווען אַרומגערינגלט דורך דייטשע מיליטערישע כוחות, באַקומען מיר אַ באַפעל, זאָפאָרט זיך אומצוקערן.

נאָך פיינפולע וואַנדערונגען, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף יעדן טריט דערשאָסן צו ווערן, קום איך אָן קיין לוטוטאָוו און דאָ ווער איך געוווּיר די טראַגישע נייעס, אַז מיין פרוי צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אין זלאָטשעוו, תיכף ביים אַריינמאַרשירן פון דייטשישן מיליטער. אונדזער יאָריק קינד, וועלכעס איז אַרויס־געפאַלן פון דער האַנט פון דער דערשאָסענער מאַמען, איז געלעגן צוויי טעג, צוזאַמען מיט די אומגעבראַכטע, זייענדיק נאָך ביים לעבן. צופעליק איז דאָרט אַדורכגעגאַנגען אַ דייטשישער סאָלדאַט און דערזעענדיק אַ לעבעדיק קינד, האָט ער דאָס קינד געבראַכט צום פוילישן אַפּטייקער, בכדי ער זאָל עס דערלאַנגען די ערשטע הילף. דער אַפּטייקער זאָגט זיך אָפּ, „ס׳איז דאָך אַ יידיש קינד, נאָך וואָס ראַטעווען?" — זאָגט ער. צוליב דער שטרענגען און קאַטעגאָרישער האַלטונג פון סאָלדאַט, ווערט דאָס קינד אָפּגעראַטעוועט. (לײדער, ווערט מיין קינד אומגעבראַכט אין אַ קורצער צייט שפּעטער).

דערהערנדיק די שרעקלעכע ידיעה, פאָר איך גלייך קיין זלאָטשעוו און מיר ברענגען צו קבר ישראל, מיין פרוי און אַנדערע דערשאָסענע יידן.

אין דער טויט־רעזידענץ פון ד"ר מענגעלע ימ"ש.

פון יאָר 1940, גיי איך אַדורך שרעקלעכע גרוילן אין די פאַרשידענע לאַגערן. דער ערשטער לאַגער, אין וועלכן כ׳בין פאַרשיקט געוואָרן, איז געווען ליבאו ביי פּויזן. דאָרט זענען זייער פיל אַוועקגעשטאָרבן, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן די קלעפּ.

פון ליבאָו, ווערן מיר, אַ גרעסערע גרופּע, געשיקט קיין דייטשלאַנד אין לאַגער קיסטערין־נוישטאַט. דאָרט, באַקום איך דעם לעצטן בריוו פון מיינע נאָענטע, וועלכע טיילן מיר מיט, אַז זיי גרייטן זיך צו דער לעצטער אויסזידלונג.

אין יאָר 1943, ווערן מיר געשיקט אַ טראַנספּאָרט, בערך דריי טויזנט מאַן, קיין אוישוויץ. אַראָפּגייענדיק פון דער באַן, ווערן מיר אויסגעשטעלט אין רייען, צו פינף מאַן און ביי דער באַגלייטונג פון היסטערישע געשרייען און מוראדיקע קלעפּ, הויבן מיר אָן

צו דעפילירן פאַרן טויעריק־באַקאַנטן מלאך־המות. צוקומענדיק נאָענטער, דערזע איך, ווי ד״ר מענגעלע גיט צייכנס מ׳ט דער האַנט. לינקס און רעכטס. לינקס — דאָס איז קרעמאַטאָריום. טויט־אורטייל. רעכטס, הייסט — דערווייל לעבן, בכדי אַרויסצוציען דאָס לעצטע ביסל מאַרך. צווישן ד ילינקס־גייענדע, זענען געווען פיל קראַנקע און געשוואַלענע פון הונגער. צווישן די אַוועקגעפירטע אין קרעמאַטאָריום איז אויך געווען גבריאל אורבאַך, דער זון פון אברהם אורבאַך.

ווען מיין ריי איז דערגאַנגען צו מענגעלען, פרעגט ער מיך, מיט אַ סאַדיסטיש געלעכטער, ביי וואָס איך האָב געאַרבעט אין רייך? דערהערנדיק, אַז מיין אַרבעט איז געווען ביי שיפן־בוי — ווער איך געשיקט אויף רעכטס.

פון אוישוויץ, ווער איך איבערגעפירט אין אַרבעטס־לאַגער, בונו. (אַן אָפּטיילונג פון אוישוויץ). דאָרט טרעף איך באַקאַנטע פון וויערושאָוו, ווי משה קאַרזשוך, לייבל באַרנשטיין, הערש פּראַצעל און אַנדערע.

ווען דער פראָנט דערנעענטערט זיך און רוסיש מיליטער גרייפט אַן אין דער ריכטונג פון אוישוויץ, ווערן מיר איבערגעשיקט קיין בערגען־בעלזען און דאָרט ווער איך באַפרייט דורכן ענגלישן מיליטער.

אין יאָר 1945 בין איך עולה, (דורך בעלגיען), קיין ארץ־ישראל.

יעקב יאַקובאָוויטש

גבֿיית־עדות. יד־ושם 81/1

מיט דעם קריגס־אויסברוך, 1.9.1939. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וויערושאָוו, בין איך מיט מיין משפחה אַנטלאָפן אַזוי ווי מייסטן יידן. זייער שנעל האָבן אונדז די דייטשן אַנגעיאָגט, זענען מיר געגאַנגען צוריק קיין וויערושאָוו. אַנגעקומען זענען מיר אין שטאָט ערב ראש־השנה 1939 און מיר האָבן געזען דעם גרויסן חורבן, וואָס די דייטשן האָבן אַנגעמאַכט באַלד מיט זייער אַריינגיין אין שטאָט: פאַרברענט און חרוב געמאַכט געגנט אַ האַלבע שטאָט, צעראַבירט און אויסגעפּלינדערט אַלע יידישע געשעפטן און וווינונגען.

גלייך דעם זעלבן טאָג האָבן מיך די דייטשן גענומען מיט נאָך עטלעכע יידן, ווי אויך פערד און וואָגן פון שלמה כאַנטשעס. מיר האָבן געהאַט די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַלע דערשאָסענע יידן דורך די דייטשן און זיי קובר זיין אויפן בית־הקברות. צווישן די קרבנות זענען געווען: זלמן אייזנער, ח. קראַשעוויצער, יעקב און ליבקע לוי א.א., וועמענס נעמען כ׳געדענק שוין נישט. מיר האָבן זיי קובר געווען אין איין קבר אונטער אַ שטרענגע וואַך פון דייטשן מיט אַנגעשפּיזטע באַגנעטן.

מיר זענען דאָן געווען בערך אַ 20 יידישע משפחות. קיין פּראָוויאַנט האָבן מיר נישט געהאַט. די דייטשן האָבן אונדז דערלויבט אַרויסנעמען קאַלך־אייער פון די קאַלך־קעלערס. דאָס איז געווען אונדזער איינציקע פאַרפּלעגונג פון ראש השנה 1939.

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה האָט מען דאָס ביסל יידן אַרויסגענומען אין מאַרק און פון דאָרט געשיקט אַרבעטן צו דער באַן אין פּאַדזאַמצע, אַנלאָדן און אויסלאָדן וואַגאָנען מיט פאַרשידענע סחורות. ווער עס האָט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער אַרבעט — האָט מען אים געדראָט מיט דערשיסן.

נאָך ראש־השנה האָבן זיך צו ביסלעך אומגעקערט אַלע לעבן געבליבענע. עס האָט זיך גלייך געפילט אַ מאַנגל אין וווינונגען, ווייל דער גרעסטער טייל מענטשן האָט זייערע וווינונגען געפונען אין חורבות. עס האָט זיך געשאַפן אַ יידישער קאָמיטעט, אין וועמענס שפּיץ ס׳איז געשטאַנען יאָסל יעדוואַב.

יעדן טאָג האָבן די יידן זיך געמוזט פאַרזאַמלען אויפן מאַרק און פון דאָרט האָט מען אונדז געשיקט צו פאַרשידענע אַרבעטן: אַ טייל ביי דער דייטשער באַזעצונג און דער גרעסטער טייל ביים רוימען די חורבות פון די צעשטערטע הייזער.

אַ גרופּע האָט געמוזט יעדן טאָג גיין צו דער זשאַנדאַרמעריע קיין פּאַדזאַמצע. אין אַ געוויסן טאָג, אַנהויב ווינטער 1940, האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן צו דער זשאַנדאַרמעריע אין וויערושאָוו, ווו איך בין געבליבן אַרבעטן ביז צו דער ענדגילטיקער אויסזידלונג און אויסראָטונג פון די וויערושאָווער יידן. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען פון רוימען ביי די דייטשן, זויבער האַלטן דאָס הויז און גאָרטן.

דעם ערשטן ווינטער האָבן די יידן זייער געליטן פון הונגער און קעלט, נישט געווען קיין ברען־מאַטעריאַל. דעם ווינטער איז געקומען אַ דייטש אַלס מייסטער איבער

אַלע אַרבעטן אין שטאָט. ער האָט די מענטשן זייער געפּייניקט ביי דער אַרבעט. אויך איז געקומען אַ סאָלדאַט, וועמען מען האָט געגעבן דער צונאָמען „מאַרש". „מאַרש" איז געווען אַ סאַדיסט. ער האָט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט גענומען די מענטשן אויפן פּאַסטערנאַק און זיי געיאָגט אין די טיפע שנייען און זיי געפּייניקט, כדי צו שטילן זיין סאַדיסטישן דורשט.

פרילינג 1940 האָט מען שוין די יידן אָנגעהויבן שיקן צו דער אַרבעט אויך אין דער אומגעגנט פון וויערושאָוו, ווי אין די דערפער: אָוסיעק, גאַלעוויצע און סאָקאָלניקי. מען האָט געאַרבעט ביי פאַרשידענע עפנטלעכע אַרבעטן. דאָס האָט אַ ביסל געלינדערט די נויט פון די יידן, ווייל מען האָט געבראַכט אַ ביסל פּראָוויאַנט פון די דערפער.

צו דער זעלבער צייט איז אויך אָנגעקומען אַ פרישער פּאָליציי־מייסטער פון לוטוטאָוו. מען האָט אים איבערגעפירט, ווייל ער האָט אין לוטוטאָוו דערשאָסן 2 יידן אָן שום סיבה. די וויערושאָווער יידן האָבן פון יעצט אָן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון דעם מערדער. יעדן טאָג רעוויזיעס אויף יידיש האָב און גוטס; קלעפּ און האַלטן אין אַרעסט, כדי אויסצופּרעסן ידיעות וועגן יידיש האָב און גוטס.

איך געדענק אַ פאַל פון ווינטער 1940: די יידן האָבן געאַרבעט אויסער דער שטאָט און האָבן געפונען אַ סטאַוו פון פיש, האָבן זיי אַהיים געבראַכט פאַרפרוירענע פיש, כדי עטוואָס צו לינדערן די נויט. די פּאָליציי האָט זיך געכאַפּט און זיי געבראַכט אויפן פּאָליציי־הויף, וואָס איז געווען אין אוטוס הויז, ווו דער אַדוואָקאַט גראַבאָווסקי האָט געוווינט. דער גרעסטער טייל זענען געווען פרויען און מיידלעך. מען האָט ביי זיי צוגענומען די פיש, זיי פאַרפּייניקט מיט קלעפּ, זיי האָבן זיך געדאַרפט ריטשן אויף אַלע פיר ביז צום חלשן. דער מצב האָט געדויערט ביז פרילינג 1941.

פרילינג 1941 האָט מען אָנגעהויבן אַוועקשיקן טראַנספּאָרטן אין די פּויזנער לאַגערן. זומער איז אָנגעקומען אַ באַפעל אין דער זשאַנדאַרמעריע, אַז מען זאָל אויסזידלען פּאַליאַקן. ווער עס האָט דעם באַפעל איבערגעדרייט, ווייס איך נישט — נאָר אַנשטאָט פּאַליאַקן האָט מען גאָר אויסגעזידלט יידן. ביים טרייבן די מענטשן צו דער באַן האָט מען געשלאָגן מכות־רצח. מען האָט אַלע אַוועקגעפירט אין פּוילישן ספּאָרט־קלוב „סאָקול" און נאָכהער קיין פּראַשקאַ. דאָרט האָט מען די מענטשן אַריינגעיאָגט אין סטאַדאָלעס אונטער אַ וואַך. אין עטלעכע טעג אַרום זענען אַלע צוריק געקומען קיין וויערושאָוו. דעם זעלבן טאָג פון דער אויסזידלונג האָט מען משה פענק, וועלכער איז געווען קראַנק, דערשאָסן.

אומגעפער אין סעפּטעמבער פון יאָר 1941 האָט מען די יידן מיטגעטיילט, אַז זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער און אַריבערגיין אין געטאָ, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם ענגן ווינקל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם הויז, ווו דער רב האָט געוווינט און זיך געענדיקט ביי דער „פּראַסנאַ" און דאָס פערטל פון דער מקוה־געסל. ביז ענדע אָקטאָבער האָט יעדער ייד שוין געמוזט זיין אין געטאָ. נאָר איינצעלנע משפחות פון פּאָכלייט, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, זענען געבליבן וווינען אויסערן געטאָ.

ביים פאַרמאַכן דעם געטאָ זענען געבליבן אומגעפער 1.200 יידן. די פאַרפלעגונג

האַבן די יידן באַקומען צוגעטיילט פון ווילנער קאָמיטעט, ווייל דאָס איז געווען דער קרייז־קאָמיטעט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע עפּאָכע פון אויסהונגערן און ליקווידירן די נאָך לעבן געבליבענע וויערושאָווער יידן. די וווינונגס־באַדינגונגען שרעקלעכע: צו 2 און 3 משפּחות אין איין שטוב. נישט געווען מיט וואָס צו הייצן און וואָס צום עסן.

מיטן אַריינטרייבן די יידן אין געטאָ איז אויך געוואָרן נאָמינירט אַ גרויסער יידישער פּאָליציי־שטאָב, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט היטן די אָרדנונג און אַלע אַרבעטס־פּעאיקע זאָלן יעדן טאָג אַרויסגיין צו דער אַרבעט, קיינער זאָל נישט פאַרלאָזן דעם געטאָ אָן אַ דערלויבעניש. זיי האָבן שטענדיק געמוזט זיין צו דער דיספּאָזיציע פון דער זשאַנדאַרמעריע.

אומגעפער פּסח־צייט 1942, האָט מען פון געטאָ אַרויסגעשיקט אַ גרופּע מענער אין די פּויזנער לאַגערן. פון סאָקאָלניקי און גאַלעוויצע האָט מען אין דער זעלבער צייט אַוועקגעשיקט די מיידלעך אין די פּויזנער לאַגערן. מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס שיקן מענטשן אין די אַרבעטס־לאַגערן.

אַזוי, אין הונגער און אין נויט, זענען אַדורך נאָך עטלעכע מאָנאַטן אין געטאָ, ביז 11.8.1942.

מיר האָט מען געזאָגט, אַז כ׳זאָל היינט עטוואָס פריער גיין פון דער אַרבעט אַהיים, אין געטאָ. אויפן וועג האָב איך געזען, אַז ס׳זענען אָנגעקומען פיל פרעמדע זשאַנדאַרמען. כ׳האָב געזען, אַז ביי יאַשע בעקער אויפן דאַך שטייט אַן ס.ס.־מאַן מיט מאַשין־געווער. איך האָב געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס שרעקלעכעס. כ׳בין אַריין אין געטאָ, אָבער אין געטאָ האָט זיך נישט געפילט קיין ספּעציעלע שטימונג.

פאַרנאַכט זענען די דייטשן אַריין אין געטאָ און באַפוילן, אַז אַלע אָן אויסנאַם זאָלן אַרויס אין גאַס, ווער ס׳וועט נישט אַרויסגיין — וועט גלייך ווערן דערשאָסן. די מענטשן האָבן זיך אויף גאָרנישט געריכט און האָבן מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען. די דייטשן האָבן גלייך אָנגעהויבן אַלעמען צו טרייבן אין דער ריכטונג פון קאַשציאַל. אונטער קלעפּ און געשרייען. דאָס געלויף פון די צעשראָקענע מענטשן האָט אויסגעזען שרעקלעך. דערביי איז צעטרעטן געוואָרן די פרוי פון שאַמשע דעם בעל־עגלה אויף טויט.

אין געטאָ זענען געבליבן עטלעכע קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקענט גיין. מען האָט זיי צוזאַמענגענומען אין איין צימער און געהאַלטן ביז צום טאָג פון דער אויסזידלונג. מען האָט זיי דאַן דערשאָסן צוזאַמען מיט די עלטערע מענטשן. צווישן די קראַנקע איז געווען יעקב מאַיעראָוויטש, ווען מען ס׳איז געלונגען אויפן וועג, ווען מען האָט געפירט זיין טראַנספּאָרט פון די פּויזנער לאַגערן קיין אוישוויץ, אַראָפּצו־שפּרינגען. דערביי האָט ער צעבראָכן אַ פוס. ס׳איז אים געלונגען אָנצוקומען אַ היים, ווו ער איז געלעגן מיט אַ פאַרגיפּסיווען פוס.

די באַדינגונגען אין קאַשציאַל זענען נישט צום באַשרייבן. קיין וואַסער איז נישט געווען, געוואַשן האָט מען זיך נישט. די מענטשן האָבן אויסגעזען ווי ווילד און אַפּאַטיש. יעדן טאָג האָבן די זשאַנדאַרמען גענומען אַ גרופּע מענטשן און אַריין מיט

זיי אין פאַרלאָזטן געטאָ און וואָס מען האָט געפונען פון עסנוואַרג, האָט מען מיט־גענומען, עס פאַרטיילט און דאַן האָט מען געקאָכט אַ גרויסן קעסל אויפן הויף. אַברהם יהודה ניימאַן איז געווען דער אויסטיילער פונעם עסן. דאָס האָט זיך געצויגן ביז שבת.

שבת אין דער פרי, דעם 16.8.1942, זענען די זשאַנדאַרמען אַריין אין קאַשציאַל און באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין. די, וועלכע האָבן נישט געקענט גיין, האָט מען גלייך אויפן פּלאַץ דערשאָסן. 5 מאַן זענען זיי געווען, נאָכער האָט מען גענומען מיר און נאָך 19 מאַן. מיר האָבן געבראַכט די עגלה פון דער חברה קדישא. מיר האָבן די דערשאָסענע אַריינגעלייגט אין דער עגלה און אָוועקגעשלעפּט ביזן בית־הקברות. אויפן וועג האָט דאָס פאַרעמע בלוט פון די קרבנות גערונען.

אויפן בית־הקברות, אונטער אַ שטאַרקער וואַך פון זשאַנדאַרמעריע, האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל אויסצוגראָבן אַ קבר פון 17 מעטער די לענג און 1,70 מעטער די ברייט. מיר זענען געווען זיכער, אַז דער קבר איז פאַר אונדז. אָבער נאָך מיטאָג, ווען מיר האָבן געענדיקט גראָבן, האָבן מיר אַריינגעלייגט די 5 דערשאָסענע און אונדז האָט מען צוריק געפירט אין קלויסטער. מיר האָבן באַקומען עטוואָס עסן.

איך האָב געזען, אַז מען האָט שוין אויסגעקליבן אַ גרופּע פון עלטערע און קראַנקע מענטשן. די מענטשן האָט מען אָוועקגעפירט אין דער מקווה. אין אָוונט, האָט מען אויסגעזוכט 10 געזונטע און שטאַרקע מענער און מען האָט זיי אויך אָוועקגעפירט אין דער מקווה. זייער אויפגאַבע איז געווען אַרויסצונעמען פון מקוה איינציקווייז מענטשן, זיי צופירן צום ס.ס.־מאַן צום דערשיסן. דעם דערשאָסענעם האָבן זיי באַלד אַרויפגעוואָרפן אויף פּלאַטפאָרמעס, וואָס זענען געווען צוגעגרייט.

ביי דער אויסזידלונג זענען דערשאָסן געוואָרן 83 מאַן. ווען מען האָט געענדיקט דאָס דערשיסן, האָט מען די פּלאַטפאָרמעס איינגעשפּאַנט אין פערד און אַרויסגעפירט אויפן בית־הקברות. די קרבנות האָט מען אַריינגעוואָרפן אינעם מאַסן־קבר.

די 10 מאַן זענען צוריק געקומען און האָבן מיר דערציילט וועגן דעם. קיין איינער פון זיי לעבט נישט.


איך געדענק אַ פאַל: אברהמ׳טשע הויקער איז געלונגען בעת דער סאָרטירונג זיך אויסצובאַהאַלטן און ער האָט זיך געפרייט, אַז ער האָט אָפּגענאַרט דעם מלאך־המות. אָבער די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. ביינאַכט איז געקומען דער זשאַנדאַרם שמידט, וועלכער האָט באַמערקט, אַז אברהמ׳טשע פעלט צווישן די דערשאָסענע. ער האָט אים געזוכט אין קלויסטער און געפונען. ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך און דערשאָסן.

זונטיק אין דער פרי האָט מען ווידער גענומען די גרופּע פון די 20 מאַן, וועלכע האָבן געגראָבן דעם קבר. מען האָט אונדז געפירט אויפן בית־הקברות, מיר זאָלן צושיטן דעם מאַסן־קבר. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק: אַ גרוב אָנגעוואָרפן מיט טויטע, דערמאָרדעטע מענטשן — דיינע נאָענטע — דיין טאַטע, דיין מאַמע. אָבער מיר זענען געשטאַנען אונטער באַגנעטן־וואַך און האָבן די אַרבעט געמוזט מאַכן אין אָרדנונג.

צו מאַרגנס, מאַנטיק, איז געקומען אַ קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעקליבן 104 מאַן — מענער און פרויען — אַרבעטס־פעאיקע און מען האָט אונדז געשיקט קיין ווילון, און פון דאָרט, נאָך 2 טעג אין לאָדזשער געטאָ. די איבעריקע, אומגעפער פון 800 ביז 900 מאַן, האָט מען אָוועקגעפירט צו פאַרניכטונג קיין כעלמנאָ. דאָס איז געווען דעם 22.8.1942. אַזוי האָט אויסגעזען די פאַרניכטונג פון וויערושאָווער יידישן ישוב.

נאָכן אַריינקומען אין לאָדזשער געטאָ האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי פאַרשידענע אַרבעטן. אַזוי ביז צו דער אויסזידלונג פון לאָדזשער געטאָ, 20.8.1944, קיין אוישוויץ.

פון אוישוויץ האָט מען מיך געשיקט קיין דאַכאַו, ווו כ'בין געווען ביז צו דער באַפרייונג, דעם 2.5.1945.



פרימעט וואָלעצקי — אָלעשינסקי
פראַנקרייך

אין די וועלדער פון ווייסרוסלאנד

(זכרונות פון דער בלוטיקער תקופה)

1

ערשטע טעג נאַצישער הערשאפט

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָבן מיר געוווינט אין לאָדזש ווו מיר האָבן מיט שרעק נאָכגעפאָלגט די געשעענישן. באַלד אין די ערשטע טעג נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשישע מיליטערישע קרעפטן, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן איינפירן אַ ברוטאַלן טעראָר קעגן דער באַפעלקערונג, דער עיקר, קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אונטערן איידעלן נאָמען „רעקוויזירט" — ווערן באַראַבעוועט יידישע שטובן און אַלע ווערט־זאַכן ווערן צוגענומען. אויך יידיש לעבן ווערט הפקר, מען איז נישט זיכער צו באַווייזן זיך אין גאַס. עס ווערן פאַרכאַפט יידישע מענער, וועלכע קומען שוין קיינמאָל נישט צוריק. זיי באַפאַלן איינמאָל אַ קאַפע און נעמען פון דאָרט אַרויס צען יידישע מענער, וועלכע ווערן דערשאָסן. אַלע טאָג קומען אָן נייע גזירות געווענדעטע קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. איבערהויפט האָט אונדז באַהערשט אַ פּחד, ווען ס'קומט אָן אַ באַפעל, אַז יידן מוזן טראָגן די געלע לאַטע.

צו דער צייט האָבן זיך אין לאָדזש געפונען מאַסן פּליטים פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע זענען מיטן קריגס־אויסברוך אַנטלאָפן אין דער גרויסער שטאָט. אויך פון אונדזער היים־שטעטל וויערושאָוו זענען אָנגעקומען זייער פיל יידישע פאַמיליעס, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די עלטערן פון מיין מאַן לייב ווי אויך מיין שוועסטער מיט די קינדער.

נאָך אַ קורצער צייט, זעענדיק, אַז די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפן אויף דער רוסישער זייט, בכדי דאָרט איבערצולעבן דעם קריג. מיין שוואָגער מאיר וואָלעצקי מיט איידל גראַבאָווסקי, קומען אָן קיין לאָדזש און נעמען חופּה־וקדושין אין דער וווינונג פון גוטשע כתריאל און באַלד צומאָרגנס לאָזן זיי זיך אין וועג אַריין. מיט זיי שליסט זיך אָן מיין מאַן לייב און איך באַשליס צוערשט זיך צו געזעגענען מיט מיינע עלטערן און געשוויסטער און דערנאָך זיך צו פאַראייניקן מיט זיי.

2

מיין לעצטער באזוך אין ווארשע

מיט נישט ווייניק טויט־שרעק איז פֿאַרבונדן מיין נסיעה קיין ווארשע. צוליבן פֿאַרבאָט פֿאַר יידן צו פֿאָרן מיט דער באַן, בין איך געצוווּנגען אַראָפּצונעמען די געלע לאַטע און פֿאַר דעם „פֿאַרברעכן", האָבן מיר געדראָט גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן.

ענדלעך בין איך אָנגעקומען אין שטעטל, וואָס איז נישט געווען צו דערקענען. דאָס רוב יידישע הייזער זענען געווען פֿאַרברענט. אויך די שטוב פֿון מיינע עלטערן האָט געליטן פֿון דער שריפֿה און זיי האָבן געוווינט ביי מיין שוועסטער. פֿון ערשטן בליק אויף מיין טאַטע־מאַמע, האָט דאָס בלוט געקאָכט אין מיינע אָדערן. מיין פֿאָטער, מיט דער אָפּגעשוירענער באָרד און קורצן אָנצוג, איז נישט געווען צו דערקענען. מיין האַרציקע מוטער, ווען זי האָט מיך דערזען, איז געווען גליקלעך, אָבער זי האָט מורא געהאַט פֿאַר מיין לעבן און מיר געזאָגט: „קינד מיינס, מוזט אַלץ טאָן זיך צו ראַטעווען, מילא אונדז עלטערע מענטשן, וועלן זיי אפֿשר לאָזן אָפּשטאַרבן אויפֿן אייגענעם בעט". ס'ווערט מיר נאָך היינט קאַלט, ווען כ'דערמאָן זיך די לעצטע ווערטער פֿון מיין ליבער האַרציקער מוטער.

דאָרט ווער איך אויך געוווּיר וועגן די ערשטע בלוטיקע טעג אין ווארשע, וועגן די רויבערייען און אונטערצינדונגען און וועגן די ערשטע קדושים — די פֿאַמיליע לעווי און אַנדערע — וועלכע זענען אויף אַ ברוטאַלן און באַרבאַרישן אופֿן דערשאָסן געוואָרן, באַלד ביים אַריינמאַרש פֿון דער אַרמיי.

איך לייג פֿאָר מיין שוואָגער, יעקב לייב שמולעוויטש און מיין ברודער הערשל אַלעשינסקי, זיי זאָלן מיט מיר מיטפֿאָרן קיין לאָדזש און ווען לייב וועט קומען נאָך מיר וועלן מיר פֿאָרן צוזאַמען, ווייל דער עיקר געפֿאַר אין דער־אָ צייט איז געווען פֿאַר מענער. זיי ווילן אָבער נישט פֿאַרלאָזן זייערע פֿאַמיליעס. ליידער איז פֿון זיי קיינער נישט געבליבן.

מיט האַרץ־ווייטיק און אַ באַגאָסענע מיט טרערן, געזעגן איך זיך מיט מיינע טייערע עלטערן, מיט מיין גאַנצער פֿאַמיליע, מיט מיין היים־שטעטל. זיי געזעגענט ווארשע אויף אייביק!

3

אויפֿן וועג צו דער רוסישער זאָנע

זייענדיק אין לאָדזש אַ קורצע צייט, קומט אָן פֿון גראָדנע מאיר וואָלעצקי אין דער באַגלייטונג פֿון אַ ווארשעווער קריסט, קעמפּינסקי, וועלכער האָט אונדז געזאָלט

אדורכשמוגלען דורכן גרענעץ־פונקט מאַלקין. דער גוי גיט אונדז צו האַפנונג און ער הייסט מיטנעמען אַלע זאַכן, וואָס מיר פאַרמאָגן. עס פאָרן מיט אונדז מיט שרה פאַרזשענטשעווסקי מיט איר שוועגערין שעראַצקי, וועלכע זענען צו אונדז אָנגעקומען. אַלע אונדזערע זאַכן נעמט צו דער קריסט און לויט, ווי ער האָט געזאָגט, זענען אַלע זאַכן געוואָרן מיטגעשיקט מיט דער באַן. ליידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַליאַקן האָבן זיך באַלד אָנגעהובן ווארעמען אין דער ידישער שריפה. נישט בלויז וואָס ער האָט צוגענומען אַלע אונדזערע זאַכן, איז ער אַפילו מיט אונדז נישט מיטגעפאָרן. אין געדראַנג און מהומה ביי דער באַן אין וואַרשע, איז ער געוואָרן פאַרשווונדן.

אַראָפּגייענדיק פון דער באַן אין מאַלקין, דערהערן מיר אַ שיסעריי און מיר מוזן ליגן אַ געוויסע צייט אויף דער ערד. נאָך דער פּאַנישער שיסעריי, דערזען מיר, אַז מיר האָבן זיך פאַרלוירן מיט מאירן און שעראַצקי. ווו צו גיין, ווייסן מיר נישט, אָבער איינס איז קלאָר, אַז צוריק איז נישטאָ קיין וועג און מיר, איך מיט שרהן הויבן אָן צו מאַרשירן.

אויפן וועג באַפאַלן אונדז צוויי יונגע פּוילישע שיקסעס, וועלכע נעמען צו פון אונדז די איבערגעבליבענע זאַכן. צו אונדזער גליק טרעפן מיר אויפן וועג אַ גרופּע מענטשן און לויט זייערע באַוועגונגען און געשפּרעכן, זעען זיי אויס ווי שמוגלער. מיר גייען זיי נאָך און אין אַ קורצער צייט קומען מיר אָן אויף דער רוסישער זאָנע, וווּ מיר טרעפן זיך מיט מאירן און שעראַצקי. נאָכן אַרויסדרייען זיך פון דער רוסישער וואַך, וועלכע האָט אונדז פאַרהאַלטן, קומען מיר ענדלעך אָן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון ביאַליסטאָק און פון דאָרט פאָרן מיר קיין גראָדנע, ווו לייב האָט שוין געהאָט צוגעגרייט אַ וווינונג און מיר האָבן דאָרט געוווינט דריי פאַמיליעס, איך מיטן לייבן, מאיר מיט איידל גראַבאָווסקי און פּנחס מיט זיין פרוי.

אַ קורצע צייט האָבן מיר געלעבט אין גראָדנע, מיטמאַכנדיק אַלע שוועריקייטן פון אַ פּליטים־לעבן, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע אַנטלאָפענע פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך.

4

פּאַספּאָרטן־גזירה און פאַרשיקונגען

ס'איז נישט געווען באַשערט קיין רואיק לעבן. עס קומט אָן אַ פאַראָרדנונג פון דער סאָוויעטן־מאַכט, אַז די פּליטים דאַרפן אַרויסנעמען סאָוויעטישע פּעסער און ווער ס'וויל נישט, קאָן זיך פאַרשרייבן אויף צוריקצופאָרן קיין פּוילן. איך מיט לייבן האָבן אַרויסגענומען פּעסער, מיר האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וועט אונדז דערמעגלעכן איבער־צולעבן דעם קריג. מאיר מיט פּנחסן האָבן זיך אָפּגעזאָגט און זיי האָבן זיך פאַרשריבן צוריקצופאָרן.

איינמאָל, אין אַ נאַכט, זענען אַריין צו אונדז עטלעכע מיליטער־לייט און האָבן מיט זיך מיטגענומען מאירן מיט פּנחסן און זייערע פרויען. אין דער פרי זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אין גראָדנע זענען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן פון די, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן צוריקצופאָרן און אַלע זענען געוואָרן פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע־אַרבעט אין אַרכאַנגעלסקער געגנט. ביזן דערהאַלטן פון זיי די ערשטע ידיעה, זענען מיר געווען שרעקלעך באַזאָרגט וועגן זייער גורל. אין אַ געוויסע צייט, האָבן מיר באַקומען די ערשטע ידיעה. זיי האָבן אונדז מיטגעטיילט וועגן די שרעקלעכע באַדינגונגען און זייער שווערן קלימאַט. ליידער האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט העלפן.

אויך פאַר די, וועלכע האָבן אַרויסגענומען פּעסער, איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדנונג, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן אַלע ביי־גרענעץ שטעטלעך. מיר באַקומען אַ באַפעל צו פאָרן קיין סטאָלפּצע, געוועזענע פויליש־ווייסרוסישער גרענעץ.

נאָך גרויסע שוועריקייטן ביים געפינען אַ שטוב און אַרבעט, אָרדענען מיר זיך איין צו ביסלעך. לייב באַקומט אַרבעט אין אַ גאָרטן און איך אין אַן אַטעליע, ווו ס'ווערט אויפגענייט באַקליידונג פאַר דער אַרמיי.

אַזוי האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט פון יאַנואַר 1940 ביזן אויסברוך פון רוסיש־דייטשן קריג.

5

די בארבארן ביי דער ארבעט

מיט אַ בליץ־שנעלקייט יאָגט זיך די נאַצישע מגיפה זייענדיק אויף דער פאַרכאַפּטער טעריטאָריע טויט און פאַרניכטונג. ווייסרוסלאַנד איז אין אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן באַהערשט דורך היטלעריסטישע חילות און זיי דערגרייכן אויך קיין סטאָלפּצע. מיר זענען באַהאַלטן אויפן הויף אין אַ בונקער. דייטשע סאָלדאַטן יאָגן אונדז פון דאָרט אַרויס אין שטוב אַריין, וועלכע ווערט אונטערגעצונדן. מיר אַנטלויפן קוים מיטן לעבן צום וואַסער, וואָס געפינט זיך נישט ווייט. דאָרט, אונטער דער שטאָט, דערזען מיר דעם גרויסן חורבן, מיט די גרויסע צאָל קרבנות, וואָס ס'האָט אָנגעמאַכט די דייטשע אַוויאַציע. אויף טריט און שריט ליגן טויטע און פאַרוווּנדעטע, וועלכע גייען אויס, נישט באַקומענדיק קיין הילף. מיר געפינען זיך דאָרט ביז ס'ווערט פינצטער און דערנאָך גייען מיר צוריק אין שטאָט.

צונויפגענס ווערן מיר אויפגעפאָדערט צוצושטעלן זיך 7 אַזייגער אין דער פרי אויפן שטאָט־פּלאַץ און דאָרט באַקומען מיר נומערן און ווערן צוגעטיילט צו אַרבעט. לייב ווערט צוגעטיילט צו בוי־אַרבעט און איך מיט נאָך עטלעכע פרויען ווערן געשיקט רייסן

גראַז, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף פאַרשידענע דערנידעריקונגען און פּייניקונגען. נאָך עטלעכע טעג, ווערן מיר אויפסניי אויפגעפאָדערט זיך צו פאַרזאַמלען אויפן פּלאַץ און דאָרט ווערט אונדז געמאָלדן, אַז צוליב אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, וואָס איז באַשטאַנען אין אויסגראָבן אַ ביסל קאַרטאָפל אין פעלד, ווערן מיר באַשטראָפט. ס׳ווערן אַרויסגענומען פון דער ריי צוואַנציק יונגע פרויען און מענער און אָוועקגעפירט צום דערשיסן.

אָבער די אַלע מערדערייען קאָנען נישט ווערן פאַרגליכן צו דער טראַגישער שחיטה אין איינער אַ נאַכט. דאָס איז געווען בערך אַכט טעג נאָך דער דערשיסונג. ביינאַכט האָבן מיר געהערט אַ פאַרדעכטיקן טומל פון דער גאַס און בכדי זיך צו דערוויסן וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן, זענען מיר אַרויף אויפן בוידעם און פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד: פון שכנותדיקן הויז זענען געוואָרן אַרויסגעשלעפּט אַ גרופּע מענער, זיי צוגעשטעלט צו דער וואַנט און נאָכן באַגיסן מיט בענזין — זיי אונטערגעצונדן. די קרבנות, לעבעדיקע פאַקעלן, האָבן זיך געפּייניקט אין שרעקלעכע יסורים, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען.

די עטלעכע מענער, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אונדז, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם אומגליק. ביז פאַרטאָג האָבן די סאַדיסטן געבושעוועט איבער דער שטאָט, ווי אַ שרעקלעכע מגיפה, אומברענגענדיק מאַסן יידן.

צומאָרגנס איז ווידער געוואָרן פאַרטיילט די אַרבעט. מיר האָט אַנגעגליקט, וואָס כ׳בין געוואָרן געשיקט אין דער וועשעריי. אַנדערע פרויען זענען געוואָרן געשיקט צו דער באַן־ליניע, צו שווערע פיזישע אַרבעט און זייער ווייניק האָבן אויסגעהאַלטן די קאַטאָרגע־באַדינגונגען און רוצחישע באַציאונג.

ווען אין יאָר 1941 ווערט געשאַפן דאָס געטאָ, פילן מיר, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. מיר דערוויסן זיך, אַז פיל פון די דערנעבנדיקע שטעטלעך זענען שוין יידן־ריין און כאָטש מיר באַקומען פאַלשע הבטחות, אַז ווער עס אַרבעט וועט אים גאָרנישט פּאַסירן — ווייסן מיר אָבער, אַז דאָס איז אַ טייל פון דער ראַפינירטער נאַצישער פּאָליטיק אויסצוראָטן ס׳יידישע פאָלק.

דערווייל ווערן מיר געפירט צו פאַרשידענע אַרבעטן און טאָג־איין, טאָג־אויס, ווערן צוגענומען יידישע מענער, וועלכע קומען שוין נישט צוריק.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, מעלדעט דער יודען־ראָט, אַז לויט אַ באַפעל פון דער מאַכט, מוזן זיך צושטעלן 500 יונגע מענער אויף אַרבעט קיין מינסק. פאַר אונדז איז קלאָר, אַז דאָס ווילן די דייטשן אַרויספירן די פיזיש נאָך געזונטע מענער, בכדי זיי צו פאַרלייכטערן דאָס אומברענגען די איבערגבליבענע עלטערע מענטשן און דער עיקר די פרויען מיט די קינדער. פאַר מיר מיט מיין מאַן לייב, וועלכער איז צייטווייליק איבערגעבליבן אויפן אָרט, ווערט רייף דער געדאַנק, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו אַנטלויפן אין די וועלדער.

6

ליקווידאַציע פון דער סטאָלפּצער געטאָ

אין טאָג פון יום־כפּור האָט דאָס פּאַסירט.

פון פאַרטאָג ווערט די געטאָ אַרומגערינגלט דורך דייטשן, ווייסרוסן און ליטווינער. עס ווערן אַרויסגעלאָזט געציילטע יונגע מענער צו דער אַרבעט. פאַר אַלע איבעריקע איז דער אַרויסגאַנג פאַרבאָטן. אַ טייל פון די געטאָ־איינוווינער זענען געווען באַהאַלטן אין די פריער־צוגעגרייטע בונקערס, מיינענדיק, אַז דאָס וועט זיי אָפּראַטעווען. איינס אַזייגער בייטאָג באַמערקן מיר עפּעס אַ באַוועגונג ביים טויער. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אָנגעקומען פון דער קאָמענדאַטור אַ רשימה פון וועשערינס, וועלכע דאַרפן זאָפאָרט ווערן אַרויסגעלאָזט. איך בין אויך געווען צווישן זיי און דאָס האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון דער שרעקלעכער שחיטה. די פרויען, וועלכע ס'איז דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגיין און האָבן געהאַט קינדער, זענען געוואָרן אויפגעפאָדערט איבער־צולאָזן די קינדער (פריער איז זיי געווען דערלויבט מיטצונעמען די קינדער צו דער אַרבעט), און זיי זענען דאָרט פאַרבליבן, נישט וועלנדיק זיך צעשיידן מיט זיי. טראַגיש האָט אויסגעזען דאָס בילד, ווי די פרויען מיט די קינדער האָבן זיך געקלאַמערט ביי די דראָטן, וואַרטנדיק אויפן טראַגישן סוף. דריי אַזייגער בייטאָג, ווען מיר, 15 וועשערינס זענען שוין געווען אין דער קאָמענדאַטור, האָבן מיר באַמערקט אַ פייער גייט פון געטאָ. דאָס האָט איינער פון די איבערגעבליבענע יידן, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט פירן ווי צו דער שחיטה, אָנגעצונדן זיין הויז און אָן אָנגעטוענער אין תלית, איז ער אומ־געקומען אין די פלאַמען. אין דעם מוראדיקן טאָג זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוויי טויזנט יידישע נפשות, פרויען, מענער און קינדער, וועלכע זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין די פון פריער צוגעגרייטע גריבער.

עס ווערט פאַרגליווערט דאָס בלוט, ס'ווערט אויסגעטריקנט דער מאַרך, ווען איך דערמאָן זיך וואָס ס'האָבן אונדז דערציילט עטלעכע ווייסרוסן, ווי אַזוי ס'איז פאַרגעקומען די גרויזאַמע שחיטה איבער די צוויי טויזנט אומשולדיקע יידישע נפשות! קינדער זענען געוואָרן אָוועקגעריסן פון די מאַמעס און לעבעדיקערהייט געוואָרן געוואָרפן אין די קברים!

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער אָדורכגעפירטער סאַדיסטישער אַקציע דורך צעיושעטע חיות אין פאַרלויף פון איין טאָג, אין טאָג פון יום־כפּור!

מיר זענען נאָך געבליבן 500 נפשות, נויטיקע צו פאַרשידענע אַרבעטן, קאַנדידאַטן אויף צו טיילן דעם זעלבן גורל.

מיין מאַן לייב, וועלכער האָט געאַרבעט מיט נאָך עטלעכע יונגע מענער ביי דער באַן, האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין מיט נאָך אַ גרופּע אין די וועלדער. איך בין דערווייל געבליבן אין דער קאָמענדאַטור, ווייל ס'איז נישט געווען מעגלעך צוצוקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ פון לייבן.

נאַכן אפּאַרבעטן אַכט טעג אין דער װעשערײַ, זענען מיר געגומען געװאָרן אין געטאָ אויף רייניקונגס־אַרבעטן. מיר זענען באַגלייט געװאָרן דורך זשאַנדאַרמעריע און דרעסירטע הינט, װעלכע האָבן געניִשטערט צי ס׳איז נישט אַמאָל געבליבן עמיץ ביים לעבן. פיל בונקערס זענען געװאָרן אויפגעריסן און די געצײלטע באַהאַלטענע ייִדן,



בערל לייזרוביץ ואשתו איה״ל מבית זיידמן מתו מרעב ברוסיה
בערל לייזראוויטש און זיין פרוי אידל פון דער הײם זיידמאן,
אומגעקומענע פון הונגער אין רוסלאַנד.

װעלכן האָבן זיך דאָרט געפונען גאַנצע אַכט מעת־לעת, װערן אַרויסגעשלעפּט און דערשאָסן אויפן אָרט.

נאָך דער אויסרייניקונג, האָבן זיי אָפּגעטײלט אַ טייל פונעם געטאָ פאַר די, װעלכע זענען נאָך געבליבן ביים לעבן. װען מיר באַקומען אַ מעלדונג, אַז נאָך דער אַרבעט װערן מיר צוריקגעפירט אויף ביינאַכט אין געטאָ און מורא האָבנדיק, אַז איצט

קומט די ריי אויף אונדז, באַשליסן מיר, איך און נאָך אַ פרוי, זיך צו באַהאַלטן אין דער קראַנקן־שטוב, ביי דער קאָמענדאַטור. פּאַרזיכטיק גייען מיר דאָרט אַריין דורכן פענצטער און ליגן און וואַרטן מיט טויט־שרעק. אין דעם ווערט די טיר אויפגעשלאָסן און ס׳קומט אַריין אַ דינסט, אַ פּוילישע שיקסע. ווען זי דערזעט אונדז, פאַרמאַכט זי די טיר און גייט אַוועק. דאָס איז זי געגאַנגען מעלדן, אַז יידן באַהאַלטן זיך. נאָך אַ קורצער צייט, קומט צו אונדז אַריין אַ דייטש מיט אַ הויכער ראַנגע און ווען ער דערזעט אונדזער שרעק און ציטערניש, זאָגט ער, אַז מיר זאָלן נישט מורא האָבן. ער איז אַריינגעקומען ווייל די „פּוילישע שוויין" האָט אים אַריינגעשיקט. אָבער, בכדי אויסצומיידן אומאַנגענעמלעכקייטן, ראָט ער אונדז צו גיין אין געטאָ.

אַזוי האָבן מיר אַדורכגעלעבט עטלעכע טעג. בייטאָג אין דער קאָמענדאַטור אויף אַרבעט און ביינאַכט אין געטאָ. טעג פול מיט קאָשמאַרן, ווייל אונדזער לעבן איז געווען פולשטענדיק הפקר. יעדער באַנדיט האָט געטאָן, וואָס ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט. אָנפאַלן און פאַרגוואַלדיקונגען זענען געווען אָפטע דערשיינונגען.

איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, קומענדיק פון געטאָ צו דער אַרבעט אין דער קאָמענ־דאַטור, האָב איך דאָרט געטראָפן מיין מאַן לייב. ער איז נאָך מיר געקומען פון וואַלד איינשטעלנדיק דאָס לעבן. ער איז דאָרט אָנגעקומען ביינאַכט און זיך אויסבאַהאַלטן ביז אונדזער אָנקומען.

אין אָוונט געלונגט אונדז, צוזאַמען מיט נאָך 20 מאַן, צו פאַרלאָזן דעם גהינום.

7

אין וואַלד

צו דער צייט, האָבן זיך געפינען אין די וועלדער גרעסערע גרופּן אַנטלאָפענע פון פאַרשידענע געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן. אונדזער גרופּע ציילט אינגאַנצן עלף מאַן, ווייל די סטאָלפּצער איינוווינער, האָבנדיק באַקאַנטע פּויערים אין דער אַרומיקער סביבה, טיילן זיך פון אונדז אָפּ. בלויז איין פרוי פון סטאָלפּצע, רבקה האַרקאַווי, בלייבט מיט אונדז „ביעזשענצעס". צווישן אונדז האָבן זיך געפונען: נוטקע ווערטהיים (אַן אַדוואָקאַט), מאַניעק ווערטהיים (אַ לערער) — בידע פון מלאַווע, יוסף און זאַשע האַניק פון וואַרשע, מענדל טאָפּער פון וויעלון און אַנדערע.

נאָכן אָנקומען אין וואַלד, פילנדיק זיך פריי נאָך די אַדורכגעמאַכטע אַנגסטן, הויבט זיך אָן פאַר אונדז אַ פרישער קאַפּיטל פון וויי און סכנות אויף יעדן טריט און שריט. פון איין זייט — דער פחד פאַר יעדן שאָטן, ווייל די וועלדער זענען פול געווען מיט ווייסרוסישע באַנדיטן, פּאָליצײ־לייט און דעזערטירן פון די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען

און פון דער צווייטער זייט, דער נאָגנדיקער הונגער, ווייל די אָרומיקע פּויערים האָבן זיך באַצויגן צו „ביעזשענצעס” נישט גאָר־סימפּאַטיש. יעדעס ביסל עסן, וואָס איז דורך אונדז איינגעשאַפּט געוואָרן, איז געווען פאַרבינדן מיט סכנות־נפשות. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איינמאָל אין דער וואָך, זאָלן מיר מאַכן אַ „וויפּראַווע”, דאָס הייסט, אַרויסגיין איינשאַפן פּראָוויאַנט און פון די איינגעשאַפטע — מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, פּראָדוקטן, האָבן מיר איינגעפּירט אין אונדזער קאָלעקטיוו אַ רעזשים, אַזוי אַז דאָס עסנוואַרג זאָל קלעקן אויף ווי־ווייט מעגלעך ל֜ענגערער צייט. מיר האָבן אויך אויסגעגראָבן אַ „זעמליאַנקע” אויף צו קאָכן אונדזער עסן (אָן עמער וואַסער און צוויי טעלער מעל) און אַ צווייטע זעמליאַנקע — צום שלאָפן. אין שפּיץ פון די „וויפּראַוועס” האָט זיך שטענדיק געפונען לייב, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסער־געוויינלעכער אָריענטאַציע, אַזוי ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין די וועלדער. זיין דרייסטקייט, האָט אונדז צוגעגעבן מוט און האָפענונג אין דער־אַ גרויער און לעבנס־געפערלעכער תקופה.

מיט דער צייט, טיילן מיר זיך אָפּ, צוליב פאַרשידענע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, פון דער גרופּע און מיר פאַרבלייבן נאָר 4 מאָן, איך מיט לייבן און זאָשע מיט איר מאַן יוסף. מיר האָבן געהאַט אין אונדזער רשות אַ ביקס,וואָס מיר האָבן זיך איינגעשאַפן אין די ערשטע טעג און דאָס איז געווען אין דער צייט אַ גאָר־וויכטיקער פאַקטאָר אויף איינצושאַפן עסנוואַרג און צו דער פאַרטיידיקונג קעגן פאַרשידענע פאַרדעכטיקטע טיפּן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די וועלדער.

8

דער הינטישער סוף פון אַ באַנדיט

איין מאָל זענען מיר אָנגעקומען צו אַ פּויער, וועלכער האָט זיך צו אונדז גוט באַצויגן און ער האָט אונדז געוואָרנט, אַז אין דער סביבה געפינען זיך צוויי אוקראַינישע באַנדיטן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד און זייענדיק באַוואָפנט טוען זיי אָן צרות דער אָרומיקער באַפעלקערונג, ווי אויך די אויסבאַהאַלטענע אין די וועלדער.

צומאָרגנס אינדערפרי, דערנענטערט זיך צו אונדז אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַנספּאַרשוין מיט אַ באַנדיטישער פיזיאָנאָמיע און ער זעצט זיך צו לעבן אונדז, שפּילנדיק זיך די גאַנצע צייט מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער. אין אָנפאַנג זאָגט ער, אַז אויב מיר האָבן געווער, קאָן ער אונדז מיטנעמען צו די פּאַרטיזאַנער, דערנאָך ווערט ער דראָענדיקער און ער ווענדעט זיך צו לייבן אויף רוסיש: „איך האָב אַ באַפעל פון

מאַסקווע צו הרגנען אַלע יידן אין די וועלדער, וועלכע זענען נישט מיט די פּאַרטיזאַנער". און ער באַפעלט: „אַלץ אַרויסלייגן פון די קעשענעס!" — מיר לייגן אַרויס אַלע קלייניקייטן. ווען ער באַמערקט, אַז לייב האַלט זיין האַנט אין קעשענע (לייב האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן אַ גרויס מעסער), כאַפּט ער איז אָן ביי דער האַנט. לייב איז געווען צוגעגרייט צו דער עווענטואַליטעט און אין איין אויגנבליק ליגט שוין דער באַנדיט אויף דער ערד און לייב האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף דער האַנט, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען דער רעוואָלווער, וועלכער האָט אויסגעשאָסן, אָבער צום גליק קיינעם נישט געטראָפן. מיר אַלע דריי, געגנוג דערשראָקענע, לויפן שנעל צו און רייסן אַרויס דעם רעוואָלווער. ווען דער באַנדיט האָט דערזען, אַז ער איז שוין אומבאַוואָפנט, הויבט ער זיך אָן בעטן רחמנות און ער איז גרייט אַלץ צו דערציילן. דערציילט האָט ער שוין נישט, ווייל ער פאַלט אַ טויטער פון זיין אייגן געווער. לייב האָט אים מיט אַ טרעפלעכן שאָס אין האַרץ אַריין, געמאַכט אומשעדלעך.

נאָך דער אָפּגעטוענער אַרבעט, באַשליסן מיר צו פּאַרלאָזן דאָס אָרט און מיר גייען איבער אין אַ צווייטן וואַלד, איבערלאָזנדיק די ביקס באַגראָבן אין דער ערד. ווען מיר זענען איבערגעגאַנגען, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער צווייטער באַנדיט וואַרט אויף עמיצן. העכסט־וואַרשיינלעך האָט ער געמיינט, נאָכן דערהערן אַ שאָס, אַז אָט־אָט קומט זיין חבר מיטן רויב.

נאָך אַ וועג פול מיט סכנות, ווייל מיר האָבן געמוזט אַדורכגיין אַ דאָרף, ווו ס'פלעגן זיך אויפהאַלטן דייטשע סאָלדאַטן און ווייסרוסישע פּאָליציי, קומען מיר אָן אין אַ וועלדל, בערך 4 קילאָמעטער פונעם פריערדיקן אָרט.

אונדזערע אַלע באַמיאונגען זיך צו דערקלייבן צו אַ פּאַרטיזאַנער־באַזע, זענען געווען דערפאָלגלאָז, ווייל ווי שוין דערמאָנט, האָבן אין די וועלדער גראַסירט באַנדעס, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַלס פּאַרטיזאַנער, אָבער פאַקטיש זענען זיי געווען באַנדיטן, וועלכע האָבן גערויבט און געמאָרדעט.

נאָך אַ געוויסער צייט, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אונדזערע מענער זאָלן צוריקגיין צום אָרט, ווו ס'איז געווען באַגראָבן די ביקס, ווייל מיט געווער זענען מיר געווען זיכערער, אַזוי קעגן די פאַרשידענע פאַרדעכטיקטע טיפּן, ווי אויך ביים איינשאַפן לעבנס־מיטל. די פּויערים, אַז זיי האָבן געזען באַוואָפנטע מענטשן, זענען זיי געוואָרן „ווייכער" און האָבן אַוועקגעגעבן אַ ביסל עסנוואַרג פון זייערע רעזערוון.

אַ קורצע ווײַלע נאָכן אַוועקגיין פון די מענער, דערהערן מיר צוויי שאָסן פון דער זעלבער ריכטונג, ווו זיי זענען געגאַנגען. מיר האָבן אויפגעציטערט און זיך בלויז אָנגעקוקט. שטעלט אייך פאָר אונדזער לאַגע, צווישן פרויען צווישן אַזוי פיל סכנות! אָבער צו אונדזער מזל געדויערט די שרעק בלויז איין שעה. אונדזערע מענער קומען צוריק און ברענגען אויך מיט די ביקס.

פון די וואַלד־עפּיזאָדן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ פאַל, ווען מיר האָבן זיך פאַרלוירן מיט זאַשען און יוספן. געווען איז עס בשעת מיר האָבן געקאָכט פאַר זיך אונדזער „זופּ" און אַדורכגייענדיקע באַנדיטן האָבן באַמערקט דאָס פייער. אין דער לעצטער מינוט געלונגט אונדז צו אַנטלויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען און

דאָרט פאַרלירן מיר זיך. איך מיט לייבן בלייבן אַליין און די לאַגע ווערט נאָך שווערער, ווייל צוויי מענער האָבן זיך שנעלער אָן עצה געגעבן. נאָך אַ קורצער צייט, טרעפן מיר זיך ווידער און אונדזער פרייד איז נישט געווען אָפּצושאַצן.

אַזוי „לעבן" מיר אונדזער וואַלד־לעבן, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף „אומגע־בעטענע" געסט, אויף הונגער, אויף זומערדיקע רעגנס און ווינטערדישע פרעסט, וואַרטנ־דיק אויף דער ישיעה, אַז דער נאַצי־רעזשים וועט זיך איינברעכן. אָבער נאָך ווי לאַנג וועט דויערן אונדזער פּיין?

9

נאָך צוויי יאָר...

יולי 1944.

שוין צוויי יאָר געפינען מיר זיך אין די וועלדער. מיר זענען שוין אויף אַזוי פיל דערשעפּט, אַז מיר פילן, ווי די כוחות גייען אויס.

אין איינעם אַ טאָג, ווען פאַרשידענע טרויעריקע מחשבות עקבערן דעם מוח, דערהערן מיר אַ העפטיק שיסעריי, וואָס טראָגט זיך צו אונדזער ריכטונג. מיר, אָפּגע־ריסענע פון דער וועלט, נישט וויסנדיק ווי עס זעט אויס די לאַגע אויף די פראָנטן, ווערן באַהערשט מיט אַ שרעק, וואָס ס'איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן. נאָך עטלעכע טעג, ווען דאָס שיסעריי האָט אויפגעהערט, זענען מיר אַרויס פון באַהעלטעניש, איינ־צושאַפן אַ ביסל עסנוואַרג. ווי געוויינלעך, האָבן מיר, די פרויען, געוואַרט אין דרויסן און די מענער זענען אַריין צום פויער. נאָך עטלעכע מינוטן, קומען זיי אַרויס צו לויפן מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי: „קינדער, מיר זענען פריי!" דאָס איז טאַקע געווען אַ שיסעריי נאָך דער אָפּטרעטנדיקער נאַצי־אַרמיי, וואָס איז געלאָפן פון ווייסרולאַנד, ווי געסמטע מייז.

דעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער. צי איז עס ווירקלעכקייט און נישט קיין חלום, אַז מיר געיאָגטע און געפּלאָגטע, ערגער פון וואַלד־חיות, זענען געוואָרן צוריק „מענטשן"? אַז מיר, שטייענדיק שוין ביים סאַמע ראַנד — זענען געוואָרן באַפרייט?

מיט פרישע כוחות, פון דער פריידיקער ידיעה, לאָזן מיר זיך אויפן וועג קיין סטאָלפּצע, ווו מיר טרעפן אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי, צווישן זיי זייער פיל יידישע סאָלדאַטן, וועלכע טראָגן זיך אויף מערב, אַנגרייפנדיק די אָפּטרעטנדיקע דיי־טשישע אַרמיי.

אין סטאָלפּצע זענען מיר געווען ביז יאַנואַר 1945 יאָר.

10

אויף דער, מיט בלוט-איינגעזאפטער, פוילישער ערד

קיין לאַדזש קומען מיר אַן תיכף נאָך דער באַפרייאונג פון דער שטאָט, אין יאַנואַר 1945. דאָ ווערן מיר געוווּיר, וועגן דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. פון אונדזערע פאַמיליעס, וועלכע זענען פאַרבליבן אין פוילן, איז קיינער נישט געבליבן. מ'האָט אונדז דערציילט, אַז לייבס אַ ברודערל פון 12 יאָר, וועלכער האָט געאַרבעט אַ קורצע צייט ביי אַ פויער אַלס פאַסטוך, איז געוואָרן אויסגעגעבן דורך פוילישע שכנים און אויך געוואָרן אומגעבראַכט. פון די שוידערלעכע דערציילונגען דערוויסן מיר זיך, אַז די פאַליאַקן האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל ביי דער פאַרניכטונג פון פוילישן יידנטום צוזאַמען מיט די נאַצי־וואַנדאַלן. זיי האָבן געמאָרדעט און אונדז געירשנט.

* * *

זאַל־זשע אונדזער יזכור־ספר זיין אַן אָנגעצונדן ליכט פאַר די ריינע נשמות, קרבנות פון רשעות און גויאיש בלוט־דורשטיקייט.



שמואל יחזקאל לאַנגנאַס
שוועדן

יארן פון פיין און יסורים

אַנדערש האָט אויסגעזען דער פרייטיק אינדערפרי. מען זעט נישט, ווי שטענדיק, איילנדיקע יידישע פרויען, וועלכע מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען, אויפצונעמען דעם שבת־רו, מען הערט נישט דעם פריילעכן געפילדער פון די חדר־יינגלעך און די ערנסטע פּנימער פון די בעלי־בתים פון שטעטל, מאַכנדיק די לעצטע הכנות צום קבלת שבת.

ס'איז פרייטיק, דער 1־טער סעפּטעמבער פון יאָר 1939.

ס'איז דער ערשטער טאָג פון לאַנגע יסורים־יאָרן.

ס'איז דער פראָלאָג פון אַ טראַגיש און בלוטיק קאַפּיטל פאַרן יידישן פאָלק און בתוכם פאַר אונדזער טייער שטעטל, פאַרן יידישן וויערושאָוו.

* * *

באַלד אינדערפרי, כאָטש אָפיציעל, איז קיין קריג נאָך נישט אַנגעזאָגט, ווערט דאָס שטעטל באָמבאַרדירט דורך דער דייטשער אַרטילעריע און עטלעכע הייזלעך זענען געטראָפן געוואָרן דורך דער באַשיסונג. נאָך עטלעכע שעה פון אומבאַשרייבלעכער פּאַניק, הויבט די באַפעלקערונג אָן צו לויפן. אָבער די פראַגע איז, וווהין? עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז ביי שעראַדז, ביים וואַרטע־טייך, האָבן די פּאָליאַקן איינגעאָרדנט שטאַרקע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס און אַז פון דאָרט, וועלן זיי אָפּשטויסן די דייטשישע קרעפטן.

אַלע פּליטים, דער עיקר יידן, לאָזן זיך צו דער ריכטונג פון שעראַדז. מיר באַמיען זיך צו האַלטן צוזאַמען, אָבער אין רעזולטאַט פון דער אומגעהויערער פּאַניק, פאַרלירן זיך טייל פון די פאַמיליעס, אויך מיין מומע פעסא מיט איר קינד פייגע פּערל און דערנאָך אויך מיין ברודער משה, ווערן פאַרלוירן אין דער בהלה.

שבת אינדערפרי, טרעפן מיר אויף די וועגן, אויסגעהונגערטע פּוילישע סאָלדאַטן, וועלכע נעמען צו אונדזער עסנוואַרג און צוליב דעם ווערן מיר נאָך מער מוטלאָז.

אָנקומענדיק קיין שעראַדז, האָבן אונדז מענטשן געזאָגט, אַז מ'דאַרף לויפן ווייטער. צו דער ריכטונג פון לאָסק.

נישט אָנקומענדיק צום ציל, טרעפן מיר אויפן וועג דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז פאַרלאָפן דעם וועג. דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג דערקלערט אונדז, אַז ווייטער איז נישט דערלויבט צו גיין, אַז מיר מוזן זיך זאָפאָרט אומקערן פון וואַנען מיר זענען געקומען.

נישט ווייט פון זדונסקע־וואָליע, וואַרטן אונדז אָפּ סאָלדאַטן און פאָלקס־דייטשן, ווו מיר ווערן אויפגענומען מיט מוראדיקע קלעפּ און זידלערייען. דורך פאַרשידענע

אומוועגן, קומען מיר אָן קיין זדונסקע־וואָליע, דאָרט זעען מיר דעם ערשטן פּאָגראָם, וואָס עס פירן אָדורך די דייטשן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אויפן צוריקוועג, איז מיין פאָטער געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט פון די אַלע איבערלעבענישן און איך, ביי דער מיטהילף פון אלחנן רובינשטיין (דעם צוקער־בעקערס) מוזן אים טראָגן אויף די הענט.

נאָך אַ שווערן וועג, זענען מיר אָנגעקומען קיין לוטוטאָוו, ווו מיר האָבן זיך אַ ביסל אויסגערוט ביי הינדע רחל פּאַרטעקס משפחה. צומאָרגנס, אָנקומענדיק קיין וויערושאָוו, האָבן מיר דערזען דעם גרויסן חורבן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט, פאַרברענטע הייזער און דערשאָסענע יידן, וועלכע זענען געלעגן אין די גאַסן. ביי אונדז אין געסל איז געלעגן אַ דערשאָסענער ר׳ זלמן אייזנער. די ערשטע אַרבעט פון דעם ביסל יידן, איז געווען ברענגען די קרבנות צו קבר־ישראל.

שוין אין די ערשטע טעג, הויבן זיך אָן שווערע גזירות. פון די ערשטע באַפעלן איז געווען די צוואַנגס־אַרבעט ביים אויפרוימען די חורבות און אַנדערע אַרבעטן, צו וועלכע עס זענען געשיקט געוואָרן, אין די ערשטע טעג, יידן צוזאַמען מיט פּאָליאַקן. נאָך עטלעכע טעג, זענען די פּאָליאַקן געוואָרן באַפרייט און נאָך אונדז, יידן, האָט זיך אָנגהויבן אַ שדים־געיעג. יידישע מענער זענען געוואָרן אַרויסגעיאָגט פון די שטובער, באַגלייט מיט קלעפּ, צו דער שווערסטער און שמוציקסטער אַרבעט.

* * *

נאָך אַ קורצער צייט נאָכן פאַרנעמען וויערושאָוו, שאַפט זיך אַ דייטשע אַדמיניס־טראַציע אין באַשטאַנד פון אַ בירגערמייסטער, צוויי בוימייסטער, עמיל און יאָהאָן, זשאַנדאַרמעריע און מיליץ. די בוימייסטער זענען געוואָרן די גאַנצע בעלי־בתים פון שטעטל. נישט בלויז זיי האָבן געיאַגט צו די שווערסטע אַרבעטן, זיי האָבן אויך געגישטערט אין די יידישע הייזער און צוגענומען פאַר זיך, אַלע ווערטפולע זאַכן.

די דייטשע אַדמיניסטראַציע פּרוּווט אויך צו שאַפן אַ יידישן קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע יידישע ענינים. צו דעם צוועק ווערט אויפגע־פאָדערט מרדכי שמואל זעלקאָוויטש, וועלכער איז געווען פאַרן קריג פּרעזעס פון דער יידישער קהילה, אַז ער זאָל זיין פּרעזעס פונעם קאָמיטעט. ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ און אַלס רעזולטאַט, ווערט ער פאַרשיקט קיין ראַדאָגאָשטש, ביי לאָדזש, אין לאַגער פון פּאָליטישע ערובניקעס.

צום סוף ווערט געשאַפן דער יידישער קאָמיטעט מיט יאָסל יעדוואָב אין דער שפּיץ.

דערווייל קומט אונטער אַ סדרה פון שטרענגע גזירות, ערשטנס האָבן יידן געמוזט טראָגן געלע בענדער אויפן רעכטן אַקסל, מיט אַ סטעמפּל פון קאָמיטעט. דערנאָך זענען די בענדער געוואָרן פאַרביטן מיט געלע מגן־דודס, וועלכע זענען געוואָרן צוגענייט צו די קליידער, פאָרנט און אונטן. ווער ס'האָט פּינקטלעך נישט אויסגעפירט די באַפעלן — דעם האָט געדראָט טויט־שטראָף. יידן האָבן אויך געמוזט אָפּגעבן זייערע

וווינונגען פאַר די דייטשן. עס איז געוואָרן פאַרבאָטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג צו גיין אויף די טראָטואַרן, מ'האָט געהאַט רעכט צו גיין נאָר ביי די רינשטעק. יעדער ייד, פון קליין ביז גרויס, זעענדיק פון דערווייטנס אַ דייטש, האָט געמוזט אַראָפּנעמען דעם הוט און באַגריסן. אויב ס'האָט זיך פאַרגלוסט עמיצן פון דער זשאַנדאַרמעריע זיך פריילעך מאַכן, האָט מען פאַרשלעפּט דעם ערשטן בעסטן ייד אויפן פּאָליציי־פּאָסטן און אים דאָרט מערדערלעך געשלאָגן. די דייטשן האָבן אויך געפאָדערט, אַז יידן זאָלן אויסגעבן, ווו עס געפינען זיך די יידישע אוצרות, צו דעם צוועק, האָבן זיי אַדורכגעפירט אַרעסטן און ווער עס איז אַרויס פון דאָרט, איז ער שוין געווען אַ צעקאַליעטשעטער. אויך מיין פאָטער איז געוואָרן פאַרהאַלטן און נאָך דער אינטערווענץ פון יאָסל יעדוואָב און קובאַ רוסעק איז ער געוואָרן באַפרייט אַ צעשלאָגענער און צעבלוטיקטער. די דייטשן האָבן נישט געשוינט קיינעם. אויך פרויען האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל. שפּרינצע חנה בראָון, איז איינמאָל געוואָרן אַזוי שטאַרק צעשלאָגן אויף דער זשאַנדאַרמעריע, אַז איך מיט מיין ברודער משה (וועלכער איז דורך דער צייט צוריקגעקומען פון לאָדזש), האָבן זי געמוזט אַהיימטראָגן אויף די הענט אַ בלויע און צעבלוטיקטע פון די באַקומענע קלעפּ.

צווישן די פאַרשידענע אַרבעטן, האָבן יידן אויך געמוזט איינלייגן סטאַטועס פון יעזוסן. מיט דעם האָבן זיי אָנגערייצט די פּוילישע באַפעלקערונג קעגן די יידן, כאָטש די פּוילישע באַפעלקערונג איז געווען באַקאַנט מיט איר זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם נאָך פריער.

* * *

נישט קוקנדיק אויף דער שרעקלעכער לאַגע פון יידישן ישוב אין וויערושאָוו, האָט דער יידישער ציבור געזאָרגט פאַר יידן פון אַנדערע קהילות. ווען עס דערגייען קלאַנגען וועגן דעם בושעווענדיקן הונגער אין לאָדזש, שאַפט זיך אַ קאָמיסיע פון עטלעכע יידן און מיט דער הילף פון קריסטן, ווערן איבערגעשיקט פּעקלעך מיט לעבנסמיטלען פאַר דער הונגעריקער יידישער באַפעלקערונג. יידן האָבן אָפּגעשפּאָרט פון די נעבעכדיקע מיטלען און באַמיט זיך צו לינדערן דעם נויט פון די לאָדזשער יידן.

דערווייל, ווי געזאָגט, ווערט אין שטעטל די לאַגע וואָס אַמאָל ערגער, גזירה יאָגט גזירה. צו דעם אַלעם הערשט אַ שרעקלעכער שאַנטאַזש מצד דעם בירגערמייסטער אין וועמענס הענט מיר געפינען זיך. איינמאָל, האָט ער געפּרווט מאַכן אַן אויסזידלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג קיין פּראַשקע. פאַרשטייט זיך, אַז די בהלה איז געוואָרן אין לשער. דער קאָמיטעט, זעענדיק די לאַגע, באַשליסט צו מאַכן אַ זאַמלונג פון גאָלד און ווערטפולע זאַכן, בכדי עס אָוועקצוגעבן דעם בירגערמייסטער. יאָסל יעדוואָב און פרוי דודעק, זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די יידן בכדי צונויפזאַמלען וואָס נאָר מעגלעך. נאָכן באַקומען צוויי קאַראַקול־מאַנטלען, פון פרוי דודעק און פון אייזיק סקורקעס טאָכטער, ווערט די גזירה אָפּגערופן.

* * *

אין אָנפאַנג פון יאָר 1941 הויבט זיך אָן דאָס אַוועקשיקן יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן אין פויזן. מיר האָבן שוין געהאַט פון דאָרט אָפּגעריסענע ידיעות וועגן דער קאַשמאַרער אַרבעט און שרעקלעכן הונגער, וואָס הערשט אין די לאַגערן. אין דער ערשטער צייט, זענען עטלעכע יידן צוריקגעקומען פון זאַמל־פונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין וויעלון, דאָרט איז פאָרגעקומען אַ סעלעקציע, די נישט־טויגבאַרע צו שווערער אַרבעט, זענען צייטווייליק געוואָרן אַהיים געשיקט. ביים ערשטן מאָל, ווען איך בין געכאַפּט געוואָרן, האָב איך זיך אַרויסגעדרייט, דורך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. אָבער אין דער זעלבער צייט־אָפּשניט, טרעפט מיך אַ צווייט אומגליק. מיין פאָטער ווערט פון די אַלע צרות קראַנק און דריי טעג אין תמוז 1941 ווערט ער נפטר. מיר ברענגען אים צו קבר־ישראל און ער ווערט באַגראָבן נעבן ישראל דוד שטערן.

ביים צווייטן טראַנספּאָרט, ווערן מיר, איך מיט מיין ברודער משה, צוזאַמען מיט אַן ערך 150 יידן, פאַרשיקט אין לאַגער בוכווערדער־פאָרסט ביי פויזן. דאָרט איז פאָרגעקומען די בוי־אַרבעט פון דער אויטאָסטראַדע „בערלין — ליצמאַנשטאַט". די באַדינגונגען ווערן ערגער פון טאָג צו טאָג, ווייל דאָס צוגעטיילטע פאַר אונדז עסן און די צוגעשיקטע, מיט גרויס מי, פּעקלעך פון דער היים — ווערן צעגנבעט דורך דער אַדמיניסטראַציע. באַקלאָגן זיך, איז נישט געווען פאַר וועמען. אויב עמיצער האָט געפּרוּווט זיך באַקלאָגן — איז ער געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן.

עס האָט זיך אויך געפירט, אַז אין די לאַגערן, האָט מען פון צייט צו צייט אויפגעהאַנגען עטלעכע יידן, פאַר מכלומרשט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. איינמאָל, איז געוואָרן אַראָפּגעברענגט פון אַ צווייטן לאַגער צוויי יידן. מיר זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אין אַ פיר־עק און אַרומגערינגלטע דורך עס־עס־מיליטער, האָבן מיר געמוזט זיין אַנוועזנד ביי דער עקזעקוציע און פאַרביי דעפּילירן, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, מיטן בליק צו די הענגענדיקע אויף דער תליה.

דער חטא זייערע איז געווען, וואָס ביי איינעם האָט מען געפונען אין קעשענע צוויי קאַרטאָפל און דער צווייטער איז געווען אָפּוועזנד אַ נאַכט אין לאַגער.

בערך אַ האַלב יאָר זענען מיר געווען אין בוכווערדע. דערנאָך זענען מיר געוואָרן צעטיילט אין צוויי גרופּן און געוואָרן פאַרשיקט אין די לאַגערן „ליבענאָו — 1" און „ליבענאָו — 2" און פון דאָרט, נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג, זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער קיסטרין.

שרעקלעך איז געווען אונדזער לאַגע אין דעם־אַ לאַגער. פון איין זייט, שווערע פיזישע אַרבעט ביים אָנלאָדענען צעלולאָזע אויף שיפן, ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון די ליטווינער, וועלכע האָבן אונדז באַוואַכט און דער עיקר די הונגער באַדינגונגען. מענטשן זענען מאַסנווייז אַוועקגעשטאָרבן, געשוואָלענע פון הונגער. יעדער, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט אויף עפּעס אַ ווייטיק, איז תיכף געוואָרן פאַרשיקט אויף פאַרניכטונג.

נאָך אַ געוויסער צייט, זענען מיר, מענטשן־שאָטנס, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, איבערגעשיקט געוואָרן אין לאַגער פירשטענבערג, ווו מיר האָבן געאַרבעט, מיט

די לעצטע כוחות, ביי פאַרשידענע אַרבעטן. אַ געוויסע צייט אויך אין דער קוילן־גרובן, ווו מיר האָבן געטראָפן שלמה מייעראָוויטש.

אין פירשטענבערג, זענען מיר געווען ביז אויגוסט 1943, ביז מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

* * *

„לינקס — רעכט" — דאָס קאָמאַנדעוועט דער טייוול אין געשטאַלט פון אַ נאַצי־אָפיציר. עס ווערן אַדורכגעפירט אומאויפהערלעכע, בלוטיקע סעלעקציעס. פאַר די אויסגעטיילטע, באַשטימטע אויף אומקום, וואַרט דער ברענענדיקער אוישוויץ־מולך, דער קרעמאַטאָריום. עס ווערן אַהערגעבראַכט צום פאַרניכטן, הונדערטער עשאַלאָנען מיט אויסגעמאַטערטע, קראַנקע, געפאַנגענע, פון וועלכע עס איז געוואָרן אויסגעזאַפּט דאָס לעצטע ביסל מאַרך אין די טרויעריק־באַקאַנטע אַרבעטס־לאַגערן. צווישן די גליקלעכע, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן, צייטווייליק, צום לעבן — האָבן מיר זיך אויך געפונען. די ערשטע צייט אַרבעטן מיר ביים בויען די נייע וועשעריי און אין אַ קורצע צייט ווערן מיר געשיקט אויף אַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק „אוניאָן". אויך דאָרט ווערן אַדורכגעפירט, טאָג־טעגלעך, סעלעקציעס און די שוואַכערע ווערן איבערגעשיקט קיין אוישוויץ, פון וואַנען זיי קומען מער נישט צוריק. עט־וואָס לייכטער איז געוואָרן אונדזער לאַגע, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן ביינאַכט. כאָטש דער הונגער האָט געבושעוועט, זענען מיר אָבער נישט געווען אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע סעלעקציעס. ביי דער אַ אַרבעט זענען מיר געווען ביזן אָנפאַנג פון יאָר 1945. ביז דער עוואַקואַציע פון אוישוויץ.

* * *

מיר שלעפּן זיך, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, אַדורכגעפרוירענע פון דעם בייסיקן יאַנואַר־פראָסט. מיט די לעצטע כוחות באַמיען מיר זיך, נישט צו בלייבן אונטערשטעליק, ווייל אונטערשטעליקייט הייסט, דערשאָסן צו ווערן אין מיטן וועג. פון ביידע זייטן שאָסיי זענען זיך אָנגעוואָרפענע טויטע קערפּערס. אַזוי דערשלעפּן מיר זיך צו אַ פריש גהינם, וועלכער רופט זיך „גראָסראָזען". אין דעם־אַ לאַגער טרעפן מיר אַ ניי פּייניקונגס־מיטל. דאָ מוז מען שלאָפן זיצנדיקערהייט. ווען איך פאַל אום, ווער איך מערדערלעך צעשלאָגן דורך דעם וועכטער און אין רעזולטאַט פון די קלעפּ, ווערט מיר צעבראָכן אַ פינגער.

אָפּזייענדיק אין „גראָסראָזען" עטלעכע טעג, ווערן מיר, אַ גרופּע יידן, אָפּגעפירט קיין „באַלקענהיים". דער לאַגער־פירער וואָלף, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ברוטאַלן סאַדיזם. נאָך אַ גאָר קורצער צייט, ווען צוליב דער לאַגע אויף די פראָנטן איז אויך דער לאַגער געצווונגען זיך צו עוואַקוירן, ווערן מיר אויפגעפאָדערט אויסצוגראָבן אַ גרויס גרוב אויפן פעלד אונטערן לאַגער. ווען דער טאָג פון דער עוואַקואַציע קומט אָן, האָט

דער לאַגער־פירער צוזאַמענגענומען אַלע קראַנקע און זיי געגעבן טויט־איינשפּריצונגען און אונדז געצוווּנגען זיי צו באַגראָבן אין דעם פריער־צוגעגרייטן גרוב.

דער ווייטערדיקער מאַרש איז געוואָרן באַגלייט מיט קלעפּ און שיסערייען. ביינאַכט ווערן מיר אַריינגעפירט איבערנעכטיקן אין אַ סטאַדאָלע און אין דער פרי, פּאַלט איין דעם לאַגער־פירער, אַז מיר זאָלן נישט אַרויסגיין דורך דער טיר נאָר שפּרינגען דורך אַ הויכער, ברייטער טיר און ווער עס בלייבט נישט שטיין גלייך אויף די פיס, ווערט אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט. אַזוי ענדיקן זייער לעבן 41 יידן, וועלכע בעטן זיך רחמים ביי די באַנדיטן, וועלכע לאָזן אין גאַנג זייערע מאַשין־געווערן. מאַרשירנדיק ווייטער, ווערן עטלעכע יידן זייער שוואַך. דער לאַגער־פירער ווייזט אַרויס מכלומרשט, אַז ער האָט מיט זיי מיטלייד און ער באַפעלט זיי זאָלן זיך אַריינזעצן אין אַ וועגעלע, וואָס מיר שלעפּן מיט זיך. אַדורכגייענדיק אַ יישוב און צוקומענדיק צו אַ וואַלד, דערשיסט ער אייגנהענטיק אַלע, וועלכע געפינען זיך אין וועגעלע און דאָס מיט אַ סאַדיסטיש געלעכטער. אַזוי דערשלעפּן מיר זיך ביז צום לאַגער „הירשבערג".

פאַרן אַוועקגיין פון דעם לאַגער צום ווייטערדיקן מאַרש, איז דער לאַגער־פירער אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז און ווער ס'האָט זיך געפילט שוואַך, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. מיר האָבן מאַרשירט ביז צו אַ באַן־סטאַציע און אונדזער גרופּע וואָס האָט געציילט 600 מאַן איז געוואָרן פאַרלאָדנט אין לאַסט־וואַגאָנען, ווו מיר זענען געפאָרן זיבן טעג און נעכט, אַהין און צוריק, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין „בוכענוואַלד". פון אונדזער גרופּע זענען מער ווי אַ העלפט אומגעקומען אויפן וועג, פון הונגער און דורשט. יעדן טאָג זענען געוואָרן אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנען מאַסן טויטע.

* * *

די ערשטע טעג פון אונדזער זיין אין דעם „באַקאַנטן" לאַגער „בוכענוואַלד", זענען מיר אַ ביסל געקומען צו זיך, צוליב דער הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די „אַלטע" אַרעסטאַנטן. יעדער יידישער העפטלינג האָט אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע, בכדי אונדז לייכטער צו מאַכן. צו דער צייט, האָבן אויך אין „בוכענוואַלד" עקזיסטירט געהיימע גרופּן, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט נקמה־אַקטן קעגן פאַרשידענע „קאַפּאָס", וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאַדיזם. דורך פאַרשידענע אויסריידן, זענען די קאַפּאָס געוואָרן אַריינגענאַרט אין די ווערקשטעלן, ווי אויך אין דער פריזעריי און דאָרט געוואָרן צעשלאָגן און זאָגאַר געוואָרן דערמאָרדעט. די אַ דערשיינונג, האָט אונדז, קוים־לעבעדיקע שאָטנס, צוגעגעבן מוט און ווילן.

דערווייל איז אויסגעבראָכן אין לאַגער אַן עפּידעמיע פון טיפוס און דיזענטעריע און מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן, אַזוי פון דער קרענק, ווי אויך פון די דערשי־סונגען, ווייל אַזוי האָבן די דייטשן „געקעמפט" מיט דער עפּידעמיע — „ליקווידירט" אַלע קראַנקע.

בשעת די טאָג־טעגלעכע אַפּעלן, זענען אַלע אַרעסטאַנטן געוואָרן אויסגעשטעלט לויט זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט און יעדן טאָג זענען גרעסערע גרופּן יידן,

געוואָרן אָוועקגעפירט. ווייט זענען זיי נישט ערגאַנגגען, זיי זענען געוואָרן דערשאָסן נישט ווייט פון לאַגער.

איינמאָל, ווען איך מיט משהן האָבן זיך געפונען אין אַזאַ גרופּע, וועלכע איז געווען באַשטימט צום אָוועקפירן, געלונגט אונדז אַנצושליסן זיך צו דער פּוילישער אָפּטיילונג, אָבער די פּאָליאַקן פאַריאָגן אונדז מיט זידלערייען און געשרייען „זשידעס, ארויס פון דאַנען!״ דורך אַ נס, ראַטעווען מיר זיך צווישן די פראַנצויזן, וועלכע נעמען אונדז אויף און באַמיען זיך אונדז צו באַהאַלטן.

דערווייל גייט די צייט. ס׳איז שוין אַפּריל פון יאָר 1945. די נעבעכדיקע לאַגע פון דייטשן מיליטער אויף די פראָנטן, זענען אונדז באַקאַנט און אין אונדזערע אויס־געמאַטערטע הערצער ציטערן ספקות און האָפענונגען — צי וועט מען דערלעבן די דערלייזונג ? צי וועלן מיר האָבן דעם זכות צו דערציילן פאַר דער וועלט די טראַגישע אמתן פון דעם גרויזאַמען גהינם ?.

מיר פאָרן שוין ווידער. דאָס איז די בלוטיקע, פערצן מעת־לעת־דיקע, נסיעה קיין „טערעזיענשטאַט״, ווו מענטשן זענען שוין דערגאַנגגען צו דער אַפּאַטישער „מוזולמע־נישער״, גלייכגילטיקייט. אויך דאָס שטיקל ברויט, וואָס מיר באַקומען פון די לאַגער־איינוווינער, פאַרנעמט שוין נישט דער קערפּער. צו דעם אַלעם בושוועט די דיזענטעריע עפּידעמיע, פון וועלכער עס שטאַרבן זייער פיל מענטשן. צווישן די קרבנות, שוין אין די סאַמע לעצטע טעג פון קריג, געפינט זיך אויך הלל באַראַן, יעקל בעקערס זון, וועלכער שטאַרבט אַוועק ביי מיר אויף די הענט.

דעם 9־טן מאַי 1945, ווערן מיר באַפרייט דורך די אַנגרייפנדע רוסישע טרופּן, וועלכע מאַרשירן אַריין אין לאַגער.

* * *

אַפּזייענדיק אַ געוויסע צייט אין שפּיטאָל, ווו מיר באַקומען הילף פון רוסישע דאָקטוירים, ווערן מיר איבערגעפירט צו די אַמעריקאַנער און זייענדיק אין לאַנדסבערג, קומען מיר צו ביסלעך צו די כוחות. איצט שטייט פאַר אונדז די האַרבע פראַגע : וואָס ווייטער ?. וווהין ? די אַלטע היים איז חרוב געוואָרן, אונדזערע נאָענטע — דערמאָרדעט. דורך פאַרשידענע וועגן, פאַרשטענדיקן מיר זיך מיט אונדזערס אַ פעטער פון שוועדן, וועלכער שיקט אונדז אַרויס די נויטיקע פּאַפּירן פאַר דער איינוואַנדערונג. מיין ברודער משה, געוועזענער „ביתר״־מיטגליד און גרויסער פּאַטריאָט פאַרן ארץ־ישראל ווערק, זאָגט זיך אָפּ פון דעם און ער באַשליסט פאַר יעדן פרייז און דורך אַלע וועגן אַנצוקומען קיין ארץ־ישראל.

שווער, זייער שווער איז געווען אונדזער צעשיידונג. איך בין געפאָרן קיין שוועדן און משה האָט זיך געלאָזט, צוזאַמען מיט אַ סך אָפּגעראַטעוועטע יידן, דורך אומלעגאַלע וועגן, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. די ערשטע ידיעות האָב איך פון אים באַקומען פון ציפּערן, ווו ער איז געוואָרן אינטערנירט דורך די ענגלענדער. ער האָט מיר געשריבן וועגן דער רייזע אויף דער שיף „בן־הכט״ און וועגן לעבן אין ציפּערן־לאַגער.

יעדע שורה, יעדעס וואָרט זיינס, האָט געשפּרודלט מיט ענטוזיאַזם פאַרן לאַנד. ער איז געווען פול מיט האָפענונגען, בקרוב וועט ער זיין אין אויסגעטרוימטן לאַנד.

אין יאָר 1948, ווען ס׳לאַנד איז געשטאַנען אין בלוטיקן געראַנגל, געפינט זיך שוין משה אין ישראל און נעמט אָנטייל אין צאָלרייכע קאַמפן. דעם לעצטן בריוו האָב איך באַקומען אין אָנפאַנג אָקטאָבער 1948, ווו משה שרייבט מיר, פול מיט ענטוזיאַזם און אָפּטימיזם, אַז בקרוב וועלן מיר זיין באַפרייט פון פרעמדן יאָך און פון די אַראַבישע באַנדעס.

נישט באַקומענדיק אַ לאַנגע צייט קיין ידיעה, ווער איך באַאומרואיקט און בעט ביי מיין פעטער, יעקב מאַקשקי אין חיפה, און ביי משהס פרוי (ער האָט חתונה געהאַט אין ציפּערן), זיי זאָלן מיר מיטטיילן וועגן גורל פון מיין טייערן ברודער.

ערשט נאָך עטלעכע מאָנאַטן, האָט מיר דער פעטער מיטגעטיילט די טרויעריקע ידיעה, אַז מיין איינציקער ברודער משה, איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט כ׳ תשרי תש״ח, 23־טן אָקטאָבער פון יאָר 1948, בעתן אָפּרייניקן דעם גליל העליון פון די פאַרבליבענע באַנדעס. ער איז געפאַלן נישט ווייט פון קיבוץ „מנרה״ צוזאַמען מיט נאָך צען קעמפער און געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל אין ראש־פּינה.

יהי זכרו לעד.

זיסל רוסעק — בערגמאַן

נאָך דער לעצטער סעלעקציע

זומער 1941.

צו אַלע צרות און פּייניקונגען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין וויערושאָוו האָט געהאַט אויסצושטיין פון די נאַצי־באַנדיטן, צו די טאָג־טעגלעכע סאַדיסטישע באַפעלן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַ ציל דאָס פיזישע פאַרניכטונג פונעם יידישן ישוב — איז צוגעקומען נאָך אַ גזירה, יידן מוזן וווינען אין געטאָ, וואָס איז געוואָרן אויסגעטיילט ביי דער מקווה גאָס. די לאַגע, וועלכע איז ביז איצט געווען גענוג קלאַגנדיק און אויסזיכטלאָז, ווערט ביים שאַפן דאָס געטאָ פולשטענדיק האָפנונגסלאָז. צוליבן פעלן פון וווינונגס־ערטער, געפינען זיך, צו צען און נאָכמער נפשות אין איין צימער און דאָס ברענגט צום אויסברוך פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, ביי דער אָפּ־וועזנהייט פון הייל־מיטלען.

אויך די מאַטעריעלע לאַגע, האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט, ווייל די געזונטערע אַרבעטס־כוחות, אַזוי מענער, ווי אויך פרויען, זענען געוואָרן פאַרשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן און דער עול פון באַשפייזונג איז געלעגן אויף דער קליינער גרופּע, נאָך אַרבעטס־פעאיקע, וועלכע האָבן זיך געפינען אין געטאָ.

מיר איז אויסגעקומען אַ געוויסע צייט צו אַרבעטן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מיידלעך ביי אַ דייטשן פויער אין דאָרף כאַבאַנין און די באַקומענע פּראָדוקטן פאַר דער אַרבעט, קאַרטאָפל און אַנדערע גרינוואַרג, האָבן מיר פאַרטיילט אַנדערע הונגעריקע יידן.

איינמאָל — בערך דריי וואָכן פאַר דער אויסזידלונג — זענען מיר געוואָרן געכאַפּט 50 מאַן און געשיקט קיין סאָקאָלניקי, ווו מיר האָבן געאַרבעט ביי שאָסיי־און בוי־אַרבעטן. יעדן שבת נאָכמיטאָג, האָבן מיר געהאַט מעגלעכקייטן צוריקצוקומען אין געטאָ, ביז זונטיק נאָכמיטאָג.

לעצטע סעלעקציע און אויסזידלונג.

געווען איז עס אין דער העלפט פון חודש אויגוסט 1942 יאָר. מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. פּלוצים זענען אָנגעקומען עטלעכע מיליטערישע אויטאָס מיט אַ גרעסערע צאָל עס־עס־לייט, וועלכע האָבן אונדז אַריינ־געיאָגט אין די פאַרמאַכטע אויטאָס און אונדז אַוועקגעפירט צוריק אין געטאָ. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל, זענען שוין אַלע געטאָ־מענטשן, פרויען און מענער, קינדער און דערוואַקסענע געווען אויסגעשטעלט אין רייען און די געשרייען זענען געווען מוראדיקע.

דער ווייטערדיקער עטאַפּ איז געווען דאָס איבערפירן די מענטשן־מאַסע אין קלויסטער אַריין. די עטלעכע הונדערט מעטער ביז צום קלויסטער, איז געווען דער אמתער יסורים־וועג פאַר די שוין גענוג אויסגעפייניקטע, הונגעריקע מאַרטירער. צעבלוטיקטע פון די באַקומענע קלעפּ, זענען מיר געוואָרן אַריינגעטריבן אין קלויסטער,

ווו ס'איז נישט געווען קיין אָרט ווו צו זיצן. שטייענדיקערהייט האָבן מענטשן געטאָן זייערע באַדערפענישן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט געוויינען פון קינדער, וועלכע האָבן געזוכט זייערע מאַמעס און פון מאַמעס, וועלכע האָבן פאַרלוירן, בעת דער פּאַניק, די קינדער.

אינדערפרי, האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט בכדי זיך „זויבער" מאַכן און מ'האָט אונדז געפירט צום טייך זיך באָדן. עטלעכע יונגעלייט פון קאָמיטעט זענען אַריין צוריק אין געטאָ — מיט דער דערלויבעניש פון די דייטשן — און צוזאַמענגענומען פון



הכנסיה. מקום הריכוז לפני ה„סלקציה". אוגוסט 1942
דער קלויסטער, ווו יידן זענען געווארן צונויפגעזמלט פארן אוועקשיקן אויף פארניכטונג. אוגוסט 1942.

יעדער שטוב, וואָס מ'האָט נאָר געפונען עפּעס עסנוואַרג און עס אָפּגעקאָכט און פאַרטיילט פאַר אַלע. קוכער איז געווען אברהם יהודה ניימאַן.

נאָך עטלעכע טעג זענען אָנגעקומען אַ גרופּע דייטשן מיטן פירער פון דער לאָדזשער געטאָ שווינד און אָפּגעקליבן 50 מאַן און זיי אַוועקגעשיקט קיין ווילון.

דעם זעלבן אָוונט, זענען די דייטשן אַריין אין געטאָ, צוזאַמענגענומען עטלעכע אַכציק קראַנקע און זיי דערשאָסן אין דער מקווה.

צומאַרגנס זענען געוואָרן אַרויסגענומען נאָך 54 מאַן, וועלכע זענען געוואָרן געשיקט נאָך ווילון. פון ווילון זענען אַלע 104 מאַן געשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ.

אַלע איבעריקע — זענען אומגעקומען אין די כעלמנער גאַז־אויטאָס.

פון די דערשאָסענע בעת דער סעלעקציע, געדענק איך עטלעכע נעמען: מיין מומע איידל באַשע, די פרוי פון שלמה רוסעק, איידל כתריאל די פרוי פון ישראל ביינישׂ, די אַלטע פרוי ברוין פון פּאַדזאַמצע, דער לאַמער מיכאל, ריקל קנאָפּ, דער בעקער מאיר איצעק און זיין פרוי דאָברא.

נאָך דער אויסזידלונג, בין איך אָנגעקומען קיין לאָדזש. דאָרט האָב איך געטראָפן מיין ברודער אהרן יוסף, וועלכער האָט געאַרבעט אין געטאָ אַלס אינסטאַלאַטאָר און אַ דאַנק אים בין איך געבליבן לעבן נאָך די שרעקלעכע איבערלעבענישן און נאָך דער טיפוס קראַנקהייט, ווען איך האָב געקרענקט אין יאָר 1943.

אין לאָדזשער געטאָ האָבן מיר אויך אַרויסגעהאָלפן דוד זיידלער, וועלכער האָט געאַרבעט אין באַקליידונגס־רעסאָרט, ווי אויך וואָלף בער גאָטיינער, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס שוסטער.

אין מערץ 1944 בין איך מיט מיין ברודער, צוזאַמען מיט אַ גרעסערע גרופּע יידן געוואָרן געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו אין דער אַמוניציע־פאַבריק „האַססאַג". דאָרט זענען מיר געווען ביז דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט.

דעם 16־טן יאַנואַר ביינאַכט, פון יאָר 1945, בין איך באַפרייט געוואָרן דורך רוסישע מיליטערישע קרעפטן.

רשימת הרוגי וירושוב בשנת תש"כ

(בעת ה„סלקציה" האחרונה)

1. אורנבך, הרבנית גולדה ריקל.
2. איציק, מיכאל („מיכאל הצולע").
3—4. איציק, מאיר (האופה) ואשתו דוברה.
5. ברוין, ביאנקה (מפודזאמצ'ה, חמותו של מילז'ינסקי).
6. ברוין, אשתו של ישראל ביינישׁ ברוין.
7. גרבינר, אברהם יצחק.
8—9. גרבובסקי, רפאל ואשתו שרה.
10—11. הורוביץ, פנחס ואשתו.
12. וקסמן, וולף לייב (הבן של יעקב וקסמן).
13. זילברברג, ירוחם (חרש-אילם).
14. זלקוביץ, בלומצ'יה (אמו של מרדכי שמואל).
15. גולדמן, חנוך.
16. גולדמן, אדל.
17. דומב, גיטל (אשתו של הרשל).
18. יודא, אברהם (אברהמצ'יה מחלק העתונים).
19. כתריאל, איידל (אמו של אייזיק כתריאל).
20. לנגנס, פסה.
21. מאירוביץ', יעקב.
22. מאירוביץ, פייביש.
23. לוקישט, רודה.
24. ניימן, ינטה (יענטה).
25. גב' פירניקארז' (אשתו של יצחק הרש).
26. פרוצל, חיים.
27—28. קוז'וך, יעקב (יענצ'יה הנגר) ואשתו נאחה.
29. קלינובסקי, נחום.
30. פנק, משה.
31. קליגר, הרבנית יהודית (אשתו של הרב קליגר).
32—33. קורן, יוסף ואשתו.
34. קוניארסקי, גיטל.

35. קופידלובסקי, חנה.
36. פנקובסקי, קריינדל.
37. רוסק, איידל באשה (אשתו של שלמה רוסק).
38. רובינוביץ, רויזה.
39. גב׳ רוגובסקי, (אשתו של ישעיה רוגובסקי).
40. שוורץ, פרל.
41. אשתו של שמשון העגלון.
43 — 42. קנופף, לייביש ואשתו ריקל.
44. חותנו של „דוברי ויצ׳ור" (מקאליש).
45. נכדה של ה„מוישל׳טע".

בסך־הכל נרצחו למעלה משמונים איש, אולם את יתר השמות לא הצלחנו לאתר.

* * *

נאָך דער לעצטער סעלעקציע, ווען אַלע יידן זענען שוין געווען אוועקגעשיקט אויף פאַרניכטונג, האָבן די דייטשן גענומען דעם יודענראַט מיט דער יידישער פּאָליציי, זיי אַרויסגעפירט אין בזשעזשינקער וועלדל אונטער דער שטאָט. דאָרט האָבן זיי געמוזט אויסגראָבן אַ גרוב און אויפן אָרט געוואָרן דערשאָסן.

דאָס זענען די נעמען פון די דערשאָסענע:
יוסל יעדוואָב;
לייב שמולעוויטש;
קובא רוסעק;
נחמן גליקסמאַן;
יעקב שארי;
יעקב לעווקאָוויטש — ראַניטאַר;
מרדכי עליאַש;
משה בערקאָוויטש;
שמשה אייזנער, פון קעמפּנאַ;
איציק ערליך;
טוביה בריצמאַן;
יעקב עליאַש — חריף.
דערציילט פון פּאַליאַק באַדינסקי, וועלכער האָט דאָס אַלץ געזען.

גאָלדע יעדוואַב
בעלגיען

בעת דער אָקופּאַציע אין בעלגיען

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָב איך געוווינט אין בעלגיען און דאָרט פאַרבראַכט ביזן אַריינמאַרש פון דייטשישן מיליטער — ביז מאי חודש 1940. זייענדיק שוין אינפאָרמירט, וואָס עס ברענגען מיט זיך די נייע „קולטור־טרעגער" און בכדי צו געפינען אַ שוץ — אַנטלויף איך — צוזאַמען מיט נאָך פיל בעלגישע בירגער, איבערהויפּט יידן, קיין פראַנקרייך. אין יאָר 1941, ווען די ווישי־רעגירונג האָט אַדורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן און זעענדיק, מיט די טאָג־טעגלעכע אַנטי־יידישע אַקציעס, אַז אויך אין פראַנקרייך איז יידיש לעבן נישט זיכער — באַשליס איך צוריקצופאָרן קיין בעלגיען, מיט דער האָפנונג, אַז מיינע דאָרטיקע פריינט וועלן מיר אַרויסהעלפן אין אַ גויט־פאַל.

נאָך אַ וועג פול מיט סכנות, קום איך אָן קיין בעלגיען צוזאַמען מיט מיינעם אַ באַקאַנטן (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן מיין מאַן). מיין שוועסטער לאה מיט איר 15־יאָריקער טאָכטער, זענען פאַרבליבן אין פראַנקרייך אין דער שטאָט בערזשעראַק, ווייל איר מאַן האָט זיך געפונען אין אַ לאַגער נישט ווייט פון דאָרט.

אין אויגוסט 1942, האָבן איך באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין שוועסטער מיט איר גאַנצער פאַמיליע, זענען געוואָרן פאַרשיקט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן. אין אַ גאָר קורצער צייט האָב איך באַקומען אַן אינפאָרמאַציע, אַז מיין ברודער איז געוואָרן געשיקט, צוערשט אין לאַגער „דראַנסי" און דערנאָך אויף פאַרניכטונג, קיין פוילן.

קורץ פאַר דער באַפרייאונג האָבן איך זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שטאָט בריסל.

אין טאָג פון דער באַפרייאונג, ווען ס'איז נאָך פאָרגעקומען אַ קעגנזייטיקע שיסעריי, זענען שוין מענטשן אַרויס אין דער גאַס מיט געזאַנג און טענץ. פאַר אונדז, יידן, איז די פרייד געווען אַ קורצע, ווייל מיר זענען געוווּיר געוואָרן וועגן טראַגישן סוף פונעם אייראָפּעאישן יידנטום און בתוכם וועגן דער פאַרניכטונג פון מיין פאַמיליע.

פון 6 ברידער און 3 שוועסטערן — זענען מיר געבליבן בלויז צוויי. פינף ברידער און צוויי שוועסטער, זענען אומגעקומען צוזאַמען מיטן כלל־ישראל אין די טרויעריק־באַקאַנטע טויטן־לאַגערן.

חיים שוואַרצבאַרט

קאַצעט זכרונות

ערשטע טעג אָקופּאַציע.

דער בליץ־שנעלער אַריינמאַרש פון די דייטשע קרעפטן אין שטעטל, איז פאַר אַלע געווען אַן אומדערוואַרט געשעעניש. ערשט מיט אַ טאָג צוריק, האָבן די פּאַליאַקן אויסגערעכנט, ווי לאַנג ס׳וועט געדויערן דער מאַרש קיין בערלין דורך דער „העלדישער״ און „אומזיגבארער״ פּוילישער אַרמיי. זיי האָבן „אויסגערעכנט״, אַז די 180 קילאָמע־טער — די שטרעקע פונעם שטעטל ביז בערלין, וועט געדויערן, העכסטנס, ביז מיטאָג־צייט. ביינאַכט האָבן די פּאַליאַקן אויפגעריסן די בריק, זייענדיק זיכער, אַז דאָס וועט אויפהאַלטן די דייטשן.ליידער האָט פּאַסירט אַנדערש. די דייטשע אַרמיי, האָט נאָכן אונטערצינדן ס׳שטעטל מיט אַ העפטיק אַרטילעריש פייער, זיך אַריינגעריסן 5.30 אינדערפרי, דעם 1־טן סעפּטעמבער.

דעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער הערשאַפט, האָט זיך דאָס ביסל יידן וואָס זענען געבליבן און נישט אַנטלאָפן, אויסבאַהאַלטן, ווי איינער האָט נאָר געהאַט מעגלעכקייטן. דאַקעגן די פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך ערשט נעכטן געגרייט צו אַ „זיגרייכן מאַרש״ אויף בערלין, האָבן זיך זאַפּאַרט באַוויזן אין די גאַסן מיטן „הייל־היטלער״־גרוס און אָנגעהויבן צו קאָאָפּערירן מיט די דייטשן. די ערשטע נידערטרעכטיקע מסירה איז געווען, אַז יידן האָבן אויפגעריסן די בריק. דערנאָך האָבן די דייטשן, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון פּאַליאַקן, אַרויסגעשלעפּט באַהאַלטענע יידן פון די קעלערס און שוין דעם ערשטן טאָג אַדורכגעפירט אַ בלוטיקע שחיטה איבער דער משפחה לעווי. צווישן די ערשטע קרבנות, האָט זיך אויך געפינען חיים איצקאָוויטש, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן ביים טייך און דאָרט געוואָרן אַריינגעוואָרפן.

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דער שטאָט וויעלון, וועגן דער גרויסער צאָל דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע פון דער בעסטיאַלישער באָמבאַרדירונג.

אונדזער שטעטל, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין פלאַמען, האָט דערפילט די נייע אָרדנונג באַלד אין די ערשטע טעג. יידן זענען געוואָרן געצוווּנגען צו לעשן די שריפות און די פּאַליאַקן האָבן זיך געפלייסט אַרויסצווייזן זייערע קענטענישן אין אַנטיסעמיטיזם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש — לויט דער אָנווייזונג פון די קריסטלעכע איינוווינער — אין די קעלערן און דאָס געפונענע האָב און גוטס, אָנגעזאַמלט דורך יאָרן מי און האָרעוואַניע, איז געוואָרן צוגענומען און טיילווייז פאַרטיילט געוואָרן דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט גערן אויפגענומען דעם רויב.

נאָך אַכט טעג, קומען טיילווייז אָן די אַנטלאָפענע יידן. ביים אַריינגאַנג אין שטעטל ווערן זיי אָפּגעוואָרט דורך דייטשישע סאָלדאַטן, ווי אויך דורך דייטשע און פּוילישע

פרויען. יעדעס ווערטפול חפץ וואָס מ׳געפינט ביי די יידן, ווערט צוגענומען און אויפן אָרט פאַרטיילט.

נאָכן צוריקקער פון אַ גרויסן טייל יידן, בערך צוויי טויזנט נפשות, הויבט זיך אָן אַ געוויסער סטאַביליטעט, פאַרשטייט זיך לויטן נאַצישן שטייגער. ס׳ווערט געשאַפן אַ מאַגיסטראַט, וואָס האָט זיך גערופן אַמטס־קאָמיסאַר. ס׳קומט אויך אָן אַ דייטש אַלס בירגערמייסטער און ס׳ווערט געשאַפן אַן אַרבעטס־אַמט. מיט דעם אַלעם פירן אָן ציווילע דייטשן און זשאַנדאַרמען.

אַנטי־יידישע רעפּרעסיעס.

ס׳הויבן זיך אָן שווערע טעג פאַרן יידישן ישוב. אַנגעהויבן האָט עס זיך מיטן אַרעסט פון יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער. ס׳ווערן אַרעסטירט, מרדכי שמואל זעל־קאָוויטש — לעצטער פאַרזיצער פון קהילה־ראַט, אברהם יהודה ניימאַן און וואָלף רינג. נאָך אַ ברוטאַלער באַהאַנדלונג, ווערן זיי אויפגעפאָדערט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע יידן פון וויערושאָוו. ווען די דערמאָנטע טוער נעמען נישט אויף זיך דעם אחריות — ווערן זיי פאַרשיקט קיין ראַדאָגאָשטש, ביי לאָדזש.

נאָך אַ גאַר־קורצער צייט ווערט דורך דער דייטשער מאַכט באַשטימט אַ יודען־עלטסטער, וועלכער באַקומט די אויפגאַבע צו שאַפן אַ יודען־ראַט. נאָך דער אויפ־פאָדערונג פון דער געסטאַפּאָ, ווערט אַדורכגעפירט אַ רשימה פון אַלע יידן, יונג און אַלט, מענער און פרויען, ביי יעדן נאָמען ווערט צוגעגעבן, פאַר מענער — דער נאָמען ישראל און פאַר פרויען — שרה.

נאָכן אַדורכפירן די רשימה, ווערט דער יודען־ראַט אויפגעפאָדערט דורכן שטאָט־ראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון בלויז קריסטן, אַריינצוטראָגן אין פאַרלויף פון 24 שעה, קאָנטריבוציע אין דער הויך פון 25 טויזנט מאַרק. די יידישע באַפעלקערונג האָט געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונג אויף צוזאַמענשטעלן די סומע. פרויען האָבן פון זיך אַראָפּגענומען קידושין־רייפלעך און אויערינגלעך, פאַרקויפט דער פויל׳שער באַפעלקערונג און מיט דער צונויפגעזאַמלטער סומע אַרויפגעגאַנגען צום אַמטס־קאָ־מיסאַר. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון יאָסל יעדוואָב, איטשע פּאַנקאָווסקי און דער שרייבער פון די שורות. ווען דער קאָמיסאַר האָט גענוי איבערגעציילט די סומע און געזען, אַז אַלץ שטימט, ווענדעט ער זיך צו אונדז מיט אַ ציניש שמייכל: „זייער גוט. איצט גיב איך אייך נאָך 48 שעה אויף אַריינצוטראָגן נאָך 25 טויזנט מאַרק, אויב נישט — באַצאָלט איר מיטן לעבן”.

די ידיעה האָט געטראָפן דער יידישער באַפעלקערונג, ווי אַ דונער. אָבער ווי שטענדיק אין אַזאַ עת צרה, האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן דאָס סאַמע לעצטע פון דער אומגליקלעכער יידישער באַפעלקערונג און צוזאַמענגעשטעלט 15 טויזנט מאַרק. נאָך 48 שעה האָבן מיר זיך געוויזן פאַרן קאָמיסאַר און אים דערקלערט, אַז מער פאַרמאָגט נישט די יידישע באַפעלקערונג, כאָטש ער וועט אונדז דערשיסן, איז נישט מעגלעך די סומע צו פאַרגרעסערן. דער דייטש האָט דאָס געלט גענוי איבערגעציילט, אַריינגעלייגט אין קעשענע און מיט עטלעכע פּעטש אונדז אַראָפּגעוואָרפן פון די שטיגן.

דערווייל קומען אָן גזירות איינע ברוטאַלער פון דער צווייטער. ס'הויבט זיך אָן אַ כאַפּעניש צו אַרבעט. אַלע יידן פון 6 ביז 60 יאָר, וועלכע זענען רעגיסטרירט, מוזן זיך צושטעלן יעדן אינדערפרי צום אַפּעל און פון דאָרט ווערן זיי איבערגעשיקט צו פאַרשידענע שוואַרצע אַרבעטן. אַ גרויסער טייל האָט געאַרבעט אין די פאַראַנענע מיליטער־לאַגערן ביים שלעפן וואַסער, פּוצן שיך, וואַשן פאַדלאָגעס און אַנדערע אַרבעטן וואָס ס'האָבן געפאָדערט די דייטשע סאָלדאַטן. טייל זענען געווען באַשעפטיקט ביים קערן די גאַסן און ביים אַרויסנעמען פון די טיילווייז־פאַרברענטע הייזער, יעדע זאַך, וועלכע האָט אַ נוצן. די פאַרברענטע הייזער ווערן פונאַנדערגענומען דורך יידן, מענער און פרויען. נאָכן אָפּרייניקן די ציגל, ווערן זיין איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד. פאַר דער אַרבעט, האָבן די דייטשן געצאָלט 50 פּעניק אַ טאָג. דאָס געלט האָט געמוזט ווערן געדעקט דורכן יודען־ראַט. דאָס הייסט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט באַצאָלן פאַר דער אַרבעט.

די אַ באַדינגונגען, האָבן געשאַפן אַ סיטואַציע, אַז די נויט ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז דערגאַנגען צום נידעריקסטן שטאַפּל, ווייל אַ גאָר־קליינער טייל אַרבעטס־פעאיקע, האָבן געמוזט אויסהאַלטן, מיט זייערע נעבעכדיקע פאַרדינסטן, דעם איבערוויגנדן טייל פון יידישן ישוב.

נאָך אַ קורצער צייט, קומט אונטער אַ פרישע פּלאָג. יונגע אַרבעטס־פעאיקע יידן ווערן געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער פּויזנער געגנט. פון די אַפּגעריסענע ידיעות, האָבן מיר געהאַט אַ בילד, וועגן דער קלאַגנדיקער לאַגע אין די לאַגערן. וועגן הונגער, קאַטאַרזשנער אַרבעט און ברוטאַלע רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן דאָרט געהערשט. ס'זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען ידיעות וועגן אומגעקומענע.

די איבערגעבליבענע אין שטעטל זענען געוואָרן אויסגעהאַלטן דורך דעם טייל פאַכלייט, וועלכע זענען נויטיק געווען דער דייטשישער מאַכט. עס זענען אויך געוואָרן איבערגעשיקט פעקלעך פאַר די פאַרשיקטע אין די לאַגערן. חוץ ברויט, איז געוואָרן איבערגעשיקט צו ביסלעך מאַרגאַרין. די פאַרבליבענע יידן האָבן פון זיך אָוועקגענומען דעם לעצטן ביסן, בכדי לייכטער צו מאַכן זייערע מיטברידער, וועלכע האָבן געשמאַכטעט אין די צוואַנגס־לאַגערן.

אין ענדע 1941, ווערן אויך פרויען פאַרשיקט אין די פּויזנער לאַגערן און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס שטעטל האָט זיך נאָכמער אויסגעשעפּט פון יונגע אַרבעטס־כוחות.

מיינע איבערלעבענישן.

ווען כ'בין צוריקגעקומען אין שטעטל, נאָך די מלחמה־טעג, האָב איך שוין אָנגעטראָפן דעם קאָשמאַר פון דער „נייער אָרדנונג". דאָס „כאַפּעניש" אויף אַרבעט איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אויך איך בין געוואָרן גענומען צו שוואַרצער אַרבעט, נישט קוקנדיק, וואָס כ'בין צוריקגעקומען אַ קראַנקער. נאָך אַ קורצער צייט, ווען די דייטשן האָבן זיך געגויטיקט אין קוואַליפיצירטע פאַכלייט, האָב איך אָנגעהויבן

אַרבעטן אַלס שניידער פאַר דער זשאַנדאַרמעריע. פון מיין אַרבעט, האָב איך אויסגע־האַלטן די גאַנצע פאַמיליע. אויך מיטן איינשאַפן פּראָדוקטן איז מיר געווען לייכטער, ווייל כ׳האָב פאַרקערט, צוליב מיין אַרבעט, צווישן דער דייטשישער באַפעלקערונג. כ׳האָב אויך באַקומען אַ באַפרייאונג פון יודען־ראַט, ווו כ׳בין געווען צוגעטיילט אַלס מיטגליד. כ׳בין געווען זיכער, אַז כ׳וועל זיך אַזוי אויפהאַלטן ביי דער אַרבעט און באַזאָרגן מיט עסן מיין פרוי און קינדער, ווי אויך מיינע אַלטע עלטערן.ליידער האָט דער גורל אַנדערש געוואָלט. נאָכן באַקליידן די דייטשן מיט זייערע פרויען מיט פּאַלטנס און פעלצן, האָט מען מיך אַרויסגענומען פון וואַרשטאַט און אַוועקגעשיקט אין די פּויזנער לאַגערן. כ׳וועל קיינמאָ לנישט פאַרגעסן די לעצטע בליקן פון מיינע טייערע, וועלכע האָבן מיך באַגלייט אין מיין וועג. דאָס זענען געווען די לעצטע בליקן זייערע.

כ׳בין אָנגעקומען אין לאַגער אַנטאָנינהאָף, ביי פּויזן. נאָכן אַדורכגיין די אָנגענומענע דאָרט פּראָצעדורן, נישט פאַרגעסנדיק צוצונעמען פון אונדז אַלע מיטגעבראַכטע פון דער היים זאַכן, ווערן מיר געשיקט, אונטער דער וואַך פון פאָלקס־דייטשן, צו דער אַרבעט.

אונדזער אַרבעט, ביי וועלכער ס׳איז געווען באַשעפטיקט בערך 47 טויזנט יידן, איז געווען ביים באַן־הויף. מיר האָבן געלייגט שפּאַלן, געבויט בריקן און געמאַכט אַן אָנשיט פון 14 מעטער די הויך. די שטערבלעכקייט האָט גאַרנישט געווירקט וועגן פאַרקלענערן די טעמפּאָ פון דער אַרבעט, אַזוי צום ביישפּיל, ווען ביי דער גרופּע פון 10 מאַן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אויפגאַבע איבערצושלעפּן רעלסן, זענען 2 מאַן געוואָרן דערהרגעט, האָבן די איבעריקע אַכט געמוזט אַדורכפירן די זעלבע אַרבעטס־נאָרמע. די יעניקע, וועלכע זענען אַוועקגעשטאָרבן אָדער אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט, זענען נישט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל. ביי דער אָנשיט־אַרבעט איז דער אומ־געקומענער געוואָרן פאַרשיט מיט שטיינער און זאַמד. ס׳איז געווען אַ פאַל, ווען ס׳איז אומגעקומען אונדזער אַ ווירושאַווער, איסר יעקוב, האָב איך געבעטן ביים דייטשן שאַכט־מייסטער, ער זאָל אים לאָזן באַגראָבן. אַלס ענטפער האָב איך באַקומען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און דערביי האָט ער ציניש באַמערקט, אַז באַגראָבן קאָן איך זיך זעלבסט און נישט זאָרגן וועגן אַנדערע. דער זעלבער מייסטער, קאָרדאָן פון האַמבורג, אַ מערדער און רוצח, האָט זיין סאַדיזם אַרויסגעוויזן אויף טריט און שריט. ער האָט מיך איינמאָל געשיקט כ׳זאָל אים איינשאַפן טאַבאַק צום רויכערן און ווען כ׳בין צוריקגעקומען ליידיק, האָט ער מיך אַזוי צעשלאָגן, אַז כ׳בין אַוש געפאַלן אין אָנמאַכט. נאָך אַ נס, וואָס עטלעכע יידן האָבן מיך באַהאַלטן, ווען די געסטאַפּאָ דערזעט מיך אין אַזאַ צושטאַנד, וואָלט איך זיכער געווען אַ מאַטעריאַל איבערגעשיקט צו ווערן קיין פּויזן, צום פאַרברענען.

אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון ידישן לאַגער־עלטסטן, וועלכער האָט איבער־געגעבן דעם לאַגער־פירער, אַז איך בין אַ קוואַליפיצירטער שניידער און דער לאַגער פירער האָט זיך גענויטיקט אין אַ פאַכמאַן, וועלכער זאָל פאַר אים איבעראַרבעטן די געבראַכטע זאַכן פון טשעכישע און לאָדזשער יידן — האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן ביים פאַך און פּטור געוואָרן פון דער בוי־שטעלע מיטן באַנדיטישן מייסטער. צוליב

מיין אַרבעט, האָב איך אויך געהאַט מעגלעכקייטן, איינצושאַפן פון דערנעבעדיקן קריסטלעכן לאַגער, רעשטן פון עסנוואַרג און עס פאַרטיילן פאַר אונדזערע הונגעריקע יידן.

ווען די אַרבעט אין אונדזער לאַגער האָט זיך געענדיקט, איז דער גרעסטער טייל איבערגעשיקט געוואָרן קיין קרויצבורג, ווי אויך קיין גוטנברון. איך און עטלעכע יידישע שוסטער, זענען צייטווייליק געבליבן אויפן אָרט ביי אונדזערע פאַכן. ווען ס'איז שוין נישט געווען פאַר מיר קיין אַרבעט, ווער איך איבערגעשיקט קיין גוטנברון, ביי פויזן. אויך דאָרט אַרבעט איך ביים פאַך און לויט דער שרעקלעכער לאַגע פון די יידישע פאַרשיקטע, איז מיר געווען פאַרהעלטנישמעסיק פיל לייכטער.

דאָרט האָב איך פאַרבראַכט ביז צו דער ליקווידאַציע פון לאַגער.

אין אויגוסט 1943, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז אַזוי ווי ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט, ווערן מיר געשיקט קיין וועסט־דייטשלאַנד אויף אויפראַמונגס־אַרבעטן. קיינער האָט אין דעם נישט געגלויבט. דערווייל זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ'שיקט אונדז קיין קרויצבורג אין דער אָרטיקער זייפן־פאַבריק. די קלאַנגען האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן אַ פאַרצווייפלונג, ווייל מיר האָבן געוווּסט וועגן גורל פון די פאַרשיקטע אין דער פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט זייף פון מענטשלעך פעטס.

די באַן, צו וועלכער ס'איז כסדר צוגעקומען פרישע וואַגאָנען מיט פאַרשיקטע, האָט זיך טאַקע דערנענטערט צו קרויצבורג און נאָכן אָפשטיין אויף דער סטאַציע אַ גאַנצן טאָג, אָן עסן און טרינקען, שטרענג באַוואַכט דורך דער געסטאַפּאָ, האָבן מיר געדירט אין ווייטערדיקן וועג. קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין מיר פאָרן.

דעם ציל פון דער נסיעה, זענען מיר געוווּיר געוואָרן דעם 6־טן אויגוסט 1943 דריי אַזייגער פאַרטאָג. מיר זענען אָנגעקומען אין גרויזאַמען גהינם — אוישוויץ.

די ערשטע „אויפנאַמע" איז געוואָרן אַדורכגעפירט דורך אַ באַנדע שכורע עס־עס־לייט, וועלכע האָבן געלאָזט אין גאַנג ביקסן־קאָלבעס און אייזערנע שטעקנס. עס דערהערן זיך אויך איינצלנע שאָסן. די טויטע קערפּערס, וועלכע האָבן זיך געפינען אין די וואַגאָנען, זענען געוואָרן צוזאַמענגענומען דורך אַ ספּעציעלער בריגאַדע קאַצעטלער — טויטן־גרעבער. ביים אַראָפּגיין פון די וואַגאָנען, ווערט אַדורכגעפירט אַ סעלעקציע אין אַלע עלטערע און שוואַכע און סתם אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט נושא־חן געווען ביי דער עס־עס — זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין קרעמאַטאָריום. איך, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטס־פעאיקע, זענען געשיקט געוואָרן אין באָד. דאָרט זענען מיר געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעשוירן, אַפילו די ברעמען האָבן זיי נישט איבער־געלאָזט. די האָר זענען געוואָרן פאַרפּאַקט און אוועקגעפירט אין סקלאַד.

אַלע וועלכע זענען צייטווייליק איבערגעלאָזט געוואָרן ביים לעבן, זענען געוואָרן אויסטאַטואירט. איך בין אויך געווען פון די גליקלעכע און דער באַקומענער אויסטאַ־טואירטער נומער 41519, האָט מיר געגעבן אַ שטיקל האָפנונג. אפשר ? מעגלעך, אַז איך וועל אַרויס לעבעדיק פון דעם בלוטיקן שאול־תחתיות ?

דעם זעלבן טאָג איז געוואָרן אויסגערופן, אַז יעדער זאָל מעלדן וועלכעס פאַך ער באַזיצט. מיינער אַ באַקאַנטער פון פאַריז, וועלכער האָט זיך געפונען אין אוישוויץ

אַ געוויסע צייט און האָט מיך דאָרט באַמערקט, האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז כ׳זאָל נישט זאָגן, אַז כ׳בין אַ שניידער נאָר אַ שלאָסער. אַזוי האָב איך זיך טאַקע רעגיסטרירט.

דעם צווייטן טאָג, זענען מיר געוואָרן אַרויסגערופן 106 מאַן, רעגיסטרירטע אַלס שלאָסער־אַרבעטער און מ׳האָט באַקומען אַ באַפעל צו וואַרטן.

פון 8 אַזייגער אינדערפרי, ביז האַלב זעקס פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געפינען קעגנ־איבער דעם קרעמאַטאָריום און זיך צוגעקוקט צום רוצחישן פאַרברעכן וואָס ווערט דאָרט אַדורכגעפירט. דאָס בלוט אין די אַדערן איז געוואָרן פאַרגליווערט צוקוקנדיק, ווי קינדערלעך ווערן לעבעדיקערהייט פאַרבּרענט. ווי זיי ווערן אַרויפגעוואָרפן אויפן ברענענדיקן קאָקס אין די ספּעציעלע גריבער.

האַלב זעקס פאַרנאַכט זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט קיין שוויענטאָכלאָוויץ (פריער: „הוטאַ זגאָדאַ״), ווו ס׳האָבן שוין געאַרבעט אין דער דאָרטיקער קריגס־אינדוסטריע, עטלעכע הונדערט מאַן, אין דעם פיל יידן.

מיר זענען געקומען אויפן אָרט פון די אומגעקומענע דאָרט קאַצעטלער.

די ערשטע דריי טעג האָבן מיר געאַרבעט ביי קאַנאַליזאַציע אַרבעטן און ביים בויען בונקערן קעגן לופט־אַנגריפן. די באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע. שוין אין די ערשטע טעג זענען פון אונדזער גרופּע אומגעקומען 21 מאַן. דערנאָך איז געוואָרן געמאָלדן, אַז ס׳נויטיקן זיך שלאָסער צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק. איך האָב זיך געמאָלדן פון די ערשטע. דער לאַגער־פירער האָט אונדז געוואָרנט, אַז אויב עמיץ וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז נישט קיין שלאָסער, ווערט ער אויפגעהאָנגען. מיר האָט אָפּגעגליקט, וואָס האָבנדיק אַן אָנונג אין פאַך, האָב איך זיך שנעל געכאַפּט צו דער אַרבעט און מיט דער צייט זאָגאַר געוואָרן אַ קוואַליפיצירטער שלאָסער צו פּרעציזע מיליטערישע מאַשינען. פאָרן אויספירן די נאָרמעס צו דער צייט און נאָך פאַר דער אַנגעוויזענער צייט — האָב איך פון צייט צו צייט באַקומען אַ פּעקל סיגאַרעטן אַלס פּרעמיע און עס אויסגעביטן ביי די קוכער אויף ברויט. דאָס האָט מיר געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן דעם שרעקלעכן הונגער, וואָס האָט דאָרט געהערשט.

ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט, זענען געוואָרן פון אונדז אָפּגעטיילט די אַרעסטירטע טשעכן, דייטשן און פּאָליאַקן.. דאָס זענען געווען פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן פאַרנומען די פּאָסטנס פון שטובן־עלטסטע, שרייבער און קאַפּאָס. די לאַגער־אָנפירונג האָט זיי פאַרגעלייגט, זיי זאָלן זיך מעלדן פרייוויליק צום מיליטער. דער גרעסטער טייל האָט טאַקע אַזוי געטאָן און אין שוויענטאָכלאָוויץ זענען געבליבן בלויז יידן מיט רוסן. די אַרבעט איז ווייטער געגאַנגען, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

פּאַראַלעל מיטן דערנענטערן זיך פון פראָנט, ווערן די באַדינגונגען נאָכמער שרעק־לעכע און צו באַקומען אַן איבעריק שטיקל ברויט איז געווען בלויז אַ חלום. וועלנדיק זיך איינשאַפן אַ ביסל עסן, הויב איך אָן, געהיים, אויסצואַרבעטן שטובן־לאַטשן פון פאַרשידענע אַלטע מלבושים און ׳פילצן, וועלכע האָבן געדינט אַלס רייניקונגס־מאַטעריאַל צו די מאַשינען. די לאַטשן האָב איך איבערגעגעבן דעם פאַראַרבעטער, אַ פאָלקס־דייטש פון שלעזיען. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז אַ געוויסן טאָג האָט דער קאָמאַנדע־פירער מיטן קאַפּאָ מיך געכאַפּט ביי דער אַרבעט און נאָכן באַקומען

מערדערלעך צעשלאָגן אין דער קאָמאַנדע־שטוב, בין איך געוואָרן איינגעזעצט אין בונקער. כ׳בין געוואָרן באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש און די איינציקע שטראָף איז געווען: הענגען. דער פֿאַראַרבעטער, וועלכער האָט געציטערט, אַז כ׳זאָל אים נישט אויסגעבן, אַז ער האָט אָפּגענומען די אויסגעאַרבעטע לאָטשן, איז זאָפֿאָרט געגאַנגען צום הויפּט־מייסטער פֿון דער פֿאַבריק און אים געזאָגט, אַז איך בין איינער פֿון די בעסטע אַרבעטער און מיט מיין אָפּוועזנהייט וועט די אַרבעט נישט נאָר ליידן נאָר זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן. די אינטערווענץ האָט געהאָלפֿן און נאָכן באַקומען אַ היפּשע פּאַרציע קלעפּ, וועלכע כ׳האָב געפֿילט עטלעכע וואָכן, בין איך געוואָרן צוריקגעשיקט אין פֿאַבריק.

דאָס צווייטע מאָל, בין איך געוואָרן געכאַפּט ביים אויסאַרבעטן דאַמען־הענטשקעס. דער אָבערשאַרפֿפֿירער פֿון אוישוויץ, שוואַרץ, האָט מיך געפֿרעגט פֿאַר וועמען איך האָב עס געמאַכט. ווען כ׳האָב אים אויפֿגעקלערט, אַז דאָס איז מיין באַרוף פֿון פֿאַרן קריג און אַן כ׳האָב נאָר געוואָלט זען, צי מ׳קאָן עפּעס מאַכן פֿון די פֿאַראַנענע שמאַטעס, האָט ער מיך באַשטראָפֿט מיט 15 שמיץ. נאָכן אַדורכגיין די שמיץ־פּראָצעדור, האָט מען מיר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין „שלאָוך". דאָס איז געווען אַ שרעקלעך אינקוויזיציע מיטל, מ׳האָט געמוזט זיין פֿולשטענדיק אומבאַוועגלעך, ווייל דער שלאָוך האָט געהאַט עלעקטרישן קראַפֿט פֿון 1.600 וואָלט און די מינדעסטע באַוועגונג האָט געדראָט פֿאַרברענט צו ווערן. נאָכן אַדורכגיין אַלע טאָרטורן, בין איך צוריקגעקומען, אַ צעבראָכענער, אין דער פֿאַבריק אַריין.

דער פֿאַראַרבעטער, זעענדיק אַז נאָך אַלע אַדורכגעמאַכטע פּייניקונגען און יסורים האָב איך אים נישט אויסגעגעבן (דאָס האָט אים געדראָט מיטן אַוועקשיקן אויפֿן פֿראָנט אָדער ווערן אַ קאָצעטלער), האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן מיט וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, די גאַנצע צייט, וואָס כ׳בין דאָרט געווען.

דערווייל גייט די צייט און דער רוסישער אָנגריף דערנענטערט זיך צו אונדז. די רוסישע אַרמיי געפֿינט זיך אינגאַנצן 8 קילאָמעטער פֿון דער שטאָט. עס פֿאַלן שוין רוסישע סנאַריאַדן. מיר ווערן צוזאַמענגענומען און איבערגעפֿירט קיין בויטן און פֿון דאָרט — דורך טשעכיען — קיין מאַטהאַוזען.

דעם 23־טן יאַנואַר 1945 קומען מיר אָן קיין מאַטהאַוזען, ווו עס ווערן אויפֿגענומען נאָר אַ טייל פֿון אונדז. דער גרעסטער טייל ווערט געפֿירט ווייטער. אויפֿן גאַנצן וועג קיין מאַטהאַוזען און אין מאַטהאַוזען גופֿא, ווערן אַלע שוואַכע און דערשעפּטע אָפּגעטיילט און אַוועקגעפֿירט אויף פֿאַרניכטונג. מיר זענען דאָרט פֿאַרבליבן איבער דער נאַכט. אינדערפֿרי ווערן מיר איבערגעשיקט קיין וועלס, ווו מיר ברענגען אין אָרדנונג די צעשטערטע באַן־ליניע. די אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿולשטענדיק נוצלאָזע, ווייל דאָס, וואָס מיר האָבן בייטאָג צורעכט געמאַכט, האָט די אַמעריקאַנער אַוויאַציע ביינאַכט צוריק צעשטערט. פֿון וועלס ווערן מיר איבערגעפֿירט אין טויטן־לאַגער עבענזעע.

וועגן לאַגער עבענזעע, האָבן מיר געהערט שוידערלעכע געשיכטעס. דאָס איז געווען איינער פֿון די ברוטאַלסטע טויט־לאַגערן, וואָס איז געוואָרן אויפֿגעשטעלט

דורך די פּאַטאָלאָגיש־פּאַרדאָרבענע דייטשע מענטשן־חיות. פיל קאַצעטלער, וועלכע האָבן נאָך געהאַט געוויסע כוח, זענען אַנטלאָפן אויפן וועג, שפּרינגענדיק פון גייענדיקן צוג. זיי זענען אָבער שפּעטער געכאַפּט געוואָרן.

ווען מיר זענען נאָר אָנגעקומען, האָט דער אָבערשאַרפירער אונדז געזאָגט ביים אַפּעל: „היער קאָמט איר אַריין אָבער דאָ מוזט איר אַללע קראַפּירן. היער איזט עבענזאָ". נאָך אַ פּאָר וואָכן אַרבעטן, שוין מיט די לעצטע כוחות, האָב איך מער נישט געקענט גיין. מ'האָט מיך צוריקגעפירט אין 28־טן בלאָק. דאָרט זענען די טויטע קערפּערס געווען צוזאַמענגעלייגט צום פאַרברענען. ביינאַכט האָב איך זיך געפינען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. כ'האָב שוין כמעט נישט געזען אויף די אויגן. כ'בין געלעגן און געוואַרט אויפן סוף.

צומאַרגנס, דעם 6־טן מאַי 1945, 10.30 אינדערפרי, זענען די ערשטע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אַריין אין לאַגער און אונדז באַפרייט.

נאָך דער באַפרייאונג.

צוזאַמען מיט די ערשטע מיליטער אָפּטיילונגען, זענען אויך אַריין פאָרשטייער פון שווייצאַרישן רויטן־קרייץ, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. אַלע קראַנקע זענען געוואָרן אַריבערגעפירט קיין שווייץ און די דערשעפּטע קיין באַד־אישעל. אויך איך בין געוואָרן איבערגעפירט קיין באַד־אישעל און דאָרט באַקומען די ערשטע מעדיצינישע הילף.

שוין נאָך דער באַפרייאונג פאַלן פיל אַוועק. פון אונדזער גרופּע, 92 יידן, זענען 61 געשטאָרבן. פון באַד־אישעל ווערן מיר צוריקגעפירט קיין עבענזעע און איינ־קוואַרטירט אין די וווינונגען פון דער עס־עס.

נאָך 9 וואָכן, קומענדיק צו די כוחות און הערנדיק, אַז מ'קאָן שוין פאָרן קיין פּוילן, האָב איך זיך געמאָלדן וועגן צוריקפאָרן. דער הויפּט־ציל איז געווען וואָס שנעלער אָנצוקומען קיין וויערושאָוו.

אין שטעטל ווער איך געוווירן אַלע שוידערלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אין דער צייט פון דער אויסזידלונג. איך ווער אויך געוווירן וועגן טרויעריקן גורל פון די מיטגלידער אין יודען־ראַט. מיר האָט דערציילט דער קריסט באַדינסקי, אַז דעם זעלבן טאָג, נאָכדעם ווי ס'איז געוואָרן אַדורכגעפירט די שחיטה איבער די עלטערע און אָרעמע יידן און נאָכן אַוועקשיקן די יידישע באַפעלקערונג אויף פאַרניכטונג קיין כעלמנאָ, האָבן די דייטשן צוזאַמענגענומען אַלע מיטגלידער פון יודען־ראַט, זיי אַרויס־געפירט אין בזשעזשינקע וועלדל, באַפוילן אויסצוגראָבן אַ גרויס קבר און דאָרט אַלעמען דערשאָסן. די פּוילישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביי דער פּאָליציי, האָבן דערנאָך דעם קבר פאַרשאָטן. דער זשאַנדאַרם האָוזער האָט געטאָן אַ טובה קובא רוסעק און אים דערלויבן צו אַנטלויפן. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון שטעטל גראַבאָווע, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. דאָרט האָבן אים אַנדערע דייטשן געכאַפּט און דערשאָסן. איך דערוויס זיך אויך וועגן דער פאַרעטערישער ראָל וואָס ס'האָבן געשפּילט אונדזערע געוועזענע שכנים, די פּאָליאַקן. שוין נאָכן קריג האָבן די באַנדעס

פון א. ק. אומגעבראַכט די לעבן־געבליבענע יידן פון שכנותדיקן באַלעסלאַוועצ. איך האָב אויך דערקענט אַ פאָלקס־דייטש, וואָס איז געווען אַן אַקטיווער עסעסאָוויעץ אין לאַגער. ווען איך מעלד דערוועגן די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען, האָבן זיי געזאָגט, אַז דאָס וויל איך זיך נוקם זיין, אַלס ייד, אין אַן אומשולדיקן מענטש.

דער גאַנצער אָרום, וואָס האָט געאָטעמט מיט בית־הקברות און מיט בלוט־איינגע־זאַפּטער ערד, האָט מיך געבראַנגט צום באַשלוס, וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די פוילישע ערד און זיך אָנשליסן צו דער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל.

פון פוילן זענען מיר אַרויס דורך טשעכאָסלאָוואַקיע און אָנגעקומען קיין ווין. דער גורל האָט געוואָלט, אַז כ׳זאָל זיך ווידער געפינען אין עבענזעע. אויך עס־עס־לייט האָבן זיך דאָרט געפונען. דער אונטערשיד איז געווען, וואָס מיר האָבן געוווינט אין זייערע וווינונגען און די עס־עס־לייט אין אונדזערע באַראַקן.

בעת דער רעגיסטראַציע אין לאַגער, האָב איך זיך פון די ערשטע געמאָלדן וועגן פאָרן קיין ישראל און דעם 28־טן פעברואַר 1949, בין איך אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

טובה בראַקער — זעלקאָוויטש
בעלגיען

וועגן די בעלגישע חסידי אומות העולם

אין דער שוואַרצער תקופה פון דער נאַצישער הערשאַפט אין אייראָפּע, ווען אַ גרויסער טייל פעלקער זענען באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער זאַלאַגיש־אַנטיסע־מיטישער גיפט־פּראָפּאַגאַנדע, ווען אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אין די פאַרנומענע געביטן אין מזרח־אייראָפּע, האָבן מיטגעהאָלפן ביי דער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז כדאי צו דערמאָנען וועגן דער טעטיקייט פון אַ גרויסן טייל איידעלע און נאָבעלע קריסטן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן — ריזיקירנדיק מיט זייער אייגן לעבן — זייערע יידישע מיטבירגער, וואָס אַ דאַנק דעם זענען פיל געבליבן ביים לעבן.

אַזעלכע טאַטן, וועלכע זענען געווען ווי אַ ליכטיקער שיין אין שוואַרץ־פאַרנעפּלטן הימל, האָבן באַוויזן אונדזערע בעלגישע חסידי אומות העולם.

* * *

ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אין בעלגיען די פאַרפאָלגונגען, האָט מיין מאַן אַלטער, וועלכער האָט געאַרבעט אין ליעזש אַלס דאָקטאָר, ווי אויך אַלס מיטגליד פון דעת קהילה־פאַרוואַלטונג, זיך פאַרנומען מיטן אַפּראַטעווען יידן, וועלכע ס'האָט געדראָט אַוועקגעשיקט צו ווערן. איבערהויפּט זענען די יידישע פאַמיליעס געוואָרן איינלאָקירט אין פאַרשידענע קלויסטערס. מיט דער אַקציע, האָבן זיך פאַרנומען — שטייענדיק אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער בעלגישער אונטערגרונט — די גלחים, ווי אויך דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל, דער עיקר פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים.

כ'וועל דערמאָנען אַ פאַל, וועלכער באַווייזט די אויפריכטיקע און מענטשלעכע באַציאונג מצד אַ גרויסן טייל פון דער בעלגישער קריסטלעכער אינטעליגענץ, ביים אַפּראַטעווען יידישע פאַמיליעס.

פאַסירט האָט דער פאַל מיט דער פאַמיליע שוואַרץ, אָפּשטאַמיקע פון עסטרייך און אַנטלאָפענע פון דאָרט בשעת עסטרייך איז געוואָרן אָנגעשלאָסן צום רייך. אַזעלכע פאַמיליעס, האָבן זיך געפונען פון די ערשטע אויף דער רשימה אַוועקגעשיקט צו ווערן. מיין מאַן האָט זיך גלייך פאַרבינדן מיט זיינע באַקאַנטע וועגן זוכן אַ וועג ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען די פאַמיליע. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דער מאַן פון דער פאַמיליע שוואַרץ, נישט באַהערשט די פראַנצויזישע שפּראַך און צוליב דעם וואָלט נישט מעגלעך געווען אים אויסצובאַהאַלטן מיט אַנדערע פראַנצויזיש־רעדנדיקע. דערי־בער איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז ער זאָל זיך מאַכן פאַר אַ שטומען און אַז ער מוז ווערן איינלאָקירט אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע. מיין מאַן, צוזאַמען מיט נאָך אַ דאָקטאָר, האָבן אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל־אַמבולאַנס אין אַנשטאַלט און טאַקע

אַ דאַנק דעם, האָט ער איבערגעלעבט דעם קריג. די פרוי שוואַרץ מיט איר קליין קינד, זענען געוואָרן אַריינגעגעבן אין אַ קלויסטער, ווו איך האָב זיך געפינען מיט מיין טעכטערל לאה. די באַדינגונגען אין קלויסטער האָבן פאַרלאַנגט, אַז אַלע זאָלן זיין באַשעפטיקט ביי אַן אַרבעט, אָבער די פרוי שוואַרץ האָט נישט ליב געהאָט צו אַרבעטן, זי האָט עס מאָטיווירט, ווייל זי איז אַ פרומע. די אָנפירער פונעם קלויסטער, האָבן דעם מאָטיוו גענומען אין אַכט און תיכף באַזאָרגט פאַר דער פרוי אַ סידורל צום דאַוונען ווי אויך צוויי לייכטער אויף צו בענטשן ליכט יעדן פרייטיק.

געווען נאָך פיל פאַלן, ווען די קלויסטער־אַדמיניסטראַציע איז נאָכגעקומען פאַרשי־דענע קאַפּריזן פון די אויסבאַהאַלטענע, אַרויסווייזנדיק פאַר זיי הויך־מענטשלעכע געפילן.

* * *

טראָץ דעם וואָס מיין מאַן איז געווען זייער טעטיק ביים אָפּראַטעווען יידישע פאַמיליעס, איז אים נישט געלונגען אָפּצוראַטעווען אונדזער פעטער מיט זיין פרוי פון פאַרשיקונג קיין אוישוויץ. אויך אים מיט זיין יונגערן ברודער האָט געטראָפן דער אכזריותדיקער גורל. איין מאָל, ווען זיי זענען געגאַנגען וואַרענען אַ יידישע פאַמיליע, אַז עס דראָט זיי אַ געפאַר — זענען זיי געכאַפּט געוואָרן און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, פון וואַנען זיי זענען שוין נישט צוריקגעקומען.

שמואל נתן לעווקאָוויטש

מיין שטעטל ווייערושאוו

ווען איך דערמאָן זיך אין מיין שטעטל,
ווו כ'האָב אַמאָל געלעבט און געלערנט,
ווו כ'האָב אין מיין נאָענטער סביבה,
מיין יוגנט פאַרבראַכט.

דאָס היימלעכקייט, די זיסע טעג און נעכט,
וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
ווי מיר זענען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,
ביים שיין פון אַ חלבן ליכט געזעסן.

איך דערמאָן זיך אונדזער הויף,
ווו איך בין געבוירן און דערצויגן,
דאָרט ווו מיין יוגנט,
איז אַזוי שנעל פאַרפלויגן.

ווו יעדער שטיין און בוים
איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט,
ווייל אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען
דורך מיין האַנט.

מיינע הענט האָבן דאָרט ליב געהאַט,
צו זייען און פלאַנצן,
איך האָב געמיינט, אַז אייביק
וועט אונדזער מזל שיינען און גלאַנצן.

ליידער, האָט צו דעם חלום גענומען אַן עק,
אַלץ איז ווי אַ חלום אַוועק.

אַוועק די צייטן, צוזאַמען מיט די מענטשן,
היינט קאָן מען דאָרט נישט צוזאַמענשטעלן
אַפילו דריי מאַן צום בענטשן.

ווו איז אַהינגעקומען די שול מיטן בית המדרש,
די מקוה מיטן חזן און שוחט,

די גבאים, שמשים מיטן גאַנצן כלי־קודש אויכעט,
די גוטע יידן, וואָס האָבן געלערנט,
יום ולילה מיט כוונה,
וואָס האָבן מחדש געווען אין מיטן מאַרק די לבנה,
צי אויף דעם האָבן זיי אַזויפיל צו גאָט געבעטן ?
מ׳זאָל זיי לעבעדיקערהייט ברענען, מיט די פיס טרעטן ?

ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאַרשטיין,
אפשר ווייל מיר האָבן אויפגעהערט,
אין גוטן וועג צו גיין ?

אמת. מיר זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג,
מיט טרפה־פסול פאַרברענגט נעכט און טעג,
אָבער וואָס האָבן אונדזערע קליינע קינדער,
געהאַט אויפן געוויסן,
פאַרוואָס האָט מען זיי ביי די פיסלעך גענומען,
און אויף צווייען צעריסן ? ? ?

דאָס האָבן מיינע אויגן געזען,
ווי די שוידערלעכע זאַכן האָבן געשען.

פאַרוואָס ? פאַרווען ?
וועמען איז דאָ צו פרעגן ?
ווער קאָן בכלל,
אויף דעם אַן ענטפער געבן ?

פייגע בראָקער — זעלקאָוויטש
קרית־טבעון

מיינע איבערלעבענישן אין בעלגיען

אין יאָר 1935 האָב איך אויסגעוואַנדערט פון ווארשע קיין בעלגיען צו מיין פעטער (דער מוטערס אַ ברודער) הערש דוד גאַד, וועלכער איז שוין דאַמאָלט געווען איינגעאָרדנט אין דער שטאָט ליעזש. איך בין געווען באַשעפטיקט אין קאָנפעקציע־געשעפט פון מיין פעטער. נאָך פריער, איז דאָרט אָנגעקומען מיין שוועסטער טובה, וועלכע האָט שטודירט אויפן אָרטיקן אוניווערסיטעט מעדיצין, און נאָכן פאַרענדיקן די לערע, געאַרבעט דאָרט אַלס דאָקטאָרין.

דעם 10־טן מאַי פון יאָר 1940, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין בעלגיען, זענען מיר געווען שטאַרק באַאומרואיקט. איבערהויפט זענען מיר געווען פאַרצווייפלט צוליבן גורל פון פעטערס קינדער אהרן און משה און דער שוועסטערס קליין טעכטערל חוה.

אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע, האָבן מיר זיך נישט אָנגעטראָפן אויף ספּעציעלע שיקאַנעס. זעט אויס, אַז די דייטשן האָבן געהאַט אַזאַ סיסטעם, אַז די פאַרברעכנס זאָלן ווערן אַדורכגעפירט מיט אַ געוויסן סדר. נאָך אַ קורצער צייט, הויבן זיך אָן די ערשטע אַנטי־יידישע געזעצן, ווי: טראָגן די געלע לאַטע, יידן טאָרן נישט פירן קיין געשעפטן, נישט אַרבעטן אויף פּאָסטנס און אַנדערע מאָסמיטלען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

צוליב דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, האָט דער פעטער אָנגעהויבן ליקווידירן זיין געשעפט און פּלאַנירט אַריבערצושמוגלען זיך קיין ענגלאַנד. קורץ פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם פּלאַן, ווערט דער פעטער מיט זיין פרוי פאַרהאַלטן און אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, פון וואַנען זיי זענען שוין נישט צוריקגעקומען.

מיין שוועסטער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אירע קריסטלעכע פריינט וועגן אויסבאַהאַלטן די צוויי קינדער, דעם 10־יאָריקן אהרן און צווייייאָריקן משה, בכדי זיי אָפּצוראַטעווען פון די נאַצישע נעגל. די קריסטלעכע פריינט האָבן זאָפאָרט איבערגענומען די קינדער און זיי איינלאָקירט אין צוויי פאַרשידענע קלויסטערס, ווו זיי האָבן זיך געפונען מיט אַנדערע קריסטלעכע קינדער.

אין חודש סעפּטעמבער 1942, ווערט אויך דער שוועסטערס מאַן, אַלטער, אַרעסטירט, צוזאַמען מיט אַלע קהילה־מיטגלידער. אונדזערע באַקאַנטע קריסטן האָבן אונדז אויס באַהאַלטן אין פאַרשידענע קלויסטערס, נישט וויסנדיק איינע פון דער צווייטע. מיין שוועסטער מיטן דריי־חדשימדיקן טעכטערל לאה (נאָך אונדזער מוטער ז״ל), האָבן זיך געפינען צוזאַמען און דאָס עלטערע טעכטערל, חוה, וועלכע איז אַלט געווען 4 יאָר, האָט זיך געפונען אין אַ צווייטן קלויסטער.

זייענדיק אין די קלויסטערס, האָבן מיר געפאַרבט די האָר אויף בלאָנד און מיט־געמאַכט אַלע צערעמאָניעס, כאָטש מיר זענען נישט געווען געצוווּנגען דערצו. עס זענען געווען פאַלן, ווען די קלויסטער־פאַרוואַלטונג האָט באַקומען ידיעות פון דער אונטער־

גרונט, אַז עס גרייטן זיך אָבלאָווס אויף באַהאַלטענע יידן, דאַן האָבן זיי אונדז, שטרענג געהיים, אַרויסגעפירט אין ווייטע דערפער, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט ביז ס'האָט זיך באַרואיקט און דערנאָך, אונדז צוריקגעבראַכט צו אונדזערע פּלעצער.

אַזוי האָבן מיר געלעבט ביזן יאָר 1944, ביז צו דער באַפרייאונג.

דער ווייטערדיקער גורל פון די אויסבאַהאַלטע און לעבן־געבליבענע אַ דאַנק די האַרציקע קריסטלעכע פריינד, איז פאָלגנדער:

מיין שוועסטער האָט זאָפאָרט נאָך דער באַפרייאונג באַקומען דעם פּאָסטן אַלס דאָקטאָרין אין ליעזשער שטאָטישן שפּיטאָל. מיט די קינדער פון פעטער הערש דוד, האָט זיך פאַרנומען דער „דזשאָינט" און מיט דער צייט זענען זיי געשיקט געוואָרן אין די ראַמען פון „עלית־הנוער" קיין ישראל, ווו זיי האָבן אויפגעשטעלט אייגענע פאַמיליעס. דער עלטערער זון, אהרן, האָט חוץ צוויי טעכטערלעך אויך אַ זון, וועלכער הייסט הערש דוד, (נאָכן פעטער ז"ל). אהרן פאַרנעמט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מלוכה־פּאָסטן.

דער יונגערער, משה, איז אַ לערער.

איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אין יאָר 1947, אויף אַן אומלעגאַלן אופן און כ'בין געווען אַרעסטירט דורך די ענגלענדער און פאַרשפּאַרט אין לאַגער „עתלית", פון וואַנען כ'בין אין אַ קורצע צייט באַפרייט געוואָרן.

איך וויל דערמאָנען, אַז די אַלע גלחים און אַנדערע חסידי העולם, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז פאַרנומען, האָבן זיך אויך שפּעטער מיט אונדז אינטערעסירט און מיט עטלעכע פון זיי, שטייען מיר ביז איצט אין קאָנטאַקט.

אַ ספּעציעלער עפּיזאָד פון יענע גרויל־יאָרן, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. דאָס איז געווען, ווען כ'האָב געאַרבעט אין קלויסטער־שפּיטאָל אַלס קראַנקן־שוועסטער, דעמאָלט האָט אַ יידישע פרוי געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגעלע, ערגעץ־ווו אין אַ באַהעל־טעניש. די מוטער, אַ חרוב־קראַנקע, איז נאָך דער קימפּעט געשטאָרבן און דאָס קינד איז געווען אָנגעשטעקט פון דער קראַנקער מוטער. גיין צו אַ דאָקטאָר — איז געווען אַ סכנה און די לאַגע פון קינד איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט ערגער. דער פאָטער פון קינד, באַקומענדיק אַ פאַרבינדונג מיט אונדזער קלויסטער־שפּיטאָל, האָט עס אין געהיים אַ הער געבראַכט. ער האָט אויך מיטגעבראַכט אַ פרוי, וועלכע האָט, פאַר גוט געלט, געגעבן בלוט פאַרן קינד. איך דערמאָן זיך, אַז ווען כ'האָב דערזען דאָס פּיצעלע קינד פון 6 — 5 וואָכן, בין איך געוואָרן אין גאַנצן צעשטרייט. ס'האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיק נפש. דער הויפּט־דאָקטאָר האָט זאָפאָרט געמאַכט אַ בלוט־טראַנספוזיע און מיר עס איבערגעגעבן אונטער מיין אויפזיכט. קיינער איז צום קינד נישט צוגעקומען, בלויז איך האָב זיך דערמיט אָפּגעגעבן טאָג און נאַכט. יעדע צוויי שעה איז געמאַכט געוואָרן אַ וויטיקע איינשפּריצונג און אַנדערע מעדיצינישע מאַסמיטלען.

מיין מי, האָט געגעבן פרוכטן. מיט דער צייט, איז דאָס קינד גענצלעך געזונט געוואָרן. דער הויפּט־דאָקטאָר האָט דערנאָך עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז נאָר אַ דאַנק מיין איבערגעגעבענער אַרבעט, איז דאָס קינד געבליבן ביים לעבן.

ווען כ'בין געוועז אויף א באזוך אין בעלגיען, מיט עטלעכע יארן צוריק, האט מען מיר פארגעשטעלט א שיינעם און גראַטענעם בחור, מאַרסעל, וואס כ'האב אפגע־ראַטעוועט פון א זיכערן טויט.

פעסאַ פריילין — לעווקאָוויטש
אויסטראַליע

נאבעלע און העלדישע טאטן פון קריסטלעכע גייסטלעכע אין בעלגיען

עטלעכע יאר פארן קריג, האב איך געלעבט אין בעלגיען אין דער שטאט בריסל. ווען דער קריג האט אויסגעבראכן אין יאר 1940, האבן מיר שוין געהאט צוויי קליינע מיידעלעך. זייענדיק שוין אינפארמירט וועגן די מעשים פון די דייטשן אין פוילן, האבן מיר אלץ איבערגעלאזט און אנטלאפן קיין פראנקרייך, האפנדיק דארט איבערצולעבן דעם קריג. ליידער איז עס געוועזן בלויז א חלום. נאך א קורצן אויפהאלט אין דער שטאט טולוז, זענען אלע מענער געווארן מאביליזירט אין דער פוילישער פארמאציע צום קאמף קעגן דייטש. נאך עטלעכע מאנאטן, איז פראנקרייך געפאלן און אלע מענער זענען געווארן דעמאביליזירט. צו דער־א צייט ווערן אנגענומען אנטי־יידישע געזעצן און עס ווערן געשאפן לאגערן, אין וועלכע ס'ווערן קאנצענטרירט יידן מיטן ציל זיי איבערצושיקן קיין פוילן אויף פארניכטונג. צוליב דער דראָענדיקער געפאר, באשליסן מיר — נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער סכנה, צוריקצופארן קיין בעלגיען.

אנקומענדיק, נאך א געפאר־פולן וועג, קיין בריסל, האבן מיר דארט געטראפן אונדזער שטוב אן אויסגעראבעוועטע דורך די דייטשן און די שכנים האבן אונדז אינפארמירט, אז עס קומען פאר, נאכט ביי נאכט, אבלאוועס אויף יידן, וועלכע ווערן פארשיקט קיין אוישוויץ.

צוליב דער געפערלעכער לאגע, פארט מיין מאן אריבער אין שטעטל סעריין, ביי ליעזש, האפנדיק דארט צו באקומען ארבעט אין די ארטיקע קוילן־גרובן. איך מיט די קינדער, האבן זיך איינגעבעטן ביי א קריסטין איבערצונעכטיקן עטלעכע נעכט. דאס האט אונדז אפגעראטעוועט, ווייל דורך דער צייט, האבן די דייטשן געזוכט אין אונדזער וווינונג.

נאך עטלעכע טעג, זענען מיר אריבער צום מאן, וועלכער האט באקומען ארבעט אין א קוילן־גרובן. בכדי אויסצומיידן אומאנגענעמלעכקייטן, האט מיין מאן געארבעט ביינאכט און בייטאג האט ער זיך געפונען אין שטוב, ווו מיר אלע האבן זיך אויס־באהאלטן.

אויך דאָ ווערט די לאַגע אַלץ מער אויסזיכטלאָז און מיר לעבן אונטער דער כסדרדיקער שרעק געכאַפּט צו ווערן.

איינמאָל, גייענדיק אין גאַס אַ פאַרצווייפלטע, האָב איך דערזען אַ קלויסטער־שוועסטער. איך בין צו איר צוגעגאַנגען און בעטנדיק איר געזאָגט: דו מוזט מיך אָפּראַטעווען. איך בין אַ מאַמע פון צוויי קינדער. זי האָט מיך אָוועקגעפירט אין אַ זייט און מיר איבערגעגעבן אַן אַדרעס פון אַ קלויסטער, ווו איך דאַרף זיך ווענדן און דאָרט זיך פאַררופן אויף איר נאָמען. גלייכצייטיק, האָט מיר די שוועסטער דערציילט אַן אויפטרייסלענדיקע געשיכטע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זי האָט זיך געווידמעט אָפּצוראַטעווען יידישע קינדער פון די דייטשע קינדער־מערדער.

געווען איז עס אויף איינער פון די באַן־סטאַציעס, דורך וועלכע עס זענען אַדורכ־געפאָרן טראַנספּאָרטן מיט יידן קיין אוישוויץ. די יידישע מאַמעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל וועגן שרעקלעכן גורל, וואָס עס דערוואַרט זיי, צוזאַמען מיט די קליינע עופהלעך, האָבן די קינדער אַראָפּגעוואָרפן פון דער באַן און די קלויסטער־שוועסטער האָבן זיי איבערגעכאַפּט און אָוועקגעטראָגן אין קלויסטער. דאָס איז געווען אַ שטילער אָפּמאַך צווישן די מאַמעס מיט די שוועסטערן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געוואָרן געמאַכט זייער פאַרזיכטיק, אַז די דייטשע וואַך זאָל נישט באַמערקן.

איינמאָל איז אַ קינד אַראָפּגעפאַלן נעבן אַ דייטשן סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָס פּיצעלע קינד אַ כאַפּ געטאָן ביי די פיסלעך און צעשמעטערט דאָס קעפּל אין די אייזערנע רעדער פון דער באַן. נאָך דעם שוידערלעכן פאַל, האָט די שוועסטער געשוואוירן צו ווידמען איר לעבן אָפּצוראַטעווען יידישע קינדער.

* * *


נישט וואַרטנדיק, בין איך גלייך אַוועק אויף דער געגעבענער אַדרעס. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלויסטער אין דער אָרטשאַפט ווערוויע־לאַ־פּראָווידאַנס. נאָכן דערציילן דעם גאַנצן ענין פאַרן הויפּט־גלח, אַן עלטערער מענטש מיטן נאָמען בריעאָן, איבערגעבנדיק גלייכצייטיק ווער ס'האָט מיך געשיקט, האָט ער גלייך מסכים געווען צוגענומען מיינע קינדער מיטן באַדינג, אַז איך וועל די קינדער קאָנען זען איינמאָל אין חודש, ווייל דער קלויסטער ווערט אָבסערווירט דורך דער געסטאַפּאָ. איבערלאָזנדיק די קינדער, בין איך צוריקגעפאָרן קיין סעריין אין מיין באַהעלטעניש.

מיין האַרץ פון אַ יידישער מאַמע, האָט אָבער נישט געקאָנט איינרוען און איך בין כסדר אַהינגעפאָרן מיט דער האָפענונג צו זען מיינע קינדער. נאָכן אויסגיסן מיין האַרץ פאַר דער הויפּט־שוועסטער, וועלכע האָט מיר דערקלערט, אַז מיט מיין קומען שטעל איך אין געפאַר די גאַנצע אַקציע, נאָכן איינבעטן זיך, אַז מ'זאָל מיך צונעמען צו אַן אַרבעט אין קלויסטער, ווערט מיין בקשה דערפילט. פון אַלע גלחים און שוועסטערן, האָבן נאָר דער הויפּט־גלח און די הויפּט־שוועסטער געוווסט, אַז איך בין אַ יידישע. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פלעגן די קינדער פון דאָרטיקן יתומים־הויז, אין דער צאָל פון עטלעכע זיבעציק, בתוכם צען אויסבאַהאַלטענע יידישע קינדער. יעדן פרימאָרגן

האַב איך די קינדער געפירט צו דער פרימאָרגן־תפילה. איך בין געווען געקליידעט, ווי אַלע קלויסטער־שוועסטערן מיט אַ קייט און אַ גרויסן קרייץ. גלייכצייטיק בין איך געווען די פאַרבינדלערין מיט דער יידישער קהילה אין בריסל, וועלכע האָט געפירט, שטרענג־געהיים, איר טעטיקייט.

* * *

אין אַ פרימאָרגן פון יאָר 1942, האָט מען מיך אַרייַנגערופן אין ביוראָ און מיר מיטגעטיילט, אַז מ׳האָט געבראַכט צוויי יידישע קינדער, וועמענס עלטערן זענען געוואָרן פאַרשיקט קיין אוישוויץ.



האחים אהרן ומשה גד בשנת 1942.
די ברידער אהרן און משה גאַד אין יאָר 1942.

ווען כ׳האָב דערזען אין דער רשימה די נעמען פון די צוויי קינדער, האָט מיר אַ שטאָך געגעבן ביים האַרצן. דאָס זענען געווען די קינדער פון הערש דוד גאַד,

אהרון און משה. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז חוץ זייער פֿאָטער, הערש דוד, זענען אויך געכאַפּט און טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, דאָקטאָר בראָקער, טאָבטשע זעלקאָוויטשס מאַן מיט זיין ברודער טיליק, ווי אויך מיין קוזין אברהם לייב איצקאָוויטש. פון אַלע פּאַרשיקטע, איז געבליבן ביים לעבן מיין קוזין. נאָכן קריג האָט ער מיר דערציילט, אַז אין אוישוויץ זענען זיי געווען צוזאַמען און זיי האָבן זיך געגעבן „תקיעת־כף", אַז ווער פון זיי ס'וועט בלייבן לעבן, וועט זאָרגן, אַז די קינדער זאָלן בלייבן יידן.

די קינדער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע און זיי האָבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט. די גלחים און שוועסטערן האָבן געלייגט אַ ספּעציעלן אַכט אויף אהרונען, וועלכער האָט שיין אויסגעזען אין די קלויסטער־קליידער, מיינענדיק, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ שיינער גלח.

* * *

געפאַרן און טויט־שרעק האָט אויך אונדז נישט אויסגעמיטן. עס זענען פאַרגעקומען אָפטע איבערפאַלן פון דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָבן געזוכט אויסבאַהאַלטענע יידישע קינדער. איינמאַל, דאָס איז געווען אין יאָר 1943, זענען אָנגעקומען פאַרשטייער פון דער געסטאַפּאָ מיט אַ ליסטע פון אַלע אויסבאַהאַלטענע קינדער, בתוכם אויך מיינע, און זיי האָבן געפאָדערט, אַז אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה, זאָלן אַלע זיין גרייט אָוועקגעפירט צו ווערן.

מיר זענען געוואָרן פאַרצווייפלט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. אָבער די נאָבעלע און האַרציקע טוער פון דער אונטערגרונט, זענען געווען גרייט אויף אַזאַ עווענטואַליטעט און אין געציילטע מינוטן זענען אַלע קינדער געוואָרן פאַרלאָדנט אין די עטלעכע אויטאָס, וואָס האָבן געדינט איבערצופירן פּראָדוקטן און קראַנקע און געוואָרן איבער־געפירט, לויט דער אָנווייזונג פון הויפּט־גלח אין עטלעכע דערפער. דאָרט זענען די קינדער געווען אויסבאַהאַלטן פיר מאָנאַטן, ביז ס'האָט זיך באַרואיקט.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל, ווי איך האָב אויך געקאָנט באַצאָלן מיטן לעבן. דאָס איז געווען אין אַ מאָמענט, ווען כ'האָב געדאַרפט עפּעס דערלעדיקן אין דער ביוראָ פון הויפּט־גלח. צוקומענדיק נאָענט צו דער טיר, קלייבדיק אָנצוקלונגען, לויפט צו צו מיר אַן עלטערער גלח, גיט מיר אַ קלאַפּ איבער דער האַנט און גיט מיר צייכנס כ'זאָל זיך וואָס שנעלער דערווייטערן פון אָרט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געסטאַפּאָ, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט אויפן הויפּט־גלח, זענען געקומען אים אַרעסטירן, אָבער זיי האָבן אים נישט געטראָפן, ווייל ער איז אַנטלאָפן דורך אַן אונטער־טיר און זיצנדיק אין דער ביוראָ, האָבן זיי אַרעסטירט אַלע, וועלכע זענען אַריינגעקומען.

אַזוי האָב איך דאָרט פאַרבראַכט ביזן סוף 1944, ביז צו דער באַפרייאונג.

היינט צו טאָג לעב איך אין אויסטראַליען און מיינע אויסבאַהאַלטענע קינדער, האָבן שוין אויפגעשטעלט אייגענע פאַמיליעס.

NOUS N'OUBLIONS PAS!

La soeur Marie (Matilda) Larout sauvetrice d'enfants Juifs.


Pendant la triste période du nazisme assoiffé de sang,plusieurs peuples de race arienne furent entrainés par la propagande du racisme hitlérien et aiderent directement ou indirectement à l'anéantissement de notre peuple.Pendant cette période de déses-spoir ou les fours-crématoires et les chambres a gaz foncionnaient,fut décidé l'anéantissement total de notre peuple.

Mais une lumiére brillante apparut à travers les nuages,des êtres nobles risquérent leur vie pour sauver d'une mort certaine les dermiers survivants de notre peuple.Des groupes de prêtres et de religieuses de Belgique,aurisque de leur propre existence ont caché et sauvé des Juifs et surtout des enfants Juifs dont les parents avaient été exécutés.

Nous n'oublierons jamais notre dette envers eux.

Dans un de ces groupes de bienfaiteurs se trouvait une soeur supérieure d'un monastére Belge : Marie -Matilda Larout,Elle sauva avec de nombreux autres enfants,notre fils MAURICE GAD fils de Kadosh Hersz David Gad.En Decembre 1969 pour l'honorer le Yad Vachem invita la soeur Marie à planter un arbre dans la forêt des Justes du monde entiers.

Aprés la céremonie, la soeur Marie remercia avec ces mots touchants :



643

En me inclinant vers ces dalles, (urnes) commémorant vos chers Disparus, un sentiment de profonde tristesse m'envahit. Je pense à tous vos Martyrs, je pense tout spécialement aux parents de mes braves enfants juifs, que ~~[illegible]~~ j'ai pu, comme tant d'autres Chts cachés pendt la guerre! Hélas, on ne remplace jamais un père ou une mère! Mais le souvenir reste —

L'arbre, que vous me faites l'honneur de planter dans l'Allée des Justes, devient pour moi, symbole de vie!

La sève bientôt va monter, l'arbre va grandir, se déployer, et restera l'emblème de la croissance des efforts surhumains et collectifs que chacun de vous accomplit pour l'avenir d'Israël!

Courage et confiance —

Que la main, tendue vers Mr Maurice Gad, le plus jeune des enfants juifs qui m'était confié, soit le signe de toute ma sympathie pour votre peuple!

רעדע פון דער שוועסטער מערי

נאומה של האחות מרי אחרי נטיעת העץ ביער חסידי אומות העולם. 6.1.70

* * *

בדצמבר 1969 הוזמנה לארץ, ע״י „יד ושם״ האחות הראשית מטילד לרוט מהמינזר שהציל יהודים וילדי יהודים, שהוריהם נרצחו ע״י הגרמנים. ביניהם גד משה, בנו של הרש דוד גד. לנטיעת עץ ביער חסידי אומות העולם. הנה הנאום של האחות בזמן טקס נטיעת העץ.

תרגום נאומה של האחות מרי (מטילד לרות), בטקס נטיעת עץ על שמה

כאשר אני כורעת לפני מרצפות אלו שבאוהל הזכרון, המעלות את זכרם של יקיריכם הנעדרים, ממלא את לבי רגש של עצבות עמוקה. אני מהרהרת בכל קדושיכם המעונים, ובמיוחד נזכרת אני בהוריהם של ילדי היהודיים היקרים, אשר כרבים אחרים, לקחתי אלי ונתתי להם מסתור ומחסה בזמן המלחמה.

עם אנחת אוי! אין ממלאים את מקומם, ואין תחליף לעולם לאב או לאם, אב!

העץ אשר כבדתם אותי בנטיעתו, בשדרת חסידי אומות העולם, יהפוך עבורי סמל לחיים.

העץ יכה שורשים, יגדל ויתרומם, יעטה עלים וירק ויצמח כסמל להתגלמות וריכוז המאמצים העל־אנושיים אשר כל אחד מכם משקיע למען עתידה של ישראל.

אומץ ואמונה

תהיה ידי המושטת לעבר מר גד משה, הצעיר בילדים היהודיים שהופקדו בידי, כסמל לכל הערכתי, והאהדה אשר אני רוחשת לעמכם.

יוסף זעלקאָוויטש

מיר פארגעסן נישט !

קלויסטער־שוועסטער מערי — מאטילדא לארוט — רעטערין פון יידישע קינדער

אין דער טרויעריקער תקופה פון נאַצישן בלוטדורשטיקייט, ווען פיל פעלקער פון דער „נישט־ריינער" אַרישער־ראַסע זענען געוואָרן מיטגעריסן מיט דער סאַדיסטישער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע, מיטהעלפנדיק דירעקט און אומדירעקט צו דער אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק —



די שוועסטער מערי־מאַטילדאַ־ לאַרוט אין ישראל. דעצעמבער 1969
האחות מרי־מטילדה לרוט בישראל. דצמבר 1969

אין דער־אַ צייט פון אויסזיכטלאָזיקייט פאַר אונדזער יידישער גזע, ווען קרעמאַ־טאָריעס און גאַז־קאַמערן האָבן דעצידירט וועגן טאָטאַלן אויסראָט, ביי דער מיטהילף פון געוועזענע שכנים, מאָדערנע קינס —

האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די גרוי־פאַרכמורעטע הימלען אַ ליכטיקער שיין. דאָס זענען געווען די נאָבעלע און דרייסטע טאַטן פון מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן, בכדי אָפּצוראַטעווען כאָטש עפּעס פון אונדזער צום טויט־פאַרמשפּטן פאָלק.



האחות מרי בקבלה תעודה לאות־הוקרה מפרופ׳ ג׳נוסר מטעם יד־ושם על ידה יושב משה גד
ב:י עירנו מצרפת ומשבדיה בפגישה בישראל 1969

די שוועסטער מערי ב״ים באַקומען אַן אָ:ערקענונגס־דאָקומענט פון פּראָפ׳ גינוסר,
פאָרשטייער פון יד־ושם ;
נעבן דער שוועסטער זיצט משה גאָד

מיט דאַנקבאַרקייט און יראת־הכבוד וועלן זיין איינגעקריצט אין אונדזער זכרון די הומאַנע טאַטן פון אַ גרעסערער גרופּע גלחים און נזירות פון די פראַנצויזישע, בעלגישע און אַנדערע מאַנאַסטירן, וועלכע האָבן, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם עקזיסטענץ, אויס־באַהאַלטן און אָפּגעראַטעוועט יידן, איבערהויפּט יידישע קינדער, יתומים פון דער־מאָרדעטע עלטערן.

צווישן דער־אַ גרופּע טייערע מענטשן, חסידי אומות העולם, האָט זיך אויך געפונען די הויפּט־שוועסטער פון אַ בעלגישן מאָנאַסטיר, מערי־מאַטילדאַ לאַרוט און צווישן די אָפּגעראַטעוועטע דורך איר קינדער איז אויך געווען אונדזער בן־עיר משה גאָד, אַ זון פון קדוש הערש דוד גאָד.

✶

אין דעצעמבער 1969 איז די שוועסטער מערי געוואָרן איינגעלאַדן דורכן „יד־ושם" בכדי איר צו באַערן מיטן פלאַנצן אַ בוים אין וואַלד פון די „חסידי אומות העולם".



האחות מרי בטקס נטיעת העץ
די שוועסטער מערי בעת דער פלאַנצונגס־צערעמאָניע

נאָך דער פלאַנצונג־צערעמאָניע, האָט די שוועסטער מערי, אַ טיף־גערירטע, געדאַנקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

„...ווען איך קני פאַר די שטיינער פון דעם אָנדענק־געצעלט, וועלכער פאַראייביקט דעם זכר פון אייערע טייערע, איז מיין האַרץ פול מיט טיפן טרויער. איך קלער וועגן,

אַלע פאַרפייניקטע קדושים און איבערהויפּט וועגן די אומגעבראַכטע עלטערן פון די קינדער, וועלכע האָבן באַקומען דורך מיר און אַנדערע, אַ באַהעלטעניש און אַ באַשיצונג אין דער צייט פון דער מלחמה.

ניין! קיינמאָל וועט נישט זיין קיין פאַרטרעטונג פון פאָטער און מוטער! אָבער זייער אָנדענק איז איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

דער בוים, וועלכן איך פלאַנץ אין דער אַלעע פון די „חסידי אומות העולם״, וועט פאַר מיר זיין אַ סימבאָל פון לעבן. דער בוים וועט שלאָגן וואָרצלען, וועט וואַקסן און



האחות מרי בזמן נטיעת העץ
די שוועסטער מערי פלאַנצט אַ בוים

זיך צעשפּרייטן. זיינע ג רינע בלעטער וועלן שפּראָצן ווי אַ סימבאָל פון אייערע איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגען פאַר דער צוקונפט פון ישראל! דרייסטקייט און גלויבן!

זאָל מיין אויסגעשטרעקטע האַנט צו משה גאָד, דער יינגסטער פון די אָפּגעראַטע־וועטע קינדער — זיין אַן אויסדרוק פון מיין אַכטונג און ליבשאַפט, וואָס איך פיל צו אייער פאָלק!״



האחות מרי אחרי נטיעת העץ, ואחרי הנאום שלה מושיטה יד למשה גד
די שוועסטער מערי שטרעקט אויס איר האַנט צו משה גאָד

שמואל יהודה יאַבלאָנסקי

א טראַגישער עפּיזאָד

נאָכן אָפּזיין איבער אַ מאָנאַט אין אושוויץ־גהינם, זענען מיר, אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטס־פּעאיקע קאַצעטלער, געוואָרן געשיקט אויף אַרבעט, קיין פירסטענגרובע. צוזאַמען מיר מיר, האָבן זיך דאָרט געפונען לייבל קאַסריל און נאָך עטלעכע ווירו־שאָווער. מיר האָבן געאַרבעט אין דער דאָרטיקער קוילן־גרובן, און ווי אין אַלע דייטשע אַרבעטס־לאַגערן, זענען די באַדינגונגען געווען אומדערטרעגלעכע. אויסער די טאָג־טעגלעכע פּייניקונגען, זענען מיר געווען געצווונגען צו אַרבעטן, ביי קאַטאַרגע־באַדינגונגען, צוועלף שעה אין מעת־לעת. די אַרבעט איז געווען פאַרטיילט אין צוויי שיכטן, בייטאָג און ביינאַכט.

איינמאָל, אין אַ פינצטערן דעצעמבער אָוונט פון יאָר 1943, בערך 10 אַזייגער, זענען מיר געוואָרן געפירט דורך אַ בלאָטיקן און וואַלדיקן וועג צו דער נאַכט־שיכט אַרבעט. דער וועג פון לאַגער ביז צום אַרבעטס־פּלאַץ, איז געווען בערך צוויי קילאָמעטער. מאַרשירט האָבן מיר צו פינף מאַן אין אַ ריי, ווערנדיק געהיטן פון ביידע זייטן דורך באַוואָפנטע עס־עס־לייט און אויסדרעסירטע הינט. אין דעם, האָט זיך אַ יידישער קאַצעטלער אַרויסגעריסן פון דער ריי און מיט אַ בליץ שנעלייט אַנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג פון וואַלד. זאָפאָרט האָט זיך דערהערט אַ באַפעל: „אַלץ הינלעגען״! און אַ שרעקלעך פייער פון מאַשין־געווערן האָט זיך געטראָגן איבער אונדזערע קעפּ. נאָכן אָפּליגן אַ האַלבע שעה אין דער נאַסער בלאָטע, און די זוכענישן נאָכן אַנטלאָפענעם האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, זענען מיר געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן און מיר האָבן צוריקמאַרשירט אין לאַגער.

צוריקקומענדיק, זענען מיר אויסגעשטעלט געוואָרן פאַרן בלאָק, ווו ס׳האָט געווינט דער לאַגער־פירער, וועלכער האָט אָפּגענומען דעם באַריכט פון דער עס־עס־וואָך וועגן פאַרגעקומענעם פאַל. לויט אַ באַפעל פון לאַגער־פירער, זענען די איבעריקע פיר מאַן פון פינפטל, ווו ס׳האָט זיך געפונען דער אַנטלאָפענער, אַרויסגעטרעטן פון דער ריי און ער האָט זיי אייגנהענטיק דערשאָסן אויפן אָרט.

די דערשאָסענע זענען געווען טשעכישע יידן פון די העכערע קרייזן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַן אַדוואָקאַט און אַ געוועזענער באַנקיר. מיר זענען געבליבן אויפן אָרט, וואַרטנדיק מיט שרעק און ציטער, אויף ווייטערדיקע רציחות. נאָך אַ קורצער צייט, האָט זיך דער לאַגער־פירער אומגעקערט פון זיין שטוב אין אַ שכורן צושטאַנד און באַפוילן די עס־עס־לייט, זיי זאָלן אים ברענגען נאָך אַ ייד. אויך דער ייד ווערט דערשאָסן און אַוועקגעוואָרפן אין דער בלאָטע. אַזוי ווערט דער בלוטיקער ספּעקטאַקל כסדר פאַרגעזעצט. עס ליגן שוין אין דער בלאָטע דרייצן טויטע און דער מערדער איז נאָך נישט באַרואיקט.

צו אונדזער גליק, האָט זיך די זעלבע נאַכט געפונען אין לאַגער די פרוי פון לאַגער־פירער און נאָך דעם, ווי איינער האָט זיך אַריינבאַקומען אין איר צימער און

איר צוגעזאָגט אַ שיינע מתנה, האָט זי אָוועקגעשלעפּט דעם שכורן רוצח צו זיך אין שטוב.

אַזוי אַרום זענען פיל אומשולדיקע יידן געוואָרן אָפּגעראַטעוועט.

אַלע טויטע קערפּערס, ווי אויך דער קערפּער פונעם אַנטלאָפענעם, וועלכער איז געפונען געוואָרן אין דער פרי אַ דערשאָסענער, זענען געבליבן ליגן אין דער בלאָטע, בכדי אַלע זאָלן זיך צוקוקן.



טשאַרנע קאַרנווייזער
שוועדן

פרויען־לאגערן

ביים אויסברוך פונעם קריג, בין איך, צוזאַמען מיט מיין מוטער און מיינע ברידער דוד, ישראל און יעקב, און מיין שוועסטער בלומע, געלאָפן, ווי פיל אַנדערע יידן, פון וויערושאָוו קיין לאָדזש. צוריקקומענדיק, נאָך אַ וואָך צייט, קיין וויערושאָוו, האָבן מיר געטראָפן אַ גרויסן חורבן, וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט די דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער, די היימישע פאָלקס־דייטשן.

באַלד אין די ערשטע טעג, האָב איך געאַרבעט ביים אויפרוימען די חורבות און דערנאָך, ווען די דייטשן האָבן געשאַפן צוויי לאַגערן אין די דערפער גאַלעוויץ און סאָקאָלניק, בין איך געשיקט געוואָרן קיין גאַלעוויץ, ווו איך האָב געאַרבעט, ביז מיר, אַ גרעסערע גרופע מיידלעך, זענען פאַרשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער ביי פויזן

פון וויערושאָווער האָבן זיך דאָרט געפונען: חנה וואַקסמאַן (טאָכטער פון גדליה קזשאַק), בראַניע און שפרינצע איצעק, צוויי טעכטער פון ראובן מייעראָוויטש, דינה דזשאַלאָווסקי, יהודית און פייגע דיאַמענט און נאָך אַנדערע.

די אַרבעט ביים בויען אַן אויטאָסטראַדע, איז געווען זייער אַ שווערע און צוליב די קלעפּ, הונגער און קעלט, האָבן זייער פיל מיידלעך נישט אויסגעהאַלטן און אַוועק־געשטאָרבן.

אין יאָר 1942 זענען מיר, אַ גרופע פון דרייסיק מיידלעך, געבראַכט געוואָרן אין דאָרף לויעווא צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אויך דאָ זענען די באַדינגונגען געווען קאַטאַרזשנע און עטלעכע מיידלעך זענען געשטאָרבן.

אָנהויב 1943, ווען די אַרבעט האָט זיך געענדיקט, זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן אין טרויעריק־באַקאַנטן אוישוויץ־לאַגער. צו מיין גרויס מזל, בין איך צוגעטיילט געוואָרן דורך דער לאַגער־קאָמאַנדאַ, מיטן ד״ר מענגעלע אין דער שפּיץ, צו אַן אַרבעט אויסערן לאַגער און דאָס האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון קרעמאַטאָריום.

נאָכן אָפּזיין אַ יאָר אין אוישוויץ, ווער איך געשיקט קיין ראַווענסבריק און פון דאָרט — אין פרויען־לאַגער מאַלאַכאָוו.

דעם 28־טן אַפּריל 1945, ווער איך באַפרייט דורך אַ קאָמיסיע פון שוועדישן רויטן־קרייץ מיט פולקא בערנאַדאָט בראש און צוזאַמען מיט נאָך פיל יידישע פרויען, באַקומען מיר די ערשטע הילף אין שוועדן.

שלמה מאַיעראָוויטש
ישראל

יידישע „פאַרברעכער"

געווען איז עס אין די קאַלטע יאַנואַר־טעג פון יאָר 1940 אין לאַגער פאַגענבורג ביי פּויזן.

צווישן די פאַרשיקטע אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט פון וויערושאָוו, באַלעסלאַוועצ און אַנדערע ערטער פון דער אומגעגנט, האָט זיך אויך געפונען יעקב אייזיק מאיראָ־וויטש, דער זון פון יונה מאיראָוויטש.

די באַדינגונגען זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע. אויסער דעם הונגער און שווערער אַרבעט, האָבן מיר זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט אונדז צו פּאַרפייניקן.

אין איינעם אַזאַ פראָסטיקן טאָג איז צו מיר געקומען יעקב אייזיק און מיר געזאָגט, אַז ער פילט אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן און ער וועט צוריקגיין אין לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אַרבעטס־פּלאַץ. איך האָב אים געוואָרנט, ער זאָל נישט אַוועקגיין, ווייל ער ריזיקירט מיטן לעבן.

ליידער האָט ער מיך נישט געפאָלגט און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַהיימקומענדיק אין אָוונט, האָב איך שוין געהערט די נייעס, אַז יעקב אייזיק איז געוואָרן פאַרהאַלטן און ער ווערט באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש.

אַ וואָך צייט איז ער געווען פאַרשפאַרט אין שטראָף־קעלער, ווו ער איז אַדורכ־געגאַנגען אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען און נאָר אַ דאַנק זיין געזונטן קערפּער האָט ער אויסגעהאַלטן.

אין דער זעלבער צייט איז אַנטדעקט געוואָרן אַ צווייט „פאַרברעכן" — עטלעכע יידן פון באַלעסלאַוועצ האָבן באַקומען פון צייט צו צייט קליינע שפּייז־פּאַקעטן און די דייטשן האָבן זיך דערוווסט, אַז די פּאַקעטן זענען געוואָרן איבערגעשיקט דורך פּאָליאַקן, וועלכע האָבן באַקומען גוט באַצאָלט פון די איבערגעבליבענע יידן. פאַר דעם „פאַרברעכן", ווערן די עטלעכע יידן אַרעסטירט און איבערגעפירט אין שטראָף־קעלער.

נאָך עטלעכע טעג איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, אַלע אַרעסטירטע צו הענגען.

צווישן די אומגעקומענע אויף דער תליה, איז אויך געווען אונדזער וויערושאָווער לאַנדסמאַן יעקב אייזיק מאיראָוויטש.

א. י. רוסעק ז״ל

פרייהייט

(ליד)

א קורצע צייט נאָך דער פטירה פון פריינט א. י. רוסעק ז״ל, איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן עטלעכע פאַרציי־כענונגען, אָנגעשריבענע אין לאָדזשער געטאָ, דורכן מחבר. די פאַרגעלבטע שורות, געשריבן אין א סטענאָגראַמען־העפט פון דער דייטשישער מיליטערישער מאַכט, האָבן אַ גרויס חשיבות. די פאַר־צייכנטע אַרבעטן, כאַראַקטעריזירן די שטימונג פון אַ מענטש, וועלכער האָט מיטגעמאַכט אַלע ליידן אינעם גהינם וואָס הייסט — לאָדזשער געטאָ — און אויפן אָרט עס פאַרפּיקסירט.

מיר ברענגען עטלעכע אַרבעטן, מיט געוויסע קירצונגען.

דער רעדאַקטאָר.

איך בענק נאָך דיר —
מיטן גאַנצן האַרץ און נשמה,
איך בענק נאָך דיר
פרייהייט,
מיט אַלע דיינע ליידן און פריידן
ליבע און האַס.

איך פרעג זיך :
פאַרוואָס בין איך נישט פריי ?
איך קלער, גיב אַ שפיי —

הייסט עס :
אַז אויפן גרויסן וועלט־יאַריד,
זאָגט מען, אַז אין אַלעם
איז שולדיק דער ייד !

איך קלאַפּ זיך אין ברוסט
און קלער :

הייסט עס, אַז בערל סטאָליער, דער ייד,
וואָס שטענדיק, מיט ווייב און קינד,
געלעבט אין נויט,
קיינמאָל צו דער זעט געהאַט דאָס שטיקל ברויט

און געהאָרעוועט אַ לעבן אַ גאַנץ
איז שולדיק אין דאָזיקן
שדים־טאַנץ ?

מוז צאָלן שחיטה־געלט
דער דאָזיקער גהינם־וועלט
אַלץ, נאָר, ווייל ער איז אַ ייד !

איך שפּיי אויף אייך,
היטלערישע דיפּלאָמאַטן און הערן,
אויף אייערע געזעצן און געבאָטן,

וואָס צווינגען מיך לעבן,
אונטער דראָטן —
זיך מאַטערן אין עלנד און נויט
אָן פרייהייט, אָן ברויט !.

א. י. רוסעק ז״ל

אין לאדזשער געטא

(עפיזאָדן)

עס קומט אָן אַ באַפעל: יידן, איינוווינער פון צענטער שטאָט, מוזן זאָפאָרט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און אַריבער קיין באַלוט.

עס־עס־לייט גייען פון הויז צו הויז און טרייבן אַרויס די יידן פון זייערע היימען. מ׳לאָזט גאָרנישט מיטנעמען. צומאָרגנס קומט אָן אַ נייער באַפעל, וועלכער דערלויבט צוריקצוגיין און נעמען די זאַכן. נישט אַלע גייען צוריק, מ׳האָט מורא פאַר דערשיסונגען



אהרן יוסף רוסעק ז״ל.

און פאַרשיקונגען. דער גרעסטער טייל האָט זיך אַרויסגערוקט און געגאַנגען אין שטאָט אַריין ברענגען אַ ביסל זאַכן. ס׳איז געווען אַ שוידערלעך בילד, ווען צענדליקער טויזנטער יידן גייען פון באַלוט אין שטאָט אַריין און צוריק, שלעפנדיק מיט זיך אַ ביסל זאַכן אויף פראָוויזאָריש־געמאַכטע שליטנס, אָדער אין איבערגעקערטע טישן און דייטשע סאָלדאָטן מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, ווי אַזוי יידן פעקלען זיך איבער.

אדורכגייענדיק דעם „פּלאַץ וואַלנאַשטשי" („פּריידהייטס־פּלאַץ"), וואָרטן שוין הונדערטער דייטשן מיט פאָטאָ־אַפּאַראַטן, און וועלכער ייד ס׳געפעלט זיי, ווערט פאָטאָגראַפירט מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן, אויסגעטוענע העמדער און אַנדערע פּאָזעס. נאָכן פאָטאָגראַפירן, הויבט זי דאָן די פּראָצעדור פון שנײַדן בערד. צוזאַמען מיט דער באָרד ווערן מיטגעשניטן שטיקער פלייש און ווי איז געווען צו דעם, וועלכער האָט געשריגן פאַר ווייטיק, דעמאָלט זענען די קלעפּ געווען אכזריותדיקע. דער זעלבער גורל האָט נישט אויסגעמיטן יידישע ייִנגלעך, וועלכע האָבן געטראָגן פּיאות. די דייטשע סאַדיסטן האָבן נישט געשוירן די פּיאות, נאָר זיי אויסגעריסן.

* * *

די לאָדזשער געטאָ איז פריי פון אַנדערע פעלקער, ווייל אַלע קריסטלעכע איינוווינער פון באַלוט האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין שטאָט אַריין. בלויז איין אָרט אין געטאָ איז פאַראַן, ווו עס געפינען זיך נישט־יידן. דאָס איז אויף דער קאַשטשעלנער גאַס נומער 7, אָדער, ווי מ׳רופט עס „דאָס רויטע הייזל". דאָרט איז טעטיק די טרויעריק־באַקאַנטע „קריפאָ" („קרימינאַל־פּאָליציי").

מיר אַרבעטן דאָרט, אַ גרופּע פון 16 יידן, פאַרשידענע פאַכלייט, מאַליאַזשעס, שלאָסער, מויערער און אַנדערע. די אויפגאַבע פון דער „קריפּאָ" איז אויסצוגעפינען וואו ס׳באַהאַלט אויס בריליאַנטן, גאָלד, פוטער און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. זייער אויפגאַבע איז אויף אויסצוגעפונען וועד ס׳פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק.

אויב אַ ייד באַקומט אַן אויפפאָדערונג זיך צוצושטעלן צו דער קרימינאַל־פּאָליציי, איז ער שוין זיכער, אַז אויב ער וועט פון דאָרט אַרויס אַ לעבעדיקער, וועט ער שוין זיין אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. אויך ביי די טעגלעכע שפּאַצירן, גייען די יידישע אַרעסטאַנטן אַדורך אַ גהינום־פּיין. די שפּאַצירן ווערן באַגלייט דורך אַ גרופּע „קריפּאָ"־לייט, מיט עטלעכע אויסדרעסירטע הינט און אויב פּרווט עמיץ אויסדרייען דעם קאָפּ בעתן שפּאַציר, באַקומט ער מוראדיקע קלעפּ און אַלס צולייג, ווערן אויף אים אָנגערייצט די צעיושעטע הינט, וועלכע וואַרפן זיך, לויט ווי מ׳האָט זיי אויסגעלערנט, אויפן געשלעכטס־טייל. אַ גאָר קנאַפּער פּראָצענט איז געבליבן לעבן נאָך אַזאַ דייטשישער פאַרווײַלונג. דער קנאַפּער טייל, וואָס האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן, ווערן אַריינגעשלעפּט, דורך אַנדערע אַרעסטאַנטן, אין קאַמער אַריין.

* * *

פינף הונדערט מענטשן האָבן געגראָבן גריבער אויפן בית־עלמין, אָבער קברים האָבן נישט געקלעקט. די שטערבלעכקייט איז אין־לשער. מ׳ברענגט טויטע אויף לאַסט־וואָגנס, ווי ברעטער און זיי ווערן אַראָפּגעשליידערט ווי שטיינער, ווייל אין געטאָ וואַרטן שוין נאָך טויטע, וועלכע מ׳דאַרף איבערפירן. אין דער מעטאַל־אָפּטיילונג.

אַרבעט טאָג און נאַכט, צוגרייטנדיק לאַפּאַטעס און אַנדערע גראַב־מכשירים. דער בית עלמין דינט אויך פאַר אַ צייטווייליק וווין־אָרט פאַר די קרבנות, געבראַכטע פון דער פּראָווינץ

איינמאָל זענען געוואָרן געבראַכט, פון אַ שטעטל נעבן לאָדזש, 365 יידן און צוליבן פעלן פון פרייע דירות אין דער געטאָ, זענען זיי געוואָרן איינלאָקירט אין דער שול פון בית־עלמין. צוליב דער מוראַדיקער קעלט און שרעקלעכן הונגער, זענען אַלע, (חוץ איינער — דער קוכער), אין פאַרלויף פון 5 וואָכן אומגעקומען.

עס ווערן אויך געבראַכט טויטע פון ציגיינער־לאַגער, וועלכע ווערן באַגראָבן אין מאַסן־קברים און זייער אַפּט האָט געטראָפן, אַז זיי זענען געוואָרן באַגראָבן לעבעדי־קערהייט. גאָר שרעקלעך האָט אויסגעזען די לאַגע, ווען עס זענען אָנגעקומען טראַנס־פּאָרטן פון די ליקווידירטע געטאָס פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. ביים עפענען די וואַגאָנען, זענען די מענטשן אַרויסגעפאַלן פאַרחלשטע און אין יעדן וואַגאָן האָבן זיך געפונען פיל טויטע פון דערשטיקונג.

* * *

אַלע טיילן דעם ביטערן גורל. נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן יידישן אינטעליגענט און פּראָסטן מענטש, צווישן יידישע אדל־לייט און פשוטע אַרבעטער. אין איינעם פון די בלוטיקע טעג, איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון טשעכיען, עסטרייך און דייטשלאַנד מיט יידישע אינטעלעקטואַלן און אינטעליגענץ, צווישן וועלכן ס'האָט זיך געפונען גראַף פאָן הירש און נאָך איינער, אַן עסטרייכישער קעניגלעכער ראַט־געבער. די אדל־לייט, נישט זייענדיק צוגעוווינט צו שווערער פיזישער אַרבעט און נאָך ביי אַזעלכע הונגער־באַדינגונגען — האָבן זיך אין אָנפאַנג אַרויסגעהאָלפן מיטן אויספאַרקויפן די ווערטפולע זאַכן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין באַזיץ. פאַר אַ שטיקל ברויט, האָבן זיי אַוועקגעגעבן טייערע קליידונג, פאַר 5 גראַם מאַרגאַרין האָט מען געקאָנט באַקומען אַ בריליאַנט. אָבער ליידער האָט קיינער זיך נישט געגויטיקט אין דעם לוקסוס. אין דעם גהינום, וואָס הייסט לאָדזשער געטאָ — זענען אַלע גלייך. ווען מ'האָט דעם גראַף פאָן הירש טיטולירט מיטן ערן־טיטל, האָט ער געזאָגט: „איך בין נישט קיין „פאָן", מיין ריכטיקער נאָמען איז הערשל".

דער סוף איז געווען אַ טראַגישער — אַלע זענען אויסגעשטאָרבן אָדער אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף פאַרניכטונג.

* * *

שוין ווידער אַ סעלעקציע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דעם ארכי־רוצח פוקס, וועלכער גיט קאָמאַנדעס: רעכטס — לינקס. ביי דער־אַ גרויסער מאַסאַקרע, ווערן

60 טויזנט יידן פארשיקט קיין כעלמנא, אויף פארניכטונג. מיר, וואס האבן געהאט מזל, צו ווערן צוגעטיילט צו דער רעכטער זייט, זענען צייטווייליק אפגעראטעוועט. אבער אויף ווי לאנג ? ווען וועט קומען אויף אונדזער ריי ?.



סטענאגראמען־העפט מיטן כתב־יד פון מחבר.
מחברת עם כתב־יד של המחבר.

קאַראָלאַ פריילין — מאַנעס
פּאַריז

דער קעלצער פּאָגראָם אין זומער 1946 יאָר

פיל איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער פאַרעטערישער, אַנטיסעמיטישער האַנדלונג פון דער איבערוויגנדער טייל פּוילישער באַפעלקערונג, לגבי אירע יידישע שכנים אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן פון דער פּוילישער עקזיסטענץ.

עס איז נאָך פריש אין זכרון די יידן־פרעסערישע פּאָליטיק אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן, איר באָיקאָט קעגן יידישע האַנדווערקער און הענדלער און די כוליגאַנישע אַרויסטריטן קעגן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט.

אויך אין דער צייט פון קריג, זייענדיק אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, האָבן די פּאָליאַקן נישט פאַרגעסן זייער זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישע טראַדיציע און האָבן געטריי מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס ביי דער פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק.

ווען עס ענדיקט זיך דער קריג און פון פאַרשידענע באַהעלטענישן באַווייזן זיך געציילטע אָפּגעראַטעוועטע יידן, וועלכע הויבן אָן זוכן אין זייערע געבורט־שטעטלעך, זייערע קרובים, זייער בלוט און פלייש — אויך דאַמאָלט באַווייזן זיך צעיושעטע פּוילישע באַנדעס, וועלכע מאָרדן די קנאַפּ־איבערגעבליבענע.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון פאַרעטערישער און באַנדיטישער אַרויסטריטן, איז געווען דער טויעריק־באַקאַנטער קעלצער פּאָגראָם, אַדורכגעפירט איבער דער שארית הפליטה אין זומער פון יאָר 1946.

זייענדיק צו דער צייט אין קעלץ, ווי כ׳האָב איבערגעלעבט דאָס טראַגישע קאַפּיטל, וועל איך איבערגעבן דעם פאַרלויף פון דער געשעעניש.

* * *

נאָכן קריג, האָט זיך אין קעלץ קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל יידן. טייל זענען געקומען פון די באַהעלטענישן און אויך פון די וועלדער, ווו זיי האָבן אָנטיילגענומען אין באַוואָפנטע קאַמפן. גרעסערע גרופּן זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד, ווו זיי האָבן זיך געפונען אין צייט פון קריג. בכדי זיך צו פאַרנעמען מיטן פּליטים־שטראָם, איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער פּלאַנטאַ־גאַס.

די פּוילישע באַפעלקערונג האָט באַלד אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן פירן אַ וויסטע העצע קעגן די יידן — „איר זייט דאָך אַזוי פיל געבליבן" — האָבן זיי מיט חיהשער שנאה פאַרגעוואָרפן.

די ערשטע פּראָוואָקאַציע איז געווען, ווען ס׳איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ טויטער קערפּער פון אַ קריסטלעכער פרוי און איז באַגלייט געווען מיט אַ העצע, אַז יידן האָבן זי דערמאָרדעט.

אין אַ גאָר קורצער צייט, איז געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע, בעת אַ יידישער פאַרזאַמלונג און עטלעכע יידן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. די פּאָליאַקן האָבן זיך אָבער געגרייט אויף עפּעס „גרעסערס”, עפּעס שרעקלעכעס.

* * *

איינמאָל אין אַן אינדערפרי, האָבן צוויי יידן אַדורכשפּאַצירט נעבן פּאָליציי־פּאָסטן און צוקומענדיק נאָענט, איז צוגעקומען אַן אונטערגעשיקטער יונגער שגץ און באַקלאָגט זיך פאַרן פּאָליציאַנט, אַז איינער פון די יידן האָט אים געשלאָגן. ווען דער ייד איז געוואָרן אַרעסטירט און מערדערלעך צעשלאָגן, איז דער צווייטער ייד געלאָפן אַליאַרמירן דעם יידישן קאָמיטעט. דער פּרעזעס כהנא, האָט זיך תיכף פאַרשטענדיקט מיט דער פּאָליציי און מיט דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג (או. ב.), אָבער אָן רעזולטאַטן. פון אומעטום האָט מען געענטפערט, אַז דער קאָמענדאַנט איז נישטאָ אויפן אָרט.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך אַריינגעריסן אַ באַנדע פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס און אויפן אָרט דערמאָרדעט דעם פּרעזעס מיט נאָך עטלעכע אַנוועזנדע יידן.

צו דער צייט האָט אין דער גאַנצער שטאָט געבושעוועט אַ פּאָגראָם, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער פּאָליציי מיטן קאָמענדאַנט בראש, פון דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג, פון די פייערלעשער.

אין דער העצע, האָבן זיך די כוליגאַנעס נישט אָפּגעשטעלט פון אויסנוצן דאָס אַלטע מיטל, אַז יידן דערמאָרדן קריסטלעכע קינדער און דאָס בלוט ווערט געזאַמלט אין פעסער, וועלכע געפינען זיך אין קעלער ביי דער יידישער קהילה, כאָטש ביי דער קהילה איז בכלל קיין קעלער נישט געווען.

די בעסטיעס האָבן אויך דערמאָרדעט פרויען און קינדער. ווען די כוליגאַנעס האָבן געבושעוועט אין הויז פון יידישן קאָמיטעט, האָבן זיי אויפן דריטן שטאָק געטראָפן אַ דרייצן־יעריק יידיש מיידל, וואָס האָט זיך דורך אַ נס אָפּגעראַטעוועט פון די נאַצישע טויט־לאַגערן. זיי האָבן גענומען דאָס מיידל און אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער און דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אונטן, האָט זי דערשטאָכן מיטן באַגנעט און דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין דערנעבנדיקן טייכל.

זיי זענען אויך אַריין אין אַ שטוב, וווּ עס האָט געוווינט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד און געפאָדערט פון דער פרוי דאָלאַרן. ווען די פרוי האָט זיי אָוועקגעגעבן די לעצטע גראָשנס, האָבן זיי ביידן דערמאָרדעט אין אַ נאָענט וועלדל.

* * *

ביז זעקס פאַרנאַכט האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס, ביי דער מיטהילף פון פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, מאַסאַקרירט די יידישע באַפעלקערונג. פופציק טויטע און אַ גרויסע צאָל פאַרוווּנדעטע, איז געווען דער רעזולטאַט פון דער בלוטיקער אַקציע.

ערשט פאַרנאַכט, זענען אָנגעקומען רוסישע סאָלדאַטן, איבערגעטוענע אין פוילישע מונדירן און געמאַכט אָרדנונג, אַרעסטירנדיק אַ צאָל פוילישע כוליגאַנעס.

צומאָרגנס, בשעת דער לוויה, זענען די באַגלייטנדיקע יידן, געוואָרן געהיטן דורך סאָוויעטישע סאָלדאַטן, בכדי אויסצומיידן, ווייטערדיקע עקסצעסן מצד דער צעיושעטער פוילישער באַפעלקערונג.

* * *

זאָלן די ווערטער זיין ווי אַ מצבה פאַר די אומגעבראַכטע קדושים בעתן קעלצער פאָגראָם. הי״ד.



קאַראָלאַ פריילין — מאַנעס
פּאַריז

אין טשענסטאכאווער געטא

אַ קורצע צייט פאַרן קריג, זענען מיר, צוויי שוועסטערן, איך און רויזע, אַוועקגעפאָרן קיין טשענסטאָכאָוו אַרבעטן. אָפּזייענדיק דאָרט אַ געוויסע צייט און נישט באַקומענדיק פון דער היים די מינדעסטע ידיעה, האָב איך באַשלאָסן אַהיים צו פאָרן זען, וואָס עס הערט זיך ביי אונדז. אָנקומענדיק אין שטעטל, האָבן מיך טרויעריקע בליקן באַגלייט אין שטוב אַריין, ווו כ'האָב געטראָפן אַ גרויסע טראַגעדיע.

אונדזער שוועסטער, מלכה, זייענדיק פאַרלאָבט פאַר אַ באַלעסלאַווצער יונגערמאַן, ישעיהו שמולעוויטש, ווערט ערנסט קראַנק צוליבן פּלוצימדיקן טויט פון איר באַשערטן. ס'האָט גאַרנישט געהאָלפן איר אַוועקפאָרן אויף קוראָרט קיין זאַקאָפּאַנע. זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון נעמען די פאַרשריבענע מעדיקאַמענטן און די קרענק האָט כסדר פּראָגרעסירט. צוריקקומענדיק פון קוראָרט, שטאַרבט זי אַוועק. דער פאָטער, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן דעם גרויסן צער, ווערט נפטר דעם זעלבן טאָג און די קבורה איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט.

דאָס טראַגישע געשעעניש האָט אַרויסגערופן גרויס ווייטיק ביי די וויערושאָווער יידן. אַלע האָבן מיט געוויין גערעדט וועגן דעם טראַגישן פאַרפאַל. אָבער לאַנג וויינען איז נישט אויסגעקומען, ווייל אַכט טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער קריג.

* * *

מיר לויפן, צוזאַמען מיט דער מוטער און די איבערגעבליבענע קינדער, קריינדל און שרה, קיין לוטוטאָוו, און פון דאָרט נאָך ווייטער. אומעטום דעריאָגט אונדז דער קריג. אָפּוואַנדערנדיק צוויי וואָכן, קומען מיר צוריק אין פאַרברענטן וויערושאָוו. אונדזער שטוב איז מער נישטאָ און מיר וווינען דערווייל אין אַ צווייטע וווינונג. אויך מיט עסן איז זייער קריטיש. מיר דערנערן זיך מיט קאָנסערווירטע קאַלך־אייער, וואָס מיר נעמען פון וואָלף שמואל דאָמבס קעלער.

איינמאָל קומען צו אונדז אַריין צוויי דייטשע אָפיצירן און פאָדערן, אַז איך זאָל מיטגיין מיט זיי. מיין מוטער בעט זיך קוים אָפּ, זאָגנדיק, אַז זי האָט אַ קראַנק האַרץ און אָן מיר, קאָן זי נישט אויסקומען. די אָפיצירן לאָזן מיך איבער, זאָגנדיק, אַז מאָרגן וועלן זיי ווידער קומען. זעענדיק, אַז די לאַגע איז ערנסט, גייען מיר אַריבער וווינען צו מיין פעטער, משה אהרן אייזנער. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. די דייטשן האָבן מיך אומעטום אַרומגעזוכט. צום סוף באַשליסן מיר, אַז איך זאָל אַנטלויפן צו דער שוועסטער רויזע, קיין טשענסטאָכאָוו.

אַכט מעת־לעת האָבן מיר, צוויי מיידלעך, איך און מיין חברטע שולמית סאַרנע, געוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, מורא־האָבנדיק פאַר יעדן שאָרך. מיד און הונגעריק, זענען מיר אָנגעקומען צו אַ שטוב אונטער טשענסטאָכאָוו און צו אונדזער מזל, איז עס געווען אַ יידישע שטוב. אריינקומענדיק, זענען מיר פאַר מידקייט געפאַלן אין אָנמאַכט. ווען מיר זענען צו זיך געקומען, האָבן מיר זיך געפונען אין וואַרעמע בעטן און אויפן אָרט זענען געווען מיינע שוועסטערן רויזע און שרה.

* * *

טאָג־טעגלעך קומען פאַר אַקציעס. כמעט יעדן טאָג גייען אָפּ טראַנספּאָרטן מיט יידן אויף פאַרניכטונג. די יינגסטע שוועסטער, שרה, באַהאַלט זיך אין אַ בונקער, וועלכער ווערט אַנטדעקט און זי ווערט דעפּאָרטירט. איך מיט רויזען זענען געווען צוזאַמען ביז דער לעצטער אַקציע. בשעת דער לעצטער סעלעקציע, האָט אונדז דער עס־עס־האַופּטמאַן דעגענהאַרט, צעטיילט. רויזען האָט ער געשיקט אויף „לינקס" — מיטן טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע און מיך — אין דער אַמוניציע־פאַבריק „האסאג" אויף אַרבעט.

דאָרט האָב איך פאַרבראַכט, ביי שוידערלעכע באַדינגונגען, ביז ווינטער 1945, ביז צו דער באַפרייאונג דורך דער רוסישער אַרמיי.

נאָכן קריג, בין איך געוואויר געוואָרן וועגן טראַגישן סוף פון מיין פאַמיליע. אויסער מיר איז קיינער נישט געבליבן ביים לעבן.

אַ קורצע צייט האָב איך געוווינט אין לאָדזש, דאָרט האָב איך אויך געהייראַט. דערנאָך האָבן מיר געוווינט אין קעלץ, ווו איך האָב בייגעוווינט דעם קעלצער פּאָגראָם. נאָך אַ קורצע צייט, איז מיין מאַן געשטאָרבן פון די אַלע שרעקלעכע איבערלעבענישן. אָפּזייענדיק דערנאָך אַ לענגערע צייט אין לאָדזש, האָב איך נאָך אַמאָל געהייראַט און עמיגרירט קיין פראַנקרייך.

שמשה יעקב
תל־אביב

פון די טויט־לאַגערן צום באַפרייאונגס־קריג

אין די ערשטע נע־ונד טעג

שוין אין די ערשטע שעהן פון די קריגס־אָפּעראַציעס, הויבט זיך אָן אַ מאַסן־געלויף פון שטעטל — צוליב דער גרענעץ־נאָענטקייט. אויפן וועג קיין שעראַדז, וווּהין ס׳איז געגאַנגען אַ גרויסער פּליטים־שטראָם, בין איך געווען צוזאַמען מיט יעקוש עליאַש, צדוק קעמפּנער און זיין טאָכטער צפּורה און מיטן זון פון יחיאל מאיר אַלבערשטיין, לייבל

אין שעראַדז האָב איך געטראָפן ירחמיאל ספּינקע, דעם בלאַשקער מלמדס איידעם. ער האָט מיר דערציילט, אַז לויפנדיק מיט זיין קליין טעכטערל, הענעלע, האַלטנדיק זי אויף די הענט, איז דאָס קינד געוואָרן געטראָפן פון אַ שפּליטער און אומגעקומען. ער האָט דאָס מיידעלע, אייגנהענטיק, געבראַכט צו קבורה.

שבת אין דער פרי, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין זיידע אהרן וואָלף פּולוועמאַכער, וועלכער האָט געוווינט אין שעראַדז און געלאָפן קיין זדונסקעוואָליע, ווו מיר האָבן אָנגעטראָפן אַ שטאַרקע באָמבאַרדירונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג. פון זדונסקעוואָליע, זענען מיר געלאָפן, דורך שאַדעק, צו דער ריכטונג פון לאָדזש און דינסטיק, דעם 5־טן סעפּטעמבער בין איך דאָרט אָנגעקומען.

אין דער זעלבער וואָך זענען קיין לאָדזש אויך אָנגעקומען מיינע עלטערן און מיין שוועסטער רחל.

דעם 9־טן סעפּטעמבער זענען די דייטשע קרעפטן אַריין קיין לאָדזש.

די ערשטע צייטן איז אונדז געלונגען צו פירן אַ ווערשטעל פאַר שיך־אויסאַרבעטונג. אויך מיט פּראָדוקטן איז אונדז געווען נישט שלעכט, ווייל מיין שוועסטער, אויסנוצנדיק איר אַרישן אויסזען, איז געפאָרן פראַנק און פריי, מיט אַ האַקנקרייץ אויפן אָרעם, קיין וויערושאָוו, ברענגענדיק פון דאָרט די נויטיקע לעבנסמיטלען.

איינמאָל איז מיין פאָטער מיטגעפאָרן מיט דער שוועסטער, ווייל ס׳האָט זיך אים שטאַרק פאַרבענקט נאָכן געבורט־שטעטל. אָנקומענדיק אין לוטוטאָוו, זענען אַלע יידן געוואָרן פאַרהאַלטן און געטריבן צום מאַרקס־פּלאַץ און פון דאָרט, פאַרשיקט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג.

עטלעכע וואָכן האָבן מיר נישט געוווּסט וועגן גורל פון פאָטער. אַ געוויסן טאָג, האָבן מיר באַקומען אַ געהיים בריוול, ווו דער פאָטער האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז ער געפינט זיך אין קראָקע און אַז מ׳זאָל אים פון דאָרט אַרויסנעמען. עטלעכע באַקאַנטע האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און פאַר גוט אויסקויף־געלט, האָבן זיי דעם פאָטער געבראַכט קיין לאָדזש, אַ פאַרווונדעטן און דערשטאָכענעם פון באַגנעטן.

לויט ווי דער פֿאָטער האָט דערציילט, האָט זיך אין דער גרופּע אַרעסטירטע געפֿונען אַ ייד, וועלכער האָט נישט אויסגעהאַלטן די קלעפּ און אָועקגעשטאָרבן. די איבעריקע ייִדן, וועלנדיק אים ברענגען צו קבר־ישראל, האָבן דעם מת געטראָגן איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל. ווען די ייִדן זאָגן זיך אָפּ אויסצופֿילן דעם דייטשן באַפֿעל, אָװעקצוואַרפֿן דעם מת, ווערן זיי מערדערלעך צעשלאָגן און צעשטאָכן מיט באַגנעטן. מיט די לעצטע כּוחות, אַליין צעבלוטיקטע, האָבן די ייִדן געבראַכט דעם נפֿטר צו קבר־ישראל.

נאָך דעם פֿאַל, האָט מיין פֿאָטער אָנגעהויבן קרענקען און דערנאָך נפֿטר געוואָרן אין דער לאָדזשער געטאָ.

לאַגערן

נאָכן פֿאָטערס טויט האָב איך געאַרבעט אין געטאָ אַלס הויז־פֿאַרוואַלטער („סטרוזש״). מיין שוועסטער האָט געאַרבעט אין שטרוי־רעסאָרט.

ערב ראש־השנה 1942 איז מיין מוטער געכאַפּט געוואָרן, בעת אַ סעלעקציע און אָוועקגעשיקט געוואָרן אויף פֿאַרניכטונג קיין טרעבלינקע.

איך האָב ווייטער געאַרבעט, ביי הונגער־באַדינגונגען און טויט־שרעק ביזן יאָר 1944, ביז כ׳בין פֿאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די אַמוניציע־פֿאַבריקן פֿון „האסאג״ אין טשענסטאָכאָוו.

סוף 1944 ווער איך פֿאַרשיקט אין טרויעריק־באַקאַנטן לאַגער בוכענוואַלד. נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ קורצע צייט, ווערן מיר, אַ גרעסערע גרופּע, איבערגעשיקט אין לאַגער ביסינגען און פֿון דאָרט נאָך קליין־דאַכאַו („אליך״), ווו איך טרעף אונדזערע לאַנדסלייט ייִדקע איצעק און אפרים ראַבינאָוויטש.

אין קליין־דאַכאַו, האָבן די דייטשן אונדז פֿאַרלאָדנט אין לאַסט־וואַגאָנען און געפֿירט צו דער ריכטונג פֿון טיראָל. אויפֿן וועג טרעפֿן מיר פֿאַרשטייער פֿון רויטן־קרייץ, וועלכע מעלדן אונדז, אַז אין קורצן וועלן מיר באַפֿרייט ווערן.

נאָך דריי טעג, ווערן מיר באַפֿרייט דורך די אַמעריקאַנער.

קיין ארץ־ישראל

נאָכן אָפּזיין אַ קורצע צייט אין די „אונררא״־לאַגערן, לאָז איך זיך, אומלעגאַל, קיין ארץ־ישראל. נאָך פֿאַרשידענע שוועריקייטן, קום איך אָן מיט דער מעפּילים־שיף „וועדזשוואָד״ צו די ברעגן פֿון לאַנד. ליידער, ווערן מיר אַלע פֿאַרהאַלטן דורך די ענגלענדער און פֿאַרשיקט אין לאַגער „עתלית״.

נאָך אַ געוויסער צייט ווער איך באַפֿרייט און שליס זיך אָן צו דער אצ״ל, נעמענדיק אָן אַקטיוון אָנטייל אין פֿאַרשידענע אַקציעס קעגן די ענגלענדער. אין אָנפֿאַנג פֿון באַפֿרייאונגס־קריג, האָב איך זיך באַטייליקט אין די קאַמפֿן ביים באַפֿרייען יפֿו.

ביים שאַפֿן די רעגולערע ישראל־אַרמיי — צה״ל — האָב איך זיך גלייך מאָביליזירט און געווען באַשעפֿטיקט, אַלס פֿאַכמאַן, ביי דער געשאָפֿענער מיליטער־אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט.

גליקע מאָשקאָוויטש

קריגס־איבערלעבענישן

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן און די באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן לויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען — זענען מיר אַריבער אין דאָרף קראַשעוויץ, צו אונדזערס אַ פעטער, אַ גוט־באַזיצער. ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט דער פעטער איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד און מיר אַלע זענען געפאָרן צו דער ריכטונג פון דער רוסישער גרענעץ.

אויפן וועג האָבן מיר בייגעוווינט שוידערלעכע מלחמה־סצענעס, ברענענדיקע שטעט און שטעטלעך און בעסטיאַלישע באַשיסונגען דורך דער דייטשער אַוויאַציע, ציווילע בירגער, דער עיקר, די לויפנדיקע פּליטים.

צוקומענדיק נאָענט צו דער גרענעץ, האָבן מיר שוין דאָרט אָנגעטראָפן דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אונדז באַפוילן צוריקצוגיין. מיר זענען פאַרבליבן אין קראַשעוויץ, ווו עס איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק רואיק ביזן ווינטער 1940. צו דער צייט קומט אָן אַ באַפעל, אַז ווער ס'איז נישט קיין איינוווינער פון דאָרף, מוז זאָפאָרט דאָס דאָרף פאַרלאָזן. איך קום צוריק קיין ווייערושאָוו און אַרבעט צוזאַמען מיט אַלע ביים אויפרוימען די חורבות.

נאָך אַ קורצער צייט, ווען פיל מענער און אויך פרויען זענען שוין געווען פאַרשיקט קיין פּויזן אין די אַרבעטס־לאַגערן און אין שטעטל האָט זיך שוין געשאַפן דאָס געטאָ, האָב איך געאַרבעט אין אַרבעטס־לאַגער אין דאָרף סאָקאָלניק, ביז עס זענען אָנגעקומען עס־עס־לייט און אַלע אָוועקגעפירט צום זאַמל־פּונקט קיין ווילעלון, מיטן ציל אונדז איבערצופירן אין די פּויזנער לאַגערן.

זייענדיק אין ווילעלון, בין איך פיל מאָל אַנטלאָפן און יעדעס מאָל צוריקגעבראַכט געוואָרן, אַ צעשלאָגענע ביז בלוט, צום זאַמל־פּונקט.

שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן איינגעזען, אַז זיי האָבן געבראַכט מענטשן איבערן קאָנטיגענט, האָבן זיי באַפרייט די פרויען, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים קינדער. איך האָב אויסגענוצט אַ געלעגנהייט און זיך פאַררופן אויף אַ פרוי, וועלכע איז שוין פריער פאַרשיקט געוואָרן אין פּויזנער לאַגער. אַ היים בין איך געגאַנגען מיט שבע דאַמב (די טאָכטער פון הערשל דאַמב), דורך פעלדער און וועלדער, מורא־האָבנדיק פאַרן אייגענעם שאָטן. ענדלעך זענען מיר אַדורך דעם מרחק פון 35 קילאָמעטער און אָנגעקומען צוריק אין געטאָ, ווו כ'בין געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן ביז צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ.

משה אַשר
אַמעריקע

אונדזער שטעטל — נאָכן חורבן

דער אויסברוך פון קריג אין חודש סעפּטעמבער 1939 יאָר, טרעפט מיך אין דער פּוילישער אַרמיי. אונדזער 28־טער פּיעכאָטע־פּולק, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער ליניע אָסטראָוו — קובילאַ, נעמט אויף דעם ערשטן אָנגריף פון די דייטשישע מאָטאָריזירטע קרעפטן און מיר ליידן גרויסע פאַרלוסטן.

נאָכן אָפּטרעטן צו דער צווייטער פאַרטיידיקונגס־ליניע, ביי שעראַדז, נעבן דעם וואַרטע־טייך, ווערן מיר פולשטענדיק צעקלאַפּט און עס הויבט זיך אָן אַ דעזאָרגאַניזירט און כאַאָטיש לויפן צו דער ריכטונג פון לאָדזש און דערנאָך קיין וואַרשע.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, זענען גרופּן פון דער צעקלאַפּטער פּוילישער אַרמיי, געלאָפן קיין לובלין און נאָכהער קיין קאָוועל, ווו מיר ווערן גענומען אין געפאַנגענשאַפט דורך די רוסן.

ביז יוני 1941, האָבן מיר געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן אין די לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צענטראַלן רוסלאַנד און נאָכן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג, זענען מיר געוואָרן פאַרשיקט קיין טיף־רוסלאַנד.

ווען ס׳ווערט געשאַפן, דורך גענעראַל אַנדערס, די פּוילישע אַרמיי, שליס איך זיך אָן צו די פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונגען. נאָך אַ קורצער צייט, ווען די געשאַפענע פּוילישע אַרמיי פאַרלאָזט די רוסישע טעריטאָריע, אויפן וועג צום מיטעלן מזרח, פאַר־בלייב איך אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט נאָך פיל יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דער פּוילישער אַרמיי, צוליב אַנטיסעמיטישע מאָטיוון.

נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין אַ „קאָלכאָז״, ווער איך נאָכאַמאָל פאַרהאַלטן דורך די רוסן און ווער אָוועקגעשיקט אין אַ לאַגער, ביז דער שאַפונג פון דער פּוילישער אַרמיי, אָרגאַניזירט דורך וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ.

נאָכן מאָביליזירן זיך אין דער פּוילישער פאָרמאַציע, באַקום איך די אויסשולונג אין אַ רוסישן פּאָלק, ווו איך פאַרבלייב די גאַנצע צייט פון די קריגס־טעטיקייטן. אין יאָר 1944 ווערט אונדזער איינהייט איבערגעשיקט אויפן ליטווישן פראָנט, ווו איך נעם אָן אָנטייל אין שווערע, פאַרביסענע קאַמפן מיט די אָפּטרעטנדיקע רעשטן פון דער דייטשישע אַרמיי.

ענדע פעברואַר פון יאָר 1945, האָבן מיך די רוסן באַפרייט, געבנדיק מיר אַן איינרייזע דערלויבעניש קיין וויערושאָוו. מיין וועג איז געווען דורך ווילנע, לובלין, וואַרשע און לאָדזש.


* * *

מערץ 1945.

נישט צו דערקענען אונדזער טייער שטעטל, וואָס איז שטענדיק געווען פול מיט לעבן, האָפענונגען און פרייד. דאָרט, ווו זייט דורות האָט זיך געפילט יידישער אויפטו


און מיזאָמע אַרבעט, איז איצט געלעגן חרוב, פאַרברענט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד. דער גאַנצער מאַרק־פּלאַץ מיט די יידישע הייזער און געשעפטן, ווו ס'האָט געברויזט יידיש לעבן, יידישער מסחר, זעט אויס, ווי אַ בית־הקברות. חרוב געוואָרן אונדזער געבורט־שטעטל. פאַרשניטן געוואָרן אונדזערע טייערע יידן.

אין שטעטל האָב איך שוין געטראָפן עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע פון די לאַגערן. מיר זענען גלייך אַרויסגעגאַנגען אויפן בית־הקברות, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ שרעק־



הניצולים הראשונים שחזרו לוירושוב 1945.
ערשטע אָפּגעראַטעוועטע, וואָס זענען צוריקגעקומען קיין ווירושאָוו. 1945.

לעכן וואַנדאַלישן חורבן. דער פּלויט איז געווען צעשלעפּט, די מצבות אַרויסגעריסן און מיט זיי זענען אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן זאַמדיקע וועגן. אויפן סאַמע בית־עולם האָבן זיך געפּאַשעט קי און דער מאַסן־קבר, פון די אומגעקומענע בשעת דער אויסזידלונג



הגימנסיה העירונית, שנבנתה במקום הבתים היהודיים שנהרסו
די שטאַטישע גימנאַזיום. אויפגעשטעלט אויפן אָרט פון די חרובע יידישע הייזער.

עטלעכע אַכציק יידן — אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. מיר האָבן צוזאַמענגענומען, ווי נאָר מעגלעך די נאָך איבערגעבליבענע מצבות, אַרומגעלייגט זיי ביים מאַסן־קבר און דבורה זייף (קנאָפּ), האָט געלאָזט מאַכן אַ פּלויט.

מיט ווייטיק האָב איך פאַרלאָזט אונדזער געוועזן יידיש־וויערושאָוו.

טוביה איצעק
תל־אביב

איך אנטלויף קיין רוסלאנד

1

נאָכן מלחמה-אויסברוך

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, 8 אַזייגער אינדערפרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניש געלויף פון שטעטל. די באַפעלקערונג, דער עיקר די יידישע, האָט געטראַכט, אַז אויף אַזאַ אופן וועלן זיי זיך ראַטעווען. איך מיט מיין משפחה און נאָך אַ גרעסערע צאָל יידן, זענען געלאָפן צו ערשט צו דער ריכטונג פון לוטוטאָוו און דערנאָך קיין זדונסקעוואָליע. פון זדונסקעוואָליע, וועלכע איז געוואָרן שטאַרק באַבאַרדירט, באַשליסן מיר צו לויפן ווייטער, קיין לאָדזש.

אָנקומענדיק קיין אַזאָרקאָוו, טרעפן מיר דייטשישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וועלכע באַפעלן צוריקצוגיין צו די ווין־ערטער. נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, נעמען מיר דעם וועג אויף צוריק. ווען מיר דערגרייכן אַלעקסאַנדער, ביי לאָדזש, באַהאַלטן מיר זיך אין אַ קעלער, צוליב דער רוצחישער מאַסאַקרע, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. צומאָרגנס פאַרטאָג, הויבן מיר אָן דעם צוריקמאַרש קיין וויערושאָוו.

דעם גאַנצן וועג זענען מיר געווען אויסגעשטעלט אויף קלעפּ און באַליידיקונגען פון די פאַטראָלירנדיקע אויף די וועגן אָפּטיילונגען. צוקומענדיק צום דאָרף סאָקאָלניק, בין איך געוואָרן אָוועקגענומען פון מיין פאַמיליע און צוגעשטעלט געוואָרן צו דער וואַנט. זעט אויס, אַז צוליב מיין בלוזע פון „השומר־הצעיר”, האָבן מיך די דייטשן אָנגענומען פאַר אַ קאָמוניסט. אין דעם איז אָנגעקומען אַ דייטשער העכערער אָפיציר און באַפוילן אַלעמען אָפּמאַרשירן קיין וויערושאָוו און אויך איך בתוכם.


2

נאַצישער סאַדיזם

אָנקומענדיק אין שטעטל, ווער איך זאָפאָרט גענומען צו פאַרשידענע אַרבעטן, ביי וועלכע די עס־עס און פאָלקס־דייטשן ווייזן אַרויס זייער בלוט־דורשטיקייט און סאַדיזם.

איין מאָל באַקומען מיר אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן ברענגען אַ וואָך־בודקע. צו דעם צוועק ווערן מיר געטריבן, צעבלוטיקטע פון די באַקומענע קלעפּ, ביזן דאָרף ציעשענטשין.

דאָרט געפינען מיר אויף דער באַן־ליניע די נויטיקע בודקע, וועלכע מיר זענען געצווונגען צו נעמען אויף די פּלייצעס. ווען מיר האָבן זיך אונטערגעבראָכן צוליב דער שווערקייט, האָבן מיר באַקומען מוראדיקע קלעפּ איבער די פיס און איבערן גאַנצן קערפּער. אַ דורכפאַרנדיקער פויער, זעענדיק אונדזערע צעקאַליעטע קערפּערס, לייגט פאַר די דייטשע באַגלייטער צוצופירן די בודקע אויף זיין וואָגן. צוערשט זענען זיי



הילדים של צדוק קעמפּנ:ר. באמצע: דוד קמפנר, חיים אורבך וגרשון ארליך.
די קינדער פון צדוק קעמפּנער. אינדערמיט: דוד קעמפּנער, חיים אורבאַך און גרשון ערליך

באַשטאַנען און מיר האָבן געמיינט, אַז מיר זענען באַפרייט פון דער קאַטאַרזשנער אַרבעט. נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיקל וועג, האָבן די דייטשן אַראָפּגעוואָרפן די בודקע, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און מיר זענען געוואָרן געצווונגען צו שלעפּן, חוץ די בודקע, אויך דעם וואָגן מיטן פויער.


קיין ווייערושאָוו זענען מיר אָנגעקומען שוואַרצע און צעשלאָגענע, קוים שלעפּנדיק די פיס.

3

איך אַנטלויף

אין אָנפאַנג פון יאָר 1940, ווען דער טויט האָט געדראָט אויף יעדן טריט און שריט, איז דאָס אַנטלויפן אַן דאָקומענטן און קענצייכנס געווען אַ ריזיקאַלישער שריט. אָבער די אויסזיכטלאָזע לאַגע האָט מיך געשטויסן צו גיין אויף דעם סכנהדיקן וועג.

צו מיר האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן יעקוש עליאַש און דוד קעמפנער. דער ערשטער וועג איז געווען קיין קרויצבורג, דייטשלאַנד. פון דאָרט זענען מיר געפאָרן קיין טשענ־סטאָכאָוו, וווּ עס איז אין דער צייט פאָרגעקומען אַ גרויסער פאָגראָם. דער ווייטערדיקער וועג איז געווען קיין וואַרשע און פון דאָרט צום גרענעץ־פונקט מאַלקין, וווּ עס האָבן זיך געפונען טויזנטער פליטים. מיט גרויס מי און מאַטערניש, האָבן מיר זיך אַדורכ־געשוואַרצט די גרענעץ און אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק.



דוד קעמפנר עושה עבודת צבעות בבית־הסוהר בוונגלביץ 1935.
דוד קעמפנער ביי דער ארבעט אין וועגלעווי־צער טורמע. 1935.

פון ביאַליסטאָק בין איך געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין סיביר, וווּ איך האָב פאַרבראַכט ביז סוף פון קריג.

אין יאָר 1946, צוריקקומענדיק קיין פוילן, האָב איך געזען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ביים פוילישן פאָלק איז דער זעלבער, וואָס פון פאָרן קריג, דאָן באַשליס איך, פאָר יעדן פרייז, כאָטש אויף אַן אומלעגאַלן אופן, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1947 קום איך אָן צו די ברעגן פון לאַנד מיט דער שיף „שאר־יישוב", אָבער מיר ווערן פאַרהאַלטן דורך די ענגלענדער און אָפּגעשיקט קיין ציפּערן אין די עקזיס־טירנדיקע דאָרט לאַגערן.

ערשט אין אָנפאַנג פון יאָר 1949, קומט איך אָן אין באַפרייטן ישראל.



קבוצת וירושובאים והסביבה בבריחתם לרוסיה בשנת 1939. שם המקום: מאלא־ריטה
גרופּע ווארשעווער און פון דער אומגעגנט, אנטלאפענע קיין רוסלאנד אין יאָר 1939.
נאמען פון ארט: מאלא־ריטא

רפאל קנאָפּ
פראַנקרייך

טראגישער סוף פון א יידישער פאמיליע

כאָטש ס׳זענען פאַרביי פיל יאָרן, וואָס כ׳האָב פאַרלאָזט אונדזער טייער שטעטל, קאָן איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס ערלעכע לעבן פון אונדזערע יידן, די טייערע מנהיגים און פשוטע פאָלקס־מענטשן. עס טויכן אויף טרויעריקע זכרונות וועגן דער פּרעכטיקער, מאַיעסטעטישער שול, וועלכע האָט זיך געפונען ביי דער בריק, נעבן „פּראָסנאַ״־טייך, עס דערמאָנט זיך די יידישע קהילה, מיט אירע דאָזאָרעס און גבאים, און ווי קאָן מען פאַרגעסן אַ שבת, אָדער יום־טוב אין שטעטל? אַלץ האָט געשיינט, דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ הדרת פנים.

עס שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן דאָס פּאַטריאַכאַלישע גיין נאָכן דאַוונען, פון די חסידים מיט די זיידענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך, דאָס לאַנגזאַמע, פול מיט דרך־ארץ, שפּאַצירן פון די בעלי־בתים פון דער שול אין בית המדרש. גרויסער רעספּעקט האָט געהערשט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אַפילו די פּראָגרעסיווע יוגנט האָט זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צום עלטערן דור. מען קאָן נישט פאַרגעסן אונדזער דינאַמישע יוגנט, מיט די לעבהאַפטע דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע וועלט־פּראָבלעמען, אונדזערע יונגע ספּאָרטלער, וועלכע האָבן פאַרשאַפט אַזוי פיל כבוד דעם יידישן ציבור.

עס דערמאָנט זיך, ווען מיר, אַ גרופּע פון צען יידישע יוגנטלעכע מיט אהרן יוסף רוסעק אין **דער שפּיץ**, האָבן געגרינדעט דעם ספּאָרט־קלוב „בר־כוכבא״, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון אַלע יידן אין שטעטל. נישט ווייניק בייז בלוט האָבן די אויפמאַרשן פון אונדזערע ספּאָרטלער אין זייערע ציכטיקע מונדירן, אַרויסגערופן ביי די קריסטלעכע שכנים, וועלכע זענען געוווינט געווען צו זען דעם ייד אַלס לערנער, מיט אַן אַראָפּ־געבויגענעם קאָפּ.

✶ ✶ ✶

אין יאָר 1928, האָב איך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך. אין ווערושאָוו האָב איך איבערגעלאָזט אַ פאַרהייראַטע שוועסטער מיט איר מאַן יהודה וויגאַדזקי און דריי קינדער, משה, אדם און זאב. אין יאָר 1937, ווען אין פּוילן האָט זיך געפירט אַן אַנטי־יידישע פּאָליטיק, האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס פינצטערע פּוילן און אָנגעקומען צו מיר קיין פראַנקרייך, ווו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. די קינדער האָבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט מיט דער שפּראַך און דער עלטסטער זון, משה, איז געוואָרן דער בעסטער שילער. דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל מיטן דירעקטאָר בראש, זענען געווען שטאָלץ מיט אים.

מיטן אַריינמאַרש פון דער נאַצישער בעסטיע, האָט זי דטראַגיש געענדיקט דאָס בלוטיקע קאַפּיטל.

* * *

אין יולי 1942 זענען אַלע געוואָרן פאַרשיקט אין לאַגער „דראַנסי״. די שוועסטער איז געוואָרן דערשאָסן. איין זון האָט באַקומען אַן עקספּערימענטאַלע איינשפּריצונג און טראַגיש געענדיקט זיין יונג לעבן. דער עלטסטער זון, זייענדיק אַ קרעפּטיקער בחור, ווערט פאַרשיקט קיין וואַרשע, אויפצורוימען די חורבות פון דער אומגעבראַכטער העל־דישער געטאָ. אין יאָר 1944, ווען ער ווערט געשיקט קיין דאַכאַו, מאַכט ער אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. ער ווערט געכאַפּט און צעריסן דורך אויסדרעסירטע הינט.

אויך אַ צווייטע שוועסטער איז אומגעקומען אין די גאַס־אויוונס.

מיין שוואָגער, דב זלאַטיקאַמיען, איז געווען איינער פון די 48 דערשאָסענע אין „מון וואַלעריען״ ביי פּאַריז. מיין ברודער נחום מיט זיין פרוי און איינציקע טאָכטער זענען אומגעקומען אין אוישוויץ.

אויך מיין שוועגערין מיט איר איינציק קינד, זענען געוואָרן פאַרשיקט און זיך נישט צוריקגעקערט.

* * *

זאָלן די ווערטער זיין אַ מצבה פאַר מיין בלוט און פלייש, וועלכע זענען בעסיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס.

ימח שמם וזכרם!

ח. וויבערט — לעווקאָוויטש
פראַנקרייך

זכרונות פון דער רוצחישער תקופה

מיין פאָטער ע״ה — פון די ערשטע קרבנות

ווען איך דערמאָן זיך אין מיינע קינדער־יאָרן, טויכן אויף ביי מיר, טרויעריקע און נאָגנדיקע זכרונות וועגן מיין האַרציקן פאָטער ר׳ יחיאל מאיר הי״ד. ער שטייט מיר פאַר די אויגן, אַן אייביק פאַרהאָרעוועטער צוליב די פרנסה דאגות, וועלכער האָט זיך געפירט מיט זיין ביסל סחורה איבער שטעט און שטעטלעך, ווערנדיק פאַרשוואַרצט טעג און נעכט, בכדי אַרויסצושלעפן דאָס ביסל פרנסה.

נישט ווייניק צרות איז ער אויסגעשטאַנען, אַזוי ווי אַלע יידישע „מאַרק־פאַרער״, פון דער אַנטיסעמיטישער פוילישער באַפעלקערונג. איך דערמאָן זיך, ווען איך מיט מיינע שוועסטערן פלעגן אָפּוואַרטן דעם פאָטער ביי פאַדזאַמצע, פלעגן די אָרטיקע שקצים אים באַוואַרפן מיט שטיינער און נישט איינמאָל, איז ער קוים אַ לעבעדיקער אָנגעקומען אין שטוב.

אין יאָר 1932 איז דער פאָטער געפאָרן האַנדלען קיין דייטשלאַנד און פון צייט צו צייט פלעגט ער אַהיים קומען אויף עטלעכע טעג. דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, דאָס איז געווען אין יאָר 1933, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן די ערשטע אַנטי־יידישע אומרוען, אָנגעפירטע דורך די היטלער־באַנדעס. זעענדיק, אַז דער באַדן ברענט אונטער די פיס און ער, אַלס פרומער ייד מיט אַ באָרד איז אויסגע־שטעלט אויף אַ געפאַר, האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַ בילעט בכדי וואָס שנעלער אַהיים צו פאָרן.

זייענדיק שוין אין דער באַן, ווערט ער באַפאַלן דורך אַ באַנדע היטלעריסטן, וועלכע צעשלאָגן אים מערדערלעך.

קוים מיט צרות, קומט ער אָן מיט צעקלאַפּטן קאָפּ קיין האַלבערשטאַם, ווו ער ווערט זאָפאָרט איבערגעפירט, ביי דער מיטהילף פון דער יידישער קהילה, אין אָרטיקן שפּיטאָל. ליידער האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן. אין דער זעלבער נאַכט איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 43 יאָר און דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל.

געטאָ און לאַגערן

נאָכן פאָטערס טויט איז די מוטער געבליבן מיט זעקס יתומים און דאָס לעבן איז געוואָרן זייער שווער. אויך מיר זענען געצוווּנגען צו גיין אַרבעטן בכדי צוצוהעלפן צו דער פרנסה.

אין יאָר 1937, פאָר איך, צוזאַמען מיט די איבעריקע שוועסטערן, קיין לאָדזש זוכן אַרבעט. ווען מיר אָרדענען זיך איין, קומט אויך די מוטער צו אונדז און מיר לעבן, מער־ווייניקער, אַ נאָרמאַל לעבן ביזן יאָר 1939.

מיטן פאַרנעמען לאָדזש דורך די דייטשן, הויבן זיך אָן פאַר אונדז, ווי פאַר אַלע לאָדזשער ייִדן, שרעקלעכע צרות.

ביזן חודש נאָוועמבער 1941, זענען מיר געווען אין געטאָ. דערנאָך ווער איך צוגענומען בשעת אַ סעלעקציע און ווער פאַרשיקט אין די פּויזנער אַרבעטס־לאַגערן, ווו כ׳בין באַשעפטיקט ביי שווערע צוואַנגס־אַרבעטן.

אין יאָר 1943, ווען די פּויזנער לאַגערן ווערן ליקווידירט, ווער איך, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע ייִדישע פרויען, געשיקט אין באַרימטן טויטן־לאַגער, אוישוויץ־בירקענאַו.

נאָכן אַדורכגיין סאַדיסטישע דערנידערונגען און רוצחישע קלעפּ, האָב איך די זכיה צו בלייבן ביים לעבן, באַקומענדיק דעם אויסטאַטואירטן קאַצעט־נומער 55151.

נאָך אַ גאָר־קורצער צייט, ווער איך געשיקט אויף אַרבעט אין דער אמוניציע־פאַבריק „אוניאָן”. אויך דאָרט קומען פאַר אומאויפהערלעכע סעלעקציעס און מיר ציטערן פאַר אונדזער גורל, נישט וויסנדיק, וואָס עס קאָן ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג.

דעם 18־טן יאַנואַר 1945, ווען דער אוישוויץ־לאַגער ווערט ליקווידירט, הויבט זיך אָן דאָס טרויעריק־באַרימטע לויפעניש פון איין לאַגער צום צווייטן, בעת וועלכער טויזנטער קאַצעטלער פאַלן ווי פליגן.

דעם 8־טן מאַי, ווער איך באַפרייט דורך דער רוסישער אַרמיי און פאַר צוריק קיין לאָדזש.

אין יאָר 1947, עמיגריר איך, צוזאַמען מיט מיין מאַן, מיט וועלכן איך האָב דורך דער צייט געהייראַט, קיין פראַנקרייך, ווו איך לעב ביזן היינטיקן טאָג.

לאה וואָלנערמאַן — פליגלטאַוב
חולון

אן עפּיזאָד פון דער טרויעריקער צייט

אַזוי ווי מיין מוטער ע"ה איז געוואָרן אַן אלמנה, ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך זיך דערצויגן ביי מיין פעטער יחיאל לייב רוסעק. נאָכן ענדיקן די פּרעבל־שולע ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין דער פּאָווישעכנער שולע, ווו ס'האָבן זיך געלערנט צוזאַמען יידישע און קריסטלעכע מיידלעך און ייִנגלעך.

ווען מיין מוטער האָט זיך איבערגעצויגן קיין קשעפּיץ, בין איך פאַרבליבן אין וויערושאָוו ביים פאָטער. יעדעס יאָר, בשעת די שול־פעריען, האָב איך באַזוכט די מוטער.

אין יאָר 1939, זייענדיק צו גאַסט אין קשעפּיץ, האָב איך שוין נישט געקענט צוריקפאָרן, ווייל דער קריג איז אויסגעבראָכן.

אַזוי ווי אין קשעפּיץ איז אין די ערשטע צייטן געווען אַ ביסל לייכטער, ווי אין אַנדערע שטעט, האָט זיך דער פעטער אַריבערגעקליבן צו אונדז.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק, פון יאָר 1941, האָט דער פעטער באַקומען אַ ידיעה, אַז זיין פאָטער, ר' שלמה, וועלכער איז פאַרבליבן אין וויערושאָוו, איז חרוב קראַנק און אַז ער גוססט שוין עטלעכע טעג, נישט קאָנענדיק אָפּשטאַרבן, ביז ער וועט נישט זען זיין איינציקן זון יחיאל לייב.

אַ גאַנצן טאָג איז דער פעטער געווען פאַרנומען מיטן אַרויסנעמען אַ דערלויבעניש ביי דער דייטשישער מיליטערישער מאַכט. דער רב האָט זאָפאָרט געגעבן אַ היתר צו פאָרן אין שבת, צוליב פּיקוח נפש.

שבת פאַרטאָג, ס'איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער, איז דער פעטער אַוועק צו דער באַן, פאַרגעסנדיק מיטצונעמען די פּיאָווקעס, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט מיטן אויסרעכענונג, אַז מעגלעך וועט דאָס העלפן דעם קראַנקן פאָטער. איך מיט מיין יונגערן ברודער (אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון דער קשעפּיצער קהילה), זענען צוגעלאָפן צו דער באַן און צו אונדזער מזל דאָרט אים נאָך געטראָפן.

ווען מ'האָט אָנגעזאָגט דעם קראַנקן, אַז זיין זון, יחיאל לייב איז אָנגעקומען קיין וויערושאָוו — האָט ער גלייך אויסגעהויכט די נשמה.

אין יאָר 1942 בין איך געוואָרן פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגער נויזאַלץ און פון דאָרטן, קיין בערגען־בעלזען, ווו כ'בין געווען ביז צו דער באַפרייאונג.

אברהם ראַגאָווסקי
פראַנקרייך

אזוי איז חרוב געוואָרן אונדזער שטעטל

זעקס מאָנאַטן פאַרן קריג, בין איך געוואָרן מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי און געדינט אין שעראַדז אין דער אָפּטיילונג פון מאַשין־געווער.

ווען דער פויליש־דייטשער קריג איז אויסגעבראָכן, האָב איך מיטגעמאַכט דעם כאַאָטישן צוריקטריט ביז הינטער וואַרשע.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון פוילישן מיליטער, האָב איך זיך באַמיט ווי אַמשנעלסטן אַ היים צו קומען קיין וויערושאָוו.

נאָך אַ שווערן, פול מיט געפאַרן וועג, דערגייי איך צום שטעטל, וואָס ס'איז שווער צו דערקענען. איבער אַ העלפט הייזער, זענען געווען פאַרברענט. אויך אונדזער ירושה־הויז איז אַוועק מיטן רויך און מיינע עלטערן האָבן געוווינט ביי חיים פּראַצעל.

שוין אין די ערשטע טעג פון דער נאַצישער הערשאַפט, האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. יידישע מענער און פרויען זענען געוואָרן גענומען צו פאַרשידענע אַרבעטן. צוערשט, ביים אויפרוימען די חורבות און דערנאָך, צו אַרבעטן אין די אַרומיקע פעלדער, ווי אויך ביים פאַרריכטן שאָסייען.

איך האָב געאַרבעט אין דער קאָמענדאַטור אַלס ראָווערן־מעכאַניקער. מיין אויפ־גאַבע איז געווען צו האַלטן אין אָרדנונג די ראָווערן. אויך מיין ברודער, בערל, האָט געאַרבעט אין דער קאָמענדאַטור אַלס שיק־ייִנגל. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָוועקשיקן יידישע יוגנט אין די פּויזנער אַרבעטס־לאַגערן, באַשליסט מיין ברודער, צוזאַמען מיט זיין חבר אברהם כהן, צו אַנטלויפן קיין טשענסטאָכאָוו.

ווען זיי זענען אָנגעקומען נאָענט צו קלאָבוצק, ווערן זיי באַשאָסן דורך אַ דייטשן פּאַטרול און אברהם כהן פאַלט אַ טויטער אויפן אָרט. בערל איז יאָ אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו, אָבער קיין ידיעה איז פון אים נישט דערגאַנגען.

צו דער־אַ צייט, דערגייען צו אונדז ידיעות, אַז אין ווִיעלון און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך קומען פאָר עפּנטלעכע עקזעקוציעס איבער יידן און בכדי אויסצומיידן, אַז אויך אונדזער שטעטל זאָל נישט געטראָפן ווערן מיט דער גזירה, זאָגט זיך קיינער נישט אָפּ פון דער אַרבעט.

אַזוי האָבן מיר געלעבט, ביי אַ שטענדיקן פּחד, אוימהויפּהערלעכע רעפּרעסיעס און טעראָר, ביז צו דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ.

* * *

אין אַ פאַרטאָג האָט עס פּאַסירט.

מיר זענען געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַ צעיושעטער באַנדע פון עס־עס־לייט און אַרטיקע פאָלקס־דויטשן, וועלכע האָבן אכזריותדיק אַרויסגעטריבן די גאַנצע יידישע

באַפעלקערונג פון די שטובער. אַלע, מענער און פרויען, אַלטע און קינדער, וועלכע האָבן געקאָנט גיין, זענען געוואָרן געטריבן אין אַרטיקן קלויסטער. אַלע קראַנקע און שוואַכע, זענען געוואָרן דערשאָסן אויפן אָרט.

עס איז נישט מעגלעך צו שילדערן דאָס טראַגישע בילד, ווי די יידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן געיאָגט דורך די שכורע חיות, דורך די בלוטדורשטיקע באַנדיטן אין דעם לעצטן וועג. יאָמערלעכע געשרייען פון צעבלוטיקטע מאַמעס און קליינע קינדער, האָבן אַנגעפילט דעם חלל.

נאָך אַ קורצער צייט, וואַרטנדיק אין קלויסטער אויפן טראַגישן סוף, קומען אָן פון לאָדזש פאַרשטייער פון דער עס־עס, מיטן אַרכימערדער ביבאָוו בראש, וועלכע קלויבן אויס יוגנטלעכע, אַרבעטס־פעאיקע, בכדי זיי איבערצושיקן קיין לאָדזש אויף אַרבעט. אויך איך ווער צוגעטיילט צו דער גרופע און מיר ווערן איבערגעפירט צום הויפּט זאַמל־פּונקט, קיין וויעלון.

דעם זעלבן טאָג, ווערן מיר, אַ גרופּע פון 20 מאַן, צוריקגעשיקט אין וויערושאָווער געטאָ, ווו מיר זענען געצווונגען צו ברענגען אין אָרדנונג דאָס איבערגעבליבענע האָב און גוטס, און אַלע זאַכן, אויך בעטגעוואַנט, ווערן איבערגעפירט קיין דייטשלאַנד. מיר האָבן געאַרבעט, אָבער אונדזערע צעווייטיקטע הערצער זענען געווען מיט די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן געשמאַכטעט אין קלויסטער.

איין מאָל, אין אַן אינדערפרי, דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ דאָנערשטיק, ווען מיר האָבן זיך געגרייט צו דער אַרבעט, האָבן די שטאָטישע פּאָליאַקן אונדז מיטגעטיילט דורך די דראָטן, אַז איינס אַזייגער ביינאַכט, זענען אַלע יידן פון קלויסטער, געוואָרן אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

ערשט נאָכן קריג, ווען מיר זענען געוואויר געוואָרן אַלע איינצלהייטן פונעם אָפּגע־טוענעם נאַצישן פאַרברעכן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די זעלבע נאַכט, זענען אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, אונדזער גאַנצע יידישע קהילה, אומגע־בראַכט געוואָרן אין טרויעריק־באַקאַנטן גאַז־לאַגער כעלמנאָ.

* * *

געיאָגט און געפּלאָגט דורך אומאויפהערלעכע „קאָפּענישן", סעלעקציעס און אַנדערע אויסראָטונגס־מיטלען, מיטמאַכנדיק אַלע גרוילן פון דער לאָדזשער געטאָ, דערגיי איך צו דער טרויעריק־באַוווּסטער, לעצטער אויסזידלונג.

מיר באַקומען אַ ברויט, עטלעכע ציגאַרעטן און אַ ביסל צוקער און מיר ווערן אַריינגעפירט אין לאַסט־וואַגאָנען, אַנגעפּאַקט אַזוי, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו אָטעמען. יעדער היט זיין ביסל פּראָוויאַנט, אַז ס'זאָל גענוגנען אויף אַ לענגערער צייט. אָבער ווען מיר קומען אָן צום ענד־ציל פון דער טרויעריקער רייזע, אין טויטן־לאַגער אוישוויץ — דערזעען מיר, אַז מ'דאַרף שוין גאָרנישט. בלויז אַדורכגייענדיק דעם ערשטן „אויפנעם", ווען מיר ווערן אַרויסגעיאָגט פון די וואַגאָנען, זענען מיר זיכער, אַז פון דאַנען איז שוין קיין צוריקוועגס נישט פאַראַן, אַז דאָ וועלן מיר ענדיקן אונדזער טראַגיש קאַפּיטל.

נאָך דער סעלעקציע, ווען ס׳ווערט באַשטימט, ווער ס׳גייט אין קרעמאַטאָריום און ווער ס׳בלייבט צייטווייליק ביים לעבן, געפין איך זיך צווישן די גליקלעכע און איך ווער איבערגעפירט קיין בירקענאַו.

ווען ס׳ווערט געמאָלדן, אַז ס׳נויטיק זיך שלעסער צו דער אַרבעט, מעלד איך זיך אויך און ווער אַריבערגעשיקט קיין בראַנשווייג אין אַ מיליטערישער פאַבריק.

די ערשטע טעג זענען די באַדינגונגען געווען דערטרעגלעכע, מיר האָבן באַקומען דאָס זעלבע עסן, וואָס אַנדערע. דערנאָך, נאָכן באַקומען אַ באַפעל פון די „הויכע פענצטער", ווערט פאַר אונדז צוגעטיילט ספּעציעל עסן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ.

נאָך אַ קורצער צייט ווער איך איבערגעפירט אין אַן אָפּטיילונג פון דער זעלבער פאַבריק, צוועלף קילאָמעטער פון בראַנשווייג און צו מיין פרייד, טרעף איך דאָרט נאָך צוויי ווייערושאָווער, שלום מאַנדעל און אַבע וואַקסמאַן.

די באַדינגונגען אין דער אָפּטיילונג, זענען געווען עטוואָס לייכטער. די הויפּט סיבה איז געווען, ווייל אין דער פאַבריק האָב איך געאַרבעט ביי אַ מייסטער, אַ דייטש, וועלכער איז נישט געווען פאַרדאָרבן, ווי דער איבערוויגנדער טייל דייטשן און ער האָט מיר פון צייט צו צייט געהאָלפן מיט אַ שטיקל ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן.

דערווייל גייט די צייט און פון באַקומענע ידיעות דערוויסן מיר זיך, אַז די רוסישע אַרמיי דערנענטערט זיך.

* * *

עס גוססט די „מעכטיקע" און „אומבאַזיגבאַרע" נאַצישע מאַשין. די „דרייסטע" און „העלדישע" פאַרשטייער פון „הערן-פאָלק", ווייזן זיך אַרויס, ווי פּחדנים, וועלכע ציטערן פאַר דער אייגענער הויט. זיי ווערן אויך צעווילדעוועט, ווי פאַרווונדעטע חיות און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די לעצטע טעג, בעת די גרויזאַמע מאַרשן פון איין לאַגער אין צווייטן, פאַלן טויזנטער קרבנות. ביי די לעבן-געבליבענע איז דאָ אַ הייסער פאַרלאַנג — דערגרייכן די אויסגעגאַרטע פרייהייט, נאָך יאָרן פון בלוטיקע איבערלעבענישן.

דעם 2-טן מאַי, 10 אַזייגער אינדערפרי, ווערן מיר באַפרייט אין די וועלדער צווישן האַמבורג און האַנאָווער.

אברהם ליסנער („קאַפּיטאַן אַרגאָ״)
פּאַריז

פאַרצייכענונגען פון א יידישן פּאַרטיזאַן אין פראַנקרייך

אַ דיווערסיע

ווען עס איז פאַרגעקומען די לאַנדונג פון די אַלירטע אין פראַנקרייך — אין יוני 1944 — האָב איך זיך געפונען אין צפון־פראַנקרייך, צווישן די פּאַרטיזאַנער פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג, אָרגאַניזירט דורך דער מ. אָ. אי. (באַוועגונג פון אימיגרירטע אַרבעטער). דער גורל האָט געוואָלט,אַז אין דער נאַכט פון דער לאַנדונג — פון 5־טן אויפן 6־טן יוני — זאָלן אונטער דער אָנפירונג פון חבר זשילבערט ווייסבערג און פון שרייבער פון די שורות אַ גרופּע פון 6 פּאַרטיזאַנער זיך אַריינגעריסן אין אַ פּלאַץ, ווו ס'האָבן זיך געפונען רעזערוואַרן מיט 240 טויזנט ליטער בענזין. ס'איז געלונגען צו אַנטוואָפענען די וואַך און צו עפענען די קראַנען פון די רעזערוואַרן, דורך וועלכע די פליסיקייט איז בשפע אַריינגערונען אין דעם שכנותדיקן קאַנאַל, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פונעם שטעטל אניש, אַ פּאָר קילאָמעטער פון דער שטאָט דועי.

אויפן קבר פון אנקע ריכטיקער

עטלעכע וואָכן שפּעטער, אין סוף יולי, בין איך צוזאַמען מיט זשילבערטן אָנגעקומען אין דער שטאָט דועי, ווו ס'איז אונדז אויסגעקומען צו זיין אָפּט צוליב אונדזער מיליטערישער טעטיקייט. די שטאָט האָבן מיר געטראָפן כמעט פאַרניכטעט, צוליב די באָמבאַרדירונגען דורך דער ענגליש־אַמעריקאַנער אַוויאַציע. פאַרן אָנקומען קיין דועי, האָבן מיר זיך שוין דערוווּסט די טרויעריקע נייעס, אַז ביי דער דאָזיקער באָמבאַרדירונג איז אומגעקומען די יידישע פּאַרטיזאַנקע אנקע ריכטיקער פון דער 2־טער יידישער איינהייט אין פּאַריז.

די דאָזיקע העלדישע קעמפערין איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פּאַריז נאָך די גרויסע אַרעסטן, וועלכע זענען פאַרגעקומען אין די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער־רייען, אין די חדשים אָקטאָבער — נאָוועמבער 1943. זי איז, ווי אַנדערע קעמפער, וועלכע האָבן באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון די לאַפּעס פון דער „געסטאַפּאָ״, געשיקט געוואָרן קיין צפון־פראַנקרייך. דאָ האָט זי אויסגעפירט די פונקציע פון אַ פאַרבינדלערין אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, אָנגעפירט דורך דער מ. אָ. אי.

צוליבן מאַנגל אין געווער, האָט אַנקע געמוזט זייער אָפט אַריבערפירן דאָס זעלבע מאַשין־געווער פון הענען־ליעטאַר קיין וואַלענסיען און פאַרקערט, אָדער אין אַנדערע שטעט.

אין מאָמענט פון דער באָמבאַרדירונג פון דועי, האָט זיך אַנקע ריכטיקער געפונען אויפן וואָקזאַל מיט אַ וואַליזע אין דער האַנט, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ קליין מאַשין־געווער, וואָס זי האָט געפירט פון וואַלענסיען קיין לאַנס.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, איז די יידישע פּאַרטיזאַנערין אַריין, צוזאַמען מיט אַנדערע ציווילע מענטשן אין דערבייאיקן שוץ־קעלער, אין וועלכן זי איז פאַרשיט געוואָרן.

מיט טרויעריקע הערצער האָבן מיר באַזוכט איר קבר, וועלכער געפינט זיך אויפן אָרטיקן בית־עולם.

אין הינטערלאַנד פון שונא

די אַלירטע האָבן יעדן טאָג געהאַט צו פאַרצייכענען דערפאָלגן. וויכטיקע טיילן פון לאַנד זענען שוין געווען באַפרייט. מיר אָבער, די פּאַרטיזאַנער אין צפון, האָבן זיך נאָך געפונען אין הינטערלאַנד פון שונא. און אָט, אין יענע טעג, פלעגט מיר אויסקומען דורכצושלייכן זיך דורך שטעט און דערפער. כ'האָב פעסטגעשטעלט, אַז די באַפעלקערונג שרעקט זיך אַלץ ווייניקער פאַרן אכזריותדיקן אָקופּאַנט. פון די אָפענע פענצטער האָט מען אָפט געקענט הערן דאָס אָפּהילכן פון די באַריכטן פון ראַדיאָ־לאָנדאָן, מיט די קאָמוניקאַטן וועגן די באַפרייטע געביטן.

און אָט, האָב איך אין אַ סוף־אויגוסט־אָוונט, דערהערט דורך אַ פענצטער, ווי דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן, אַז פּאַריז איז באַפרייט. איך האָב שטאַרק מקנא געווען מיינע קאַמפס־חברים פון דער הויפּט־שטאָט. מיר האָט געעגבערט אַ פראַגע: צי וועל איך נאָך דערלעבן צו זען פּאַריז? איך האָב אָבער געפילט אַ שטאָלץ, וואָס כ'האָב צוגעטראָגן מיין באַשיידענעם צושטייער אין שלאַכט קעגן דעם טויט־שונא פון דער מענטשהייט בכלל און פון אונדז, יידן, בפרט.

אויב פריער פלעגן מיר זיך מוזן שטאַרק היטן ביים אויסקלויבן אַ הויז, ווו איבער־צונעכטיקן, אָדער עטוואָס אויסרוען, זענען איצט אַלע טירן געווען פאַר אונדז אָפן. מיר האָבן כמעט אומעטום אָנגעטראָפן אויף גרופּעס פון דער פּאַרטיזאַנישער מיליץ, וואָס האָט שוין געהאַט איר אייגענעם שטאָב און האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאַסן־באַוועגונג.

אין וואַלענסיען

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1944 האָב איך זיך געפונען אין דער שטאָט וואַלענסיען, וואָס איז נישט ווייט פון דער בעלגישער גרענעץ. דאָרט האָט מען געזען גאַנצע באַנדעס היטלעריסטן לויפן דורך די פעלדער, וואָס פירן קיין בעלגיע. דער גרעסטער טייל איז שוין געלאָפן אָן געווער.

פון אַלע עקן שטאָט האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. דאָס האָבן פּאַרטיזאַנער־גרופּן זיך געיאָגט נאָך די אַנטלויפנדיקע דייטשן.

4 אַזייגער נאָכמיטאָג, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אַמעריקאַנער טאַנקען. די פרייד פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך מיט מינוטן צוריק באַטייליקט אין פאַריאָגן דעם פאַרהאַסטן שונא — איז געווען אומגעהויער גרויס.

איך ווער אַרעסטירט פון... אייגענע

אַ פּאָר שעה נאָך דער באַפרייאונג ביז איך געוואָרן באַאויפטראַגט זיך אַריבערצו־כאַפּן, מיט אַ גרופּע פון 10 פּאַרטיזאַנער (אַלע פון פּוילישער אָפּשטאַמונג) קיין ליל, בכדי צו פאַרנעמען דעם פּוילישן קאָנסולאַט, איידער דאָס וועלן טאָן די אָנהענגער פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג. קיין אויטאָ האָט מען מיר נישט געגעבן, האָבן מיר זיך געלאָזט צופוס.



אברהם ליב איצק. נפל במלחמת האזרחים בספרד.
אברהם לייב איצעק, געפאַלן אין בירגער־קריג אין שפּאַניען.

אָפּגייענדיק אַן ערך 15 קילאָמעטער, זענען מיר געוואָרן פאַרהאַלטן אין אַ שטעטל דורך אַ גרופּע פון דער פּאַטריאָטישער מיליץ, אָננעמענדיק אונדז אַלס דייטשן. נאָכן אָפּזיצן אין תפיסה 24 שעה, בין איך גערופן געוואָרן צו אַן אויספאַרשונג.

אַריינקומענדיק צום קאָמענדאַנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס שטייט פאַר מיר מיינס אַ גוטער באַקאַנטער, אַן אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. מיר האָבן

זיך הארציק צעקושט און אין א גאר קורצער צייט האבן מיר באקומען אן אויטא, וואס האט אונדז איבערגעפירט קיין ליל. דארט האבן מיר געטראפן דעם פוילישן קאנסולאט שוין א פארנומענעם דורך פארשטייער פון דער לאנדאנער רעגירונג. מיר האבן זיך איינלאקירט, אין דעם פארנומענעם דורך אונדז, הויז פון דער געסטאפא פון רי סאל־פערינא נומער 318 און דארט בין איך פארבליבן ביז ענדע יאנואר 1945.

א באגעגעניש מיט אן 'עסטרייכער', וואס האט געשטאמט פון ביאליסטאק

אין משך פון די 5 חדשים, וואס איך בין געווען אין ליל, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט פארשידענע מענטשן, וואס וועגן יעדן וואלט געווען כדאי צו שרייבן. כ׳וועל בלויז דערמאנען וועגן איינעם פון זיי.

אין די ערשטע טעג נאך דער באפרייאונג פון דער שטאט, איז צו מיר אריינגעקומען א יידישער בחור אין מיליטערישע מלבושים מיטן גראד פון א קאפיטאן פ. פ. אי.

ווארשיינלעך איז ער געווען דער איינציקער ייד פון ליל, וואס האט געקעמפט במשך פון דער אקופאציע אין דער ווידערשטאנדס־באוועגונג אין דער געגנט גופא.

אן אנדערש מאל איז אריינגעקומען צו מיר איינער, מיט וועמען איך האב זיך שטארק דערפרייט, ווייל כ׳האב אין אים דערקענט דעם „עסטרייכער", מיט וועמען כ׳האב געהאט צו טאן מיט צוויי יאר פריער.

און געווען איז עס אזוי:

ענדע אויגוסט 1942, האט מיר דער חבר „לולקע" (פסעוודאנים פון י. לערמאן) — צו וועמענס דיספאזיציע איך בין דעמאלט געווען — געזאגט, בעת מיר האבן זיך געפונען אין שטעטל מאלמערזאן, הינטער פאריז: „באלד וועלן מיר זיך טרעפן מיט אן עסטרייכער חבר, וועסט אים איבערגעבן די סומע געלט, וואס דו האסט ביי זיך". נאכן דערלעדיקן אלע ענינים מיטן „עסטרייכער", האב איך געזאגט צום חבר „לולקע": „כ׳וואלט געשווירן, אז דיין „עסטרייכער" שטאמט פון פינטשעוו". „האסט כמעט געטראפן — האט ער געענטפערט. — שטעל זיך פאר, אז ער שטאמט פון ביאליסטאק".

ווען מיר האבן זיך דא אין ליל — אין סעפטעמבער 1944 — פונאנדערגעשמועסט, האב איך דעם „עסטרייכער" איבערגעגעבן וועגן אן אינטערעסאנטער אנטדעקונג, וואס איך האב געמאכט, נישטערנדיק אין די ארכיוון, וואס די געסטאפאווצעס האבן נישט באוויזן צו פארניכטן. איך האב דארט, נעמלעך, אויסגעפונען א גרויסע צאל געהיימע ראפארטן קעגן דייטשע אפיצירן, אז זיי זענען קעגן „פירער". די ראפארטן האבן איבערגעגעבן וועגן בריוו, ווי אט די אפיצירן האבן אויסגעדריקט זייערע אנטי־היטלעריסטישע געדאנקען.

— כ׳האב זיך נישט געקאנט פארשטעלן — האב איך געזאגט, — אז אזוי פיל ווערמאכט־אפיצירן, זאלן האבן געווען קעגן היטלערן.

דער „עסטרייכער" האט זיך שטארק צעלאכט:

— דאס האב איך אנגעשריבן פאר זיי די בריוו — האט ער געזאגט.

אט וואס עס איז געשען:

דער „עסטרייכער" האט געהאט אן אויפגאבע צו ארגאניזירן און פארשפרייטן

צווישן די דייטשע סאָלדאַטן אין צפון־פראַנקרייך, אַנטי־נאַצישע ליטעראַטור. אויסער דעם, פלעגט ער דורך פאַרשידענע פאַרבינדונגען אַרויסבאַקומען בריוו און אַדרעסן פון אָפיצירן. ער האָט נאָכגעמאַכט זייער האַנטשריפט און געשריבן אין „זייער נאָמען" בריוו צו אַנדערע אָפיצירן, אָדער צו דער פאַמיליע, ווו ס׳איז קריטיקירט געוואָרן די נאַצישע פאַרטיי און די היטלעריסטישע גענעראַלן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געוואָרן געמאַכט פינקטלעך. די מיליטערישע צענזור, צוזאַמען מיט דער געסטאַפּאָ האָבן „אַנטדעקט" דעם סוד און אַ דאַנק דעם „עסטרייכער" פון ביאַליסטאָק, זענען זייער פיל נאַצישע אָפיצירן שולדיקע אין מאָרדן יידן און נישט־יידישע קעמפער, אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ פאַר... פאַראַט.

ביי גענערל איליטש אין פאַריז

סוף 1944 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון פאַריז, פון גענעראַל לואי (איליטש), אַן אָפּשטאַמיקער פון יוגאָסלאַוויע, אַז כ׳זאָל גלייך אַהינקומען.

24 שעה שפּעטער, האָב איך זיך געפונען אין פאַריז, ביי גענעראַל לואי, אין איינער פון די ביוראָען פון „נאַציאָנאַלן פראָנט", וואָס האָט זיך צו יענער צייט געפונען אויף דער גאָס סען־זשאָרזש. פּערזענלעך, איז מיר פריער קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זיין אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דעם גענעראַל.

אַריינקומענדיק אין זיין ביוראָ, האָט ער, נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן זיך פאָר־צושטעלן, מיך אָנגערופן ביים נאָמען און צוגעגעבן: „איך קאָן דיך גוט פון דיינע ראַפּאָרטן, וואָס זענען מיר אויסגעקומען צו לייענען".

נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש, ביי וועלכן ס׳איז אויך געווען אָנוועזנד דער הויכער פראַנצויזישער אָפיציר פון דער פ. ט. פ. און שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט קאַמפּן (וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען דורך אַ גאַז־פאַרסמונג), האָבן ביידע מיך אַריינגעפירט אין אַ צווייט צימער, ווו אויף איינער פון די ווענט איז געהאָנגען אַ גרויסע מאַפּע, באַשטאָכן מיט פענדלעך, וואָס האָבן באַצייכנט די קאַמפן, וועלכע זענען נאָך פאָרגעקומען דאַמאָלט אין צפון־איטאַליע. ווייזנדיק מיר די אָנגע־צייכנטע פראָנט־אָפּשניטן, זאָגט צו מיר דער גענעראַל: „חבר וואָלפי (מיין קאַמפס־נאָמען צו יענער צייט), מיר לייגן דיר פאָר אַריבערצוגיין די איטאַליענישע גרענעץ מיט אַ גרופּע איטאַליענישע פאַרטיזאַנער, כדי פאַרצוזעצן דאָרט דעם קאַמף ביז צו דער באַפרייאונג פון אייער לאַנד. אַלס איטאַליענער ביזטו פּאַסיק צו דער אויפגאַבע..."

איך האָב — טראָץ מיין שטאַרקער אַכטונג פאַרן גענעראַל און דעם חבר קאַמפּן — נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך און בין אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט שטוינונג, נישט וויסנדיק וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

אַנטשולדיקט מיר — האָב איך זיך אָנגערופן בעת כ׳בין געקומען אַ ביסל צו זיך — אויב מען דאַרף כ׳זאָל פאָרן קיין איטאַליע, בין איך דערויף אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט, אָבער נישט איך, נישט מיין עלטער באָבע, זענען געווען איטאַליענער. מיין אמתער נאָמען איז אברהם ליסנער און איך בין אַ ייד פון פוילן, פון אַ שטעטעלע וויערושאָוו.

דאָס מאָל האָבן מיר שוין האַרציק געלאַכט זאַלבעדריט.

אברהם ליסנער
פראַנקרייך

פון דער „באטווין־קאמפאניע"
צו דער פראנצויזישער אונטערגרונט

ווי אַלע יידישע קינדער אין שטעטל, האָב איך מיין דערציאונג באַקומען אין חדר און אין בית־המדרש. ווען כ'בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך דערזען די אויסזיכטלאָזע לאַגע פון דער יידישער יוגנט אין דעמאָלטדיקן פוילן. פון איין זייט אַ געוואַלדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע האָט נישט דערמעגלעכט דער יידישער יוגנט — איבערהויפט פון די קלענערע שטעטלעך — בויען זיך אַ צוקונפט און פון דער צווייטער זייט, די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פון די פוילישע מאַכט־האָבער — אַ רעזולטאַט פון אַ דורות־איינגעבאַקענער, טראַדיציאָנעלער, יידן־פיינטשאַפט.

בכדי צו שאַפן פאַר זיך אַ נייעם אָנשפּאַר אין לעבן, איז פאַרגעקומען — אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — אַ גרויסע עמיגראַציע פון יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. אויך פון אונדזער שטעטל איז אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערלעכע עמיגראַציע אויף אַלע לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן, בכדי אָנצוקומען אין דער פרייער וועלט אַריין.

מיטן זעלבן צוועק, בין איך, דורך וועגן און אומוועגן, אָנגעקומען קיין פראַנקרייך.

זייענדיק אין דער גרויסער וועלט, האָבן מיך אָנגעהויבן באַהערשן ספיקות צו דעם גאַנצן אַרום. צו די יושרדיקער וועלט פון נויט און דלות פון איין זייט און לוקסוס־פאַרשווענדערישן לעבן פון דער צווייטער זייט. איך האָב געזוכט דעם שורש פון שלעכטס און געפונען דעם אויסוועג, אַז די איינציקע לעזונג איז פירן אַ קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן. פון די צוויי באַגריפן, וועלכע האָבן זיך מיר אויסגעזען קעגנזעצלעכע, „הבא להרגך השכם להרגו" און „דינא דמלכותא דינא" — אַז מ'טאָר נישט חלילה זיין קיין מורד במלכות — האָב איך אויסגעקליבן די ערשטע טעזע דורך אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן דער הערשנדיקער אומגלייכהייט.

ווען די שפּעטערדיקע מערדער פון אונדזער פאָלק האָבן באַדראָט די שפּאַנישע רעפּובליק, האָב איך זיך געמאָלדן, צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידישע יונגעלייט, צו דער פאַרטיידיקונג פון דער רעפּובליק.

אַ העראָאיש רייך קאַפּיטל האָבן אַריינגעשריבן די העלדישע יידישע בחורים, צונויפגעזאַמלטע פון דער גאַנצער וועלט, פון דער „באַטווין־קאַמפּאַניע" (אויפן נאָמען פון ידישן פרייהייט־קעמפער נפתלי באַטווין), גייענדיק אין קאַמף מיט דער לאָזונג: „בעסער שטאַרבן שטייענדיק איידער לעבן קניענדיק" (פּאַסיאָנאַריאַ), האָבן זיי אַרויס־געוויזן מוט און אויסדויער. זייער פיל זענען געפאַלן אין די בלוטיקע שלאַכטן. צווישן די העלדיש־געפאַלענע, האָט זיך געפונען אונדזער אַ בן־עיר, אברהם לייב איצעק, וועלכער איז אומגעקומען מיט אַ העלדן־טויט.

ווען דער קריג מיט נאַצי־דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן — האָב איך זיך זאָפאָרט געמאָלדן צו דער פראַנצויזישער אונטערגרונט און דאָרט געווען טעטיק אין די קאַמפן ביז דער ליקווידאַציע פון נאַצי־געשפּענסט.

עזרא ניימאַן („קאַפּיטאַן זשיל״)
פראַנקרייך

אין געראנגל

(עפּיזאָדן פון דער פראַנצויזישער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג)

דער אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, האָט מיך געטראָפן אין פראַנקרייך, אין דער שטאָט ליאָן, ווו מיין פאַמיליע האָט געוווינט זייטן יאָר 1931, אויסוואַנדערנדיק פון וויערושאָוו. צוזאַמען מיט מיר האָט זיך געפונען מיין ברודער מאיר. דער צווייטער ברודער, משה, האָט געוווינט אין דער שווייץ, ווו ער האָט זיך באַזעצט קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג.

נאָכן אריינמאַרש פון דייטשן מיליטער אין פראַנקרייך, אַדורכגייענדיק די ערשטע אַנטי־יידישע געזעצן און שטראָף־אַקציעס, באַשליסן מיר, אַז דער איינציקער אויסוועג איז, צו פירן אַ בלוטיקן קאַמף קעגן דעם נאַצישן רעזשים און זיינע מיליטערישע קרעפטן.

די ווייטערדיקע עפּיזאָדן פון מיין טעטיקייט אין דער פראַנצויזישער ווידער־שטאַנדס־באַוועגונג, זענען ווייט נישט אויסשעפּנדיקע, אָבער זיי אילוסטרירן דעם אַקטיוון אַנטייל פון יידן אין דער ריזיקאַלער און איבערגעגעבענער אַרבעט, צוזאַמען מיט אַלע ערלעכע פראַנצויזן און ווידערשטענדלער פון אַנדערע פעלקער. אַ טעטיקייט, וועלכע האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער פאַרניכטונג פון בלוטיקן היטלער־רעזשים.

מיין טעטיקייט אין „מאַקי״

מיטן צוועק צו פאַרלייכטערן די ווידערשטאַנדס־אַרבעטן, האָט די צענטראַלע פון דער פראַנצויזישער אונטערגרונט „מאַקי״, באַשלאָסן איינצוטיילן די קעמפער אין צוויי גרופן. איין גרופּע איז באַשטאַנען פון אויסלענדער — טשעכן, איטאַליענער, שפּאַניער, יוגאָסלאַוון און אַנדערע, וועלכע ס׳איז אָנגעקומען שווער, צוליב דער שפּראַך, זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן די פראַנצויזישע קעמפער. די צווייטע גרופּע איז געווען די פראַנצויזישע.

מיר, איך מיט מיין ברודער מאיר, זענען געוואָרן צוגעטיילט צום ליאָנער ראַיאָן גרענאָבעל און מ׳האָט אונדז גערופן :קאַרמניול ליבערטעע״.

די ערשטע אויפגאַבן זענען באַשטאַנען אין פירן אַ פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער באַפעלקערונג, טיילן פלוג־בלעטער, אויפשרייבן לאָזונגען אויף די ווענט א. א. וו. מיט דער צייט האָבן מיר זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין, סאַבאָטירן אונטערנעמונגען, וועלכן האָבן געאַרבעט פאַרן דייטשן מיליטער, אויספירן טויט־אורטיילן איבער פאַרעטער און אַנדערע אַקציעס.

ספעציעל דרייסטע אַנפֿאַלן האָבן מיר אַדורכגעפֿירט, בכדי צו דעראָבערן געווער. בעת איינער אַזאַ אַקציע, ווען מיר, אַ גרופּע פֿון 4 יידן, זענען אָנגעפֿאַלן אויף אַן אָפּטיילונג דייטשישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון איבונגען, זענען 20 סאָלדאַטן דערהאַרגעט געוואָרן און דאָס דעראָבערטע געווער איז געבראַכט געוואָרן אויף דער ווידערשטאַנדס-באַזע.



שלושת האחים ניימן לוחמי החופש בצרפת.
דריי ברידער ניימאַן, קעמפֿער פֿון דער פֿראַנצויזישער אונטערגרונט.

צווישן די צענדליקער אַקציעס, אין וועלכע איך האָב אָנטיילגענומען, זייענדיק אין דער ראַנג פֿון אַ קאַפּיטאַן, וועל איך דערמאָנען עטלעכע.

אין אַן אָקטאָבער אויפֿדערנאַכט פֿון יאָר 1943, זענען מיר באַפֿאַלן אין ליאָן אַ גרופּע פֿון 25 דייטשישע פֿליער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרנדיקן טראַמוויי

און אין רעזולטאַט פון די אין ציל־געוואָרפענע פינף גראַנאַטן — זענען 15 געוואָרן דערהאַרגעט און 10 פאַרוווּנדעט. די אַקציע איז געוואָרן אַדורכגעפירט דורך 5 יידישע קעמפער.

דעם 8־טן נאָוועמבער 1943 איז פאָרגעקומען אַ קינאָ־סעאַנס אויפן „בעלקור"־פּלאַץ אין ליאָן, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען בלויז דייטשע סאָלדאַטן. לויטן אויפטראַג פון דער אָנפירונג, האָבן מיר, אַ גרופּע פון פינף יידן און איין איטאַליענער, אונטער־געלייגט, קורץ פאַרן ענדיקן דע ספילם, צוויי אויפרייס־באָמבעס. פונעם געוואַלדיקן אויפרייס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דריי העכערע דייטשישע אָפיצירן און צען סאָלדאַטן. די געלונגענע אָפּעראַציע איז געוואָרן אַדורכגעפירט נישט קוקנדיק אויף דער שטאַרקער וואַך.

דער 2־טן נאָוועמבער 1943, האָבן מיר, אַ גרעסערע גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן, אַטאַקירט אַ באַן־סטאַציע. דער רעזולטאַט — 30 אויפגעריסענע לאָקאָמאָטיוון.

דעם 25־טן דעצעמבער 1943, איז געוואָרן אַדורכגעפירט איינע פון די סאַמע דרייסטע אַקציעס, ווען מיר האָבן אונטערגעצונדן אויף אַ באַן־סטאַציע, צענדליקער ציסטערנעס מיט בענזין, וועלכע האָבן געהערט צו דער דייטשישער אַרמיי. הונדערטער טויזנטער ליטער בענזין זענען אַוועק מיטן פייער און די גאַנצע שטאָט איז באַלויכטן געווען פון דער שריפה.

דאָס זענען עטלעכע עפּיזאָדן פון צענדליקער און הונדערטער אַדורכגעפירטע נקמה־אַקטן אויף דער פאַרנומענער, פראַנצויזישער טעריטאָריע.

טויט־אורטייל איבערן הויפּט־פּראָקוראָר

אויסער דעם קאַמף קעגן דער דייטשישער מאַכט, האָבן מיר אַדורכגעפירט צאָל־רייכע נקמה־אַקטן קעגן אייגענע, פראַנצויזישע פאַרעטער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.

קעגן אַזאַ איינעם, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון הויפּט־פּראָקוראָר איבער דער גאַנצער פאַרנומענער טעריטאָריע, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע צאָלרייכע טויט־אורטיילן איבער פּאַרטיזאַנער און יידן — האָט די אָנפירערשאַפט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל און צו דער אויספיר־גרופּע, בין איך אויך געוואָרן צוגעטיילט.

דעם 12־טן דעצעמבער 1943, דאָס איז געווען אַ זונטיק, אינדערפרי, זענען מיר געגאַנגען, איבערגעטוטענע אין עס־עס־מונדירן, מיט דער פולער באַוואָפענונג, אונטער דער אָנפירונג פון אַ פּאַרטיזאַנער, אַן איבערגעטוענער אַלס העכערער עס־עס־אָפיציר, און הויכער פראַנצויזישער פּאָליציי־מאַן, צו דער ריכטונג פון פּראָקוראָרס וווינונג. די ציווילע באַפעלקערונג, דערזעענדיק אונדז, איז זיך צעלאָפן, מורא האָבנדיק, געכאַפּט צו ווערן צו אַרבעט.

אַריינקומענדיק אין דער וווינונג, און פאָרשטעלנדיק זיך אַלס פאָרשטייער פון דער מאַכט, ווונדערט זיך דער פּראָקוראָר אויף אונדזער באַזוך. „זיכער האָט איר, מיינע

הערן, אַ טעות״ — שטאַמלט ער אַ דערשראָקענער, ווען אונדזער „עס־עס־אָפיציר״ באַשולדיקט אים, אַז ער באַגייט זיך צו הומאַן, צו לייכט מיט די פּאַרטיזאַנער, באַווייזט ער וויפל טויט־אורטיילן ער האָט אַרויסגעטראָגן און אַז ערשט די פּאַריקע וואָך, האָט ער פאַרמשפּט אַ יידישן פּאַרטיזאַן צו דער גילאָטינע. לאַנג וואַרטן איז נישט געווען קיין צייט און אַ קויל אין קאָפּ האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין פאַרעטעריש לעבן.

די אַקציע, וועלכע איז אָדורכגעפירט געוואָרן דורך פיר יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם, און פאַר שרעק, האָבן זיך די צאָל טויט־אורטיילן אויף אַ סך פאַרקלענערט.

* * *

גרויס איז געווען דער אָנטייל פון יידן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען און פיל קרבנות, בערך 70 פּראָצענט, האָבן מיר אַוועקגעגעבן אין קאַמף קעגן דער נאַצי־חיה.

די איבערגעבליבענע ביים לעבן, איך בתוכם, שליסן זיך אַן צו דער רעגולערער פראַנצויזישער אַרמיי, ווען זי לאַנדעט אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע און קעמפן אין אירע רייען ביזן ענדגילטיקן נצחון.

פאַר מיין טעטיקייט האָב איך באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג.

מענדל ערליך
פראַנקרייך

אין פראַנצויזישן „פרעמדן־לעגיאָן"

ווי פיל יידישע יוגנטלעכע, בין איך אין יאָר 1937 אַוועק פון פוילן און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איבער לענדער, שוואַרצנדיק גרענעצן, קום איך אָן קיין פראַנקרייך. צו דער צייט, איז אין פראַנקרייך געווען זייער שווער מיטן איינמעלדן, ווי אויך מיטן באַקומען אַרבעט. אַלס אויסלענדער, בין איך געיאָגט געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי און זיך געמוזט כסדר אויסבאַהאַלטן.

איין מאָל בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי און בשעת דער אויס־פאָרשונג, האָט מען מיך געשטעלט פאַר אַ ברירה: אָדער זאָפאָרט צוריקשיקן קיין פוילן, אָדער זיך װערבירן אין פראַנצויזישן „פרעמדן־לעגיאָן". איך האָב אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, כאָטש אין „פרעמדן־לעגיאָן" האָבן זיך געפונען אַוואַנטוריסטן און פאַרברעכער.

נאָכן אָדורכפירן די פאָרמאַליטעטן, בין איך געשיקט געוואָרן קיין מאַראָקאָ אויף אויסשולונג. נאָכן ענדיקן דעם אויסשולונגס־קורס, ברעכט אויס דער קריג. מיט דער צייט, בין איך געוואָרן צוגעטיילט צום אַפריקאַנישן קאָרפּוס און געקעמפט אין דער אַרמיי פון די פאַרבינדעטע, קעגן ראָמעלס אַרמיי אויפן טוניסער פראָנט. נאָכדעם, ווי ראָמעל מיט זיינע אַרמייען האָבן קאַפּיטולירט, ווער איך איבערגעשיקט אויפן איטאַל־יענישן פראָנט, וווּ מיר פירן פאַרביטערטע שלאַכטן מיט דער דייטשישער אַרמיי, ביז דער פולשטענדיקער מפּלה פון די היטלעריסטישע באַוואָפנטע קרעפטן.

נאָכן קריג, באַזעצט איך זיך אין פּאַריז און דאָ ווער איך געוויר וועגן טראַגישן סוף פון פּוילישן יידנטום און בתוכם — פון אונדזער באַליבט שטעטל וויערושאָוו.


וועגן טראַגישן גורל פון מיין פאַמיליע, האָב איך זיך דערוווּסט פאָלגנדעס: מיינע עלטערן, מיטן עלטסטן ברודער, אנשל, און פיר שוועסטערן מיט זייערע מענער און קינדער — זענען אומגעקומען אין די טויט־לאַגערן. מיין ברודער אברהם דוד, וועלכער האָט זיך געפונען בשעתן קריג אין בעלגיען, איז פון דאָרט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און אומגעבראַכט געוואָרן. מיין דריטער ברודער, רפאל הערש, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין בעלגיען, איז קורץ נאָכן קריג, געשטאָרבן.

זאָלן די פאַר ווערטער זיין אַ נר־תמיד" פאַר אַלע טראַגיש־אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים און זייערע מיטהעלפער.

אפרים בערקאָוויטש

מיינע וואגלענישן אין פראנקרייך

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, בין איך געווען מאָביליזירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און אָנטיילגענומען אין עטלעכע קאַמפן. בעת איינעם פון די שלאַכטן, בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין דייטשישן געפאַנגנשאַפט. דאָס איז געווען אין דער געגנט פון עפינאל.



יעקב זאב בראון ומשפחתו נרצחו ע״י הגרמנים בצרפת בשנת 1944.
יעקב זאב בראַון או פאַמיליע דערמאָרדעט געוואָרן אין פראַנקרייך. יאָר 1944.

נאָכן אָפּליגן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל, האָבן מיך די דייטשן, אין יאָר 1941 באַפרייט. נאָך זוכענישן, ביי דער מיטהילף פון רויטן־קרייץ, האָב איך אָפּגעפונען מיין

פרוי, וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּירענעען־בערג, אין שטעטל לוכאָן, נישט ווייט פון דער שפּאַנישער גרענעץ. געיאָגטע און געפּלאָגטע האָבן מיר אַרומגעוואַנדערט דעם דעפּאַרטאַמענט לואירע ביזן יאָר 1944. דעם 8־טן מאי פון זעלבן יאָר זענען מיר באַפאַלן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אונדז מערדערלעך צעשלאָגן און דערנאָך באַרויבט. אַ נס נאָך געווען, וואָס זיי האָבן אונדז נישט מיטגענומען מיט זיך.

אַ צווייט מאָל, האָט די געסטאַפּאָ אַרומגערינגלט דאָס דאָרף, ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן און מיר זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן דורך פעלדער און וועלדער ביז אַ גוטהאַרציקער פּראָנצויזישער פּויער האָט אונדז אויסבאַהאַלטן ביי זיך 6 וואָכן, נעמענדיק אויף זיך אַ גרויסע ריזיקע.

די פאַרפאָלגונגען הערן נישט אויף. אין אַ געוויסער צייט זענען מיר געצוווּנגען צו אַנטלויפן, בעת מיין פרוי איז געווען ערנסט קראַנק, ליגנדיק מיט הויכן פיבער.

די אַלע אַדורכגעמאַכטע ליידן — דער קריג, די ווונדן, באַקומענע אין די קאַמפן און דאָס לויפן, ווי אַ געיאָגטע חיה אין וואַלד — האָבן באַווירקט אויף מיין געזונט צושטאַנד און פון דאַמאָלט אָן בין איך קראַנק. אויך אויף מיין פרוי האָבן געווירקט די אַדורכגעמאַכטע פּלאָגן.

מיינעם אַ ברודער פון טולוז, האָבן די דייטשן דעפּאָרטירט און ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

דוד דאַמב
פראַנקרייך

דער שטאלצער ייד און ווידערשטאנדס־קעמפער לייב — לואיז דאמב

בשעת פראַנקרייך האָט זיך געפונען אונטערן האַקנקרייץ, האָט דער יידישער ישוב אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין הערואישן ווידערשטאַנד, וואָס ס'האָט געפירט דאָס פראַנצויזישע פאָלק אין קאַמף קעגן דער נאַצי־חיה. זייער פיל פון די יידישע קעמפער, האָבן נישט זוכה געווען צו זען די רעזולטאַטן פון זייער קאַמף. זיי זענען



לואיז — לייב דאמב

גפאַלן אין די צאָלרייכע שלאַכטן מיט דער דייטשישער אַרמיי. די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם בלוטיקן טעראָר, האָבן זיך מיט דער זעלבער טעמפּאָ, אַנגעשלאָסן, צוזאַמען מיט זייערע פריינט, די פראַנצויזישע אונטערגרונטלער, אין דער פרידלעכער אויפבוי־אַרבעט פון פרייען פראַנקרייך, נישט פאַרגעסנדיק גלייכצייטיק, אַז זיי זענען זין פון יידישן פאָלק.

איינער פון זיי, געוועזענער אַקטיוויסט פון דער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג, פאַראַנט־וואָרטלעכער אַרבעטער אין די העכסטע פראַנצויזישע מלוכה־אַמטן און שטאָלצער נאַציאָנאַלער ייד — איז מיין זון — לייב־לואיז.

* * *

לייב איז געבוירן געוואָרן אין וויערושאָוו אין יאָר 1915. די ערשטע קינדער־יאָרן האָט ער אַדורכגעמאַכט אין שטעטל, ווי אַלע יידישע קינדער אין דער אַ צייט, לערנענדיק ביי פאַרשידענע מלמדים. ווען ער איז אַלט געוואָרן 9 יאָר, אין יאָר 1924,



LA MONTAGNE DU 15-7-1967

VICHY – VICHY – VICHY – VICHY – VICHY – VICHY

CÉRÉMONIE OFFICIELLE, HIER, DANS LES SALONS DE L'HOTEL DE VILLE

M. Pierre Coulon, maire, a remis la grande médaille d'or de la ville à M. Louis-Simon Domb qui, en juin 1940 évita à Vichy les bombardements

Louis-Simon Domb... Un nom que d'aucuns avaient oublié et que beaucoup n'avaient jamais connu. Louis-Simon Domb, un nom dont personne ne se souvenait plus. Et pourtant c'est celui d'un homme courageux dont le passé militaire est lié à l'histoire de la cité : c'est lui qui, le 18 juin 1940, en prenant une lourde responsabilité, sauva Vichy d'une destruction certaine.

Pour honorer cet homme, à qui notre ville doit tant, la municipalité a décidé de lui remettre sa grande médaille d'or. Une cérémonie officielle avait été organisée à cet effet, hier matin, dans les salons de l'hôtel de ville.

Nombreuses personnalités

Une terrible mission

Par hasard

Deux solutions...

Vingt-cinq ans après

Le baroud d'honneur

ל. לייב דומב מקבל אות הצטיינות ממשלת צרפת.
לייב דאָמב באַקומט אַן אויסצייכענונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג

זענען מיר אַלע אַריבער קיין פראַנקרייך. דער אייגנטלעכער ציל פון אונדזער פאָרן, איז געווען די ווייטערדיקע נסיעה נאָך ארץ־ישראל. צוליב דער פינאַנסיעלער שוועריקייטן, ווייל דאָס אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל האָט געקאָסט טויזנט פונט שטערלינג — וועלכע מיר האָבן נישט פאַרמאָגט — זענען מיר געבליבן אין פראַנקרייך.

.R.SONNALITES

LOUIS DOMB

DOMB (Louis). — Au cours d'une cérémonie qui réunissait toutes les personnalités officielles et sociales de la région, M. Pierre Coulon, maire de Vichy, a remis à M. Louis Domb la grande médaille d'or de la ville pour avoir « le 18 juin 1940, en prenant une lourde responsabilité, sauvé Vichy d'une destruction certaine ».

M. Coulon a évoqué les faits en ces termes :

« Le 18 juin 1940, dit-il, quand les armées françaises cédaient devant la pression de l'ennemi et que les populations des régions sinistrées se repliaient à travers la France, Vichy, de par sa situation géographique, était devenue un point de passage et une halte de ces malheureux réfugiés.

« L'état-major envoya un train blindé commandé par un jeune lieutenant d'artillerie qui avait pour mission de tirer à vue lorsque les troupes allemandes pénétreraient dans la ville.

« L'émotion fut grande lorsque ce train arriva en gare. M. Lucien Lamoureux et M. P.-V. Léger prirent contact avec le jeune lieutenant et leur conversation porta sur la recherche d'une solution susceptible d'éviter la catastrophe d'un bombardement.

« Leur interlocuteur, comprenant toute la gravité de la situation, accepta de reconnaître Vichy ville ouverte. Cette décision sauva la ville de la ruine.

« A l'époque, dans le trouble des esprits angoissés, le nom de ce lieutenant ne fut retenu par personne.

« Mais il est rare, en ce monde, qu'une bonne action tombe à jamais dans l'oubli.

« Un jour — il y a de cela quelques mois — en se promenant dans les jardins de Bagatelle, M. Lamoureux retrouva un de ses amis, M. Blumel, qu'accompagnait... M. Domb, celui qu'il recherchait depuis si longtemps. De retour à Vichy, il nous fit part de son souhait de le voir accueillir par notre municipalité. Nous ne pouvions que nous réjouir de cette proposition. »

M. Domb, ancien élève de l'Ecole Polytechnique (promotion 1936), ingénieur en chef des Manufactures de l'Etat, Contrôleur d'Etat, a fini la guerre comme capitaine d'artillerie. Décorations : Officier de la Légion d'Honneur, Croix de guerre, Rosette de la Résistance, Officier de la Croix du Sud, Croix de guerre polonaise.

M. Domb a été président de l'Aide à Israel en 1965.

קטע מעתון צרפתי על ל. דומב.
אויסצוג פון דער פראַנצויזישער פרעסע וועגן לייב דאָמב.

ווען לייב הויבט אָן לערנען אין שולע, ווייזט ער אַרויס גרויסע פעאיקייטן. די פאָלקס־שולע ענדיקט ער אַלס ערשטער תלמיד און די גימנאַזיע, אַלס צווייטער בעסטער שילער. אויפן פאָליטעכניקום צייכנט ער זיך שטאַרק אויס אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק.

מיט הויכע אויסצייכענונגען ענדיקט ער די הויך־שול און באַקומט דעם טיטל אינ־זשיניער.

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט זיך לייב געפונען אויפן פראָנט אין דער ראַנג פון אַן אָפיציר, באַזיצנדיק די הויכע אויסצייכענונג „קרואַ־די־גער״.

אין יאָר 1941, זענען מיר אַריבער קיין לימוזש און אין אַ קורצע צייט, איז לייב געקומען צו אונדז, ווייל אין נאַנסי, וווּ ער איז געווען, איז ער געוואָרן פאַרפאָלגט דורך דער געסטאַפּאָ פאַר זיין אָנטייל אין דער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג. אין לימוזש האָט ער באַקומען אַרבעט אין דער געווער־פאַבריק „נעמערון״ און נאָכהער, אַלס אינזשיניער און דירעקטאָר אין דער קוילן־גרובן ביי בערי. נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין לימוזש, שליסט ער זיך אָן צו דער „מאַקי״־באַוועגונג און נעמט אַן אָנטייל אין שווערע, בלוטיקע אַקציעס קעגן אָקופּאַנט. זיין פּאַרטיזאַנער איינהייט איז טעטיק אין די וועלדער „פּואי דע דעממא״ און נעבן קלערמאָנט, ביי לימאָן.

נאָכן קריג, ווערנדיק באַפרייט פון מיליטער אין דער ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, באַקומט ער די הויכע אויסצייכענונג „מעדיי־רעזיסטאַנס, שעוואַליער דע לא לעזשיאָן ד'האָנאָר״.

אין יאָר 1947, באַקומט ער אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער רעגירונג פון זשיל מאָק — אַלס דירעקטאָר פון טראַנספּאָרט־מיניסטעריום. אין יאָר 1948, בעתן באַפרייאונגס־קריג אין ישראל, נעמט לייב אַן אַקטיוון אָנטייל, צוזאַמען מיטן ישראל־אַמבאַסאַדאָר מאָריס פישער, ביים שאַפן די נויטיקע מיטלען פאַר דער קעמפנדיקער, יונגער ישראל־אַרמיי. פון יאָר 1949 ביז 1955, געפינט ער זיך אין דייטשלאַנד אַלס דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

ווען ער קומט צוריק קיין פראַנקרייך, שטייט ער אין דער שפּיץ פון דער הילפס־אַקציע פאַר די מאַראָקאָנער יידן. אין יאָר 1956, בשעת דער סיני־אַקציע, צייכנט ער זיך אויס מיט זיין אַקטיוויטעט לטובת ישראל.

אין יאָר 1960, ווען גי מאָלע האָט געשאַפן דעם רעגירונגס־קאַבינעט, האָט לייב פאַרנומען דעם פּאָסטן אַלס טעכנישער ראַטגעבער ביים אויסערן־מיניסטער פּיניי.

היינט צו טאָג, איז ער דער קאָנטראָלער איבערן גאַנצן ברענשטאָף אין פראַנקרייך, זייענדיק גלייכצייטיק מיטגליד אין רעגירונגס־ראָט.

טראָץ זיין הויכע שטעלונג, איז ער אַ שטאָלצער און נאַציאָנאַלער ייד, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק קאָן שטאָלצירן. מיר, וויערושאָווער, זענען נאָך מער שטאָלץ, וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי לייב־לואיס דאַמב, איז אַ געבוירענער אין אונדזער שטעטל.

לייב — לואיז דאַמב
פראַנקרייך

פון מיין טעטיקייט אין דער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג

נאָכן אונטערשרייבן דעם פייער־איבעררייס צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד אין יאָר 1940, האָב איך, צוליב עטלעכע סיבות, פאַרשפּעטיקט די לעצטע געלעגנהייט פון עוואַקוירן זיך קיין ענגלאַנד. איבערבלייבנדיק אין אָקופּירטן פראַנקרייך, האָב איך באַשלאָסן, מיט אַלע מיטלען צו קעמפן אויפן אָרט קעגן די נאַציס.

אין פּאַריז, ווו כ׳האָב זיך אויפגעהאַלטן, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינע פריינט און מיר האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אַנטי־נאַצישע טעטיקייט. מיר האָבן אָנגעשריבן אויפרופן קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט און זיי פאַרשפּרייט, דורך פאַרשידענע וועגן, בכדי זיי זאָלן דערגיין צום פראַנצויזישן פאָלק. צוליב דער קעגן־אַקציע מצד דער געסטאַפּאָ, וועלכע פירט אַ טעראָר־טעטיקייט קעגן דער אונטערגרונט־באַוועגונג, אַנט־לויף איך צו מיינע עלטערן, וועלכע געפינען זיך אין דער צייט, אין דער פרייער זאָנע, אין לימוזש.

קורץ נאָך מיין אָנקומען דאָרט, שליס איך זיך אָן צו דער רעסיסטאַנץ־גרופּע „קאָמבאַט״, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט עדמונד מישעלע, וועלכן די דייטשן האָבן דערנאָך אַרעסטירט און פאַרשיקט אין די לאַגערן קיין דייטשלאַנד. (מישעלע איז נאָכן קריג געוועזן עטלעכע מאָל מיניסטער אין דער רעגירונג פון דע־גאָל). אונדזער אויפגאַבע אין דער „קאָמבאַט״־באַוועגונג איז געווען: איבערגעבן באַריכטן די פאַרבינדעטע אַרמייען וועגן מיליטערישן צושטאַנד פון דער דייטשישער אַרמיי אין פראַנקרייך, אויס־באַהאַלטן אַנטי־נאַצישע אַקטיוויסטן, וועלכע זענען געזוכט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, העלפן אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע און אַראָפּגעשאָסענע פּליער און מיטאַרבעט מיט די פּאַראַשוטיסטן־איינהייטן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין שונאס הינטערלאַנד. אויסער דעם, האָבן מיר פאַרשפּרייט און פאַרטיילט אויפרופן, ווי אויך די צייטונג „די שלאַכט״, אַרויסגעגעבן דורכן שרייבער אַלבערט קאַמוס.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1942 האָבן די דייטשן באַזעצט אויך דעם פרייען טייל פון פראַנקרייך. קיין לימוזש זענען זיי אַריין אין דער נאַכט פון 12־טן אויפן 13־טן נאָוועמבער. זאָפאָרט נאָכן אַריינמאַרש קיין לימוזש, האָבן מיך די דייטשן אָנגעהויבן זוכן. איך האָב געהאַט אינפאָרמאַציעס, אַז מיין נאָמען געפינט זיך אויף דער שוואַרצער ליסטע ביי דער געסטאַפּאָ, ווי אויך ביי דער ווישי־רעגירונג, דעריבער האָב איך זיך געפונען קאָנספּיראַטיווע ערטער און אויסגעמיטן דעם אַרעסט.

נאָך אַ קורצער צייט, בין איך איבערגעפירט געוואָרן פון דער ציווילער אונטערגרונט צו דער מיליטערישער, ווו כ׳בין געווען טעטיק ביז צו דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך.

* * *

די געהיימע מיליטערישע איינהייט פון „קורעז", צו וועלכער כ'האָב געהערט, איז געווען די גרעסטע, נאָך דער איינהייט פון „ווערקור", וועלכע האָט געקעמפט אין די אַלפּן. אונדזער איינהייט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט צאָלרייכע, רומפולע, שלאַכטן קעגן דער היטלעריסטישער אַרמיי. איינע פון די גרעסטע שלאַכטן איז פאָרגעקומען אין דער געגענט פון דער שטאָט לאַפּלוד. די אַקציע איז געוואָרן אונטערגענומען מיטן ציל צו צעשטערן דאָס אַריבערפירן געווער דורך די דייטשן צום ים־ברעג, בכדי אויפ־צוהאַלטן די פּלאַנירטע אינוואַזיע. דער פיל־וואַגאַנדיקער צוג, אָנגעפּאַקט מיט פאַרשידן געווער און סאָלדאַטן, האָט געמוזט דורכפאָרן אַ גרויסן בריק און דערנאָך דורך אַ טונעל. מיר האָבן אויפגעריסן דעם טונעל און גלייכצייטיק — בכדי נישט צו געבן קיין מעגלעכקייט אויף צוריקציען — אויפגעריסן אויך די בריק. די דייטשישע אָפּטיילונג, נישט האָבנדיק קיין ברירה, איז געצווונגען געוואָרן אויפצונעמען דעם קאַמף. די שלאַכט איז געווען אַ פאַרביסענע. דער פיינט האָט איבערגעלאָזט אויפן שלאַכט־פעלד, עטלעכע הונדערט טויטע, אַ גרויסע צאָל פאַרווונדעטע און אַ מענגע מיט געווער. אויך מיר האָבן פאַרלוירן אין דעם דאָזיקן קאַמף 90 טויטע, ווי אויך פאַרווונדעטע.

* * *

אונדזער באַוועגונג פאַרשטאַרקט זיך מיט אַ כסדרדיקן צופלוס פון פרישע כוחות. מיר פילן אויך נישט קיין מאַנגל אין געווער, ווייל גרויסע קוואַנטומס געווער, פאַלן אַריין צו אונדז אין גאַנג פון די קאַמפן. דער אונטערגרונט ווערט אַ דאָמינירנדיקער כוח אין די צייטווייליק־פאַרנומענע געביטן.

נאָך איידער ס'איז צושטאַנד געקומען די היסטאָרישע אינוואַזיע, דעם 6־טן יוני 1944 — האָבן מיר באַהערשט די געגנט פון „אובערניא" און זאַגאַר אויפגעשטעלט ציווילע פאַרוואַלטונגען אין אַ ריי דערפער און שטעטלעך. נאָך פאַרן אָנקומען פון די אַליאַנטן, האָבן מיר די „אובערניא"־בריגאַדע, צוזאַמען מיט אַנדערע אונטערגרונט־קרייזן פון ראַיאָן, אָפּגערייניקט די שטאָט ליאָן פון די דייטשן.

אונדזער בריגאַדע (איך בין דאָרט געווען אויסשטאַטונגס־אָפיציר), פירט אָן אינטענסיווע טעטיקייט שוין נאָך דער אינוואַזיע, ווען ס'קומען נאָך פאָר אין פראַנקרייך בלוטיקע שלאַכטן. איינע פון די באַרימטע קאַמפן, פאַר וועלכע מיר האָבן באַקומען אויסצייכענונג און לויב פון גענעראַל אייזענהאַוער, איז געווען מיט דער באַרימטער דייטשישער דיוויזיע „דאָס רייך", וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דע רעש אין דרום פון לאַנד. בכדי נישט צו דערמעגלעכן, אַז די דיוויזיע זאָל זיך אַריבערוואַרפן אויף צפון, אויפן אָרט פון די קאַמפן מיט די אינוואַזיע־כוחות, זענען אַלע רעסיסטאַנץ־גרופן געוואָרן מאָביליזירט צו אַ פאַרמעסט מיט דער דיוויזיע. נאָך עטלעכע פאַרביסענע שלאַכטן ביי אָרלעאַן, האָבן מיר גענומען עטלעכע הונדערט געפאַנגענע. די איבעריקע זענען אָנגעקומען אין צפון פון לאַנד, ערשט נאָך דריי וואָכן,

דאַמאָלט, ווען די פאַראייניקטע אַנטי־נאַצי כוחות האָבן זיך שוין גוט געהאַט פאַר־פעסטיקט. די דייטשע דיוויזיע איז דאָרט צעשמעטערט געוואָרן באַלד ביים אָנקומען.

נאָך אַ קורצער צייט איז אונדזער בריגאַדע געוואָרן איינגעגלידערט אין דער רעגולערער פראַנצויזישער אַרמיי, נעמענדיק אָן אַנטייל אין אַלע קאַמפן. איך, ווי אַן אָפשטאַמיקער פון פוילן, האָב באַקומען די אויפגאַבע אָנצופירן מיט עטלעכע פוילישע און שפּאַנישע טרופּן, וועלכע האָבן געבויט טאַמעס אויפן טייך דאָרדאָן.

אין סוף 1944, ווען אין עלזאַס זענען נאָך פאָרגעקומען קאַמפן, ווער איך גערופן צו דער ציווילער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט און ווער באַפרייט פון מיליטער.

פאַרן אַנטייל אין די קאַמפן, האָב איך באַקומען דעם פראַנצויזישן קריגס־אויסצייכענונג, אַ פוילישע אויסצייכענונג און דעם אויסצייכענונג „שעוואַליע דע לעגיאָן ד'האָנאָר״ — פאַר דער טעטיקייט אין דער פראַנצויזישער רעסיסטאַנץ־באַוועגונג.

דערווידערשטענדלער אברהם דאַמב ז״ל

אברהם דאַמב איז געבוירן געוואָרן אין וויערושאָוו דעם 29.8.1905, ביי פרומע עלטערן. חוץ דער רעליגיעזער דערציאונג אין חדר און אין דער ישיבה, האָט ער אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים. אַלט זייענדיק 16 יאָר, טרעט ער אַריין אין השומר־הצעיר און מיט 2 יאָר שפּעטער, אין דער יוגנט פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון (לינקע). ביי 19 יאָר, פאַרלאָזט ער פּוילן מיטן ציל צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. צוליבן נישט באַקומען אַ סערטיפיקאַט, איז ער פאַרבליבן אין בעלגיען און געאַרבעט אַ יאָר צייט אין קוילן־גרובן. דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין בריסל, זייענדיק אַ דיסציפּלי־ניסטער חבר אין דער פּ.־צ.־פּאַרטיי.

אַנהויב 1941 ווערט ער אַרויסגערופן דורך דער געסטאַפּאָ, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער פּ. צ. און דאָרט אַרויסגעוויזן אַ ווירדיקע האַלטונג.

אין יאָר 1941, ווען ס'ווערט געשאַפן דורך דער פּ. צ. פּאַרטיי אַן אינסטיטוציע פון קעגנזייטיקער הילף פאַר די קרבנות פון היטלעריזם, פירט ער אין גענעראַל־סעקרעטאַר־יאַט פון דער אינסטיטוציע אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, שאַפנדיק גרעסערע סומען געלט. ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַוועקשיקן יידן אויף אַרבעט קיין צפון־פראַנקרייך, איז ער געווען דער פאַרשטייער פון קעגנזייטיקע הילף ביים בעלגישן אַרבעטס־אַמט און דאָרט געלונגט אים אָפּצוראַטעווען צענדליקער יידן, קאַנדידאַטן דעפּאָרטירט צו ווערן.

אין יאָר 1942, ווען אַלץ וואָס איז יידיש ווערט אומלעגאַל, וואַרפט ער זיך מיטן גאַנצן ברען צו דער אומלעגאַלער אַרבעט. ער באַזאָרגט געלט־מיטלען צו די אויס־באַהאַלטענע יידן, העלפט דרוקן אומלעגאַלע צייטונגען און אויפרופן און פאַרשפּרייט זיי.

ענדע 1942, ווען אברהם גייט אין דער באַגלייטונג פון חבר וויינריב (דעפּאָרטירט געוואָרן), ווערן זיי פאַרהאַלטן דורך דער דייטשער פעלד־זשאַנדאַרמעריע און זעענדיק זייערע דאָקומענטן מיט שטערן „ייד", ווערן זיי געפירט אין דער קאָמענדאַטור. וואָלט דער ענין נאָך נישט געווען אַזוי געפערלעך, ווען אברהם דאַמב וואָלט נישט געהאַט ביי זיך 50 יידישע צייטונגען „אונדזער וואָרט" — אַן אומלעגאַלע וואָכן־צייטונג אַרויסגעגעבן פון דער פּאַרטיי „לינקע פּויעלי־ציון". אַוועקצווואַרפן די צייטונגען איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט. אונדזערע חברים זענען גרייט אויפן סאַמע ערגסטן, אָבער גלייכצייטיק זוכן זיי אַ מעגלעכקייט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אַנקומענדיק אין דער קאָמענדאַטור באַפעלט דער נאַצי־אַגענט, זיי זאָלן זיצן. נאָך עטלעכע פראַגן, ווי אַזוי זיי זענען געקומען פון פּוילן ? זיכער פירן שפּיאָנאַזש קעגן דייטשלאַנד ? — באַמערקן זיי אַז דער בעל־דבר האָט געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל. דאַמבן פאַלט איין אַ גליקלעכער געדאַנק. אַזוי ווי ער זיצט אויף אַ נידעריקן פאָטעל, מוז ער געפונען אַ פרייען מאָמענט, ווען דער נאַציסט וועט זיך אויסדרייען, און

פֿאַרשטעקן דאָס פּעקל צייטונגען אונטערן פּאָטעל. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. ווען דער אַגענט איז צוגעגאַנגען צום טיש אָװעקלייגן די פּעסער, האָבן זיך אין דעם אויגנבליק די צייטונגען געפונען אונטערן פּאָטעל. עטלעכע מינוט שפּעטער, קומט אַריין אַ העכערער געסטאַפּאָ־אָפיציר, און זעענדיק, אַז זייערע דאָקומענטן זענען אין אָרדענונג און אַז דער נאַצי־אַגענט איז נישט לאַנג געקומען פון שענק, האָט ער זיך צעשריגן: „שמוציקע יידן, אַרויס פון דאַנען! ווען איך וועל ווען, וועל איך אייך שוין געפינען. לויפט צום טייוול!" אויך דער אונטער־אָפיציר באַגלייט זיי מיט אַ ביסל „איידעלע" ווערטער. ווען די חברים האָבן זיך געפונען אויף דער 10־טער גאַס, האָבן זיי ערשט פריי אָפּגעאָטעמט.

אברהם דאַמב קוקט נישט אויף דער לויערנדיקער סכנה. ער נעמט ווידער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אונטערערדישער אַרבעט. ער איז אַקטיוו ביים אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער, ביים באַזאָרגן יידן מיט פאַלשע דאָקומענטן און מיט לעבנס־מיטלען פאַר די באַהאַלטענע יידן.

אין סעפּטעמבער פון יאָר 1943, טרעט דאַמב אַריין אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע מיט נאָך עטלעכע חברים פון דער פּ. צ. און ער ווערט שעף פון אַ פּאַרטיזאַנער־פּינפטל. פאַר זיין איבערגעגעבענער און געוויסנהאַפטער אַרבעט, דערגייט ער צו דער ראַנג פון קאָמענדאַנט.

אין אַפּריל 1944 באַקומט אברהם אַן אויפטראַג פון דער פּ.צ.־פּאַרטיי צו פאָרן קיין טולוז (פראַנקרייך), בכדי דאָרט אַדורכצופירן אַ גאָר־וויכטיקע שליחות. ער נעמט אָן דעם פאָרשלאַג און אַן איבערגעטועגער, מיט דאָקומענטן אַלס מיטגליד פון דער ווערמאַכט און אויף די קאָסטן פון דער ווערמאַכט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, ביי די פיל־צאַליקע קאָנטראָלן אויף די וועגן, פירט ער אויס די מיסיע בשלמות.

נאָך אַ קורצער צייט, ווערט ער באַפולמעכטיקט פון דער פּ. צ. פּאַרטיי צו שאַפן יידישע קאַמפס־גרופּן, וועלכע זאָלן זיין גרייט אין פאַל פון אַן אויפשטאַנד מצד דער בעלגישער באַפעלקערונג. די אַרבעט איז געווען נישט קיין לייכטע, ווייל ער האָט געדאַפט אָנקומען צו מענטשן, וואָס זענען שוין צוויי יאָר געווען באַהאַלטן און איצט דאַרפן זיי זיך שטעלן אין אָפענעם קאַמף קעגן די דייטשן. אויך די אַרבעט פירט ער אַדורך געוויסנהאַפט און מיט התלהבות. ער שאַפט 40 גרופּן, צו פיר מאַן אין אַ גרופּע, וועלכע באַקומען די נויטיקע מיליטערישע אויסשולונג, זייענדיק גרייט צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

נאָך דער באַפרייאונג, געפינען מיר דעם חבר דאַמב אין אויספאָרשונגס־אַמט ביי די פּאַרטיזאַנער. ער ווערט אויך אויסגעצייכנט פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אין דער רייניקונגס־קאָמיסיע.

דאָס זענען בלויז געציילטע און קורצע שטריכן וועגן דעם געטרייען און איבער־געגעבענעם חבר און פריינט, דעם ווידערשטענדלער **אברהם דאַמב** ז"ל.

לאנדסלייט געפאלענע
פארן קיום פון מדינת ישראל

יוסף זעלקאָוויטש

יצחק בן־מנחם — „גוליבר"

נישט מעגלעך אין עטלעכע שורות צו שילדערן, כאָטש אַ קליינעם טייל פון שטורמישן לעבן און העלדישן אומקום פון לעגענדאַרן העלד און פלאַמיקן פּאַטריאָט, יצחק בן־מנחם.

יצחק, אָדער ווי ער איז געווען איבעראַל באַקאַנט — „גוליבר", האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און פון דער באַנייטער, צוריק אויפגעוואַכטער, מדינת ישראל.

אַט ווי עס האָט אים כאַראַקטעריזירט, תיכף נאָכן פאַלן, זיין קאַמפּס־חבר, ירמי בארדאנאָוו:

„....,גוליבר" איז געווען אַ ספּעציפישער טיפּ פון נייעם ישראל־מענטש. הויך און ברייט ווי אַ סאַמסאָנע, אַ ריין געוויסן, ווי איינער פון די נביאים און העלדיש, ווי יהודה המכבי. אויב ס'איז דאָ אַ זין צו לעבן נאָכן טויט פון „גוליברן" — איז נאָר בכדי צו גיין אין זיינע דרכים, פאַרצוזעצן זיינע מעשים".

* * *

דעם 7־טן יולי 1929 איז יצחק געבוירן געוואָרן. זיין פאָטער, יחזקאל אַן אָפּשטאַמיקער פון ווייס־רוסלאַנד און זיין מוטער, גוטא, אַן אָפּשטאַמיקע פון דער באַרימטער גאָלדמאַן־פאַמיליע אין ווירושאָוו, האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט.

שוין אַלס קינד, — פאַרצייכנט דער פאָטער — ווען ס'איז געוואָרן געפּלאָסטערט אַ כביש פון פתח־תקוה קיין חדרה און די אַרבעטער זענען געווען דערשעפּט פון דורשטקייט, האָט דער קליינער יצחק זיי אַריינגענומען אין שטוב און פאַרטיילט וואַסער. די אַרבעטער האָבן אים געגלעט און געדאַנקט דערפאַר.

שוין אַלס ייִנגל שליסט ער זיך אָן אין דער „השורה" — אַ יוגנטלעכע פּאַר־מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אָן אַקטיוון אַנטייל ביים אָפּשטויסן אַראַבישע אַנפאַלן. נאָך אַ קורצער צייט, איז ער טעטיק אין גדנ'ע און זייער פּרדס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַהעלטעניש פון געווער.

נישט קוקנדיק אויף זיין אינטענסיווער טעטיקייט אין דער אומלעגאַלער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, פאַרנאַכלעסיקט ער נישט די לערע און ער איז געווען פון די בעסטע שילער אין דער מיטל־שול.

נאָכן 29־טן נאָוועמבער פון יאָר 1947, ווען עס הויבט זיך פאַקטיש אָן דער באַפרייאונגס־קריג, ווערט ער מאָביליזירט אין דער „אלעקסאַנדרוני"־דיוויזיע, וווּ ער צייכנט זיך אויס ביי דער פאַרטיידיקונג פון „השרון"־געביט קעגן די אַראַבישע באַנדעס, וועלכע זענען געקומען פון קאַלקיליע, טול־כרם, טירה און אַנדערע ערטער.

* * *

אין דער מיט פון די בלוטיקע קאַמפן קעגן די אַנגרייפנדיקע אַראַבישע אַרמייען, ווו יצחק געפינט זיך אויף די סאַמע פאָדערשטע פּאָזיציעס, ווערט ער געשיקט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער מיליטער־אַנפירונג און בתוכם פון דיוויזיע־קאָמאַנדיר משה דיין — אַלס דעלעגאַט קיין אַמעריקע. אין דער קורצער צייט. וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, האָט ער פאַרשאַפן כבוד דעם יידישן ציבור אין אַמעריקע, דעם יידישן ישוב אין ישראל און דער יונגער, העלדישער ישראל־אַרמיי.

בעת זיינע פּאַרטראַגן אין אַמעריקאַנער פּאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום, זענען די צוהערער, מענטשן מיט פּאָליטישן און מיליטערישן סטאַזש, געווען פול מיט התפּעלות פון דעם יונגן, 19־יאָריקן קעמפער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויס־געצייכנטער אינטעליגענץ.

עס דערציילט נעמי, אַ סאָלדאַטין, וועלכע האָט אַנטיילגענומען אין דער דעלעגאַציע:

„שטענדיק האָט ער אַרויסגערופן באַוווּנדערונג מיט זיין וויסן. אַזוי יונג, נאָך כמעט אַ קינד און איז באַהאַוונט אויף אַלע געביטן. איינמאָל, זייענדיק אין וואַשינגטאָן, ביים דענקמאָל פון אברהם לינקאָלן, זענען אַלע געוואָרן באַגייסטערט, הערנדיק אים דעקלאַמירן, פון אויסנווייניק, אַ גאַנצע רעדע פון לינקאָלן אין דער ענגלישער שפּראַך".

זיין שטאָלצקייט ווייזט ער אַרויס אויך אין ווייטן אַמעריקע. זייענדיק אין שייכות מיטן שליחות אין איינעם פון די שטעטלעך, קומט צו אים צו איינער פון די דאָרטיקע אַנטיסעמיטן און זאָגט אים „שמוציקער ייד", און איידער יענער האָט נאָך געענדיקט דאָס זידל־וואָרט, האָט ער שוין דערפילט די אייזערנע פויסט פון יצחקן. דאָס קאָסט אים אַ נאַכט אין אַרעסט־הויז.

ווען עס דערגייען ידיעות, אַז די קאַמפן ווערן פאַרגעזעצט, קאָן זיך יצחק נישט מוחל זיין, וואָס ער געפינט זיך ווייט פון שלאַכט־פעלד, פון זיינע קאַמפס־חברים און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, פאָרט ער צוריק, פריער פון אַלע אַנדערע, קיין ישראל.

* * *

נאָכן באַפרייאונגס־קריג, שוין זייענדיק אַן אָפיציר, קומט יצחק אָן אין ירושלימער אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאַקולטעט, בכדי פאָרצוזעצן די לערע. אויך אין דער צייט פון שטודירן, נעמט ער אַן אָנטייל אין פאַרשידענע, וויכטיקע, מיליטערישע אַקציעס. אין יוני 1953, איז ער איינער פון די זיבן דרייסטע אָנטיילנעמער, אונטער דער אָנפירונג פון אריק שרון, אין דער באַרימטער רעוואַנזש־אַקציע אין נבי סמואל.

נאָך דריי יאָר לערנען, פאַרלאָזט ער דעם אוניווערסיטעט און קומט צוריק צום מיליטער און ער ווערט באַשטימט אַלס מדריך אין אַן אָפיצירן־שולע. דאָרט ווידמעט

ער זיינע קענטעניש ביים דערציען איבערגעגעבענע, טאַלאַנטפולע קאָמאַנדירן פון צה״ל.

* * *

דעם 12־טן דעצעמבער פון יאָר 1947 איז יצחק געוואָרן אָפיציעל מאָביליזירט און אין 12־טן דעצעמבער 1955, בעת איינע פון די דרייסטע פאַראַשוטיסטן־אַקציעס קעגן די סירישע פאָזיציעס אויפן כנרת, פאַלט אונדזער העלד, אונדזער „גוליבר״, מיט אַ העלדן־טויט.

כבוד זיין אָנדענק!



עמוס דניאלי הי״ד

זון פון יצחק און רבקה פון דער היים עליאַש פון ווישראַווע

עמוס איז געבוירן געוואָרן א׳ אייר תרפ״ט אין רחובות, דאָרטן האָט ער אויך געענדיקט די רעאַלע מיטלשול. פון דער סאַמע יונגהייט איז ער געווען אַדורכגעדרינגען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ליבשאַפט צום לאַנד. מיט זיין פאַטאָ־אַפּאַראַט האָט ער אַדורכגעמאָסטן ס׳לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. זיין חלום איז געווען, צו באַזעצן זיך אין דער צוקונפט ערגעץ־ווו אין גליל און זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

זייענדיק נאָך אין דער פאָלקס־שול, שליסט ער זיך אָן צו „מכבי הצעיר״. ער איז אויך געווען באַוווסט אַלס ערשטקלאַסיקער ספּאָרטלער און פיזיש־אַנטוויקלטער, וואָס ער נוצט נישט אויס צום שלעכטן, פאַרקערט, ער העלפט דעם שוואַכערן און אָפּגעשטאַ־נענעם. פאַר זיינע חברים איז ער געווען דער איבערגעגעבענער דערציער און האַרציקער חבר. נאָכן ענדיקן די מיטל־שולע, העלפט ער דעם פאָטער אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אויך שוין נאָכן מאָביליזירן, ווען ער האָט נאָר געהאַט א ביסל פרייע צייט, האָט ער געווידמעט זיין באַליבטע אַרבעט, דער לאַנדווירטשאַפט.

צו 12 יאָר טרעט ער אַריין אין דער גדנ״ע און דערנאָך זעען מיר אים אַלס חבר פון דער „הגנה״, ווו ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אַלס סאָלדאַט פון דער „פלוגת חי״ש״, ביים באַגלייטן די קאַראַוואַנען קיין ירושלים.

